STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11812

DI LETSTE HEYM

I. B. Alterman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישראל־בער אלטערמאַן / די לעצטע הײם

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער פינאַנסיעלער מיטהילף פון „הילפספאָנד פאַר ייִדישער שאַפונג אין ישׂראל" בײַם פאַרלאַג ישׂראל־בוך און פון פרײַנר אין אַמעריקע, קאַנאַדע, אַרגענטינע און אין פּאַריז. אַלע פינאַנסיעלע בײַשטײַערס — מײַנע פרײַנטשאַפטלעכסטע דאַנקען.

ישראל־בער אַלטערמאַן

די לעצטע היים

דערציילונגען

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב
הילפספאָנד פאַר יידיש־שאַפונג אין ישראל
תשמ"ו — 1986

ישראל־בר אלטרמן

הבית האחרון

סיפורים

I. B. ALTERMAN

DI LETZTE HEIM

Stories

פאַרלאַג „ישראל־בוך" תל־אביב, רח' איתמר בן־אבי 4

Publishing House Israel-Book, Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

כל הזכויות שמורות

Printed in Israel, 1986 — נדפס בישראל, תשמ"ו

דפוס „אורלי" — פרידמאַן, תל־אביב, טל. 372062

אין דער זאַמלונג:

אַש און פּאָרך 7

אויפן הימל אַ יריד (אַ חלום) 62

די לעצטע היים 139

אַש און פֿאַרב

א

ס׳איז געווען אַ קליינוווקסיקער מענטש פֿון גריצע. געהייסן האָט ער ישראל זקון. געהאַט אַ פּעך־שוואַרצן, גרויסן, לאַנג־באַהאָרטן קאָפּ, אַ הויכן שטערן, טיפֿע, תּמיד־פֿאַרטרויערטע, ברוינע, קעציש־גלאַנציקע אויגן, אַ לענגלעך בלאַס פּנים מיט שפּיציקע, עטוואָס געראָויטלטע קינבאַקן; שמאָלע, דינע, טרוקענע, ברוינלעכע ליפּן, לאַנגע, דאַרע, בלוי־אָדערדיקע, באַהאָרטע הענט, ביינדלדיקע פֿינגער מיט אויסגעשפּיצלטע נעגל; סימעטריש־גערונדיקטע אַקסלען און אַ ברייט־ביינערדיקן ברוסט־קאַסטן. צוליב די אויבערשטע, היפּש־פֿאַרנעמיקע קערפּער־טיילן האָט ער זיצנדיק אויסגעזען אַ גרויסער מאַן. אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט אויף זײַנע קורצע פֿיסלעך, איז ער געוואָרן אַ קליינטשיק מענטשל, דער עיקר צווישן זײַנע הויך אויסגעוואַקסענע קאָלעגן. ס׳רוב באַקאַנטע האָבן אים מבטל געמאַכט צוליב זײַנע אָריגינעלע סאַטירישע, קריטישע מיינונגען וועגן זייערע מטושטש־געדאַנקלעכע, שוואַך־פּראָסאָדישע לידער, קנאַפּגעמשלטע דערציילונגען, צוזאַמענגעשטעלטע פֿון לויז־בינדנדיקע עפּיזאָדן און געקינצלטע דיאַלאָגן. דאָס האָט אויף אים נישט געווירקט צו טוישן זײַנע מיינונגען און נישט משפּיע געווען ער זאָל רעזיגנירן פֿון זיין אייגנאַרטיק שרײַבן מעשיות און עסייען, ער פֿלעגט תּמיד זיך קויפֿן אַלטע מלבושים און די נײַעסטע ביכער.

אין די קינדער־יאָרן געלערנט אין חדרים. דערנאָך אין קאָזשעניצער רבינס בית־המדרשל, אין פּיאַסעטשנער רבינס ישיבה אויף פּאַוויע־גאַס אין וואַרשע. אַ געוויסע צײַט אַפּילו געוווינט בײַם רבין אויף דזשעלנע־גאַס. פֿאַר אָט דער צײַט זיך אָנגעזאַפּט מיט תּלמודישע פּלפּולים, חסידות. זײַן פֿאָטער, ר׳ ירחמיאל יוסף ז״ל איז געווען אַ תּלמיד־חכם, אַן איבער־געגעבענער אַמשינאָווער חסיד. די מאַמע, מרת חיה שרה ז״ל, האָט אויך געשטאַמט פֿון אַ לומדיש־חסידישער היים. ביידע האָבן געשטרעבט האָבן אַ זון אַ רב. געטשילעט אַ זלאָטע צו אַ זלאָטע, געלעבט אין דחקות און

ישראלן געשיקט אין בעסטע חדרים, אין ישיבה, דאָרט האָט ער התמדהדיק געלערנט מסכתאות מיט שקלאָ וטריאָדיקע מפרשים, שאַרף־געמוחטע פּוסקים. באַגערט דערגרייכן צו היתר־הוראה. אין רבינס הויז געווען אַנטציקט פון חסידישן דרך, פון רבינס ענִיוותדיקייט. באַזונדערס געוואָרן נתפעל פון זײַנע שאַרפזיניקע תורות בײַ שבתדיקע טישן, פון די האַרציקע ניגונים, התלהבותע ריקודימלעך און אַנדערע התנהגותן. איז געקומען דער שׂטן, אים אונטערגערוקט משׂכּילישע ביכלעך און אים אַראָפּגעפירט פון יראת־שמימדיקע וועגן. איז אַרויס פון דער ישיבה. געוואָרן אַ „מענטש" אין אַ ברעטער־סקלאַד. דאָן אָנגעהויבן אינטענסיוו לערנען פרעמדע שפּראַכן. און ספּעציעל ייִדישע ליטעראַטור, אין וועלכער ער האָט זיך פאַרליבט בלב ובנפש, אויף אייביק פאַרקנסט.

פון אַלע לערערס און לערערינס איז אים גאָר באַזונדער פאַרבליבן אין זכרון — לויט איבערגעלאָזטע טאָג־פאַרצייכעונגען — דער שוואַכער, תּמיד־צוגעקילטער נחום אייבעשיץ, דער איבערזעצער אויף ייִדיש פרידריך ניטשעס „עקצע האָמאָ"* און „דיאָניסאָס דיפיראַמבן". אייבעשיץ האָט די דײַטשישע שפּראַך ישראלן געלערנט מיט אַן אייגנאַרטיקער שיטה: מיט אים געלייענט יאָהאַן פעטער עקערמאַנס „געשפּרעכן מיט געטע". דאָס איז געווען ישראל זקוֹנס ערשטע אוניווערסיטעט־לערע וועגן קונסט, ליטעראַרישע שאַפונגען. נחום אייבעשיץ איז אין וואַרשע געווען באַוווּסט מיט זײַן ביכער־פאַרלאַג „טורעם". בײַ אים אין שטוב, אויף זאַמענהאָף, די לעצטע פאַר־מלחמה־יאָרן אויף סאַפּיעזשינסקע, האָט ער באַקענט דעם מלכותדיקן לידער־און באַלאַדן־פּאָעט איציק מאַנגער, וואָס האָט אין דעם פאַרלאַג אַרויסגעגעבן זײַן בוך „לאַמטערן אין ווינט". דאָרט אויך באַקענט דעם קלאַסישן דערציילער איטשע מאיר ווײַסנבערג, דעם איידעלן, ליריש־נשמהדיקן תהלים־דיכטער, יחיאל לערער. אויך אייניקע מאָל באַגעגנט דעם אָריגינעלן בעלעטריסט ש. בערלינסקי.

אין דער טרוים־עפּאָכע באַקענט צוויי משהס: אַ טרעגער און אַ שוסטער.ביידע זענען געווען גוטע לייענערס. אָנהענגערס פון ייִדיש, ייִדישער ליטעראַטור. אין משה טרעגערס שטיבעלע אויף פּאַוויע־גאַס באַקענט יונגע שרײַבערס: בנימין עלים, משה שולשטיין, בנימין שלעווין. אין שבתדיקע פאַרמיטאָגן פלעגן זיי פאַרלייענען זייערע נײַע שאַפונגען. אַז ביידע משהס, ספּעציעל דער נידעריקער, משה שוסטער, האָבן

* Ecce Homo.

באַשטעטיקט אַ גוטפּאַרפּאַסט ליד אָדער בילדלעך, אַ שיין־שפּראַכלעכע, סאָציאַל־באַלערנדיקע דערציילונג, האָבן די שאַפונגען אויך געהאַט דערפּאָלג נאָכן ווערן געדרוקט. נאָכן לייענען האָט מען געמאַכט אַ לחיים, געטרונקען בראָנפן, פאַרביסן מיט פעטן טשאָלנט, פאַרברוינטע, געשמאַלצטע, מעליק־געפילטע קישקעס, זיסע קוגלען, צוגעגרייטע פון דירה־אייגנטימערס, י. טריקאָטאַזשניקס חנעוודיקער פרוי, וואָס האָט זיך יראת־הכבודיק באַצויגן צו די יונגע שרײַבערס.

אין געזעלשאַפט איז ישראל געווען אַ זײַטיקער, שעמעוודיקער. שוין געהאַט אַ היפּש ביסל „שריפטן" און נישט געוואַגט צו פּרוּוון פאַר־לייענען אַ פאַרצייכענונג, אַ רעצענזיע וועגן אַ ניי־דערשינען בוך. אויך זיך אָפּגעהאַלטן פון גיין צו רעדאַקטאָרן, זיי געבן בילדלעך, נאָוועלן. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה דעביוטירט אין מינכענער וואָכנבלאַט: „דאָס וואָרט".

ב

ישראל פלעגט זיך נוהג זײַן יעדן באַגינען צו לייענען, וואָס ער האָט געשריבן נעכטן. אויף מיטוואָך, ערב תשעה באָב, תשמ"ב אינדערפרי האָט ער איבערגעקוקט די בײַנאַכט־פאַרצייכנטע דיאַלאָגן פון צוויי „פרײַנטלעכע" לײַט אין ח־ר פּענסיאָנערן־קלוב און געבליבן זיצן געפּלעפט, אַנטוישט. זײַנע תּמיד גלאַנציקע אויגן האָבן זיך געלאָשן, געוואָרן מאַט. די ראַזלעכקייט אויף די שאַרפע קינבאַקן איז פאַרשוווּנדן. געזעסן פאַרדמיונט, פאַרזאָרגט און געטראַכט: די מעשה איז קנאַפּ־ווערטיק און שוואַך־תּוכנדיק. נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט דעם כּתב־יד. הענט און פיס האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן. די ווערטער האָבן אים אויסגעזען לײַכטע, הויקערדיקע, פּוסט־קלינגענדיקע. די זאַצן — שוואַך־לאָגיש־בינדנדיקע. ער איז געקומען צו דער מסקנה אַז די דערציילטע האַנדלונגען וועלן קנאַפּ אינטערעסירן, נישט אָנרעגן צו טראַכטן. די אויפן מאַשינדל געדרוקטע זײַטלעך צעפּליקט. אין צימערל זיך אַרומגעדרייט פאַרדאַגהט. באַשלאָסן די זעלבע מעשה אויף ס'ניי אָנשרײַבן. בעתן טיקטאַקעווען אויף די מאַשינדל־אותיות, דערפילט אַ נשמה־ליידיקייט, אַ לאַנגווײַליקע פאַר־גליווערטקייט. דאָך פון געוווינהייט אויסגעקלאַפּט ווערטער, שורות, וואָס האָבן „געפאָרעמט" נישט רעאַלע „פּאַסירונגען", וואָס וועלן וועקן אומצוטרוי. ווי זײַן שטייגער צומאָרגנס, נאָך תשעה באָב, איבערגעבליקט די אָפּגע־דרוקטע בלעטלעך. אײַנגעזען אַז די איבערפאַנטאַזירטע מעשה איז נאָך חידושלאָזער ווי אין די צעריסענע זײַטלעך. די טיפן זענען לעבנסלאָזע,

די שילדערונג — אַ נישט געניטע. די האַנדלונגען אין זקנימס פאַרשידענע לעבנס־פעריאָדן אַן דראַמאַטישע ראַנגלענישן; די שמועסן זענען נישט קיין עכטע, קיין לעבעדיק מענטשלעכע. האָט זיך אויפגעשטעלט. נערוועז צו צום שפּיגל. פאַרגאַפיעט אַריינגעבליקט. באַטראַכט זײַן אויסדרוקלאָז פּנים. געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַן אומבאַקאַנטן. אומדערוואַרט הינטער זיך דערזען דעם ברודער דוביק, אָנגעטאָן אין ווײַסע בגדים. אויפן דיל באַמערקט געלע זאַמד־צייכנס פון זײַנע אַרײַנגייענדיקע טריט.

„היינט וועגן דיר געטראַכט. בין דאָך איינזאַם. אין בית עולמדיקער שטילקייט דערמאָנט מען זיך קינדער־יאָרן־זכרונות. דערינערט זיך ווען די מאַמע האָט דיך געפירט אין חדר אַרײַן. כ׳בין דעמאָלט מיטגעגאַנגען, כ׳מיין דער זכרון נאַרט מיך נישט.

געווען איז דאָס אין יאָר תרע״ח. די מאַמע האָט דיר אָנגעטאָן אַ נײַ, טונקל, צײַגן כאַלאַט, גלאַנציק־אויסגעפּוצטע שיכלעך, אַ נײַ, רונדיק, טוכן היטל. אין אַ שקאַרמיצל אַרײַנגעלייגט עטלעכע האָניק־קיכלעך אַ גאַרשטל ארץ־ישראל־ניסלעך, עטלעכע ראָזשינקעס. איר פּנים האָט געפלעמלט. די אויגן פריידיק־גלאַנציק געשײַנט. גערופן: „קינדער, קימטס!״ מיר זענען געגאַנגען צום דרדקי־מלמד, אײַזיקל „קאַטשקעלע״. ווי נאָר מיר זענען אַרויס פון הילצערן הייזל, האָט דער ווינט אַביסל אָנגעבלאָזן דער מאַמעס קאָפּ־טיכל. זי האָט דיר געגעבן ס׳פּעקעלע „פּראָוויאַנט״. איר טיכל צוריק אַראָפּגערוקט ביז די ברעמען. עס צום שייטל פאַרשפּיליעט מיט אַ פאַרזשאַווערטער נאַגראַפּקע. זיך אײַנגעשטאָכן דעם דיקן, לינקן פינגער. בלוט־טראָפּנס האָבן געריטלט ס׳ווײַסע קעלנערל פון איר שוואַרציפּסענעם יום טוב־קלייד. ליסאַווסקע טרומנעמאַכער האָט פון זײַן שפּײַז געוועלב אויף אונדז אָנגערייצט זײַן העלן הונט, וואָס האָט כעסיק געבילט, געהאַווקעט. דו האָסט זיך געטוליעט צו דער מאַמען, וואָס האָט דיך פאַרשטעלט מיט די ברייטע קלייד־פאַלדן. אַגב, דער אָ פּאַליאַק און זײַן הונטס הינטל זענען שפּעטער טראַגיש אומגעקומען. דײַטשן האָבן דעם הונט דערשאָסן, ליסאַווסקען געהאַנגען אין מיטן רינעק. געווען איז דאָס אין יאָר 1941. סטעפאַן סטאַנישעוווסקי בעדנאַרזש, דער לינקער פּעפּעסאָוויעץ האָט דאַן אונדזער גאַנצע משפּחה באַהאַלטן אויף זײַן ביידעמל, כ׳האָב דעמאָלט אַרויסגעקוקט דורך אַ פענצטערל. געזען: עסעס־לײַט האָבן ייִדן אַרויסגעטריבן, געשלײַדערט פון ווינונגען. זיי געשלאָגן מיט בײַטשן, ביקס־קאָלבעס, פּרענטן, געשטאָכן מיט באַגנעטן. די געפאַלענע דערשאָסן, די צעבלוטיקטע געטריבן צום רינעק, אויפן

זאַמל־פּלאַץ, פון וואַנען מ׳האָט זיי אויף פויערישע וועגעלעך אַוועק געפירט אויף אייביק. ליסאָווסקעס פּעטליַיביקער בולדאָג, יענעם הונטס אַ הונט, האָט אויף די געיאָגטע, געלאָפענע געבילט, אַרויפגעשפּרונגען, צעביסן ביז בלוט. דער בלוט־דאָרשטיקער הונט איז אַ ווילדער צוגעלאָפן צו אַ פרוי מיט אַ זויג־קינד, וועמען זי האָט געגעבן צו טרינקען וואַסער מיט מילך פון אַ מאַמקעלע. זי האָט, צוליבן הונטס בילן, פליקן איר קלייד, זיך געמוזט אָפּשטעלן, נישט מיטגעלאָפן מיט געיאָגטע. אַ יונג דײַטשל האָט פון אירע אָרעמס אַרויסגעריסן ס׳קינד. עס געשליַידערט אויף די בלוט־באַגאָסענע שטיינער. צום יאָמערדיקן שוועלבעלע מיט פון די נעזל־לעכלעך, מײַלעכל רינענדיק בלוט, איז צוגעלאָפן דער בלוט־צערייצטער הונט. געגריזשעט ס׳פּנימל. די מאַמע מיטן איבערגעדרייטן פלעשל רינענדיקן געטראַנק פון מאַמקעלע, האָט ספּאַזמאַטיש־קלאָגנדיק געקולותט אין דייטשס פעסט געהאַלטענע הענט. ער האָט איר פּנים אויסגעדרייט צום הונט, וואָס האָט געביסן לעבעדיק פלייש פון איר קינד. דער געסטאַפּאָוויעץ האָט די מאַמעס אויגן אויפגעריסן. געמרוטשעט זי זאָל קוקן. אויב נישט שיסט ער זי. די מאַמע האָט מוראָדיק געיאָמערט. בשום אופן נישט אויפגעעפנט די אויגן. דער דייטש האָט ווילד געקוויטשעט. זי אומגעשליידערט אויפן גוססדיקן קינד. מיט דער ביקס־קאָלבע צעהאַקט איר קאָפּ. אויפן צעשפּאָלטענעם שאַרבן אַרויפגעוואָרפן שטיינער. דער בולדאָג איז געבליבן שטיין, ווי פאַרגאַפט, דערשראָקן. מאָדנע געגלאָצט אויף דער פרויס נאָך קוים זשיפּיענדיקן, עטוואָס וויברירנדיקן קערפּער, אויפן קינדס אָפּן בײַכל מיט נאָך ציטערדיקע איינגעווייד. דער הונט האָט מיט פּחדפולע, פײַכטע אויגן געקוקט אויף דער געממיתטער פרוי, אויפן דײַטש, וואָס האָט אים באַלד דערשאָסן. דערנאָך איז דאָס דײַטשל ווידער געלאָפן אין יידישע שטובן, אַרויסגעוואָרפן מענער, פרויען, קינדער. זיי בלוטיק געשלאָגן, געיאָגט אויפן רינעק, פונוואַנען דײַטשן מיט פּאָליאַקן האָבן זיי געטריבן הינטער דער שטאָט, ווו זיי זענען לעבעדיקערהייט געוואָרן פאַרשיט, צוזאַמען מיט די ייִדן, וואָס האָבן די גריבער געגראָבן.

צומאָרגנס איז דער זעלבער דײַטש אַרײַן צו ליסאָווסקין קויפן פרישע זעמל, פּוטער, קעלבאַס. דער פּאָליאַק האָט דעם דײַטש געריממט, געדאַנקט פאַר אַרויסטרײַבן אַביסל פאַרשאָלטענע זשידעס. אים אַרײַנגעבעטן אין שטוב מאַכן אַ שנאַפּס. ליסאָווסקי האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלאָז אייגן־געמאַכטן ווישניאַק. און בעת דער דײַטש האָט געשמאַק אָזוי געטרונקען, האָט ליסאָווסקי מיט אַ האַק אים געגעבן אַ פעסטן זבענק

איבערן קאָפּ. גענומען אַ האַנט־זעגל און צום קוים נאָך עטוואָס לעבעדיקן דײַטש געשריגן: „באַנדיטישער שוואָב! דעם קאָפּ וועל איך דיר אָפּזעגן פאַר צעהאַקן דעם שאַרבן פון אַ יונגער מאַמע, וואָס האָט פונקט געקאָרמעט איר פּיצל מיידעלע. כ׳וועל דיך, שווײַן איינער, צעזעגן, ווי אַ ברעט, פאַר ממתין איר אומשולדיק, זויג־קינד. אויך דיר צעטרייבערן דעם בויך פאַר שיסן אין בויך אַרײַן מײַן געטרייען הונט. אין אָוונט בעתן אַרויסטראָגן דעם צווייטן זאַק מיטן דײַטשס צעזעגטע אברים, אַרײַנצושליידערן זיי אין אַ צוגעגרייטן גרוב אין זײַן קאַמער מיט פּאַרטיקע, טרומנעס, האָט ליסאָווסקין באַמערקט דער איין־אויגיקער בלינדער סטאַשעק. ליסאָווסקיס נקמה־גאַרנדיקער שונא פאַר שטערן אים חתונה צו האָבן מיטן טרומנאַרזשס בלאָנדער, בלוי־אויגיקער טאָכטער, יאַדוויגאַ. ער איז באַלד געלאָפן אין דער געסטאַפּאָ, געמסרט ליסאָווסקין, ווען זיי האָבן צומאָרגנס געהאַנגען אין מיטן מאַרק. ליסאָווסקיס צוויי ברידער, אַנטעק קאַלער און קאַזיק קאַניוך, וואָס האָבן מיר דערציילט די געשעעניש, האָבן סטאַשעקן געכאַפּט אין מיטן נאַכט, ווען ער איז אַ היים געגאַנגען מיט אַ פּלעצאַק געגנבעטע פּאַפּיראָסן פון אַ יידיש געוועלבל. האָבן אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ. אים געבונדן. צוגעשלעפּט צום קלאָזעט אויפן הויף. דאָרט סטאַשעקס קאָפּ אָפּגעהאַקט און אַרײַנגעוואָרפן אין אַ צואה־גרוב. דעם נאָך צאַפּלדיקן קערפּער באַגראָבן אין סטאַשעקס קעלער.ביידע ברידער זענען אַנטלאָפן אין די מאַלקינער וועלדער. זיך אַנגעשלאָסן אין אַ פּאַרטיזאַנער־איינהייט און אומגעקומען אין אַ שלאַכט מיט דײַטשן, הינטער ביאַליסטאָק. דוביק האָט צוגעגעבן: „ישראל, מעגסט די מעשה, וואָס זיי האָבן מיר דערציילט גענוי, פאַרעפנטלעכן. יאָ, וועגן חדר געוואָלט דיך דערמאָנען" און איז אוועק.

ג

י״ג באָב איז דוביק ווידער געקומען.

„נעכטן דיך געוואָלט דערמאַנען אייזיקלס אַרט לערנען קליינע קינדער. אָבער פאַרגעסן אַ סך פּרטים. מײַן איינזאַמקייט, ט׳שטילע אָרט זענען גורמים צו דערמאָנען זיך געשעענישן אין דער קינדער־תקופה: מיר זענען אַרײַן אין אַ קליין, נידעריק, האַלב קעלער־שטיבל. די קינדער האָבן געטומלט, געפּילדערט, גערעשט. דײַן פּנים איז געוואָרן בלאַס, ווי קאַלך, אויסגעזען דערשראָקן. דער רבי איז געזעסן בײַ אַ טיש נעבן אַ געלבלעך־פאַרשטויבט פענצטערל מיט שטיקלעך געל־אָפּגעבליאַקעוועטע פּאַסן צײַטונגס־פּאַפּיר, צונויפגעקלעפּטע, צעשפּאָלטענע שייבלעך, דורך

וועלכע מ'האָט זעלטן וועז, ווי אין אַ נעפּל, געזען פאַרבײַגייענדיקע פּיס אין פאַרבלאָטיקטע שטיוול, פּאַרמלאָזע פּרויען און קינדער־לעטשלעך. דער רבי האָט אין בלאַס פּנימדיקע קינדער־ייִדעלעך האַרציק־ניגונדיק אַריינגעזונגען קאַפּיטלעך שחרית־תפילות. אײַזיקלס ברייטע פּלייצע, פאַרדעקט מיט אַ געלבלעכן טלית־קטן, האָט זיך, הין און אַ הער, געוויגט, ווי בעתן דאַווענען. אָפּט מאָל התלהבותדיק זיך צעשאָקלט צום טאָקט פון זײַן אומעטיק, פאַרבענקט אויסברומען עברי־טעקסטן, פאַרטײַטשטע אויף ייִדיש. הינטער זײַן סקעלעטן־גופל זענען דרײַ ברעטלדיקע בענק געשטאַנען צווישן צוויי אייזערנע בעטן, פאַרדעקטע מיט ברוינע, ווײַס־געבלומטע, אויסגעריבענע פּליושענע קאָלדרעס. אויף די בענק זענען געזעסן און געשטאַנען טומלענדיקע ייִנגלעך, אָנגעטוענע אין צעעפּנטע כאַלאַטלעך, אונטער זיי לײַבצודעקלעך מיט באַמבלענדיקע ציציות ביז די קני. טייל האָבן זיך געשפּילט אין סטרולקעס, קנעפּלעך, טאַרניטשקע. אין סוף חדרל נעבן ציגל־קעכל, אויף וועלכן ס'האָבן אין שוואַרצע דיניצעס זיך געקאָכט אַ גערייִשטע גריץ, בוריקעס, קאַרטאָפּלעס, זענען געשטאַנען ייִנגלעך. זיך דערציילט פאַנטאַסטישע גיהנום און גן־עדן־מעשהלעך, חכמהלעך. יעדע עטלעכע מינוט האָט דער רבי אַן אַנדערן תּלמיד צוגערופן: ,גו?!, תכשיט איינער, שמואל חיים פסח מאָטלס, דיך מיין עך טאָקיש. קים שוין, יחסן איינער! האָסט אין שטיב כאָטשבי געחזרט ס'נעכטיקע לערנען? קענסט שוין דעם, אדון עולם'?

ס'איז געקומען דײַן ריי. נישט דרײַסט, אַביסל פאַרשעמט, דערשראָקן ביסטו צוגעקראָכן צום לערן־טישל. אײַזיקל האָט דיך באַטראַכט. אין דײַן פּנים אַרײַנגעקוקט מיט טרויעריקע, נאַסלעך־גלאַנציקע אויגן, אַרויס־געבלאָנקטע פון האַלב־גרויע, ברייטע, געדיכטע ברעמען. אין דיר תּפילה־ניגונדיק אַרײַנגעלערנט:

,אלהי, מאַן גאָט, נשמה שנתת, די נשמה, וואָס ד'האָסט מע געגעבן, בי־אין מיע. טהורה היא־איז ריין'. צעשאָקלט זײַן קערפּערל, געהעכערט ס'דבקותדיקע קול: ,העסט?!. ייִנגאַטש איינער, הער גיט אָס. לאָטער ריין אין זי, די נשמה'. די הענט געהויבן צום פון רעגן פאַרפלעקטן סופיטל, אויסגעשריגן: ,ווי קוואַליק וואַסער איז זי ציכטיק, בשעת זי גייט אַראָן אין בשר ודמס גיף, פאַרן ווערן געבוירן'. דעם לעצטן זאָץ אויסגעצויגן שטיל צוגעברומט. זײַן אָפּן מויל געגאַענט צו דײַנע לעפּצן. האָסט זיכער געפילט דעם רבינס אין דיר אַרײַנגעהויכטן הייסן אָטעם. דיך מיט זיך מיט געשאָקלט, געלערנט: ,אתה בראתה, רבונו דעלמא כולה'. געקרעכצט: ,די

האָסט זי באַשאַפן. ואתה, ווי איז מיע, עתיד לטלה ממני׳, קענסט זי אַך צוריקנעמען. אין דאָס ווען די ווילסט נאָר. הער גיט אָס׳ און אין דיר אַרײַנ־געשריגן: ,אַ משכּון איז זי בלויז די נשמה מיטן ביסל געשענקטן עולם־הזה־לעבן, משטיינסגעזאָגט׳. מיט פאַרגלייצטע אויגן געבליקט צום בלוילעך־באַקאַלכטן, ברעטלדיק ווילגאַטשנע סופיטל. צעשפּרייט די הענט. געזיפצט: ,טאַטע, רחמימדיקער פאָטער אין הימל׳. מיט אַ רויט נאָזטיכל געווישט דעם פאַרשווייסטן, ברייטן שטערן, די פּײַכטע אויגן. ווי׳ ווען דראָענדיק אויסגערופן: ,האָרך אָס גיט! אויב די נשמה ווערט, חס ושלום, פּאַאימרייניקט, נעבעך געשטראָכלט פון תּאווהדיקן גיף, וואָס שטאַמט, כ׳זאָל ניש זינדיקן מיט די רייד, פין אַ טיפּה־סריחה, מיז זי, העסט? פּאַשטייסט? מגילגול ווערן אין א נײַעם גיף׳. מיט זײַן שמאָלער, רעכטער האַנט דיך אַרומגענומען, צעשאָקלט, ווי אַ לולבל. אין דיר אַרײַנגעזאָגט: ,די מצוות אין דע תּורה הקדושה מיז מע גינוי אָפּהיטן! וואָס גאַפּיעסטי זעך? יחסן איינער! האָסט דען פּאַשטאַנע איין וואָרט?׳

„אינטערעסאַנט”, האָט דוביק באַמערקט: „דער זכּרון איז נאָך גוט, כ׳געדענק געַנוי אַפילו מיין דאַמאָלסדיק טראַכטן, אַז דער רבי האָט זיך פאַרגעסן, ער לערנט עברי אַ קליין ייִנגל. ר׳ האָט צו דיר גערעדט, ווי׳ צו זיינס גלייכן אין בית המדרש. געדענק אויך זײַן שטעטלדיק לשון.

„ס׳ביסל ליכט האָט זיך, פּלוצעם געטונקלט. די געלע מאַרושע, די אין שטאָט באַוווסטע, בלאָטע שיקסע, וויטשעך פּויקערס ,נאָכטער׳, וואָס האָט געהאָט אַ פריילעך הײַזל אויף קאַשטשעלנע־גאַס, געוווינט איבערן חדר, האָט זיך אײַנגעבויגן נעבן פאַרשטויבטן פענצטערל. מיטן הינטן פאַרשטעלט ס׳ביסל טאָגליכט. מיט אַ דרענגל געמישט געקאָכטע קאַרטאָפּל־שאָלן מיט קלײַען. פון הילצערן שעפל האָט געזעצט אַ פּאַרע, פאַרהויכט די מיט בלאָטע־באַשפּריצטע שײַבלעך. צוגעקראָכענע חזירמלעך האָבן געברויקעט, געפּרעסן די פּאַפּקע. אין קיך־ווינקל איז געוואָרן שטאָק־פינצטער. די רביצין איז געוואָרן מלא כּעס. מיטן אַרויפגערוקטן קופּקעלע איבערן אָפּגעשוירענעם, בלאָס־בלאָנד־באַהאַרטן קאָפּ איז אַדורכגעלאָפן צווישןביידע בענק. צעשטופּט די ייִנגלעך. מיטן הילצערנעם קאָכלעפל געקלאַפּט אין די פון פּאַרע פאַרנעצטע שײַבלעך. די הענט פאַרלייגט אויף די היפטן, פאַרבונדענע מיט אַ פאַרפּעצט, געלבלעך מעטקאַל־פאַרטעך, אַרויסגעשריגן: ,פּאַני מאַרושו! זאָל די פּאַני זײַן אַזוי גוט, אַביסל זיך אָפּרוקן, אַז דער פּאַני מיט אײַערע חזירים איז מיר אויך געַנוג פינצטער גאַנצע טעג!׳. מאַרושע האָט שפּאָטיש אַרײַנגעקוקט. זיך

צעכאַכאַטשעט. צו אײַזיקל אַרויסגעשטעקט אַ צונג. זיך אויסגעדרייט, געהויבן ס׳בלויע, באַרדע־געבלומט קלייד, אַראָפּגעלאָזט די שמאָלע, רויטע טריקאָטלעך, דעם ראָזן, נאַקעטן, בלוטשפּראָצנדיקן הינטן געגאַענט צום פענצטערל. אַרײַנגעשריגן: „קושסט מיר אין דע ד...פאַרשאָלטענע זשידקעס! גייטס צום טײַוול! קיין פּאַלעסטינע!״.

„אוי, אַ וויסטע נכפה אָף דאָן טרפהנעם קאָפּ. די מענער וואָס קימע צי דיע אין דאָן האָזל, זאָלן אַזוי האָבן חשק צי דיע, געמיינע נפקא, ווי יאָך האָב אַ באַגער דאָ צי לעבן׳ האָט די רביצין שטיל געזאָגט אויף יידיש און אַ ווײנענדיקע צוריק געגאַנגען צום פינצטערן קיכווינקל.

אײַזיקל איז געזעסן מיט זײַנע דלאָניעס פאַרשטעלטע אויגן, געמורמלט: „כי יודע ה׳ דרך צדיקים ודרך רשעים תאבד׳ זײַן ווײַבל האָט זיך צעכליפּעט: „אוי טאַטע אין הימל. די צרות זענען שוין מע ניש אָסציהאַלטן׳. געקוקט אויפן סופיטל מיט די אויסגעפּאָרעמטע חיהשע פּרצופים פון די רעגנס. אין פאַרטעך אַרײַנגעקלאָגט: „ווײ אין ווינד צי אונזער לעבן. שוין גענוג! מעגסט שוין שיקן דאָן גואל. מ׳איז שוין ציפיל איבערגעקימע. פאַגיב אינז די חטאים. לייז שוין אינז אָס פין ביטערן, פינצטערן גלות״.

„ברודערל״, האָט דוביק באַמערקט: „אין דײַן באַגינען־עלטער איז דיר געוויס געווען אוממעגלעך תופס זײַן דעם זין פון נשמה־ריינקייט, צײַטווײַליקייט פון דאָיקן לעבן, גילגול־נשמות, אַנטיסעמיטישע שנאָה. האָסט נישט פאַרשטאַנען דעם כּוח פון יידישן בטחון: גאָט וועט פאַרניכטן די רשעים. נישט געוווסט די סיבות פון משיחס אויפהאַלטן דאָס אויסלייזן די יידן פון גלות. איך האָב דעמאָלט אַביסל בלויז אויפגעפּאַסט אײַזיקלס מאָדנע שיטה דאָס לערנען מיט דרדקי־ייִנגלעך אומפאַרשטענדלעכע שטעלן פון ספרים, פון תפילות, מיט זײַנע און מיט אויסגעלערנטע פירושים. געדענקסט כאָטש דײַן רבין?״

ישראל האָט געקוקט אין שפּיגל. זיך און דעם ברודערס ענלעכע געזיכט־שטריכן געזען טרויעריקע, פאַרטראַכטע. זיך דערמאָנט אײַזיקלס פּאַטריאַרכאַליש געשטאַלט, ס׳פינצטערע קעלער־חדרל, די תמיד האָפענונג־לאָזע רבקהלה, די רביצין. זיך דערמאָנט די לוסטיקע חברה, וואָס האָבן טאָג־אויס, טאָג אײַן, במשך יאָרן אין חדרים געלערנט. דאָן געווען זיכער, באמונה שלימה, אַז דאָס ערדישע לעבן איז בלויז אַ פּרוזדור אָפּצוקומען די זינד פון פריערדיקן גילגול, כּדי אויף יענער וועלט זוכה זײַן צו געניסן רוחניותדיקע, גן־עדנדיקע טעמים.

אײַזיקלס קנאַפּ־פאַרשטאַנענע מחשבֿותן האָבן זיך אין ישׂראלס קינדישן מוחל אײַנגעקריצט און, ווי פאַרפּלאָנצטע זוימען אין ערד, אין אים געוואָקסן, געשטאַלטיקט. אין דמיון אָפּט דערזען דעם רבין. געהערט זײַן קול, געהערט זײַנע האַרציקע תּפֿילות, פּסוקים, פאַרטײַטשטע אין אַ זאַפטיקן ייִדיש.

נאָכן לערנען צוויי זמנען בײַ אײַזיקל, האָט זײַן פאָטער, ר׳ ירחמיאל־יוסף ז״ל, אַלע יאָרן אים אָנגעדונגען אין העכערע „חדרים״. בײַ יעדן רבין געלערנט אויף אַן אַנדער אופֿן די פּרשיות חומש, מסכתאות מיט זייערע אייגענע, פֿון ספֿרים און פֿון לומדים געהערטע פּירושים. די שיעורים זענען געזונגען געוואָרן מיט מעלאַנכאָלישע ניגונים.

ד

פֿון אַלע מלמדים איז ישׂראלן פֿאַרבליבן אין זכּרון דער לעצטער: בענדיט. דאָס איז געווען אַ ייִד אַ למדן מופֿלג. בקי אין תּנ״ך, ש״ס און פּוסקים, קבלה־ספֿרים. ער איז אויך געווען מחבר פֿון וויניק פֿאַרעפֿנט־לעכטע חיבורים. ימים־טובֿים און שבתים איז בענדיט געווען אָנגעטאָן אין פּראָסטע, טוכענע סאָקלעך, קאַנטיק היטל, שטיוול, ווי אין וואָכן־טעג. זיך נישט געחברט מיט לומדים, חסידים. געלעבט כּמעט אָפּגעזונדערט. תּמיד געלערנט, געשריבן. ליב געהאַט די תּלמידים. אין זייערע אַביסל רײַפֿע, נאָך קינדישע קעפּ, האָט דער דאָזיקער שאַרפֿזיניקער למדן פֿאַרפּלאָנצט חובֿבֿי־ציון־אידעען: „שיבֿת ציון דערנענטערט די גאולה״. „משיח בן יוסף, ווייסט עטץ דאָך, זיצט פֿאַר די טויערן פֿון רוים און וואַרט. וויל קומען, וויל אויסלייזן די ייִדן און קאָן נישט. ספֿרים טײַטשן אויס, ער וואַרט אויף אַתחלתּא דגאולה. ייִדן זאָלן אָנהייבן. אַליין, ווײַזט אויס, איז אים נישט געגעבן געוואָרן כּוח אָנצוהייבן. אויך אין הימל הייסט מען אים נישט, ווייל ייִדן ווילן נאָך נישט ווערן אויסגעלייזט. האָבן מורא פֿאַר דער גאולה. והא ראיה: זיי האָבן נאָך קיין מאָל נישט עפּעס־וואָס געטאָן, ממש צו באַלעבן ס׳פֿאַרוויסטע ארץ־ישׂראל. אויך בימינו ווירקן וויניק באַפֿרײַט צו ווערן. אין גלות קרעכצן זיי, קלאָגן אויף חורבן־בית־שני. בעטן אויף גאולה אָבער ס׳שמעקט זיי דער סיר־הבשׂר. אפֿשר, בין נישט זיכער, קאָן זײַן, דער דבֿקותער רצון פֿון חלוצים־יחידים, זייערע מסירות־נפֿשדיקע מעשׂים אין ארץ הקדושה וועלן דער־נענטערן די גאולה. הלוואַי, זאָל זייער אָנהייבן באַפֿרוכפּערן די ארץ־ישׂראל־וויסטענישן אָנגענומען ווערן אין הימל און דער רחמימדיקער גאָט

זאָל באַפעלן משיח בן־יוסף אָנצוהייבן דעם ערשטן אויסלייז־טראַט. די חלוצימס שווערע האָרעוואַניע, די מסוכנדיקע אַפּשטויסן אַראַבישע אָנפאַלן, וואָס שטערן אויפלעבן דאָס פאַרמידבערטע לאַנד, וועלן זײַן גורמים מ׳זאָל מתּיר־נדר זײַן בן יוסף אָנהייבן אויסלייזן״... בכדי באַשטעטיקן זײַנע רעיונות, האָט ער אַרויסגענומען עטלעכע בריוו פון ארץ־ישראל. זיי געמישט, געזוכט. אויסגעקליבן אַ דיקן קאָנווערט. פון דאָרט אַרויסגענומען שמאָלע זײַטלעך, באַשריבענע מיט פעכשוואַרצע, קליינע, געכתיבעטע אותיות. דעם בריוו אין לשון קודש פאַרגעלייענט:

„לכבוד הרב הגאון (די לעצטע דרײַ ווערטער פאַרהיפּערט) רבי בענדיט נ״י.

אײַער חשובן מאַמר וועלן מיר, אַם ירצה השם, מפרסם זײַן אין נאָענטסטן ראש־השנה־בלאַט. אַז איר וועט, בקרוב, עולה זײַן, וועט איר דאָ ווערן אַ נאָכמער איבערצײַגטער אָנהענגער פון שיבת־ציון־רעיון. מיט אייגענע אויגן זען די געטרייע, איבערגעגעבענע חלוצים, געקומענע פון פאַרשידנע גלותן. איר וועט זיכער ווערן נתפעל, וואָס פאַר אַן אמתע, שטאָלצע ייִדן זיי זענען. מיטן שכל־הישר איז שווערלעך משיג זײַן זייער פרישן דרך. עפּעס נײַע מענטשן. גלײַך אויפגעשטאַנענע תחית־המתים. מיט שמחה, געזאַנג, בטחון, אמונה באַאַרבעטן זיי פעלדזיקע וויסטענישן. באַבויען דורות־פאַרמידבערטע סטעפּעס. זייען אין טויזנטיעריקע פאַר־שטיינערטע, פּוסטע פעלדער. און — נס איבער נסים! די ברכהדיקע גערעטענישן! ממש ווי אויף הייוון וואַקסן דאָ זאַפטיקע פּירות, נאַרהאַפטע גרינוואַרגן. זיי האָדעווען הינער, אַלערליי עופות, בהמות, שטוב־חיות. זיי לעבן אין שותפותדיקע דערפער — הייסן קיבוצים. ס׳זענען אויך פאַראַן פּריוואַטע לאַנדווירטן. ווי אַמאָל אין מלכות־תקופות האָבן מיר אייגענע פּויערים, בוי־אַרבעטער, שאָסייפּלאַסטערער. די נײַ־געקומענע חלוצים זענען דאָ משנה מעשה־בראשית. אַזוי טײַטשן אויס די פּראָסטע ציונים. אַ ביסל געלערנטערע ווייסן, אַז דאָ איז אַמאָל, אין מלכות־ישראל, געווען אַן ,ארץ זבת חלב ודבש׳ די אַראַבער האָבן עס פאַרווי־לדעוועט. עס פעלט זיי דען לענדער ?. ס׳איז דען זייערס ?. יעצט, אַז ייִדן באַפרוכפּערן און באַבויען עס, האָבן זיי „ירושה״־טענות. איך האָף איר זייט בקו־הבריאות...

בברכת כתיבה וחתימה טובה

אײַער י. אַלטער״

בענדיטס פאַררויטלטע באַקן, פאַררעמט מיט אַ גרוילעך בערדל, האָבן זיך צעפּלעמלט. איבערן טיש געבויגען זײַן מיטלוווקסיקן, ברייט־ביינערדיקן אויבער־גוף, געגאַענט צו ישראַלן: אים אָנגעקוקט מיט שמייכלענדיקע, גרינלעכע אויגן אונטער געדיכט־האָריקע ברעמען, פאַר־טיפטע, צעקנייטשטע וויעס. די יִנגלעך געפרעגט: „איר ווילט הערן נאָך בריוו?" נישט געוואַרט אויף ענטפערס; געלייענט:

לכבוד הרב הגאון (די לעצטע צוויי ווערטער יאָ געלייענט) רבי בענדיט נ"י.

אין מײַן פריערדיקן בריוו אײַך געשריבן וועגן די געקומענע חלוצים. דאָס האָט אײַך זיכער פאַראינטערעסירט. איז וויל איך אײַך שרײַבן נאָך פּרטים וועגן אָט דער פּיאָנערן־באַוועגונג. על־פּי־רוב זענען זיי יונגע קינדער, נאָך ממש בלוט און מילך. און ווי זיי אַרבעטן שווער פאַרן בלויז ביסל עסן און פּראָסטע מלבושים. סײַ אין די שותּפות און סײַ אין די פּריוואַטע לאַנדווירטשאַפטן באַגניגנט מען זיך מיט אַ צניעותדיקן אָרט לעבן. זענען אָבער צופרידן פון צוריק אויפבויען אַ היים פאַרן אין גלותן־פאַרפאַלגטן, תּמיד־געפלאָגטן יִדיש פאָלק. די יונגע פויערים, בוי־און פאַבריקלעך־אַרבעטער מוזן אָפט מאָל קעמפן מיט אַראַבישע טעראָריסטן, אונטערגעהעצטע פון די קנאָהדיקע מושלים, וואָס האָבן מורא פאַר דער יִדישער אַנטוויקלונג, פאַרן אויפקלערן די אַראַבישע אַרבעטער זיי זאָלן פאָדערן העכערע לוינען, קורצשעהדיקע אַרבעטס־טעג, סאָציאַלע פאַר־זיכערונגען. עס שרעקט זיי גאָר די יִדישע, פאַר זיי מאָדנע, פרעמדע קולטור, דער אייראָפּעיִשער לעבנסאָרט. אַ טייל אַראַבישע מנהיגים ווערן אונטערגעהעצט פון קריסטלעכע הערשערס, פון גלחים, וואָס וואָרענען: יִדן וועלן זײַן גורמים צו מינערן ביליקע אַרבעטס־קראַפט אין די מזרח־לענדער.

יאָ, כ'מוז אייך פאַרטרויען: דאָ קומען פאַר אָפטע לוויות פון דערמאָרדעטע, יונגע חלוצים, פאַרטיידיקערס פון זייערע קליינע ישובים און סתּם דערמאָרדעטע יִדן אין שטעט. אָבער דאָס שרעקט נישט. מן הסתּם ווייסט איר שוין: טראָץ דאָס מיפּולע טרוקענען מאַלאַריע־פאַרשפּרייטנדיקע זומפּיקע שטחים, פלאַסטערן שאָסייען צווישן בערגיקע פעלדזן, פלאַנצן וועלדער, פּרוכטגערטנער אויף דורות־פאַרטרוקנטע, מעלזאַמדיקע באָדנס און די אָפטע טעראָר־אָנפאַלן, קומען דאָ פאַר פריילעכע שמחות, סתּם באַגעגענישן אין אָוונטן, שבתים, ימים־טובים. מ'זינגט התלהבותדיק. מ'טאַנצט התפעלותדיק ביז די שפּעטע נאַכט־שעהען

אַרײַן. דאָך זענען מיר באַזאָרגט: די אַראַבער מערן זיך. גרינגדן שולן, לערנען, ווערן קולטורעלער, אויפגעקלערטער. זיי זענען דאָך קורח־רײַך. קויפן געווער. ווערן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג. עגבערט מיר כסדר אין קאָפּ: ווען מיר, אַ קליין הײַפעלע, תּמיד זיי קאָנען גובר זײַן? דאָס לאָזט מיך נישט שלאָפן. אמת, מיר האָבן אָבער אַ טרייסט: די אומאויפהערבאַרע גרינדונגען פון נײַע ישובים, שטעט, זייער דינאַמיש וואַקסן, אַנטוויקלונג נײַע, יונגע, געבילדעטע עולים קאָנען אונדז שטאַרקן. מיטן שכל־הישר איז נישט משיג צו זײַן די פלאַמיקע אמונה, די גאולה־טרוימען, דאָס פּאַטריאָטישקייט פון די עקשנותדיקע ייִנגלעך און מיידלעך־חלוצים און פון אַלע ייִדן אין ישוב. קיינער אָבער וויל נישט מיטן שכל באַטראַכטן די סכּנה פאַר אונדזער קיום אין ארץ־ישראל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט צענדליקער מיליאָנען קנאה־לעכצנדיקע אַראַבער. טייל ירושלימער חסידים, לומדים, אַמאָליקע מתנגדים, וואָס האָבן באַקעמפט ציוניסטן, הייבן ביסלעכווייז אָן צו גלייבן, אַז עס איז אַתחלתא דגאולה־צײַט. ווי מיינט איר, רבי בענדיט, איז דאָס טאָקע עקבותי־דמשיחא?

כ׳האָב אײַך אַרויסגעשיקט דרײַ אתרוגים.

בברכת חג שמח.

אײַער י. אַלטער

צומאָרגנס, בעתן אָנבײַסן האָט ער אויף ס׳נײַ אַרויסגענומען ס׳פּעקל בריוו. אויסגעקליבן איינעם. „דאָס איז, קינדער, אַ גאַר וויכטיקער בריוו. כ׳וועל בלויז אַ טייל פון אים לייענען:

„דאָ שמועסט מען שטאַרק, אַז איר זײַט דאָרט אין אַ גרויסער סכּנה. קלערט איר דאָס אויף? מ׳רעדט אויך, אַז די פּוילישע ייִדן טראַכטן אַפילו נישט וועגן זייער געפערלעכן מאָרגן. זענען פאַרקאָכט אין פּרנסות, אַמפּערן זיך, ווי דער שטייגער איז, צוליב כּבוד. ווילן בלויז געניסן צײַטווײַליקע עולם־הזהקייט. איר לומדים, סופרים מוזט וואָרענען, אַז אײַער קיום איז אַ באַדראָטער, סכּנות־נפשותער מער ווי אונדזערער. איר ווייסט פאַרוואָס? מיר ווען זיך תּמיד פאַרטיידיקן. אין אײַערע בלעטער, אויף פאַרזאַמלונגען, אין בתי מדרשים, שולן קלערט איר אויף אײַער לאַגע? עצהט איר די ייִדן באַצײַטנס ליקווידירן אַלץ און אַרויסוואַנדערן. זיך ראַטעווען פון אַנטיסעמיטישן פּוילנלאַנד, וואָס איז אַ ,מקום לפּרעניות׳? אייער חוב איז טאָג־טעגלעך מסביר זײַן די ייִדן זאָלן קומען העלפן

אויפבויען אַ מקום־מנוחהדיקע היים פאַר אונדזער פאָלק. ווער ס׳האָט נישט קיין מעגלעכקייטן צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט, קלערט זיי אויף, אַז עס זענען פאַראַן אומגעזעצלעכע וועגן. מייַן אַזהרה איז נישט סתם. פון געקומענע ייִדן אַליין געהערט: זיי האָבן געלעבט אין אַ גן־עדן. גענאָסן פון אַלע בירגער־רעכטן. געהאַט פּרנסות בריוות. געלעבט רויִק. אַנגעזאַמלט פאַרמעגנס. און מיט אַמאָל איז דאָס „פאָטערלאַנד״ פאַר ייִדן געוואָרן אַ גיהנום. די ניַי־דאָרטיקע רעגירונגען האָבן זיך געטוישט און די ניַיע שונאי־ישראל־מושלים באַגרענעצן ייִדישע רעכטן. אויף זיי אַרויפגעלייגט גרויסע שטייַערן, וואָס שטייגן איבער זייערע פאַרמעגנס. זיי מוזן פאַרקויפן געשעפטן, אַפילו שטוב־זאַכן כּדי צו דעקן כאָטש אַ טייל פון די פאַדאַטקעס. זיי אַנטלויפן בסוד די רעגירונגען זאָלן נישט וויסן און געפינען וועגן צו קומען אַהער. די וואָס קומען דערציילן אויך: די גלחים מיט די מלוכה־לייַט העצן קעגן ייִדן. אין שטעט קומען פאַר בלוטיקע אָנפאַלן אויף ייִדן. אַפילו ביַי אָרעמע צערויבן זיי ס׳ביסל שטוב־זאַכן פאַרניכטן עס און מימתן יונג און אַלט. זייַטס מרעיש־עולם, עס דראָט אייַך שרעקלעכע גזרות־רעות. אַנטלויפטס באַצייַטנס פון מסוכּנדיקן פוילן. למען השם, פאַרשפּעטיקט נישט!!!״

כ׳ווינטש אייַך וואָס שנעלער צו קומען צו אונדז. טאָקע במהרה בימינו. אמן.

אייַער י. אַלטער״.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכן עסן פרישטיק אַ רעפּטל ראָזעווע ברויט, אָנגעשמירט מיט בוימל, צוגעביסן אַ גרינע ציבעלע, געטרונקען אַ טעפּל ציקאָריע, האָט בענדיט פון שופלאָד אַרויסגענומען אַ פּעקל בריוו. מיט דער לינקער, ציטערדיקער דלאָניע געמישט. געשמייכלט, אָפּגעווישט די באַנעצטע וואָנצעס. געלייענט:

„לכבוד רבי בענדיט נ״י,

איך בעט אייַך מיר ענטפערן אויף עטלעכע שאלות. אויב איר וועט זיך באַמיען די תשובות אָנשרייַבן מליצהדיק שיין, מיט מחשבה און רצון און זיי וועלן זייַן נושא־חן ביַי מר׳ שמחהלע פעפער, דער נייער רעדאַקטאָר פון אונדזער בלאַט: „דאָס שופרל״, וועט ער זיכער אָפּדרוקן אייַער מאַמר. פון נסיונות דאַרפט איר אים קענען און זייַן סגן: משה גרויסמאַן. איך זע זיי בלויז איין מאָל אין וואָך. כ׳מיין דאָס איז פאַר

מיר אויך צופיל. דאָס זענען ייִדן למדנים. מ׳קאָן זיי נישט אוועקמאַכן מיט דער האַנט. דער גרויסמאַן, וואָס איז דער פּאַקטישער מאַכער, איז אַ פאַרברענטער משכּיל, האָט אַ שאַרף קעפּל. איז אָבער אַ כּעסן, אַ רגזן. שטענדיק אויפגערעגט, דענערווירט, בייז. מ׳טאָר נישט פאַרלייקענען איין זאַך: ער פאַרמאָגט אַ גוטן געשמאַק. איז אַ מבין אויף אַ שאַרפזיניקן מאמר. אַ שיינעם סיפּור, אַ ניגונדיקן, מוסר־השׂכּלדיקן, טיפזיניק־געמשלטן שיר, וואָס איז שיין געגראַמט און מיט נסתּרדיקע, רמזימדיקע רעיונות. ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז אייַער נוסח געפעלט אים. כ׳האָף ער וועט אייערע תּשובות דרוקן. איז שרייַבט מיר ענטפערס אויף עטלעכע שאלות, וואָס לאָזן מיך נישט צורו. למען השם ענטפערט באַלד: זייַט מיר מפרש, וואָס די היגע גדולי התּורה, סופרים ספקן, קאָנען גאָר נישט משיג זייַן די שאַרפע סתּירותן: וואָרעם על פּי רוב זענען דאָך די חלוצים און אַ טייל עולים איבערצייַגטע כּופרים. מ׳שמועסט גאָר (איך ספק דערין) אַז זיי זענען נישט מקפּיד אין טהרת־המשפּחה. — אַ זאַך, וואָס האָט ייִדן אין אַלע גלותן אָפּגעראַטעוועט פון אונטערגיין. אַ טייל נאָך נישט חתונה געהאַטע יונגען מיט מיידן וווינען צוזאַמען. חוזקן פון חופּה וקדושין. אין קלובן הוליעט מען ביז האַלבע נעכט. עס זענען פאַראַן שמועסן, אַז מ׳איז דאָרט עובר אויף גילוי־עריות רחמנא־ליצלן. ס׳איז דען אַ וווּנדער? ווי צו די אויגן, וואָס זעען דאָס. האַלב נאַקעטע נקבות דרייען זיך אין גאַסן פראַנק און פרייַ. דאָס רייצט יצרדיקע תּאוות בייַ מענער. אויך אין די משרדים זיצן מיידן, שוין חתונה געהאַטע חצופות, אָנגעטועטע אין קורצע קליידלעך, אָנטפּלעקן נאַקעטע פיס, אַזש אַ שטיק פאַר די קני. האַלב־דעקאָלטירטע פּלייצעס און דרייַפערטל ברוסטן. קומען צו דער אַרבעט מיט אָנדאָלירטע האָר, געמאַליעוועטע פּנימער, באַשפּריצטע מיט פּערפומען. יאָ, חילול־שבת איז דאָ אַ קלייניקייט, נישט ווערט אַ פּיאַסטער. אין טעאַטערס, קינאָס לערנט מען רציחות, ניאופן, עובר זייַן אויף גילוי־עריותן. מ׳פּרעסט טרפות. אין שבת רייכערט מען פּאַפּיראָסן בפרהסיא. צוליב די אָן סצענישע שפּילערייַען מערט זיך, וואָס אַמאָל די בגידותן. מיט איין וואָרט: מ׳פירט זיך אויף, ווי גויים, לא עלינו. רבי בענדיט, קלערט מיר אויף: ווי קומט כּפירה צו גאולה? טענהן דאָך די גלחים, אַז מ׳וועט זיך אויפפירן ווי גויים, וועלן זיי אונדז מער נישט טשעפּן? איז וואָס־זשע דער אויפטו פון ציוניזם?

פאַראַן אין לאַנד נאָך אַ צרה: ווי אין די קליינע שטעטלעך קומען דאָ פאַר כּסדרדיקע אַמפּערייען. בעיקר אין חברות, אין מוסדות, פּאַרטייען.

מ׳האַלט זיך אין איין אַרומרײַסן. די תאווה צו כבוד, צו געלט און פאַרגעניגנס איז דאָ פּונקט ווי אין גלות. כּמעט יעדערי איז מקנא שכנים, פריינט, וואָס זענען מצליח, טוישן דירות, קויפן מאָדישע, אויסלענדיקע קליידונג, נײַע שטוב־זאַכן, מ׳וויל זיי איבערשטייגן, לעבן בעסער, שענער, באַקוועמער, קליידן זיך עלעגאַנטער, אַלצמער געניסן פון לוקסוס. קאָנען דאָך נישט אַלע פאַרדינען אַזויפיל געלט דערצו, קומען טאַקע פאָר, וואָס אַמאָל מער גנבות, שווינדלערייען. לעצטנס שוין אַפילו רציחות. מ׳באַפאַלט זקנים, בײַ וועמען מ׳רויבט צו די לעצט־אָנגעטשילעטע פאָר פונט. יאָ, דער ישוב פאַרדינט גאָרנישט אַזויפיל, וויפל מ׳ניצט אויס. דאָ פעלט יעדן שטענדיק צו אַ טאָג צו דער וואָך. יעדער באַרגט געלט און די היגע קהלישע פאַרזאָרגערס האַלטן בײַ אַמעריקאַנער ייִדן אין איין מאָנען, זיי זאָלן דעקן די פאַרטאַכליעוועטע געלטער אויף אַ לוקסוסאַרטיקן לעבנס־שטייגער. למען השם טײַטשט מיר אויס. געהערט דאָס אויך צו גאולה־סמנים ? די מחלוקתן צווישן די עדות איז סכנותדיק. איז דאָס אַלץ סמנים אויף עקבותי דמשיחא ?

מן הסתם ווייסט איר שוין, אַז יעדער מוז דאָ געהערן צו אַ פּאַרטיי. אויב נישט איז מען פּשוט פאַרלוירן און אַז מען געהערט שוין צו אַזאַ חברה, מוז מען זיך דאָרט אויך קויפן פערזענלעכע גוטע ברידער, וואָס זאָלן דיך שטיצן אין עת־צרה. איר ווייסט דאָך: ,קנה לך חבר׳ — מוז עס קאָסטן. ,בחינם עסן די כינים׳, האָט געזאָגט מײַן מאַמע ע״ה. איבערהויפּט איז ווינטשנסווערט זיך צו חברן מיט רעדל־פירער. מ׳דאַרף זיך אָבער היטן די ביינער נישט צו קריטיקירן די פּאַרטיי־מאַכערס. אין אַלגעמיין מוז מען דאָ צו יעדן רעדן שטיל, ווי דורך זײַדן־טיכל. זיך היטן קיינעם נישט זאָגן זײַנע חסרונות. יעדער עסקן, אַפילו דער קלענסטער, האָט ליב אַ ביסעלע חנופה. אויב טאַדלסט אַזאַ איינעם, אָדער קריטיקירסט דעם אָנגענומענעם ישובס דרך, ביסטו פאַרלוירן. פאַרשאַפסט דיר ביטערע, נקמהדיקע קעגנער, שונאים, וואָס וועלן זוכן געלעגנהייטן דיר אונטער־צושטעלן אַ פיסל און דיך קורע כדג זײַן.

פאַראַן דאָ גרויסע און קלענערע חברות און פּאַרטייען. יעדע אָרגאַניזאַציע מיינט, אַז זי, איר דרך איז דער ריכטיקסטער. אַלע פּאַרטיי־פירערס רעדן אײַן דעם עולם, אַז נאָר זייערע אידעען זענען פעיק צו לעזן אַלע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און בטחון־פּראָבלעמען. צוליב דער אײַנגעבילדעטקייט קעמפט מען פאַרביסן קעגן אַנדערע פּראָגראַמען. אויך אין די חברות איז נישטאָ קיין אחדות. אויבנאויפיק הייסט מען ,חברים׳,

אָבער אינעווייניק אַמפּערט מען זיך. יעדער, וואָס האָט מוט צו דרשענען אויף פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענקונפטן שטרעבט צו ווערן אַ מנהיג, זיך ארויפכאַפּן אויפן בענקל, ווערן דאָס אויבערשטע פון שטייסל. די יאָרן־לאַנגע סטאַבילע מאַכערס האָבן שוין נסיונדיקע שטער־מיטלען אָפּצושטויסן די קאָנקורענטן. די אַנטוישטע, וואָס איבערצייַגן זיך, אַז זייערע אויסזיכטן זענען נישט דערגרייכבאַרע, קלערן אויס „נייַע פּראָגראַמען" און מ׳שפּאַלט זיך. צוליב קנאה, שנאת־אחים ווערן דאָ יעדעס מאָל געגרינדעט נייַע חברות, פּאַרטייעלעך, וואָס וואַקסן ווי שוואָמען נאָך רעגנס. איר ווייסט דאָך: דורכגעפאַלענע, אַנטוישטע נקמה־נעמערס פעלן נישט.

רבי בענדיט היקר. למען השם, פאַרן עולה זייַן זוכט אייַך אויס עפּעס אַ פּאַרטיי. בעסער איז אַ גרויסע. זייַט דאָרט פרייַנטלעך, אַקטיוו. איר האָט שוין דאָס פון לאַנג געדאַרפט פאַרשטיין. אָבער בעסער שפּעטער איידער קיין מאָל נישט. מאַכט דאָס, וואָס שנעלער. אויב נישט קאָנט איר זיך דאָ, חס ושלום, אַרומדרייען פּוסט־און פּאַסט. קיין סוחר קענט איר דאָך דאָ נישט ווערן. אויך קרעמערס גוויטיקן זיך דאָ אין געזעלשאַפט־לעכער הילף. אויף תרגום־לשון הייסט עס: פּראָטעקציע".

בענדיט האָט שטרענג אָנגעקוקט זייַנע תלמידים. זיי האָבן געמיינט, אַז ער וויל מער נישט ממשיך זייַן. ער איז אַוועק פון טיש. געבן ספרים־שענקל אַרייַנגעבליקט אין אַ ספר.

„איך קען אים גוט", האָט ישראל באַמערקט: „ער האָט נישט חרטה. אַדרבא, קאָן אונדז אויפהאַלטן ביז אָוונט. אבי ענדיקן דעם לאַנגן, ווייניק־חידושדיקן בריוו. ווען וועלן מיר לערנען די מסכתא בבא בתרא?"

און אַזוי איז טאַקע געווען. בענדיט איז צוריק געקומען. געשמייכלט: „צ׳זענט שוין דאָך דערוואַקסענע בר־מצווה־בחורימלעך. איר קאָנט פאַר זיך לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. אפשר ווער פון אייַך לייענט שוין בלעטער אויך, מעגט איר הערן סתירות־מחשבותן אין עטלעכע בריוו און דאָס איז אַ מחבר פון מאמרים אין אַ ירושלימער בלאַט". ער האָט ממשיך געווען דאָס לייענען:

„אין די פּאַרטייען ווערן די בעסטע כּוחות געפּטרט אויף אינטריגעס. די אַראַבער מערן זיך, ווי מערישקעס, ווערן שטאַרקער און סכּנותדיקער. מיר דאַרפן אחדות און מ׳קריגט זיך און מ׳שפּאַלט זיך. אפשר קענט איר אויסטייטשן צי דאָס זענען אַלץ סמנים פון ערב־גאולה? אָדער גאָר משיח וועט טאַקע וואַרטן אויף אַ דור שכּולו זכּאי, וואָס, לכל הדעות,

וועט נאָך דויערן ווער ווייסט ווי לאַנג. אוי, כ׳זאָל נאָר נישט געשטרויכלט ווערן מיט מרה־שחורהקע מחשבותן, וואָס עגבערן מיין מוח. אונדזער פּוח איז דאָך בלויז דער מוח. די חכמה, די אמונה, וואָס נאָר מיט זיי איז מען גובר די אַראַבער. וועט, חס ושלום, אונדזער כּוח, גאָט זאָל אָפּהיטן, ווערן שוואַכער, צוליב קנאָה, שנאַת־אַחים, קען חלילה געשען, אַז מיר וועלן מער נישט זײַן מסוגל באַקעמפן אַזויפיל אַראַבישע מדינות, וואָס פאַרמאָגן רײַכע נאַטור־אוצרות, מיט וועלכע זיי קענען קויפן די געציילטע, פרײַנטלעכע מדינות, וואָס ס׳וועט זיי נישט לוינען אונדז צו שטיצן ?״

בענדיט האָט טיף געזיפצט. זײַן פּנים האָט אויסגעדריקט צער, זאָרג. די ייִנגלעך האָבן אויף אים געקוקט מיט טרויעריקע אויגן. שטיל האָט ער פאַרגעזעצט דאָס לייענען: „אפשר צוריקגעשמועסט דאַרפן אַזוי זײַן די חבלי־גאולה ? איר מעגט וויסן: אין די לעצט־געקומענע עולים אַמפּערן זיך קדושה מיט שׂטן־כּוחות. אין סכנות־טעג זענען דאָ אַלע ייִדן צוזאַמען. יעדער איז גרייט אַוועקצוגעבן ס׳גאַנצע פאַרמעגן, ס׳לעבן פאַרן לאַנד, פאַר פאַרטיידיקן יעדן ייִדן. אָבער ווי נאָר עס ווערט אַביסל רויקער, באַנײַען זיך די מחלוקתן, קנאָהדיקע שטרעבונגען. איינער וויל דעם צווייטן אַרויסרייסן דעם לעצטן ביסן פון מויל. האָב איך טאָקע מורא: טאָמער וועלן די אַראַבער אויסניצן אַ שאַרפן מחלוקת־מצב און אונדז אָנגרײַפן, וועט דאַן דער ישוב האָבן געגנוג גבורה, פאַרנונפט, ווי תּמיד זיך העלדיש צו פאַרטיידיקן ? זיי באַקעמפן ? ענטפערט אײַער מיינונג.

פאַרגעסט נישט זיך פאַרשרײַבן אין אַ פאַרטיי.

זײַטס געזונט. אײַער י. אַלטער״.

צומאָרגנס, פרייטיק, אַ זייגער עלף, נאָכן מסביר זײַן עטלעכע סוגיות אין „בבא בתרא״, האָט בענדיט זיך געוואָנדן צו די תּלמידים, זיי זאָלן אויסהערן אַ גאָר טשיקאַוון בריוו:

„לכבוד הרב הגאון רבי בענדיט נ״י.

אַלס ענטפער אויפן בריוו וועגן אײַערע פּרנסה־אויסזיכטן, מוז איך אײַך שרײַבן, אַז מלמדות איז אין לאַנד איבעריק. ס׳רוב קינדער לערנען אין בתי־ספר. די ציונים, וואָס שטאַמען פון משכּילישע היימען, שעמען זיך מיטן שיינעם הייליקן עבר. טענהען, מ׳דאַרף איבעררײַסן מיטן גלות.

כמעט אַלע לימודים זענען חילוניים. פאַראַן אַביסל ישיבות. אָבער אויף יעדן ייִנגל זענען פאַראַן עטלעכע מלמדים. אויך שרייַבן חיבורים איז דאָ אַ קנאַפּע פּראָפעסיע. אַפּילו באַקאַנטע, מאָדערנע משוררים, סופרים, וואָס שרייַבן צוגעפּאַסט לויטן ישובס דרכים און געשמאַק פון די היגע מנהיגים, פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע. בײַ די ארץ־ישראל־ייִדן זענען שרייַבער קנאַפּע יחסנים. מ׳קוקט זיך נישט אום אויף זיי. די מאַכערס האָבן זיך אויסגעקליבן עטלעכע באַגליקטע מחברים. מ׳קאָן זיי ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. בלויז זיי איז געלונגען מצליח צו זײַן — האָבן נושא־חן געווען בײַ די פּאַרטייאישע רעדל־פירערס און בײַ די פון פּאַרטייען אַריינגעזעצטע רעדאַקטאָרן אין די בלעטער. די באַגליקטעס יצירות לויבט מען אין כמעט אַלע צייַטונגען, שריפטן, אויף מסיבות. מ׳שענקט זיי אויך מאָגערע נדבות. — דאָ רופט מען עס „פּרייַזן׳. די פון פּאַרטיי־הערשערס פּאַטענטירטע „בר־סמכא׳־קריטיקערס פּאָפּולאַריזירן זייערע ספרים אַלס „בעסט־סעלערס׳ (וואָס די ווערטער באַדייטן, קען איך אייַך נישט מסביר זײַן. כ׳ווייס אַליין נישט דעם ריכטיקן פּירוש), רעקאָמענדירן מ׷זאָל קויפן די ספרים, אויך זיי לערנען אין די שקאָלעס. די רעשט שרייַבערס, אַפּילו מער טאַלאַנטירטע ווי די ווילגעפעלענע, דרייען זיך אַרום פאַרצאַרגטע. צוריקגעשמועסט ווידער — דער ישוב איז קליין און מחברים זענען דאָ אַ סך, פון עם הספר איז געוואָרן אַן עם־הסופרים. ווער שרייַבט דען נישט? יעדע וואָך דערשייַנען עטלעכע ביכער. דער עולם קויפט זיי דען? אַ ספּעציעלע ביטערע מערכה האָבן דאָ די סופרים, וואָס שרייַבן אין ייִדיש. בײַ טאָג מוזן זיי אַרבעטן, מפרנס צו זײַן די משפּחות און בייַנאַכט שאַפן זיי האַרציקע, שיינע שירים, חכמהפולע, טשיקאַווע סיפורים. ס׳רוב ייִדישע סופרים לעבן אין דחקות און פון זייערע נעבעכדיקע לוינען טשיליען זיי אָפּ אַ פונט צו אַ פונט, אַרויסצוגעבן זייערע ווערק, וואָס ווערן נישט רעקאָמענדירט אין די בלעטער. בדלית־ברירה צעטיילן זיי די ביכער בחינם. און וואָס פאַר אַ ווערטפולע ספרים! אין ישוב זענען פאַראַן אַ סך ייִדישע שרייַבערס מיט באַגאַבטע נשמות, מיט שאַרפע מוחות. אמתע טאַלאַנטן. די ייִדישע ביכער זענען ממש מחיה־נפשות. האַרציק, ייִדישלעך, נאַציאָנאַל, ממש טעמיק כצפּיחית בדבש. האָבן אָבער נישט קיין מזל. קיינער שטיצט זיי נישט. די ייִדישע סופרים־אגודה האָט קנאַפּע פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. דאָ און דאָרט זאַמלט מען אַ ביסל געלט און פון צייַט צו צייַט העלפט מען אַ טייל שרייַבערס אַרויסצוגעבן זייערע ווערק. די מנהיגים האָבן זיך אייַנגערעדט, אַז עברית וועט ברענגען די גאולה. ווייסן

גאָרנישט, אַז זייער עברית איז חלוניותדיק און די ייִדישע חיבורים זענען עכט לשונקודשדיק. — געלייטערטע ייִדישע ווערטער, היוצאים מן הלב.

יאָ. אויך די שרײַבערס האָבן באַזונדערע חברות: ייִדישע און העברעיִשע. טראָצדעם, וואָסביידע מינים קינסטלער׳ס פאַרפאַסן ספרים אין זעלבן, אָנגענומענעם ישובס גײַסט, פונדעסטוועגן האַלטן זיך די העברעער חשובער. דער עיקר: אויך דאָרט, ווי אין אַלע אגודות, מוז מען זיך אײַנהאַנדלען „גוטע ברידער". עפנטלעך, פּערזענלעך איז כדאי לויבן געיחסנטע מחברים. אויב מ׳דרייט זיך זײַטיק, ברוגזדיק, אָדער גאָר מ׳וואָגט רעדן אַ קריטיש וואָרט קעגן אַן אָנערקענטן מחבר׳ס אַ בוך, דאַן איז דעם אמתן מבינס מצב נישט מקנא צו זײַן. אין אַלגעמיין איז אין לאַנד נישט אַזוי לײַכט צו זײַן אַ ריכטיקער, אָביעקטיווער קריטיקער. איבערהויפּט האָבן אַ שלעכטע מערכה די ווידערשפּעניקע, וואָס האָבן העזה נישט שרײַבן לויטן ייִשובס אָנגענומענעם ,דרך־הישר׳. כ׳עצה אייך: לערנט אײַך אויס עפּעס אַ לייכטע מלאָכה און אַנטלויפט פון פוילן.

איך גריס אײַך האַרציק

אײַער י. אַלטער".

בענדיט האָט געעפנט די גרינלעכע אויגן, וואָס האָבן גלאַנציק אַרויס־געקוקט פון זיינע פּעכשוואַרצע, געדיכטע ברעמען. זײַן פּיצל בלאַס פּנים, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון שוואַרץ־ווײַסלעכן בערדל, איז געווען פול מיט זאָרג, האָט אויסגעזען אַנטוישט. זיך אָפּגעשאָקלט, אָפּגעטרייסלט, כאלו האָט על־פּי־טעות אין מויל אַרײַנגענומען אַ מיגלדיקע זאַך. נאָך אַ ווײַלע זיצן פאַרמרה־שחורהט עטוואָס געוואָרן באַרויִקט, אויסגעגלײַכט די ברייטע פּלייצע און סאַרקאַסטיש לײַכט געשמייכלט: „מאַי קאָ משמע לן, די אַזויפיל בריוו? מקטרג זײַן איז אַ גרויסע עברה, זענען דען ווייניק די גוישע מקטרגים. איז נישט משיג די׳ בריוו. קודם רימט ער, נאָכדעם שרײַבט גאַנצע זײַטן תוכחות. מעגלעך, אַז אַ טייל דער־שײַנונגען זענען נישט אַזוי פויגלדיק אין ארץ־ישראל. אָבער אַזוי פאַרחושכן? דער בעל־בריוו, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גאַנצן מבין, פאַרשטייט נישט אַז די דברי־שלילה זענען בולטע סמני־לידה פון באַנײַטן מלכות ישראל. פאַר יעדן נישט־פאַרענדיקטן בנין זאַמלט זיך תמיד דאָס נאָך נישט־אָפּגערייניקע בוי־אָפּפאַל. אַלע פאַר אים נישט פאַרשטענדלעכע מעשים, התנהגותן, וואָס ער וויל אויפפאַסן, וויל אויפקלערונגען, זענען

אַנטפּלעקנדיקע אַתחלתאַ־דגאולה־סמנים. מ׳דאַרף נישט אַזויפיל זאָרגן פאַרן ישוב, פאַר די דאָרטיקע ייִדן, אויך נישט פאַר מיר. מאַן דיהיב חיה יהיב מזונה. אין ארץ־ישראל לייַדט קיינער נישט קיין הונגער, אויך נישט שרייַבערס. ס׳קומען דאָרט פאַר מחלוקתן? אַזוי איז דער מענטש פון ששת ימי־בראשית. זינט אָדם הראשון און זייַן קנאָה־גאַרנדיקער, גלוסטנדיקער חוה, לייַדן אַלע בריאים פון אייפערזיכט, שנאָה, נקמה. דער י. אַלטער ספקט? יעדער איינער צווייפלט אין עפּעס אַנדערש. ווער איז דאָס זיכער, אַז זייַנע מחשבותן, התנהגותן זענען די ריכטיקסטע? יעדער אמתער בעל־תורה, בעל מחשבות מוז קודם צווייפלען, אדרבא. דער ספק איז גורם נאָכטראַכטן, זוכן לעזונגען און זעלטנווייז געפינען צייַטווייַליקע, נישט פאַר אַלעמען אָנגענומענע תשובות. אין די בריוו איז פאַראַן איין ריכטיקער אמת: זייַן וואָרענונג צו אַנטלויפן פון אַנטי־סעמיטישן פוילן, ווו די געפאַר פאַר ייִדן איז נאָענט, ממש קאַטאַס־טראָפאַל. דערמיט זענען אַלע מסכּים. ס׳איז אָבער שווערלעך איבער צו רייַסן מיט דורותדיקע געוווינהייטן. מ׳איז פויל. מ׳האָט מורא צו ריזיקירן. וואָרט מען טאָקע ביז דער חלף וועט ליגן אויפן האַלדז און דאַן וועט זייַן שפּעט. ער עצהט מיר דאָס אויפקלערן? פאַרדאגהט גערעדט: „וועלן ייִדן דאָס משיג זייַן? האָבן מיר דאָך אַ טבע צו האָפן. אין זכות פון בטחון האָבן מיר אויסגעהאַלטן מער פרעניותן פון אַלע אומות. אָבער אויך אַזויפיל געליטן צוליבן נישט גלייבן די ריכטיקע פאַרויסזעערס דראָענדיקע אמתן. צוליב שטאַרקן לעבנס־ווילן, לייקנט מען אָפּט אָפּ די ראַציאָנעל־אויפגעקלערטע דראָונגען”. בענדיט האָט זיך אויפגעשטעלט. ווי אַ טריבון פאַר פאַרזאַמלטע מאַסן פאַמעלעך און הויך גערעדט:

„אין קבלה־ספרים זענען פאַראַן אַ סך רמזים, אַז ,פוילן וועט נישט פועלן און ייִדן וועלן לייַדן׳ מ׳דאַרף אַלץ טאָן כדי עולה צו זייַן. י. אַלטערס בריוו שרעקן אים. האָט מורא צו בלייַבן אין שטעטל. ער וואָלט שוין אַנטלאָפן קיין א״י. ער וועט נישט האָבן קיין פּרנסה פון מלמדות? פון שרייַבן? האָט פאַר דעם נישט קיין זאָרג. טראַכט גאָרנישט דערפון. אויב שרייַבן וועט אַ ,קרדום לחפור בו׳ איז עס נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. כּמעט אַלע גאונימס ספרים זענען געשריבן געוואָרן לשמם — אויס־צובעסערן די מענטשלעכע בריאה און נישט צוליב אייגענע ריווחים. לויטן בריוו־שרייַבער לעבן ס׳רוב העברעיִשע און כּמעט אַלע ייִדישע שרייַבערס אין דחקות, דאָס שרעקט אים ווייניק. אַ שרייַבער מוז זייַן אַ שליח־ציבור, אַ מוכיח בשער, דאַרף אויפווייַזן שלעכטע התנהגותן, וואָרענען קעגן

געפֿאַרן, וואָס עס ברענגט מיט זיך דאָס מוסרלאָזע לעבן". געשטעלט נעבן ספרים־שאַנק. מאָדנע אויף זיי געקוקט: ,און ווער האָט דאָס ליב תוכחות? אַן אמתער מחבר מוז אויך מחדש זײַן אין פֿאָרעם, לשון, אין מחשבה. יעדער חיבור מוז זײַן מבחינת מעשה־בראשית. ס׳זאָל זײַן ראוי צו ווערן גערופֿן יצירה. זינט דורות האָט מען ליב המצאות, אויפֿטועריש תחבולותן. מ׳לײַדט אָבער נישט די דערפֿינדערס, די איבעראַנדערשערס. אָ, וויפֿל גאונישע אײַנפֿאַלן ייִדן בלויז האָבן ממש אָוועקגעשלײַדערט, די דערפֿינדערס באַקעמפֿט, רויִנירט גײַסטיק און פֿיזיש פֿאַרניכטעט. ווי שוין געזאָגט, מוזן ריכטיקע סופֿרים מוסרן. און וועמען מתרה זײַן אויב נישט קודם כּל די רעדל־פֿירערס? די קהלישע ,פֿאַרזאָרגערס?׳ און די אַ אַלע לײַט זענען דאָך אין אַלע דורות געווען און פֿאַרבלײַבן נוקמים ונוטרים! האָבן תּמיד מורא, זענען חושד, מ׳וויל צונעמען זייערע פּראָפּיטנדיקע פּאָזיציעס. בלויז צוליב פֿאַרדאַכטן, פֿאַרניכטן זיי קעגנער. אַזוי איז געווען תּמיד און וועט פֿאַרבלײַבן עד סוף כּל הדורות. ער וועט דעם פֿרײַנד זײַנעם בעטן, מער אים נישט שרעקן מיטן ישובס שאָטן־זײַטן, פֿאַר ייִדן האָט ער גאַרנישט מורא. אים שרעקט בלויז בלײַבן אין פּוילישן מקום מוכן לפּרעניות. י. אַלטערס פֿאַרכטיקע אַזהרות, אַז אין ארץ־ישראל וועט ער נישט האָבן קיין באַשעפֿטיקונג, וועט דאָרט זײַן פּרנסהלאָז, שרעקט מיך ווי דער פֿאַריאָריקער שניי".

בענדיטס פּנים איז צוריק געוואָרן פֿאַררוּאָזט. אַ ביסל צופֿרידענער געקוקט אויף די בחורימס התפּעלות, ווי זיי זיצן ערנסט, פֿאַרטראַכט, הערן אויפֿמערקזאַם יעדעס וואָרט. זיך אויפֿגעהויבן. צוגעגאַנגען צום מלבושים־הענגער בײַ דער טיר. פֿון אַ צײַגן כאַלאַטלס קעשענע אַרויס־גענומען אַ שוואַרץ פּודעלע, וווּ ס׳זענען געלעגן, זאַרגפֿעליק־פֿאַרוויקלט, רונדיקע, ווײַס־בײנערדיקע פּעדער־האַלטערס. די בחורימלעך געהייסן אַרײַנקוקן אין פּערל־גלאַנציקע, גלאָזיקע קעפּלעך, אין די פֿינקלענדיקע גלעזלעך האָבן זיי וווּנדערנדיק געזען דער כּותל־מערבֿיס פּעך באַוואַקסענע שטיינער און צווישן זייערע שפּאַלטן — אַרײַנגעשטעקטע צעטעלעך מיט רחמים־בקשות. נעבן דער טרערן־און געבעט־וואַנט געזען פּיצלדיקע סילועטן פֿון פֿונאַנדערגעטיילטע ווײַבער־קלאָגערינס און מענער־בעטערס אויף רפֿואות, הצלחות, בויטהילפֿן און גאולה. האָבן אויך גאַפֿנדיק געקוקט אויף רחלס קבֿר, די מערת־המכפּלה. פֿאַר די יונגע לערנערס איז דאָס געווען אַ פֿריידיקע סורפּריז־דערשיינונג, אַפֿילו מיניאַטוראַרטיק זען בענקענדיק־וועקנדיקע חומש־מעשהלעך אין פֿאַרבפֿולע בילדלעך. בענדיטס

אויגן האָבן זיך פריידיק בלישטשנדיק צעשטראַלט. נחתדיק געקוקט. צו די באַגײַסטערטע זיך צוגעבויגן. זיי דערציילט וווּנדער־מעשיות פון עולים־חלוצים, וואָס האָבן אים צוגעשיקט די אַ פּעדער־האַלטערס און דאָס פאַר אנערקענונג נאָכן לייענען זײַנס אַ מאַמר וועגן די אויפטוען פון די יונגע פּיאָנערן און פון פאַרשידנלענדערדיקע עולים, וואָס זענען זיך מוסר נפש בײַם ווידער אויפבויען ס׳חרובע ארץ־ישראל. האָט אונטערגעשטראָכן: „אונדזער לעצטע און אייביקע היים".

זײַנע רייד האָבן אין די יונגע הערצלעך געוועקט ליבשאַפט צום פון דורות־בענקענדיקן טויזנטער יאָרן פאַרוואָרלאָזטן ייִדישן לאַנד. פון די בחורימס נײַגער געווען צופרידן. ווי פאַר קהל גערעדט:

„די קטרוג־רייד פון די שעטנ׳ז־מחשבות־בריוו זענען קנאָפּ משפּיע. אַלץ, וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט פון גלות מצרים אָן ביזן ערשטן אויסלייז, מדבר־וואַנדערונגען, מעמד הר־סיני, אין די פּראַכטפולע מלכות־צײַטן, אין אַלע גלות־רדיפות, פּײַן־צײַטן, בושות, טראַגעדיעס, פּאָגראָמען, פאַרניכטונגען און די סכּנות, וואָס עס דערוואַרטן נאָך דעם ייִדישן פאָלק, איז אַלץ באַשריבן אין ספרים. מ׳דאַרף בלויז זיך באַמיען משיג צו זײַן די רמזים, די טיפבאַהאַלטענע אַזהרות. ייִדישע סופרים האָבן קיין מאָל נישט מחבר געווען סתּם ווערטער, פּסוקים. אַפילו ספרימלעך פון הײַנטיקע מחברים דאַרפן אויך זײַן בחזקת תּורת־חיים. וועגן ארץ־ישראל? ווער ס׳איז עולה, דאַרף אויך זוכה זײַן צו עלית הנשמה. בעוונותינו הרבים אָבער איז נישט יעדער דערצו זוכה. פאַראַן עולים, וואָס נעמען מיט זיך מיט די גלות־נשמות. ווי אַ שטייגער דער בריוו־שרײַבער. אַזעלכע זענען בלויז משיג דעם אויבערפלעכלעכן פּירוש פון חיבורים, געווידמעט גאולת הארץ והעם". ער האָט דעם שמועס פאַרענדיקט: „הלוואי זאָלן ייִדן אין פּוילן ראוי זײַן אויפצופּאַסן די לויערנדיקע סכּנות און פון דעם אַרויסנעמען שנעלע הצלה־מסקנות".

פאַר די ייִנגלעך זענען בענדיטס רייד און אַ גרויסער טייל פון די בריוו געווען קנאַפּ־פאַרשטענדלעך. בענדיט האָט זיך נוהג געווען זײַנע שמועסן, דרשות און אײַנפאַלן פאַרצייכענען. טייל אַפילו אָפּגעדרוקט אין קונטרסים. אז י. זקון האָט שוין געלערנט „פאַר־זיך" אין פּיאַסעטשנער רביגס שטיבל, האָט ער דאָרט געפונען דעם רבנ׳ס כּתב־ידן, עטלעכע בריוו, אַרײַנגעלייגטע אין „ספר המדע" פון רמב״ם און זיי בדחילו ורחימודיק געלייענט.

ישראל האָט פון הינטער זיך, אין שפּיגל דערזען דעם טרויעריקן,

וויַיס־געקליידטן דוביק, וואָס האָט מיט די לינקע האַנט־פינגער געגלייַכט זייַן צעפלאָשעטע, טונקעלע טשופּרינע, וואָס איבערן הויכן, ברייטן שטערן. געגלעט די טיפע פּנים־קנייטשן. געקוקט מיט פאַרזשמורעטע, מאַט־ברוינע אויגן. אים געוויזן דעם וואַנט־זייגער. געשעפּטשעט: „אין דער איינזאַמ־קייט, טויטער שטילקייט זיך דערמאַנט נאָך קינדער־זכרונות. גוט וואָס מייַן דערציילן האָט דיך אָנגערעגט און אויפגעוועקט דייַן שרייַב־לוסט. זעסט די שעה? אַ שאָד אַזויפיל ווערטער. אייביק וועט מען אייפעריק פאַרטיידיקן פאַרשידענע אויסגעטרוימטע „אמתן". דאָס איז באַלזאַם, וואָס פאַרטושט צייַטווייַליקע קיום־ווייען, פאַרטויבט, שיכּורט, ווי אָפּיום. מיר פאַרגעסן: די שונאים הערן נישט אויף צו וואַכן. פּלאַנירן גזרות־רעות, רדיפות, אומקומען. כ'האָב מורא מ'וועט פאַרשפּעטיקן. ווער וועט אונדז ראַטעווען?"

ה

י. זקון האָט יאָרן דוביקן נישט געזען.

אויך אין אַ עשׂרה בטבת־באַגינען איז ער געווען אין אַ שטימונגלאָזן, מטושטשן מצב. ווידער נישט געוווּסט וואָס צו שרייַבן. געהאַט צער, אַז דאָס נעכטיק־געשריבענע איז נישט לויט זייַן געשמאַק און לויט אין תּל־אָבּיבער אוניווערסיטעט געלערנטע ליטעראַטור־תּורות. איז געזעסן פאַרגאַפּיעט. און ווידער איז דוביק דערשינען. אים געפרעגט: „ווילסט הערן אַ געפונען איכה־קאַפּיטל? הער זיך איין:

דופּטיקער, פרילינג־צעגרינטער, בלוילעך, אַביסל זון־באַגאָלדיקטער מאַי־באַגינען. דאָס פּיצל פאַרוואָלקנטע הימל־דעקל איבערן יידישן קוואַר־טאַל אין שטעטל ג., האָט זיך קוים, קוים לאַנגזאַם געהעלט. די וואָס אַמאָל פאַרטאָגיקע צעליכטיקייט האָט זוניק צעבלאַנקט דעם איבערן שטעטל־געהויבענעם קאָטשאָל־קופּאָל מיטן שאַרף־שפּיצלדיקן צלם, מער געטונקלט די באַוועגלעכע, צונויפגערוקטע, פאַראייניקטע כמאַרעלעך איבער קרומלעכע, ווי צונויפגעטוליעטע כאַטקעס אין יידישע געסלעך.

פון שאַריענדיקע, שמאָלע, בערגיק און טאָליק־שלענגלדיקע שטעגלעך זענען פויערים אין שאַרע באַנדעס, פויערטעס, פאַרטוליעטע אין קאָליריקע פאַטשיילעס, אַרייַנגעפּאַרן אויף סקריפּנדיקע וועגענער, אָנגעפּילטע מיט גאָגערדיקע גענדז, קרייענדיקע הענער, קוואָקענדיקע הינער, מעקנדיקע שעפּסן, האָלדערנדיקע אינדיקעס, הילצערנע שעפלעך מיט סמעטענעס, מילך, קעזן, פּרוכטן, גרינוואַרג. די געשרייען פון די בעלי־עגלות, פערד און בעלי חיים האָבן אויפגעוועקט די ווייניק־געשלאָפענע, יידישע מאַרק

און יריד־קרעמער, וואָס האָבן זיך ראַפּטאָם אויפגעכאַפּט, אָפּגעגאָסן נעגל, זיך אָנגעטאָן, געוואַשן הענט, פּנימער, מויל. שנעל אָפּגעדאַוונט. הענדום־פּענדומדיק אַרויס פון די צמצום־דירהלעך אין הילצערנע, שפּל־געבויגענע הײַזקעס, פאַרדעקטע מיט געלעכערטער פּאַפּע און מיט טונקל־פאַרטרוקנטע, טײַלווײַז צעבראָכענע שינדלען און געל־פאַרזשאַווערטע בלעכערנע, משופּהדיקע דעכלעך. פון טייל פאַרסאַזשעטע ציגל און רערלעך־קוימענס האָבן קרעפּטיק, הויך־אַרויסגעשלענגלט טונקל־געדיכטע רויך־קנוילן מיט צעשפּריצטע פונקען און פון אַנדערע — שוואַכע שאַרע קאָפּטשערײַען, וואָס האָבן זיך קוים, קוים, שוואַך געהויבן, באַלד געוואָרן צעשווומען, צערונען, פאַרשוווּנדן. גרויסע, ברייטע פענצטער, פאַרדעקטע מיט קאַליריק־געבלומטע גאַרדינען, האָבן זיך צעליכטיקט פון אָנגעצונדענע עלעקטערישע זשיראַנדאָלן־לעמפּ. אין וויַיניקער חשובע שטובן האָט מען, פון האַלב־געעפנטע לאָדנס געמערקט: נאַפּט־לעמפּלעך, פלעמלדיקע גאַגאַלעך האָבן עטוואָס געברוינט די געשטיקעוועטע שײַבלעך־פענצטערלעך, אַביסל פאַר־שטעלטע מיט קאַליריק־געבלומטע, לײַוונטענע און מעטקאַל־פאַרהענגלעך. אין שטיבלעך האָבן אויפגעוואַכט קרעמער, זייערע מידע ווײַבער, עלטערע קינדער און אָנגעהויבן זייערע מיפּולע, קיום־געראַנגלעניש.

פון אַלע, אין שטעטל אַרײַנפאַרנדיקע וועגן, שטעגלעך אויף אויס־ברוקירטע ציגל־פאַרמיקע שטיינער איז געווען אַן אימפּעטיק פאָרערײַ, גייערײַ צום רונדיקן שטאָט־מאַרק. אין טייל צעליכטיקטע פענצטער, אין פאַרטער און אין איינשטאָקיקע הײַזלעך, האָבן זיך באַמערקט געבויגענע, באַוועגנדיקע סילועטן בײַ ניימאַשינען, סטאָלער און שוסטער־וואַרש־טאַטלעך. יעדעס מאָל האָט זיך געהערט קלאַפּנדיק אַ סקריפּערײַ פון אַ געעפנט געוועלבל, גײַציקע געדינגערײַען פון הענדלערס מיט פּויערים. צום מײַנסט רעש איז געווען אין מיטן מאַרק, נעבן גרינשליימיקן פּלומפּל מיטן אויסגעקרומטן, אײַזערנעם חזיר־קאָפּ, פון וועמענס פּיסק ס'האָבן כסדר געטריפט קראַפּלעס וואַסער. ווי אין אַ בינשטאָק האָט דאָרט געטומלט. ייִדישע פּרנסה־זוכערס האָבן פלײַסיק געמשא־ומתנט מיט דאָרפישע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּאַרקויפערס. טייל האָבן געדונגען קעסטל־פאַרמיקע, הילצערנע וועגענער, איינגעשפּאַנטע מיט דיק־באַפליישטע, הירזשנדיקע פערד, אָוועקצופאָרן מיט טאַנדייט און קאָנפעקציע סחורות אין נאָענטע שטעטלעך אויף וואָך־יאַרידים.

וואָס מער דער פרימאָרגן האָט זיך צעליכטיקט, אַלץ פילדערנדיקער איז געוואָרן. פון רוב צעעפנטע קרומלעך־הענגענדיקע, אָפּגעבליאַקעוועטע,

הילצערנע לעדנדלעך, האָט זיך פון פענצטערלעך געהערט אַ בראַזגערײַ פון בלעכערס, שוסטערס, אַ גרילצערײַ פון האַנט־זעגן, אַ סקריפּערײַ פון הובלעס און ריטשנדיקע, עלעקטערישע שנײַד און הובל־מאַשינדלעך. דאָס אַלץ איז באַגלייט געוואָרן מיט מעלאָדישע, יידישע געזאַנגען פון באַגינען־אויפגעשטאַנענע האָראָפּאַשניקעס. פון טייל שטובן האָט זיך געהערט טענות־געפּילדערײַען פון צו פרי־אויפגעוועקטע ווײַבער, וואָס האָבן מידע אָנגעהויבן זיך פּאָרען בײַ ליימיקע און ציגל־קעכלעך. נערוועזע הוסטנדיקע צעבלאָזן קוים־ברענענדיקע העלצלעך, טאָרף, קוילן. אויף די פּײַערלעך געקאָכט גערייטשטע גריצן פּאַר זייער אײַלנדיקע מענער אויף אָנצובײַסן און מאַכלים מיט צו נעמען אויף אונטערוועגנס.

פּאָר טייל הײַזלעך האָבן זיך אָפּגעשטעלט קאַסטנפאָרמיקע וועגענער. פלינקע מענער האָבן אין זיי אויסגעשפּרייט פּלאַכטעס, פּלאַנדעקעס. דאָרט אײַליק אַרײַנגעפּאַקט קאָנפעקציע, שוך־סחורות. יעדער איינער האָט זיך באַמיט וואָס שנעלער פּאַר אַנדערע, פריער אָפּצופּאָרן, אויף מערק צו כאַפּן אַ גוטע שטעל, אין צענטער, נעבן די שורות בײַדלעך אויפצושטעלן אַ צעלטל פון מיט שטריקלעך־צוזאַמענגעבונדענע ד׳רענגלעך, לײַסטלעך, אַרום און איבער זיי פּאַרשטעלן, איבערדעקן מיט שטײַפע, נישט־דורכ־נעצנדיקע פּלאַנדעקעס. אין די פּאַלאַטקעס אויף סטאַלינגעס אַרויפגעלייגט ברעטלדיקע פּלאַטעס. אויף זיי סאָרטירט קלענערע טאַנדייט־אַרטיקלען. די גרעסערע אויפגעהאַנגען אויף האָקעס אין דיקע לאַטעס.

אַז ס׳איז געוואָרן גוט ליכטיק האָט זיך פון צײַט צו צײַט אין געסלעך געהערט געוויין, מונטערע קולות פון קינד׳ער, פון יוגנטלעכע, וואָס גרייטן זיך גיין אין „חדרים״, שולן , חסידים־שטיבלעך, בתי־מדרשים, אַרבעט־וואַרשטאַטלעך.

ו

נישט ווייט פון דעם האַרמידערנדיקן קיום־פּאַרמעסט, פּרנסה־אײַנרײַסערישע פּילדערײַען, האָט זיך געהערט אַ פאַרבענקט כאָראַל־געזאַנג פון „פּאַרזיך״־לערנערס, שחרית־בעטערס, אויסקרעכצנדיקע ניגונים פון תהלים־זאָגערס אין קליינעם בית־המדרשל. פון פינצטערע באַגינענס האָבן דאָרט התמדהדיק געלערנט בחורימלעך, געענדיקטע „הויכע חדרים״, קעסט־עסערס, זקנים. פּאָר צעעפּנטע גמרות, יורה־דעות, און סתם ספרים זענען זיי געזעסן פאַרמחשבותט, עקסטאַזיק זיך געשאָקלט, געוויגט, געברומט, געגאַרט אויפצופּאַסן שאַרפע, באַהאַלטענע כוונות, רעיונות, פּלפּולדיקע שקלאָ וטריאָעס, קאָמפּליצירטע פּשטלען. ספּעציעל האַרציק

אויסגעזוונגען פאַרשטאַנענע שטעלן. יעדעס בחורל, יונגערמאַנטשיקל האָט זײַן לערנען אויסגעניגונט לויטן לעצטן רבינס אָדער טאַטנס זמרל. אַלע פאַרשידענע מעלאָדיעס האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין מעלאַנכאָלישער תּפילה־קאָמפּאָזיציע, אין אַ כאַראַל הללדיקן פאָלקס־ניגון. די גאָך יינגערע פאַרזיך־לערנערס זענען געזעסן בײַ צוויי גרויסע, ברייטע, ברעטלדיקע טישן, נעבן קליינע, תּמיד־פאַרשטויבטע פענצטערלעך אין ביידע אָרון־קודש־זײַטן. בײַ אַ שמאָל, לענגלעך טישל, נעבן בלוילעך־באַקאַלכטן אויוון, זענען געזעסן עטלעכע זקני־עיר. טאָג־איין, טאָג־אויס געלערנט משניות, געיאָמערט תּהלים, מעין געווען אין „עין־יעקב״. געזוכט, קאָנטראָלירט דינים אין „שולחן־ערוך״. אין אָפּטע הפסקות זיך דערציילט מופתים־מעשהלעך פון אַמאָליקע צדיקים, פּערזענלכע זכרונות פון פאַרשווונדענע שמחות און עצבות־צייטן.

דב אַלטער, אַ נידעריקער, דאַרער אַלמן איז דאָ געווען אַ שטענדיקער לערנער. אין דעם אָ פאַרכמאַרעטן פרימאָרגן האָט ער נישט געקענט אײַנזיצן. אַלע ווײַלע זיך אויפגעהויבן, עטלעכע טריט געשפּרײַזט. צוריק געזעצט. געזיפצט, געקרעכצט: ,שמעו, והאזינו, אל תגבהו! אוי וויי, כי נשבה עדר יהוה׳. זיך אויסגעלײַכט. ס׳רויטע טיכל געלייגט אויפן ספר ,ירמיהו׳. איז ראַפּטאַם אויפגעשטאַנען פון זײַן שטענדיק אָרט ביים עק טישל. אַ הין און אַ הער געשפּאַנט איבערן בית־המדרשל. אייניקע מאָל זיך אָפּגעשטעלט. געדמיונט. צוגעגאַנגען צו ארון־קודש. זיך צעשאָקלט, צעוויגט זײַן דיק, הויט־און־ביין גופל, אין אַן אַלט, צײַגען אָפּגעבליאַקעוועט כאַלאַטל, אַרומגעבונדן מיט אַ געפלאָכטענעם, זײַדענעם גאַרטל. איז געוואָרן צעהתלהבותט, צעוויכערט, ווי אַ ביימל, אַ פּאַרטריקנטס פון ווינטן, אין אַלע זײַטן געבויגן אויפן פעלד. צום מאַטבאַקאַלכטן ברעטלסופיטל עטלעכע מאָל געהויבן זײַנע לענגלעכע הענט, געשאָקלט מיטן לינקן ווײַזפינגער, ווי וועמען געוואָרנט. שטיל געקרעכצט. אַרײַנגעמורמלט אין די פאַרשלאָסענע טירלעך, פאַרהאָנגענע מיט אַ גראַנאַט־סאַמעטן פּרוכתל. דרך־ארצדיק זיך עטוואָס דערווײַטערט. טרויעריק געקוקט אויף די באַגאָלדיקטע פאָדעם־אויסגענייטע, שוין אַביסל צעדריוולטע, גאָטלויביקע ווערטער און אויף די לייבן מיט די אַרויסגעשטעקטע צונגען צו ביידע זײַטן לערנערס בײַ די טישן. איז אַ ווײַלע סתם געשטאַנען. געקוקט מיט פאַרגלייצטע אויגן. שטיל־דבקותדיק געתּפילהט, ס׳זאָל, חס ושלום, נישט געשען קיין שום שלעכטס אים, זײַנע קינדער. דאָס מאַטע, געלבלעך־גרויע, באַפּאָהטע, שיטער אַרומגעבערדלט, צעקנייטש פּנים, פאַרוויקלט

מיט אַ פּרוכת־עק. מיט געפּויסטע הענט געקלאַפּט אין די פאַרהאָנגענע, געשלאָסענע אָרון־טירלעך. אַהין אַרײַנגעשעפּטשעט, געזיפצט, שטיל געוויינט. זיך אויסגעטענהט מיטן בורא־עולם. אים געבעטן רחמים, ס׳זאָל אין שטעטל קיינעם נישט געשען קיין שום שלעכטס פון אָנגערייצטע שונאי־ישראל.

אַז ר׳איז אַוועק האָט זײַן שתי־וערב־צעפּאַלדעוועט פּנים געפּלעמלט. די מאַט־ברוינע אויגן זענען געווען צעגלאַנצט פון טרערן. אויף ס׳ניַי זיך אומגעקוקט אין אַלע זײַטן. פאַמעלעך געקראָכן מיט זײַנע קורצע, גערונ־דיקטע פיסלעך אין צעקנייטשטע, מיט טראָן־באַשמירטע, גלאַנציקע שטיוול. ווײַזט אויס — געוואָרן מיד. אָפּגעשטעלט זיך. פון בוזעם־קעשענע אַרויס־גענומען אַ געל־ביינערדיק טאַבאַק־פּושקעלע, עס צוגעגנאָענט צו דער נאָז. אַרײנגעאָטעמט דעם שאַרפן ריח. מיט טונקעלע פינגער־שפּיצן אַרויס־גענומען ברוינעם טאַבאַק, אים אַרײנגעשטופּט אין די באַהאָרטע, פאַר־ברוינטע נאָזלעכער. גערעדט צו זיך. געמאַכט העוויות, ווי בעתן אויסטײַטשן אַ חריפותדיק פּשטל.

די זיצערס בײַם אויוון האָבן דבן אָנגעקוקט. נישט תּופס געווען, וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט, טראָץ דעם משער זײַן זיך, אַז עס מאַטערן אים דאגות, ר׳אַמפּערט זיך מיט טרויעריקע מחשבות, האָבן זיי אים נישט געוואָלט פרעגן. זאָרגעוודיק אים נאָכגעפאָלגט. געוואָלט אויפפּאַסן זײַן אויסנעמלעכע אויפפירונג. „ר׳ דב, איר רײַסט דאָך עפּעס אײַן וועלטן. וואָסי? חס ושלום עפּעס אַ מילער אין דער משפּחה?” האָט בעריש מאַן, דער געכאַפּטער אין השׂכּלה, נישט מער געקאָנט זיך אײַנהאַלטן. מיט העל־באַהאָרטע דלאָניעס צענומען זײַן לאַנג, געדיכט, גרוילעך, טונקל בערדל און ווידער געפרעגט: „וואָסי מיר טאָרן נישט וויסן?”

„ר׳ בעריש, איר זענט, זאָגט מען אַ יודע־ספר. אפשר וועט איר מיר קענען פּותר־חלום זאַן? אוי, ס׳זאָל מע אָסגיין צי גויימס קעפּ. דעם נעכטיקן בעל דרשרס רייד, אַז דער ימח־שמויניק, היטלער, וויל אומברענגען אַלע ייִדן אין גאַנץ פּוילן, האָט מען נישט געלאָזט שלאָפן אַ גאַנץ פעליקע נאַכט. פאַרטאָג קאָם אײַנגערדרימלט, און באַלד דאַכט זעך מיר: גויים פון דערפער זענען זעך אָנגעפאָרן, ווילד געלאָפן אין ייִדישע קלייטלעך, דירות. דאָרט גערויבט, געמימתט. געמאַכט אַ וויסטן סך־הכּל. ר׳ בערל, דעם בעל דרשרס יעדעס וואָרט איז לאָטער אמת. אַ ייִד פאָרט אַרום די גאַנצע וועלט. הערט אַ סך נייעס. זעט זעך זיכער מיט גדולי הדור. האָט מן הסתם אַן אַנונג, וואָס ס׳טיט זעך אין דער וועלט. כ׳מיין

ר׳איז גערעכט. נישט בלויז ייִדן אין דאַטשלאַנד האָט דער צורר אומגעבראַכט. אַביסל שפּעטער וועלן מיר זאָן ס׳כפּרה־הינדל. ס׳האָרץ זאָגט, מ׳איז אין אַ גרויסער סכּנה. און קיינער מאַכט זעך דאָ נישט וויסן. מ׳האַנדלט, מ׳לערנט. מ׳קריגט זעך אַרום צוליבן ביסל כּבוד, מ׳שטייגס געזאָגט. יעדער ראַסט זעך צו ווערן ס׳אויבערשטע פון שטייסל. מ׳טראַכט גאָרנישט וועגן אונדזער מצב. קיינער טיט נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער זעך צי ראַטעווען. הלוואי מ׳זאָל ניצול ווערן פון די פּרעניותן, וואָס ס׳קענען ברענגען די ייִנגע שנעקעס״.

„וואָס מיינט איר מיט די לעצטע ווערטער ?״

אַלטער האָט געהויבן די לינקע פּאָלע פון כאַלאַטל, אויסגעשפּרייט זי אונטער זיך, אויפן בענקל בײַם סוף טיש. זיך געזעצט. מיט דער לינקער דלאָניע געווישט דעם געלבלעך, טיף־צעפּאַלדעוועטן שטערן, ווי אַ צעקנייטשט, אַלט שמות־בלעטל. געזעסן פאַרטראַכט, ווי בשעתן אַרײַנ־קלערן אין אַ פּאָר אים נישט־פאַרשטענדלעכער גמרא־סוגיה. זיך חידושדיק אַרומגעקוקט. געגאַפּיעט אויף די יונגע, התלהבות־צעשאָקלטע לערנערס, געקוקט אין ביידע אָרון־הקודש־זײַטן, אין די פאַרשטויבטע פענצטער־שײַבלעך, דורך וועלכע מ׳האָט געזען, ווי דורך טונקל־דורכזיכטיקע פאָרהענגלעך, אַ שמאָלן דעמערדיק־פאַרוואָלקנטן הימלפּאַס. די גרויע פּאַמעלעך־שווימענדיקע, צעפּליקטע כמאַרעס האָבן זיך פּאַמעלעך באַוויגן לאַנגזאַם זיך געפּאַרעמט, געשטאַלטיקט ווי ווילד־לויערנדיקע בעסטיעס. אַלטער האָט אויף די וואָלקן־„חיות״ געקוקט. געזיפצט, געשפּילט מיט שוואַרצזיידענע גאַרטל־טראָלדן. געווישט די פײַכטע אויגן. ווידער אויס־געגאָסן זײַן פּחדפול האָרץ:

„צ׳הערט ? אַז מ׳איז געווען יושבי־אוהל, זעך אָפּגעפּירט לויט ,בחוקותי תלכו׳ האָט זאָן ליבער נאָמען אינדז אָפּגעהיטן. קאָ האָניק, ווייסט עטץ דאָך, האָט מען קיינמאָל נישט געלעקט. ס׳רוב האָט מען תּמיד געלעבט אין דחקות. כּסדר מורא געהאַט, פאַר גויים און טאָקע פון זיי אויסגעשטאַנען גזרות־רעות, פּרעניותן, עלילות־דם, בזיונות, פּאָגראָמען. זײַן ליבער נאָמען האָט תּמיד געהאַט רחמנות און מציל געווען. ר׳האָט דען געהאַט אַ ברירה ? ווער איז אים אַזוי געטרײַ, ווי מיר ? האַנט, אַז די אַפּיקורסות, די טומאָה איז גובר בעיקר אין דאַטשלאַנד, ווי ייִדן האָבן געלעבט ווי גויים, איז געקומען אַ היטלער, וואָס איז ערגער פין המן. יענער האָט בלויז געוואָלט און דער רשע טוט. און דאָ קען נישט זאָן ס׳זעלבע ? מ׳זאָגט די פאַראייניגן זענען יעדן טאָג אָנגעפּאַקט מיט סטרײַקערס״. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט,

אָפּגעזיפצט: „ווײַ צי די אויערן צו הערן, וואָס מ׳דערציילט: ייִנגען מיט מיידן זענען צוזאַמען. נאָך ערגער. זיי טענה׳ן, מ׳דאַרף איבערמאַכן דעם סדר־עולם. אָסגלאַכן אָרעם מיט ראַך״. לויט די בונטאָווטשיקעס זענען ייִדן, טאָזנט מאָל להבדיל, מיט גויים גלאַך. אַלצאיינס. דערציילט:

אין דער פרי, בשעתן עפּענען ס׳גאַלאַנטעריע־קלייטל, איז ער געבליבן שטיין פאַרן טירל. נאָכגעקוקט דער יום טובדיק געקליידעטער יונגוואַרג, וואָס איז געגאַנגען צום בונדישן קלוב. צווישן זיי דערזען יאַנקעלע פרײַמאַן, מאָטעלע מאַלאַרזשס בעניאַק. ער איז אויסגעפּוצט, ווי חוהלע צום גט. כאַכאָטשעט אַלטערן אין פּנים אַרײַן. שרײַט מוטיק: „גיט יומטוב!״ אַלטער קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט. מיינט: יענער איז אַראָפּ פון זינען. „וואָס אַ שטייגער פאַר אַ יומא דפגרא איז דאָס האַנט בײַ דיר, אַפּיקורוס איינער? ווען די דאַוונסט כאָטש, וואָלסטי דאָך געוויסט, אַז מ׳זאָגט האַנט תחנה״. יאַנקעלע איז געוואָרן ערנסט: „היינט איז אַ טאָג צו פּראָטעסטירן קעגן דער בורזשואַזיע, קעגן פאַשיסטישן, אַנטעסעמי־טישן, קלעריקאַלן פּוילן, קעגן עקספּלאָאַטאַציע״. זײַנע שכנים פרעגט ער: „איר ווײַסט וואָס דאָס מיינט? יאַך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ מין תרגום־לשון״. ממשיך געווען: „דער תכשיט, יאַנקעלע, האָט אין אים אַרײַנגעשריגן: זיי וועלן אויסקעמפן, אַז אַלע מענטשן זאָלן זײַן גלײַך, האבן די זעלבע רעכט. ס׳האָט אַלטערן באַהערשט אַ פּחד. באַלד פאַרהאַקט ס׳קרעמל. געגאַנגען אין בית־המדרשל. געוואָרן רויט, כעסיק. „נו. וואָס זאָגט עטץ צי דעם? מ׳דאַרף האָבן גרויס רחמים. מאָטל מאַלאַרזשס זינדל מיט זאַן חברה ווילן איבערמאַכן די וועלט. ייִנגע שנעקעס האָבן נישט קאַ שכל. פאַרשטייען גאָרנישט, אַז די פּריצים, זייערע גלחים, די נאַטשאַלסטווא וועלן דאָס שענקען? ווען זיי באַשילדיקן? דאָס וועט זיכער אָסגיין צי אינזערע קעפּ״.

אויפמערקזאַם, פאַרטראַכט, האָט בעריש אויסגעהערט אַלטערס מעשה. דעם קאָפּ געהויבן פון זײַנע פאַרפלאָכטענע דלאָניעס, אַרויפגעלייגטע אויף צעעפנטע געלע בלעטלעך פון אַ חומשל. פאַרן שמועסן דאָרט מעין געווען אין פּרשת „כי תבוא״ (דברים כ״ח) רויִק, געלאַסן אין אַלטערן אַרײַנגערעדט:

„איינער איז דער וועג צו גאָט. ר׳איז אָבער פאַרהוילן. אַזוי איז כביכולס רצון. מענטשן פון אַלע אומות זאָלן זוכן זײַן סודותדיקן אמת. אין זוכן ווערן נשמות געלײַטערט, בלויז זעלטענע יחידים, בעלי נשמות־טהורות, ווייסן, ווײַזן דעם געטלעכן דרך־הישר. מ׳גלייבט זיי אָבער

נישט. מ׳חוזקט פון די עכטע וועגוויַיזערס. טייל סודות־אַנטפּלעקערס ווערן פאַרחרמט, אומגעבראַכט. מענטשן האָבן ליב דאָס בלאָנדזשען. האָבן גערן ס׳פאַרהוילענע. אמת. ס׳איז אַ גרויסער כּוח זיך צו האַלטן אין די דעות פון ציבור, צו וועלכן מ׳געהערט. דאָס מאַכט לייַכטער. אָן דעם וואָלט אפשר געווען הפקר. אין לענדער לערנט מען פאַרשידענע אמונות. יעדער אומה איז אויסגעלערנט, צוגעוווינט צו גלייבן אין אַנדערע התנהגותן. אפשר, זאָגט מיר, ווייסט ווער, וועלכער דרך איז דער ריכטיקסטער? איך האָב געלערנט, אַז אויף זיבן שלעסער האָט גאָט פאַרשלאָסן, אויף אייביק פאַרזיגלט דעם אמתן וועג צו אים. מעגלעך דאָס איז זייַן כּוח. כּביכול איז דאָך דער גרעסטער, איינזאַמסטער נזיר. אין דער רגע, איז פאַראַן אַ דעה, ווען מ׳וועט אים ריכטיק אַנטפּלעקן, ווערט ער אויס כּל־יכולדיק. די לעצטע ווערטער קוים געשעפּטשעט. ייִדן, איר פּשטלט סתם. קען זייַן, אַז אויך מייַנע געלערנטע השערות זענען פאַלשע. ווייסט דען ווער, וואָס עס איז אמת?״

אַלטער האָט זיך צעפייַערט: „רבי בער, איר אַך? וואָס זשע, לאָט אַך, מיט אייערע משונהדיקע שקלא וטריאָסן זענען די חברה געַרעכט? מיינט איר טאָקע, ס׳זענט דאָ דער גרעסטער חכם. יאָך פּאַשטיי ניש אייער פּשטל״. זיך געגאַענט צו די טישזיצערס, וועלכע האָבן נייגעריק מיט ממש אויסגעשפּיצטע אויערן אויסגעהערט דעם שמועס און איינער דעם אַנדערן שטוינענדיק אָנגעקוקט.

איינער מיט אַ זייַדן היטל, אונטן אַ שוואַרץ, סאַמעטן קאַפּל אויף גרוי־באַהאָרטן קאָפּ, האָט זיך אויפגעקאָכט, אַזש ס׳בערדל האָט אים געציטערט. די רעכטע האַנט אויסגעצויגן צו בערישן. מיט אַ גלעקלדיק קולעכל געפּישטשעט: „יאָך האָב תּמיד מורא געהאַט, אַז זאַן זעך גריבלען אין קבלה־ספרים וועט אים צעחישן״. דער ייִד האָט זיך אויפגעשטעלט. אין בערישן אַרייַנגעשריגן: „לא כּל אדם זוכה משיג צי זאַן די ספירות, די חקל־תפוחין־סודות. זיי אַסטייַטשן נישט ריכטיק קאָן אַראָפּפירן פין דרך הישר. כ׳הייב אָן גלייבן, וואָס מ׳רעדט אָפּ אַך, אַז באַהאַלטענערהייט לייענט איר די נישט געשטויגענע, נישט געפּלויגענע, זשאַרגאָנישע מעשה־ביכלעך. יאָך עצה אַך: הערט אָף! נישט איינער איז שוין נכשל געוואָרן. מיר האָבן איין אָנגעוויזענעם, ריכטיקן וועג: ,בחוקותי תלכו׳. מ׳דאַרף זאַן אַמתע ייִדן. יעדע בריאה מיז אַזוי לעבן, ווי זאַן משפּחה און אָפּשטאַם. ווער ס׳אַנדערשט זיך דראָט אים פאַרניכטונג. מיר מוזן גיין אין די וועגן פון די אָבות. אויב נישט איז פאַראַן אַן אַזהרה: ,אם לא תשמעו לי׳ אויב

מ׳וועט מיך נישט הערן און בלאָנדזשען, קאָן אַמאָל מקוים ווערן ,ונתתי בכם שונאיכם׳. יאָך האָב מורא די גלחים מיט נאַטשאַלסטוואָ וועלן נקמה נעמען אין אינדז. ר׳ בעריש, אַלע, אײַערע ווערטער זענען סם־המוות. מאַטעלע מאַלאַרזשס סמאַרקאַטש מיט זײַנע בונטאָווטשיקעס זענען פאַרן שטעטל אַ סכּנה! אויב אַ הון קרייעט, דאַרף מען זי קוילענען״. ער האָט צעשפּרייט די הענט, אַנגעוויזן אויף בערישן און געשריגן: „וואָס טיט ער נאָך דאָ !!! ער רעדט דאָך ווי אַ כּופר!!!״ בעריש האָט נישט רעאַגירט. דעם שטערן צוריק אַרויפגעלייגט אויף פאַרפלאָכטענע, האַריקע הענט. ניגונדיק געמורמלט די וואָרענונגס פּסוקים אין דער פּרשה. עטלעכע נעבן אויון־זיצערס האָבן פאַרדריסלעך באַדויערט דעם יונגן דור, וואָס פאַרלאָזט די דרכי־תּורה און אומה. טייל גאָר האָבן געחוזקט: „אַ בייע מעשׂה, עטלעכע ראָצערס, וואָס, אין דער אמתן, ווילן בלויז אַרומוויוען מיט די חצופות ביז שפּעט בײַנאַכט, האָבן אַ חוצפּה צו טענה׳ן, אַז זיי וועלן איבערמאַכן דעם סדר־עולם. זייער פראַנצעוואַטער עסק, ווי אַזוי פּוילישע מושלים פירן זייער מלוכה. ס׳האָט געפּאַסט ס׳איז אונדזער לאַנד״.

ז

אויפן בעלעמער, אין מיטן בית־המדרש, אַנטקעגן אָרון־הקודש, זענען געזעסן פינף גרויע עסקנים. זיך נערוועז געשאָקלט. געהויבן הענט, געוואָרנט מיט פינגער. געטומלט:

„וואָס האַקסטו אַ טשײַניק! משה נתן בירמאַן ווייסט דאָך נישט פון זײַנע הענט און פיס, וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. זײַן ייִדענע פירט אים ס׳שניט־קרעמל און ער פרעסט, זויפט אין אַלע שענקען. דער גראַבער נפש וועט טיילן עליות? ער ווייסט דען ווען מ׳דאַרף עפענען דעם אָרון־הקודש? קען דען די בעלי־בתּים וועמען אויסצוקלייבן און שיקן עפענען? ער וועט דאָס פירן ס׳בית־המדרש? אַזאַ גאָרנישט האָט גאָר אַ חוצפּה צו וועלן ווערן גבאי! ווי געפעלט אייך די מעשׂה?״ האָט געשריגן דער גראָב־בײַכלדיקער ליטוואַק איטשע קרעציקמאַן, דער עלטסטער גבאי, אין שטעטל אַ באַוווסטער עושר. פאַרמאָגט אַ גרויסע הערינג־הורטאָווניע, אַ שותּף צו אַן אויטאָבוסן־געזעלשאַפט און עטלעכע קאָמעניצעס. אין לערנען איז ער אַביסל שוואַך. קען קוים די ערשטע קאַפּיטלעך פון „בראשית״. ס׳רוב לײַט זענען אים מבטל. אים באַרימען בלויז געלט־געענגטע, באַדערפטיקטע, וואָס כאַפּן ביי אים אַ גמילת־חסדל צו מאַכן שבת אָדער יומטוב.

יצחק זויפמאַן, אַן עלטער ייִדל מיט אַ גראָב בײַכל, מיט רויטע, פּעטע בעקעלעך און געפּאָלדעוועטן קאַרק, מיט גרינע צו יעדן איינעם חנופה־שמייכלענדיקע אייגעלעך, האָט מיט פינגער געקלאַפּט אין זײַנע דיקע, בלוילעכע ליפּן און געלאָסן גערעדט: „לויט מיר, מײַן פּראָסטן שכל, דאַרף חיים מלמד ווערן גבאי שני. ר׳ איטשע, זאָל ער אייך צוהעלפן. ר׳איז פּאָרט אַ געוועזנער סוחר. מילא, איז נישט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט, געוואָרן אַ יורד, נעבעך. דאָס איז נישט קיין חסרון. יעדן קען דאָס טרעפן. ר׳איז אַ ווילער ייִד, אַ בעל־שכל. נאָך הײַנט פאַרשטייט ער אַ געשעפטל. האָט פּאָרט אַ סוחריש קעפּל. לאָזט אײַך צורעדן, ר׳ איטשע״. געצל לערנער, אַ שוואַרץ, קליין ייִדל, וואָס האָט כּסדר געגלעט ס׳קרייזלדיקע בערדל, אַ צעוואַקסנס איבערן ביינערדיקן פּנים מיט קוים אַרויסזעענדיקע שטיקלעך ראָזלעכע בעקעלעך און אַ שפּיציק, גלאַנציק נעזל מיט צאָרן־צעזײַערטע אייגעלעך האָט זיך גענאָענט צו זויפמאַן. אים אין לינקן אויער „אײַנגערוימט״:

„יאָך זאָג אַך בפּירוש. איר ווילט, האָרכט מעך. ווער ס׳קען נישט פירן קאַ מסחר, טאָר נישט ווערן גבאי״. נטע פײַנזילבער, אַ הויכער, דיק־בײַכלדיקער ייִד, דער גרעסטער נגיד אין שטעטל, איז געזעסן רויק. ער איז געווען זיכער, אַז מ׳וועט אים ווידער אויסקלויבן. פאַרמאָגט ער דאָך צוויי גרויסע שפּײַז־געוועלבער. איז אַ שותּף צו שלמה שפּיגלמאַנס קוילן־און ברעטער־סקלאַד, אין וועלכן ס׳אַרבעטן עטלעכע „מענטשן״. איינער פון זיי, שמואליקל שרײַבער, האָט גוט צעשלאָגן שמעון מסור פאַרן דערציילן דעם בורמישטש, אַז אין סקלאַד לייזט מען יעדן טאָג זעשמעניעס מיט געלט. נטע פײַנזילבער איז אַ בעל־שכל, בעל־צדקה, שענקט מתּנות פאַר אָרעמע כּלות און דאָס — ביד רחבה. אין בית־המדרש האָט מען אויך געשמועסט, אַז אַפילו פון אַרומיקע שטעטלעך קומט מען צו אים כאַפּן נדבות פאַר יורדים, געוועזנע, חשובע בעלי־בתּים. ער גיט הלוואות פאַר געלט־געענגטע בעלי־ברית, מחותּנים, פאַר התּונה־מאַכן קינדער. נטע האָט אַ גוטע טבע: ווער ס׳שטרעקט אויס צו אים אַ האַנט, גייט נישט פון אים אַוועק ליידיק, פאַרשעמט. פון רײַכע שינדט ער די הויט. פון זיי נעמט ער גרויסע פּראָצענטער. בלויז פון צינדזן איז ער געוואָרן אַ גרויסער עושר און „ביזן האַנטיקן טאָג שאַרט נאָך שטיקער גאָלד פון ליכוועע״, זאָגן זײַנע נאָענטסטע „פרײַנד״. זיי דערציילן: פון די שפּײַז־געוועלבער און האָלץ־סקלאַד נעמט ער נישט אַרויס קיין איין זלאָטע. „זאָל דאָרט וואַקסן דער קאַפּיטאַל״, חכמהעט ער זיך. זײַנע נאָענטע, וואָס באַרעדן אים, אַז

ער פאַרמאָגט מאַיאָנטקעס און דאָס „נישט פון גלייכן", האָט ער געוווּסט ווי צו קויפן, איינשטילן. ער איז שוין גבאי פעליקע 13 יאָר. פאַרן דאַמאָלסטיקן אויסקלייבן אַ גבאי שני, האָבן זיינע „מענטשן" צוגעטראָגן צו די בעלי־דעה און צום שטאָט־רב זיין וואָרענונג: אויב זיי וועלן וואָגן און אים נישט אויפסניי אויסקלייבן, וועלן זיי דאַרפן שאַפן אַ צווייטן נטע בטלן, וואָס זאָל זאָרגן פאַר קהל, געבן געלטער פאַרן בית־המדרש, פאַרזאָרגן די קבצנים. ער האָט זיך ראַפּטאַם געטאָן אַ שטעל אויף אויפן בעלעמער. געוואָרן כעסיק און אַ זאָג געטאָן: „כ'זע איר זוכט זיך עגמת־נפש!". אַלע האָבן פאַרשטאַנען זיין התראה.

פייבישל גאָטדינער, אַן אויסגעדאַרט, קליין מענטשל מיט אַ לאַנג, ציגל־פאַרמיק, געל בערדל, געקרייזלטע פאות אונטער רויטע אויערן, האָט פאַר בושה אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. די באַהאַרטע פינגער אַריינ־געשטעקט אין דעם גראָבן, געפלאָכטענעם גאַרטל און אַרויסגעשעפּטשעט: „ר' יצחקל, כ'זע מ'רעכנט זעך שוין גאָרנישט מיטן רבס דעה. ער אַליין האָט מיר צוגעזאָגט מיט אייך צו שמועסן וועגן מיר. קען זאַן, אַז ר'האָט פאַרגעסן. מוז איך וועגן זיך רעדן: שוין צען יאָר באַדין עך ס'בית המדרש און דאָס פאַר גאָרנישט. וואָסי? נאָר סוחרים קענען זיין גבאים? סיידוי פירט ר' איטשע אַליין. קען איך שוין אים גאָרנישט צו העלפן? כ'ווייס דאָך שוין, וואָס דאָ טוט זעך. כ'קען יעדן בעל־בית. האָט טאַקע דער רב מיט אייך גאָרנישט גערעדט וועגן מיר?"

נטע פיינזילבער איז געוואָרן בייז: „זאָל רבי אליהו שליט"א דאַנקען גאָט, מ'איז מסכים ער זאָל דאָ זיין רב. מיר מישן זיך נישט אין זיינע עסקים. זאָל ער פּסקענען שאלות, פירן דין־תורות. ר'האָט דערפון שיין פרנסה און כבוד, וואָס ר'האָט ליב ס'לעבן. וואָס נאָך וויל ער? ר' פייביש, איר זענט דאָך אַ ייִד אַ בעל־שכל. פאַרשטייט, גבאות איז נישט פאַר אייך. אַ בית־המדרש איז אויך אַ געשעפט. איר קענט טאַקע אַ ביסל לערנען. מ'זאָגט אַ נקי־כפיים. טויגט איר נישט צו דעם. זייטס נישט איינגעשפּאַרט. כאַפּט זיך נישט קעגן עפּעס שטאַרקערס, רייכערס פון אייך. וואָסי? יאָך גיפּעל מער ניש אַך?"

דאָס קליינע דאַרע פייבישל איז ווי אויסגעוואַקסן. געוואָרן העכער, פולער, צעקאָכט, מלא כעס. געמאַכט העוויות, געוואָרפן מיט הענט. צעשאָקלט ס'קערפּערל. מיט אַ הויך, קלינגענדיק קול געשריגן: „ר' נטע, ס'אי נאָך נישט הפקר!!! דער רב האָט שוין דאָ טאַקע יאָ אַ דעה! ווער איז מרא דאתרא?! האַ?! איר צי ער?! וואָסי?! אַ בית־המדרש

איז אַ מקום־קדוש אין נישט קיין סקלאַד, ווי מ׳וועגט קוילן, מ׳מעסט ברעטער! ר׳ נטע, כ׳האָב קיינמאָל נישט געוואָלט אייך מתרה זײַן. איצט מוז עך. טוט ליבערשט אַכטונג אין אײַערע געשעפטן. קאָנטראָלירט בעסער דאָרט די וואָגן און די מעטערס. די גאַנצע שטאָט רעדט פון אײַך! אײַערע געוויכטער זענען אויסגעהוילטע און די מעטערס געקירצטע. וואָסי? דרײַצן יאָר איז אײַך ווייניק?!!! טרעט אָפּ מיט כּבֿוד!״ ס׳איז געוואָרן אַן אַמפּעריי. מ׳האָט זיך צעשריגן. די פינעף עסקנים האָבן אַזוי געגוואַלדעוועט, גלייך זיי וואָלטן זײַן אַ מאַסע. האָבן געקולעט עד לבֿ־השמים. ס׳איז שיעור נישט אויסגעבראָכן אַ מוראַדיק געשלעג צווישן פײַביש און נטען, וואָס איז אַרויסגעלאָפן אַ צעכעסטער, געדראָט: „איר וועט חרטה האָבן!״

ח

ייִדל דער שטאָטישער סת׳ם־סופר, אַ הויכער יונגערמאַן מיט אַ ברונעט, סימפּאַטיש פּנים, רויטלדיקע בעקעלעך, באַרעמטע מיט אַ שיטער, שוואַרץ בערדל, מיט גרויסע, גרינלעך־קעצישע אויגן איז געלאַסן, מנוחהדיק אַרויס פון זײַן פּירצימערדיקער וווינונג אויף פּילסודסקי־גאַס. דער פרימאָרגן איז געווען באַזוניקט און אַלע ווײַלע האָבן שנעל־שווימענדיקע וואָלקנס פאַרדעקט די זון, געלאָשן די שטראַלן, געטונקלט ס׳שטעטל. ער איז געוואָרן אומרויִק. ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט ס׳געוועטער קאָן זיך בײַטן, אפשר גאָר וועט ווערן אַ געוויטער. איז צוריק אַרײַן אין שטוב. גענומען אַ שירעמל. געגאַנגען אין בית־המדרש. אויפן וועג באַגעגנט אַ סך יונגען און מיידלעך. אַלע אויסגעפּיאַצקעטע אין ווײַסע בלוזקעס מיט רויטע שלייפעלעך אויף די ברוסט־קאַסטנס. טייל האָבן געטראָגן רויטע פענער. אַנדערע ווײַסע פאַפּירן, טאָוולען, באַשריבענע מיט גרויסע, רויטע, פּוילישע און ייִדישע ווערטער. ס׳איז אים באַפאַלן אַ פּחד. זיך דערמאָנט דעם ערשטן מאי מיט צוויי יאָר צוריק, ווען נאָך דער דעמאָנסטראַציע האָבן שטאָטישע און דאָרפישע גויים געמאַכט אַ פּאָגראָם. ר׳איז געוואָרן צעחושט. זיך אַרײַנגעדרייט אין הינטערגעסלעך, דערווײַטערט פון שולגעסל. פון אויסווייניק געמורמלט געדענקטע תהלים־פּסוקים. געבעטן רחמים ס׳זאָל זיך נישט איבערחזרן ס׳אומגליק. ר׳איז אַרײַן אין בית־המדרש. אויפגעמישט די מסכתא „גיטין׳. מאָדנע געקוקט אויף די ווערטער. נישט תופס געווען קיין איין פּסוק. געפּרוווט זיך דערמאָנען פּירושים פון נעכטן־געלערנטן דף־היומא און נישט געקענט. די יונגען מיט די אויסגעפּיאַצקעטע מיידן זענען אים נישט אַרויס פון זינען. ר׳איז געזעסן צעמישט. אויף דער

גמרא אויפגעמישט ס׳ספר „עין־יעקב״. אויך דאָרט נישט פאַרשטאַנען די געלייענטע אַגדות. די ווערטער האָבן זיך פאַר זײַנע אויגן ווי צוזאַ־מענגעגאָסן. אין דמיון האָט ער געזען רחלען, שלמה שוחטס ייִנגסטע טאָכטער, וואָס האָט הויך געטראָגן אַ רויטע פאַן. איר חנעוודיק פּנים האָט געשײַנט. די ברוינע קאַרשן־אויגן געפֿײַערט. צו ייִדלען פאַרפירעריש געוווּנקען: „קומטס מיט״. זיך צעלאַכט. ער האָט געטראַכט: שלמה אָקס, איר טאַטע, איז פאַרקאַכט אין די בהמות, ווייסט נישט פון זײַנע הענט און פיס, וואָס פאַר אַ סחורה זײַן טאָכטער איז; מיט וועמען זי וואַלגערט זיך אַרום אין בונדישן פאַראיין. געזיפצט. צו זיך געשעפּטשעט: „און די אַנדערע? עס זענען דאָך צווישן זיי אויך דאָ געוועזענע בית־המדרש־לערנערס און „בית־יעקב׳ מיידלעך, אַמאָליקע ישיבה־בחורים״. דערמאָנט, וואָס פאַר אַ חורבן גויים האָבן געמאַכט מיט צוויי יאָר צוריק, געראַבעוועט, געשלאָגן, געמימתט זעקס פרויען מיט זויגקינדער, פיר בית־המדרש־בחורים. נאָך דעם זענען אַ סך פרומע יונגעלייט קאַליע געוואָרן. זיך פאַרדונגען אַלס „מענטשן״ אין געשעפטן און זיך פאַרשריבן אין קאָמוניסטישן פראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אויך פאַר אַ יאָר אין ערשטן מאַי האָבן פויערים און פּאָליציסטן צעשלאָגן די שטרײַקערס. צעפליקט די רויטע פענער און שקצים מיט שיקסלעך האָבן צערויבט עטלעכע ייִדישע געוועלבער. אַזוי געזעסן פאַרדמיונט. געעפנט און פאַרמאַכט די אויגן. געפרוווט לערנען און אַלץ זיך דערמאָנט ס׳געזעענע: יונגען און מיידלעך, איבערגעלעבט די פאַר צוויי יאָריקע שרעק. האָט געפילט טרערן רינען אים אויף די באַקן. זיך פאַרשעמט אומגעקוקט. איז אַרויס. געמיינט, ס׳וועט אַלץ פאַרבײַ בשלום. אין מאַרק האָט ער באַמערקט אַ גראַטשקע. געמיינט, ווי דער שטייגער, מ׳קריגט זיך צוליב פּרנסות. האָט ער זיך דערווײַטערט. אויף ס׳נײַ אַרײַנגעדרייט אין הינטערגעסלעך. געווען פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, פאַרדמיונט. און פאַרבלאָנדזשעט. אָנגעהויבן גיין אײַליק, נערוועז. נישט געוווּסט וווּהין. „פּאַניע יודקו!״ געהערט אַ פרויען־קול. זיך אומגעקוקט. ס׳איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן. ער איז פאַרקראָכן אַזש הינטער דער שטאָט. שטייט פאַר דער טומאה. נעבן אײַזערנעם טויער דערקענט די סטעפּאַנאָוועס יונג שיקסל, וואָס באַדינט דעם גלח. זי איז אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, לאַנג, ברייט קלייד. אויפן קאָפּ אַ ווײַסן, שטײַפלײַוונטן הוט. אַרום האַלדז אָזש ביזן בויך, אַ גרויסע זילבערנע קייט מיט אַ שוואַרצן צלם, אויף אים צוגענאָגלט אַ באַגאָלדיקט יויזל.

„פּאַניע יודעק״ זאָגט זי כאַכאַטשנדיק: „מיר זענען געוועזענע שכנים.

צוזאַמען זיך געכאַוועט אויף איין הויף. פון קסיאַנדז אַליין געהערט, מ׳וועט אײַך הײַנט שלאָגן. ער איז אויף אײַך שטאַרק בייז. נעכטן זענען בײַ אים געווען דרײַ פּריצים: פון גלאַכעוו, גאָסצין און טשענסטעכאָוו. זיי טענהן, אַז די זשידעס וויל מען נישט אין קיין שום לאַנד. בלויז, מ׳יר די שלאַכעטנע פּאָליאַקן האָבן אײַך אַרײַנגענומען. קיינער שטערט אײַך נישט צו האַנדלען, אַרבעטן, מאָדליען אין בוזשניצעס. אָבער אַז איר האָט זיך אָנגעהויבן בונטעווען. עס געפעלט אײַך נישט אונדזער רעגירונג, רעליגיע, הערשאַפט און איר העצט די פּוילישע אַרבעטער און פּויערים זיי זאָלן מאַכן אַן אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג, און גוט־באַזיצערס, פאַבריקאַנטן, בענק, רעגירונג, קעגן גלחים, קעגן קריסטן? איר ווילט אויך דאָ מאַכן אַ רעוואָלוציע, ווי איר האָט געמאַכט אין רוסלאַנד, קאָנען זיי מער נישט שווײַגן. זיי האָבן דעם גלח געפרעגט וואָס צו טאָן״. צום סוף צוגעגעבן: „יודקו, כ׳האָב אַליין געהערט, כ׳זאָג דיר לויטער אמת. דער פאַן קסיאַנדז האָט זיי צוגעזאָגט הײַנט אײַך אָנצולערנען, כּדי איר זאָלט פון דאַנען אַנטלויפן. יודקו, האָב רחמנות אויף דיר. קום אַרײַן אין קאָשטשאָל. דאָ ביסטו זיכער״.

יידלס אויגן האָבן טרויעריק געקוקט, ס׳איז אים באַפאַלן אַ פּחד, געמאַכט פּליטה. זיך באַהאַלטן צווישן די יעדנעראַלסטע בערג. מורא געהאַט דאָרט ליגן. אויף ס׳נײַ אַנטלאָפן. אַרײַן אין שטעטל. אויף וואַרשעווער גאַס איז אַנטקעגן געקומען אַ פּאַזשעב. יונגע שיקסלעך, שקצים, שול־קינדער, שטאָטישע און אָנגעפּאַרענע גויים זענען געגאַנגען פּאַמעלעך נאָך אַ שוואַרצער טרומנע, באַלייגט מיט בלומען און מאָדנע געזונגען זייערע פסוקים. ס׳רוב האָבן געטראָגן שוואַרצע קרעלן מיט צלמלעך, מיט ביכלעך. דער גלח מיטן גראָבן בויך, ווי אַ געשטאָפּטע גאַנדז, איז געגאַנגען פאָרויס. געגעבן אַ זאָג און אַלע האָבן אים נאָכגעבלעקעכט. יידל האָט געזוכט ווו צו אַנטלויפן.

„זשידקו!״ געהערט שרייען. האָט מורא זיך אומצוקוקן. ס׳האַרץ האָט אים געקלאַפּט, ווי מיט האַמערס, געציטערט, ווי אַ געכאַפּט פייגעלע. געמיינט דאָ איז זײַן סוף. ווען די ערד וואָלט זיך אונטער אים געעפנט, אים אײַנגעשלונגען, וואָלט אים געווען אַ סך ווילער. געפילט די כּוחות גייען אים אויס. האָט געשעפּטשעט „שמע ישראל״, געזאָגט וידוי. אין דעם איז פאַר אים אויסגעוואַקסן אַ הויכער שייגעץ, ווי עוג מלך הבשן, ממש אַ ריז, ווי אַ דעמב. ווען האָט ער דערזען? בענדנאַרסקעס ממזר, סטאַשעקל גנב, וואָס איז שוין דרײַ מאָל געזעסן אין קאָזע פאַר לקחנען

הינער בײַ שלום קצב, אַ חזיר בײַם בלינדן בענדנאַרזש און פּאָר אַרויפנאַרן אויף שלמה שוחטס בוידעם שיקאַרסקע טרומניאַרזשס פּונפּצן יעריק מאַרושקעלע און איר געמאַכט אַ בענקאַרט.

סטאַשעקל לאַטעק ווי נאַר ר׳האָט ייִדלען דערזען, איז געוואָרן מלא כּעס. די טרפהנע יוכע האָט זיך אין אים אַנגעצונדן. ר׳איז געוואָרן רויט, ווי אַן אָנגעבלאָזענער אינדיק. זײַנע גגבהשע אייגעלעך האָבן זיך רצחותדיק צעפּלאָמט, גלײַך ער וויל אים אײַנשלינגען לעבעדיקערהייט. געקוויטשעט, גלײַך מ׳רײַסט אים די פּאַרגעלטע, קרומע, אויסגעפּוילטע זראָמבעס. געמורטשעט: „יודקו! זעסט? ! דאָרט גייען דײַנע זשידקעס, די באָלשעוויקעס. זיי בונטעווען די אַרבעטער, קעגן אונדזער גלויבן, אונדזער פּאָטער, געטלעכן זון און הייליקן גײַסט. איר העצט אויך קעגן אונדזער רעגירונג. קוק נישט אויף דער ערד!" זיך צעקוויטשעט: „באַקומסט פון מיר אַ דזבענק, זעסטו קראָקע פאַר דײַנע שליפּיעס. קוק דאָרט! זעסט? די זשידקעס טראָגן רויטע פּענער. מאַרשירן אנטקעגן אונדזער פּאָגרזשעב דער פּאַן קסיאָנדז זאָגט, איר טאָרט נישט פאַרבײַ גיין אונדזערע הייליקע בילדער און די טרומנע מיט דער יונגער נזירה פּראַנצעשקאַ, וואָס איז פּאַרסמט געוואָרן פון פלייש, וואָס זי האָט געקויפט בײַם פּאַרשיוון זשיד, שלמה שוחט".

ייִדל האָט געציטערט ווי אַ דערשראָקן קינד. ס׳איזן געוואָרן פינצטער פּאַר די אויגן. די ערד האָט זיך פּאַר איס געדרייט, ווי ר׳וואָלט האָבן אויסגעטרונקען אַ גאַנץ גלאָז בראָנפן. די הענט און פיס האָבן זיך ביי אים געטרייסלט, ווי אין פיבער, אין קאָנוולסיע. ס׳האָטן באַדעקט אַ קאַלטער שווייס. געוועזן זיכער, אַז מער וועט ער נישט זען זײַן ווײַב און קליין זיסעלע, וואָס איז בײַ אים ווי אַ טײַערער אוצר. האָט דעם גוי געבעטן: „וואָס וויל דער פּאַן פון מיר? איר זעט דאָך": ווייזט אים דעם טלית און תפילין־זאַק. „כ׳בין אַ נאַבאָזשנער. כ׳מיש זיך נישט אין אַזעלכע זאַכן. זיי, די שטרײַקערס, זענען דאָך בעזבאָזשניקעס. גלייבן נישט אין קיין שום גאָט. נישט אין אונדזערן און נישט אין אײַערן. וואָס וויל דער פּאַן פון מיר?"

„פּאַרשיווער זשיד! פּאַרדריי מיר נישט דעם קאָפּ", האָט סטאַשעקל געקוויטשעט, ווי אַן אָפּגעבריט חזיר. פון זײַן מויל איז גערונען גאַווער. ר׳האָט אויסגעזען ווי אַ הונגעריקע, ווילד־פּאַרצוקנדיקע חיה, אַן אַרויס־געלאָפענע פון אַ פּאַרמאַכטער שטייג, וואָס האָט געכאַפּט אַ טויט־

אַנגסטיק צאַפּלדיק עופּהלע. סטאַשעק האָט געהויבן אַ דראַנג, געדראָט יידלען מימתן. ווען ער דערלאַנגט דעם פּאַרכטיקן ייִד איין כמאַל מיטן פלעקל איבער קאָפּ, לייגט ער אים אַוועק אַ טויטן אויפן אָרט. ר׳האָט דעם שטעקן אַראָפּגעלאָזט. און זיך צעמרוטעשט: „קום צו דײַנע זשידקעס מיט די רויטע פּענער! וועסט זיי הייסן אַרײַן גיין אין אײַער יאַטקע־געסל. דאָרט, זאָגט דער פּאַן קסיאָנדז, האָט אײַער שוחט, שלומשע בלאַט, פאַרקויפט פאַרסמט פלייש דער ייִנגער נזירה. וואָרעם באַלד נאָכן אָפּעסן מיטאָג, האָט זי באַקומען בויך־קרעמפּן. ס׳איז איר נישט גוט געוואָרן און נאָך עטלעכע שעה איז זי געשטאָרבן אין שפּיטאָל. וועסט הייסן אייערע בעזבאָזשניקעס זאָלן דאָרט וואַרטן ביז מיר וועלן אַדורכגיין מיטן פּאָגראָזשעב. דער פּאַן קסיאָנדז זאָגט, מיר טאָרן זיך נישט טרעפן מיט אײַערע רויטע פּענער און מיט אײַערע בונטאָוושיקעס. פאַרשטייסט ? !״ ייִדל האָט געווישט ס׳שווייסיקע, רויטע פּנים. זיך פאַרריכט ס׳היטל. ער האָט געוווּסט, אַז דער שייגעץ שפּעט פון אים. אָבער זיך קעגנשטעלן, צי אַרויסווײַזן אַז יענער מיינט עס נישט ערנסט, קאָן סטאַשעקל פון אים מאכן קרעפּל־פלייש. בלית־ברירה איז ער צוגעגאַנגען צו די דעמאָנסטראַנטן. נאָך אים סטאַשעקל, וואָס האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. שטאָלץ, מונטער, זיכער פּעסט האָבן מאַרשירט ייִדישע און פּוילישע אַרבעטער און אַ הייפל פויערים מיט געהויבענע קאָסעס. איבער די דעמאָנסטראַנטנס קעפּ האָבן געפלאַטערט בלוט־רויטע פּענער. טייל האָבן געטראָגן בלאַנק־ווײַסע לייוונטן, קאָלירקע טאָוולען, צוגעבונ־דענע צו הויך געהאַלטענע, פאַרביקע דרענגלעך אָדער אייזערנע שטאַנגען. אויף די שטאָפּן און פּאַפּירן זענען געווען אויסגעכתיבעט פאָדערונגען, העכערן די לוינען, קירצן די אַרבעטס־טעג, „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אײַך !״. „פון טורמעס באַפרײַען שטרײַקערס !״. „נידער מיט עקספּלאָאַטאַציע !״. „נידער מיטן קלער !!״. דער עיקר האָבן זיי געשריגן, קעגן דער פּוילישער, שלעכטער רעגירונג. דער פיאַק האָט יידלען צוגעשטופּט צו די דעמאָנסטראַנטן. זייערע געזאַנגען, אויסגעשרייען האָבן פאַרהילכט ס׳שטעטל : „זאָל לעבן דער ערשטער מאַי !״. „זאָל לעבן דער סאָציאַליזם !״. „נידער מיטן קאַפּיטאַליזם !״. די מאַסע האָט ממש נאָכגע־דונערט : „נידערר !״. יאַנקעלע מאָטל מאַלאַרזשס זינדל, איז געגאַנגען פאָרויס, אין דער ערשטער שורה צווישן גויים און אָנפירערס פון ייִדישן „בונד״. ער האָט געטראָגן די גרעסטע, ברייטסטע פאַן. אויך דער ערשטער, העכסטער אויסגעשריגן פאָדערונגען. ער האָט אַמערסטנס געליאַרמט:

„נידער מיט דער רעאַקציע!“. ווי פון אונטער דער ערד האָבן זיך באַוויזן שקצים, שיקסעס, עלטערע גויים. געזונטע, פעסטע ווײַבער. הינטער זיי האָט מען געזען אַ געלויפעריי פון פויערים, פון זשלאָבעס, מיט צעיאַכמערטע, כעסיקע פּנימער, מיט פאַרלאָפּענע שליפּיעס, ווי שיכּורע. אַלע מיט געהויבענע דרענגער, אײַזערנע פרענטן, קוילער־מעסערס. האָבן געקוויטשעט: „פּרעטש ז׳זשידאַמי!“. די אָנגערייצטע, אויפגעהעצטע גויים זענען צוגעלאָפן צו די דעמאָנסטראַנטן. ווי אַ הירשל איז די ערשטע געלאָפן אַ יונג שיקסל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן ראָק און אַ שטייפן, ווײַסן נזירה־הוט. זי האָט יידלען אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס. ער האָט הרף־עינדיק געכאַפּט אַ בליק, ס׳איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. ר׳האָט געפילט, אַז ס׳בלוט ווערט אין אים פאַרגליווערט. דערקענט די סטעפאַנאָווע, וואָס האָט אים אָפּגעשטעלט פאַרן קאַטשאַל. דאָרט געוואָלט באַהאַלטן. זי האָט יידלען אָנגעקוקט בייז. געשריגן: „יודקו, דו ביסטו אויך פון זיי?“. ער איז געבליבן שטיין פאַרשטיינט, ווי צוגעשמידט צום אָרט. נישט געוווּסט וואָס ס׳טוט זיך מיט אים. געציטערט ווי אַ געכאַפּט פייגעלע. איז דאָך גאָט אַ בעל־רחמים, איז אים פּשוט געשען אַ נס. סטאַשעקל מיטן גלחים־שיקסל האָבן אים אָפּגעלאָזט און זענען צוגעגאַנגען צו יאַנקעלע, מאָטל מאַלאַרזשס בענאַק. מיט אים גראָד געגערט שטיל, געלאַסן, ווי דורך אַ זײַדן טיכל. ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן זיך אַביסל דערשראָקן פאַר דער חברה אַרבעטער און פויערם, וואָס האָבן אַ פּנים, זיך צוגעגרייט אַנטקעגן שטעלן פּראָוואָקאַציעס. האָבן אָנגעגרייט פּאַלקעס, שפּייערס, נאַהייקעס, טאָרבעס מיט שטיינער. צווישן די אַרבעטער זענען געווען העלדישע יונגען, ווי זישע ברייטבאָרד, דער גרעסטער גיבור אין פּוילן. מיט איין זבענק געקענט אָוועקלייגן דעם שטאַרקסטן גוי. סטאַשעקל מיט זײַן צעיושעטער חברה זענען געשטאַנען געפּלעפּט. אַלע זיי האָבן אײַנגענומען אַ שטומעניש, גלײַך ס׳לשון וואָלט זיך בײַ זיי אָפּגענומען. בלויז סטאַשעקל גנב האָט שטיליטשקע גערעדט. „דער פּאַן קסיאָנדז וויל נישט מ׳זאָל מיט דער טרומנע און הייליקע בילדער פאַרביי גיין אײַך מיט אײַערע באַלשעוויסטישע פּענער“.

יאַנקעלע האָט זיך שואל־עצה געווען מיט זײַנע לייט פון דער ערשטער שורה. באַלד געגעבן אַ דעצידירנדיקע תשובה: „הײַנט איז דער ערשטער מאַי. אַ גרויסער יומטוב פאַר אַרבעטער אויף דער גאַנצער וועלט. אײַער גלח מעגט איר זאָגן, אַז מיר אַרבעטער, פּראָטעסטירן קעגן פאַרשקלאַפונג פון פינצטערן קלער, קעגן בורזשואַזיע. הײַנט איז אויך

אַ טאָג ווען די עקספּלאָאַטירטע אַרבעטער און באַרויבטע פּויערים אָרגאַניזירן זיך צום גרויסן קאַמף קעגן פאַשיזם. מיר אַרבעטער מאַרשירן פאָרויס!״.

דאָס שיקסל איז געוואָרן פלאַמיק־רויט. זיך געצלמט. אין יויזלס קעפּל אַרייַנגעמורמלט. צוגעלאָפן צום גלח, וואָס האָט געוואַרט מיטן פאַגרזשעב אויפן רינעק, און אים אַלץ דערציילט. ער האָט זיך ווילד צעמרוטשעט: „הוררראַאַא!!!״ און באַלד, ווי פון אונטער דער ערד זענען זיך צונויפגעלאָפן פון אין הייף־באַהאַלטענע, צעווילדעווטע גויים ווי די טיגערס. זיי מיט די צעיושעטע פּאָליאַקן פאַר די דעמאָנסטראַנטן זענען אַרייַן אין דער מאַסע אַרבעטער, ס׳איז געוואָרן אַ געשלעג. מ׳האָט זיך קעגנזייטיק געקאַטעוועט מכּות־רצח. ייִדל האָט אויסגענוצט די מהומה און שנעל נעלם געוואָרן. מיט די לעצטע כּוחות געפּענדעט, ווי פון אַ שרפה. זיך באַהאַלטן אין שלמה סטאָלאַרס קעלערל. דאָרט זענען שוין געווען שלמהס משפּחה און שכנים. פון דער גאַס האָבן זיך דערהערט קולות: „ביעי זשידאָוו!״. „זאַ באשאן אויטשיזנען!״ און „חברים קעמפט!״. „פּאַרטיידיקט זיך!״. „מוטיק שלאָגט דעם שונא!״. שלמה מיט ייִדלען זענען אַרויף אויפן בוידעם. דורך לעכער געזען און געהערט ווי אויפן ברוק שרייַען צעקאַטעוועטע, פאַרבלוטיקטע, הילפלאָזנדיקע פּאָליאַקן און ייִדן. נעבן זיי אוועקגעשלייַדערטע, צעפליקטע, רויטע פענער, צעבראָכענע צלמים, ווייַסע בלוזקעס, שיך, שטיוול, פרויען־לעטשלעך, היטלען, צעריסענע געבעט־ביכלעך, צעטרעטענע קליידלעך, נעבן שלמהס פענסטערל באַמערקט אַ צעלעכערטע, רויטע פאָן. בייַם אויפשריפט „זאָל לעבן״ איז געלעגן יעזוסיס אָפגעהאַקטער, הילצערקער קאָפּ מיטן אויסגעשניצטן מיט פריש, בלוט־באַשפּריצטן קאָזע־בערדל, אויף אַ מאַדאָננעס בילד אונטער אַ צעבראַזגעט גלאָז, איז געלעגן אַ שטיק אָפּגעפליקט, בלוט־פאַרפלעקטע בלוזקע מיט אַ צוגעשפּיליעטע, רויטע רויז, דערנעבן אַ האַלב־נאַקעטע, באַוועגלאָזע דעמאָנסטראַנטקע. עטלעכע מעטער ווייַטער האָט אַ גראָבע גויע מיט אַ בלוטיק־צעשטאָכענער ברוסט געקושט אַ יויזל, געגלוואַל־דעוועט: „אָלאַ באָגאַ, ראַטויטשע מניע. יאַ אומיעראַם, ראַטויטשע, דאָברע לודזשע״. קיינער האָט די פאַרוונדעטע נישט געהאָלפן. די שלעגערס, דעמאָנסטראַנטן זענען פאַרבייַגעלאָפן די צעבלוטיקטע, באַשיטע מיט אַוועקגעשלייַדערטע מאַי־פּראָקלאַמאַציעס, צעפליקטע, בלוט־באַשפּריצטע בלעטלעך פון קריסטלעכע געבעט־ביכער. יעדער האָט געוואָלט זיך דערווייַטערן פון געשלעג. איבערגעלאָזט צעקאַליעטשעטע, צעממיתטע, פאַרחלשטע מענטשן נעבן צעפליקטע רויטע און קירכן־פענער, צעבראָכענע

צלמים, צעשפּאָלטענע, צעהאַקטע גלעזער און רעמלעך פון מאַטקע־באָסקעס־בילדער מיט פאַרבלוטיקטע, רויטפלייִשיק אויסגעשטאָכענע אויגן, צעוווּנדעטע באַקן.

ייִדל מיט שלמהן האָבן אַראָפּגעשריגן, מ׳זאָל אַרויסטראָגן וואַסער, ספּירט, יאָד, באַנדאַזשן, ראַטעווען געראַנירטע מענטשן. קיינער האָט זיי נישט געפאָלגט. מורא געהאַט אָט־אָט וועלן די אויפגעהעצטע קריסטן אויפהערן זיך שלאָגן מיט אַרבעטער. זיך אַריַינרײַסן צו די באַהאַלטענע ייִדן אין קעלערס, ייִדל מיט שלמהן זענען אַראָפּ. די באַהאַלטענע האָבן געזאָגט תהלים, ווידוי. געווען זיכער אַז פון קעלער וועט קיינער נישט אַרויס לעבעדיק. בלויז שלמה איז געזעסן רויִק. גלײַך מ׳מיינט נישט אים. זײַן לולקע געפּיפּטשעט, אַרויסגעלאָזט קנוילן רויך. געדמיונט. בשעת די ווײַבער האָבן זיך הויך צעכליפּעט, האָט ער זיך אויפגעשטעלט, זיך אויס־געגלײַכט און געבעטן, ס׳זאָל זײַן שטיל. ר׳האָט געהויבן אַ האַמער און געזאָגט: „דער ערשטער כוליגאַן, וואָס וועט וואַגן איבערטרעטן די שוועל, וועט ווערן צעשמעטערט אויף פּיצפּיצלעך. מיט דעם אַ האַמער וועל איך אים צעקײַלן, ווי אַ חזיר״. ס׳איז געוואָרן שטיל. פּחד, טרויער האָט אַלעמען באַהערשט.

די בהלה האָט זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט. געוואָרן רויקער. די פּאָליציי אויף פערד האָט די דעמאָנסטראַנטן אַרײַנגעטריבן אין יאַטקע־געסל, זיי אָפּגעשיידט פון די לוויה־גייערס, וואָס האָבן צוריק געהויבן קאָליריקע, סאַמעטענע פענער, צלמים מיט יויזלעך. פאַרן און אַרום דעם יאַטקע־געסל האָבן זיך אָוועקגעשטעלט צענדליקער פּאָליציסטן, רײַטנדיקע אויף פערד און פוס־גייערס מיט באַגנעטירטע ביקסן. די אַרבעטער געדראָט, ווער ס׳וועט וואַגן אַרויסגיין, ווערט אָן וואָרענישן דערשאָסן.

ווי נאָר די דעמאָנסטראַנטן זענען אַרײַנגעיאָגט געוואָרן אין געסל, האָבן די פויערים מיט פּאָלקעס און העק זיך געזאַמלט אין רינעק, געגרייט צום פּאָגראָם. פּוילישע שטאָטראָטמענער האָבן זיי געגעבן פלעשער מיט וואָדקאָ, ברייטלעך, קאָלבאַס, קוכנס, אויבסט. פון פעסער געטיילט ביר. אַ ספּעציעלער קאָמיטעט צו קעמפן קעגן קאָמוניזם איז אָנגעקומען צו רײַטן אויף אויסגעפּוצטע פערד, אַ קריסט מיט געלע וואָנצעס, מיט לאַנגע, וואַקס־קאָליריקע האָר איז אַראָפּ פון אַ פערד, אַרויף אויף אַ פאַס ביר. קוויטשענדיק געפּרעדיקט: „דער ייִדישער קאָמוניזם אין רוסלאַנד באַדראָט דעם שלום אויף דער וועלט. אַלע קריסטן מוזן באַקעמפן די היגע באָלשעוויקעס, וואָס ווילן פאַרקויפן פּוילן צו רוסלאַנד״. נאָכן רעדן

האָט די מאַסע געזונגען: „יעשטשע פּאָלסקא ניע זגינעלאָ״. געטרונקען שנאַפּס פון פלעשער, גלעזער, געגעסן אויסגעהוילטע געבײַטלטע ברייטלעך, בולקעס, אָנגעפּילטע מיט סלאָנינע, ברוסט פליײש, קאַלבאַס, שינקע. נאָכגעטרונקען ביר, געזונגען נאַציאָנאַלע און קאָשטשעלנע לידלעך.

דער פּאָליאַק מיט די לאַנגע, וואַקסענע קלאָקעס האָט אויסגערופן: „הורראַ!!!״ און ווי צערייצטע, פאַרצוקנדיקע חיות זענען זיי געלאָפן צו די ייִדישע שטובן, צו די קלייטלעך. פון דאָרט אַרויסגעשלײַדערט סחורות וועש, אָנטועכץ, צעבראָכן מעבל־שטיק. ס׳האָט זיך דערהערט יאָמערדיקע קולות פון צעשלאָגענע קרעמער, פון קינדער, ווײַבער. וואָס אַמאָל האָבן זיך געהערט אַלץ העכערע יללות, געוואַלט־געשרייען, שיסערײַען, בראַזגערײַען. צעלוסטיקטע קריסטן האָבן פון שטיבלעך און קרעמלעך אַרויסגעטראָגן ראָלן מאַנופאַקטור און קאָנפעקציע־סחורות גאַלאַנטעריע און שפּייז־אַרטיקלען, בעטגעוואַנד, זעקלעך צירונג, הויפּנס שטיוול, לאַטשן. שיקסעס האָבן דאָס אַלץ געפּאַקט אין זעק, אין קאַסטנס. צעיוכעטע שקצים האָבן די פאַרפּאַקטע מאַטעריאַלן, שטוב־זאַכן געלאָדנט אויף וואָרטנדיקע וועגענער. די פון די שיקסעס בראַקירטע זאַכן, האָבן אַלטע גויעס נעבן פלומפּ צעבראָכן, צעפליקט, פאַרניכטעט. טליתים, תפילין, ספרים האָבן זיי צונויפגעלייגט נעבן פלומפּל, זיי באַגאָסן מיט נאַפט און פאַרברענט. נאָך מיטאָג איז געוואָרן שטילער. די פּויערים מיטן ייִדישן פאַרמעגן זענען אַ היים געפאָרן.

ייִדל מיט די אין קעלער־באַהאַלטענע ייִדן זענען אַרויס אין גאַס. געזען די חרוב־געוואָרענע, ייִדישע שטובן, קרעמלעך, אויסגעליידיקטע פון סחורות. זענען זיי באַלד געלאָפן אין בית־המדרש אַרײַן, זיך דערוויסן, וואָס ס׳האָט דאָרט פּאַסירט. אויפן שול־הויף באַגעגנט חיהלע די רביצין. ווי נאָר זי האָט דערזען ייִדלען, האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש קלאָגערײַ. זיך געקנייפּט אין די געלע, צעקנייטשטע, אײַנגעשרומפּענע באַקן, פאַרבראָכן די הענט און יאָמערדיק אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ. ס׳זענען צוגעקומען נאָך וויינענדיקע ווײַבער, וואָס האָבן זיך געקלאַפּט אין ברוסטן, געקנייפּט די באַקן, געיללהט. אייניקע האָבן זיך אַ ביסל באַרויקט, דערציילט:

שיכּורע גויים האָבן מטמא געמאַכט מלכּהלען, דעם רבינס ייִנגסטע שנור, וואָס האָט מיט אַ וואָך צוריק חתונה געהאַט. זיי האָבן אירע הענט און פיס צוגעבונדן צום בעט. פון איר אַראָפּגעפליקט ס׳קלייד, די אונטער וועש און זי געשענדעט. נאָכדעם זי צעשטאָכן מיט קאָסעס. איר קאָפּ

צעהאַקט מיט אַ פלאַש וואָדקאַ, וואָס איז געבליבן נאָך די לעצטע שבע־ברכות. אַ צוגעבונדענע, אין אַ קאַלוזשע בלוט, האָבן די שכנים זי אַראָפּגענומען פון איר נייעם בעט. זי געלייגט אויפן דיל, צוגעדעקט מיט די פאַרבלוטיקטע ציכלעך פון די קישנס און ליילעך, וואָס מען מוז צוזאַמען מיט איר קובר זײַן.

„כ׳זאָל אַזוי זוכה זײַן צו זען משיחן, דערלעבן פּטור ווערן פון די פּאַליאַקן, ווי כ׳האָב זי געזען אין דעם ביטערן מעמד, בעתן זי אַראָפּנעמען פון איר עקדה־בעט״, האָט געקלאָגט אַ ייִדענע. זיך געבראָכן די הענט און מיט זיי פאַרשטעלט אירע וויינענדיקע אויגן. אַ צווייטע ייִדענע האָט געהעשעט, געזיפצט, דערציילט: „און מיט הינדעלע, שלמה שוחטס ווײַב האָט עטץ געהערט? דאָרט איז געשען גאָר אַ פּינצטערע בראָך. דרײַ שיכּורע שקצים זענען אַרײַן צו זיי אין שטוב. ס׳זויגקינד אַרויסגעריסן פון הינדעלעס זייגנדיקער ברוסט. עס געשלײַדערט אויפן דיל. שלמה איז פונקט צוריק געקומען פון שעכט־הויז. זיי האָבן אים געפּאַטשט, געבאַקסט געקאָפּיעט. אים פעסט געהאַלטן אין די הענט. איינער האָט פאַרגוואַלדיקט זײַן ווײַב. איינער מיט באַטשעווקנעטע שטיוול האָט צעטערטן דאָס צעבלוטיקטע, קוויטשנדיקע קינד. די צעווילדעוועטע האָבן שלמהן געדראָט, אַז אויב ער וועט רעדן איין וואָרט אָדער שרײַען, הרגענען זיי אים, זײַן ווײַב מיטן קינד. אים פאַרשטעלט די אויגן און איינער נאָכן צווייטן האָבן פאַרגוואַלדיקט זײַן ווײַב. שלמה האָט מיט נעגל צעדראַפּעט דעם שייגעצס הענט, שנעל אַוועקגענומענע פון די פאַרשטעלטע אויגן. אַז ער האָט געזען אויף זײַן נאַקעט ווײַב ליגט אַ שייגעץ, האָט ער מיט אימפּעט זיך אַרויסגעריסן פון שייגעצס הענט. געכאַפּט דעם גרעסטן חלף. מיט אים צעשניטן דעם פאַרגוואַלדיקער, וואָס האָט זיך צעמרוטשעט, קוים אַראָפּגעקראָכן פון דער געשענדעטער און איז אַ פאַרחלשטער געפאַלן נעבן בעט.ביידע שקצים זענען געבליבן שטיין צעטומלטע, דערשראָקענע. ציטערנדיקע געקוקט אויפן שוחט מיטן דראָענדיקן חלף. שלמה האָט געוואָרנט, ער וועט אויך זיי צעקיילן. ביידע צעבהלהטע שקצים האָבן נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן. ראַטעווען זיך אָדער זייער, אין אַ קאַלוזשע בלוט ליגנדיקן חבר? זאָלן זיי ריזיקירן און אָנפאַלן אויפן שוחט? שלמה איז געווען צאָרנדיק צעקאָכט. האָט געכאַפּט טעלערס, פלעשער, טעפּ און געשלײַדערט אין ביידע שקצים, וואָס זענען אַנטלאָפן, איבערגעלאָזט דעם טויטן שותף בײַ הינדעלעס בעט״. ייִדל האָט געווישט די באַטרערטע אויגן, די באַקן, געזאָגט: „מ׳מוז דעם שוחט

באַהאַלטן. ער איז אין אַ סכּנה. ס׳קען זײַן, אַז עס זענען פֿאַראַן נאָך טויטע. אַזאַ חורבן איז אין שטעטל שוין נישט געווען יאָרן. אַ ייִדענע האָט זיך צעכליפּעט: איר שכן, קאָוואַלסקי פּעפּעסאַוויעץ, וואָס איז מיט זיי באַפֿריינדעט, האָט זיי דערציילט: אַ צענדליק גויים האָבן זיך פֿאַרזאַמלט נעבן פּלומפּל, געשריגן: „דאָ בוזשניצי!!" האָבן געהויבן העק, דרענגער, קאָסעס, אָנגעצונדענע שטורקאַצן און זענען געלאָפֿן צום שולגעסל. געזונגען קאָשטשעלנע לידלעך, געשריגן: „זאַ נאַשאַן אויטשיזנען!", פּרעטש ז׳זשידאַמי!". פֿאַר דער שול האָט זיי פֿאַרהאַלטן דער אויף אַ קאָטש אָנגעפֿאַרענער גלח. ער איז אַראָפּ. זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ הויכן וואָגן, אָנגעלאָדן מיט ייִדיש פֿאַרמעגן. זיך געווענדעט צו די צערייצטע שטאָט־פּאָליאַקן און צו זיי געזאָגט: „פּאַנאָוויע! די זשידעס ווילן פֿאַרניכטן אונדזער שטאָט, בונטעווען זיך קעגן אונדזער יעזוס, קעגן דער מאַטקע באָסקע און דעם הייליקן גײַסט. גייטס אויפֿן רינעק און זעטס אונדזערע געשענדעטע, פֿאַרניכטעטע הייליקע בילדער, פּענער און טעסטאַמענטן. זיי ווילן דאָך אויך דאָ מאַכן אַ קאָמוניסטישע רעוואָלוציע. אײַער נקמה פֿאַרשטיי איך. איר האָט אויסגעגאָסן אײַער צאָרן פֿאַר פֿאַרסמען די הייליקע נזירה, פּראַנצישקע יוזעפֿאָוואַ, פֿאַר בלוטיק צעשלאָגן אומשולדיקע, פּוילישע פֿרויען, מענער און קינדער. אָבער אויף הײַנט איז גענוג. מיר האָפֿן, אַז נאָכן הײַנטיקן וואָרענען, וועלן זיי זיך מער נישט מישן אין פּוילישע ענינים. מער נישט וואָגן בונטעווען, אונטערהעצן אונדזערע אַרבעטער און אַ קליינע צאָל גאָטלאָזע פּויערים. אויב זיי וועלן נאָך איין מאָל וואָגן אַרויסצוגיין מיט באָלשעוויסטישע פּענער, קוויטשען קעגן יעזוסן און רידז שמיגלי, אונדזער באַליבטן פֿירער, וועלן מיר ברענגען וויסק. זיי אײַנגאַנצן אַרויסטרײַבן פֿון אונדזער פּוילישער שטאָט. אַזוי האָט מיר צוגעזאָגט דער סטאַראָסטע. יעדן טאָג דאַנקען מיר גאָט אין אַ ספּעציעלער פֿון רוים צוגעשיקטער תּפֿילה פֿאַר שיקן, קריסטוסעס שליח, אַדאָלף היטלערן, וואָס האָט אָנגעהויבן אין דײַטשלאַנד פֿאַרניכטן די זשידקעס און צוגעזאָגט זיי אומצוברענגען אין גאַנץ אייראָפּע. אָבער די בוזשניצע רירט נישט, יענע נאַבאָזשנע טשעפּעט נישט. אויך זיי זענען פֿאַרשאָלטענע זשידעס, צוליבן קרייציקן אונדזער ליבן יעזוס. זיי וועט שוין גאָט אַליין שטראָפֿן. הײַנט לאָזט זיי צורו" ייִדל האָט זיך, ווי אַ קליין קינד צעקלאָגט. קוים געשעפּטשעט: „ווער ווייסט, וואָס נאָך אומגליקן ס׳האָט הײַנט פּאַסירט, ייִדן, מ׳דאַרף האָבן רחמים. אַלע דאַרפֿן בענטשן גומל".

ייִדל איז אַ פּאַרוויינטער אַרײַן אין בית־המדרש. בײַ דער טיר געזען שטיין יאַכצנדיקע ווײַבער מיט וויינעדיקע זויג־קינדער אין קישנס אויף די הענט, אַרײַנלויפנדיקע, צעבהלהטע ייִדן מיט בלאַסע, דערשראָקענע פּנימער, אין צעקנעפּלטע כאַלאַטלעך, אַרויפגערוקטע היטלעך איבער פאַרשוויצטע שטערנס, קלאַגנדיקע ווײַבער, וואָס האָבן ספּאַזמאַטיש געקולותט: „אַ וויסטע, פינצטערע בראָך! אַ בייזער צאָרן איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אונדז. ווינד און ווי צו אַזאַ לעבן, אַן אומגליקלעכער גזר־דין. ייִדן, רײַסט אײַן וועלטן!"

ייִדל האָט ס׳קאַנטיקע טוכן היטל אַרויפגערוקט איבערן ברייטן, הויכן שטערן. זיך אַרומגעקוקט, געשטוינט: „דאָ איז גאָרנישט געשען". ר׳האָט זיך געגעבן אַ קלאַפּ אין שטערן: „נישט געוווּסט ווו זיך באַהאַלטן". צו די ווײַבער מיט צעפּלאָשעטע שייטלעך, אַרויפגערוקטע איבער שטערנס, מיט קופּקעס, טיכלעך, אַראָפּגערוקטע ביז די ברעמען געבעטן: „שאַטס, שאַטס, הערטס אויף צו רעשן, בלײַבטס שטיין דאָרט בײַ דער טיר און זײַטס שטיל. אויך אונדזערע הערצער זענען צעבראָכן. דערווײַל זענען דאָ אַכט קרבנות. ווער ווייסט וויפל נאָך".

פײַבישל האָט זיך ביטער צעוויינט. צוגעלאָפן צום ספרים־שענקל. אַרויסגענומען אַ דיקן, אַלטן סידור „עם־ישראל" און געיאָמערט: „על נהרות בבל שם ישבנו, גם בכינו בזכרנו את ציון". ייִדל האָט זיך צוגעזעצט צו די בײַם אויוון־זיצערס מיט זיי מיטגעקלאָגט. ביסלעכווײַז האָט זיך דאָס יאָכצנדיקע תהלים־זאָגעניש און דאָס ווײַבערישע געוויין אײַנגעשטילט.

די ווײַבער האָבן זיך בײַ דער טיר צוזאַמענגערוקט, צונויפגעטוליעט, געקנײַפּט פלאַמענדיקע, באַטרערטע באַקן, זיך געקלאַפּט אין ברוסטן. איינער דער צווייטער כליפּענדיק דערציילט געהערטע, געזעענע גרוילעכע פּיינען, רויבערייען פון די פּויערישע פּאָגראָמטשיקעס אָנגעפּאָרענע פון אַרומיקע דערפער און שטעטלדיקע גויים.

ייִדל איז אַרויף אויפן בעלעמער. מיטן האַלצערן העמערל געקלאַפּט אויפן טישל. די ווײַבער געוואָרנט: „ייִדענעס, דרך־ארץ! זײַטס שטיל. אויב נישט וועט איר, במחילה, ווערן באַזײַטיקט. צ׳הערט?!!!"

נטע פיינזילבער איז צוגעלאָפן צו די טומלענדיקע ווײַבער. זיי אײַנגעשטילט און ייִדל האָט דערציילט געזעענע, געהערטע געשעענישן.

נאָכן דערציילן איז איינער פון די אויוון־זיצערס האַסטיק אַרויפגעלאָפן אויפן בעלעמער צו ייִדלען. אים אײַנגערוימט אין אויער, אַז די נעבן אים זיצנדיקע גבאים האָבן זיך שעהן געאַמפּערט וועגן אויסקלײַבן אַ גבאי־

שני. ייִדל איז געוואָרן רויט, אויפגערעגט און אַ זאָג געטאָן: „איר פאַרנעמט זיך נאָך אַלץ מיט שטותים? מיר זענען אין אַ סכּנה און איר קריגט זיך וועגן כּבוד. נאַרישע ייִדן“.

ט

נאָך מנחה ומעריב האָבן די נעבן אויוון־זיצערס, וואָס זענען דאָ אַ גאַנצן טאָג געזעסן, באַנייט די פּלוגתא: „נו, וואָס זאָגט עטץ?“, האָט אַלטער געזיפצט: „יאַנקעלע פרײַמאַן, מאַטעסלעס בעניאַק, איז געוואָרן אַ גאַנצער רעדל־פירער באַ די בונטאָווטשיקעס. אַ נײַ אומגליק. אַ ביסל ייִנגלעך מיט זייערע מיידן. אפשר אויך אַ מנין אָרעמע גויים, ווילן איבערמאַכן פּוילנס חוקים. אײַנפירן אַ נײַעם סדר אָרעם און ראַך זאָלן־זאַן־גלאַך, וואָס מיינען זיי, די ראַכע זענען מפּיל־קינדער? גרויסע חכמים פֿין דער מה נשתנא, ווייסן נעבעך נישט, אַז די גאַטשאַלסטוואָ מיט זייערע גלחים זענען מיט די ראַכע? מ׳דאַרף זיי אויפשטאָפּן די נאַרישע קעפּ, אַז די געוועלטיקערס קענען אַלע שטרײַקערס מיט אונז צוזאַמען צעמאָרשטשן ווי מעל. פון גאַנצן שטעטל מאַכן אַש און פּאָרך“.

אַלטער האָט זיך פאַרדמיונט. אויסגעווישט די נאַסלעכע אויגן. זיי פאַרגלייצט, געבויגן דעם קאָפּ אויף לינקס און רעכטס. אים געהויבן, שטאַר געקוקט אויפן סופיטל און צו די אויוון־זיצערס. הייזעריק אויס־געטײַטשט: לויט זײַן שכל זענען די בונטאָווטשיקעס אינגאַנצן גאָרנישט אומגערעכט. די זאַך איז נישט אַזוי קרום. אין דעם רעיון איז דאָ אַביסל שכל, אַ שטיקל אויפטו. ווו שטייט דאָס אין דער תורה, אַז איציקל קראָנענבערגס גראָבע ייִדענע, אַזאַ נאַרישער טשאָלאָק, אַ שטיק פלייש מיט צוויי תמעוואַטע אויגן, מיט רויטע, אויסגעפּרעסענע מאָרדעס, זאָל צוויי מאָל אין יאָר פאָרן אויף דאַטשעס? ווער איז זי דאָס געווען? בײַ איר טאַטן, יצחקל קאָוואַל, וואָס האָט פון קאָוועץ־פערד קוים פאַרדינט אויף וואַסער מיט קאַשע. קיין מאָל נישט געהאַט קיין איבעריקן גראַשן בײַ דער נשמה. איז קינדווײַז תּמיד געגאַנגען אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. הײַנט, אַז איר מאַן נאַרט וועלטן, רודערט זי אַרום. ווער, וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, איז דאָס נפשל? אפשר קען זי קוים זאָגן ‚קריאת־שמע׳. תּמיד געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. געווען און פאַרבליבן אַ בהמה און דאָס שטעלט זיך אַזש אויפן קאָפּ, גלײַך די גאַנצע שטאָט איז אירס. זומער פאָרט דאָס קיין אָטוואָצק אויף פרישע וואַלד־לופט. זיצט אין די טײַערסטע פענסיאָנאַטן. פרעסט, זויפט פון שענסטן און בעסטן. ס׳קומט ווינטער

כאַליעט זי אין טשענסטעכאָוו. באָדט זיך אין די בעדער. דאָס קאָסט דאָך אַ מאַיאָנטעק! מ׳זאָגט, אַז בײַ די קראָנענבערגס פירט זיך אַ מלכותדיק הויז. מ׳פרעסט געבראָטענע גענדז, געפּרעגלטע קאַטשקעס, די טײַערסטע לאַקסן. עטלעכע מאָל אין וואָך באָפּעלט זי אירע דינסטן זיי זאָלן באַקן פּלאַדנס, שאָקאָלאַדאָווע לעקעכער, געפּילטע מיט אויסלענדישע מאַרמאָלאַדקעס און וועלטשענע ניס. זי טוט דאָך נישט די האַנט אין קאַלטן וואַסער. האַלט צוויי אָרעמע מיידלעך. רודערט אַרום מיט די יתומים, דזשאָנזשעט מיט זיי, ווי מיט שקלאַפּנס. צאַפּט זיי ס׳בלוט. קיין שום זאַך, וואָס זיי מאַכן געפעלט איר נישט. מאַכט זיי פּשוט אין טויט. יצחקל, איר מאַן, איז כּסדר פאַרקאָכט אין דער יאַטקע, מאָנען פּראָצענטער בײַ אָרעמע געלט-באָרגערס און ווייסט נישט פון זײַנע הענט און פיס, אַז זײַן יידענע איז שוין איבער די אויערן פאַרלאָבטשעט אין דעם געמיינעם יאָסעלע טענצער, וואָס האָט שוין דרײַ ווייבער אַראָפּגעפירט פון דרך-הישר. זיי צוגערעדט זיך גטן, צוגעזאָגט מיט זיי חתונה האָבן און נאָכן בײַ זיי אויסנאַרן געלט זיי אָוועקגעטריבן.

אַלטער האָט אָפּגעזיפצט, צוגעקראָכן צום הילצערן פעסל מיטן סטאָק וואַסער. אויסגעטרונקען אַ פולן שעפּ. אָפּגעווישט די וואָנצעס. אין נאָזלעכער אַרײַן געשטופּט טאַבאַק-שטויב. צוריק זיך געזעצט בײַם אויוון. זיי געזאָגט, אַז ר׳האָט פאַרגעסן צו דערציילן, ווי זי שלייערט זיך לעצטנס. איז אַפילו אין וואָכנטיג אָנגעטאָן אין שענסטע, מאָדערנסטע קליידער, איז באַהאָנגען מיט גאָלד און בריליאַנטן און דאָס אין דער צײַט, ווען רוב יידן אין שטעטל מאַטערן זיך ס׳גאַנצע לעבן קוים אויסצוהאָרעווען ס׳ביסל בידנע פּרנסה. זײַן שכן, וועלוועלע גוטמאַן, אַ ייִד אַ דימענט, אַ יודע ספר, מוז אין סטאָלאַרסקע וואַרשטאַטל פּראַצעווען ווי אַן אייזל און אַרבעט נישט אויס אויף פּרנסה בכבוד. בײַנאַכט ביז חצות לערנט דעם דף-היומא, איז מעין אין אַ חסידיש אָדער קבלה-ספר. אַ מידער לייגט ער זיך אין אייזערן בעטל, שלאָפט בלויז עטלעכע שעה און פאַרטאָג גייט אויף ס׳נײַ אין ווערקשטאַטל הובלעווען, זעגן, זיך אָנעסן מיט קאָרש, שטויב. יענע וואָך פאַרן רב זיך פאַרטרויט, ער וויל מאַכן אַ סיום הש״ס און האָט צומאָל נישט עטלעכע זלאָטעס צו קויפן אַ פלעשל בראָנפן, עטלעכע ברייטלעך מיט הערינג. אַלע בײַ אים אין שטוב זענען אָנגעטאָן אין איבערגעניצעוועט אָנטועכץ. אַ האַרץ-ווייטאָג אָנצוקוקן זײַנע שיינע כּלה-מיידלעך, אָנגעטוענע אין אַלטע, אָפּגעבליאַקעוועטע קליידלעך. און דאָס הייסט יושר? אַז מ׳קוקט זיך צו צום שווילטאָג

פון אַ הייפל ייִדן, בעת דער רוב סטענקעט, קאָן מען נישט זאָגן, אַז די שטרייַקערס זענען אין גאַנצן אומגערעכט. אַז מ׳דרייט אָבער איבער ס׳פּשטל, טאָרן ייִדן זיך נישט מישן. מ׳איז פאָרט אין גלות. ס׳איז אַ גרויסע סכּנה צוזאַמען מיט גויים זיך צו בונטעווען. די רייַכע פּריצים, פאַבריקאַנטן, סוחרים וועלן אויסגיסן זייער צאָרן קעגן ייִדן. ער האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו ייִדלעך: „וואָס זאָגט דער גלח? ,אויב ייִדן בונטעווען זיך, דאַרף מען זיי נישט׳. ר׳איז כ׳לעבן כשר גערעכט״. זיינע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט. מסקנהט: ער מיינט, אַז מ׳דאַרף אויפהערן חוזקן פון די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס גייען אין הייזער זאַמלען געלט אויסצולייזן די הייליקע ערד אין ארץ־ישראל. לויט אים האָבן שוין אַ סך זייערע פאַרלאָזט רייַכע היימען און עולה געווען. שרייַבן, זיי אַרבעטן שווער און ביטער, ווילן אויפבויען אַ היים, אַ לעצטע רויקע היים פאַר ייִדן. זיי אפשר האָבן דעם ריכטיקן שכל. מ׳קאָן נאָך אַמאָל זיי מקנא זייַן. אין דייטשלאַנד זעט מען שוין דעם בראָך, וואָס דער רשע מרושע, היטלער ימח שמו וזכרו, מאַכט מיט ייִדן. די דאָרטיקע גרויסע חכמים האָבן זיך אייַנגערעדט אַז זיי וועלן זייַן געלערנט, לעבן ווי גויים, וועט מען זיי שאַנעווען. אָבער ווייַ צו די אויערן צו הערן די דאָרטיקע גזרות־רעות. איין גאָט ווייסט, וואָס דאָ קאָן נאָך ווערן מיט ייִדן. ער האָט זיך צעכליפּעט. אין האַלדז האָבן אים געשטיקט טרערן. קוים געשעפּטשעט: „אירט דאָך געהערט, וואָס פאַר אַ וויסטער חורבן ס׳איז האַנט געווען אין שטאָט״.

בעריש מאַן האָט געהויבן דעם קאָפּ פון ספר, „שער־צדיקים״. חידושדיק צעעפנט פאַרטרוימטע אויגן. מאָדנע געקוקט אויף די פאַרטרויערטע און געפרעגט:

„און דאָרט, אין אונדזער הייליק לאַנד, מיינט עטץ וועלן די שונאי־ישראל־הערשער, מיט זייערע גלחים, אונדז לאָזן לעבן במנוחה? און די אַזויפיל אַראַבער? זיי זענען דאָך מיליאָנען! כּחול הים! און מערן זיך ווי מערישקעס. זיי טענה׳ען גאַר, אַז ס׳איז זייער פּאַלעסטינע. גייט קריגט זיך מיט זיי. איין ייִד קעגן טויזנט אַראַבער! אמת די חלוצים טענה׳ען, אַז זיי האָבן נישט קיין מורא, אַז די געלערנטע ייִדן זענען שטאַרקער פון די פּרימיטיווע אַראַבער. אָבער וועלן זיי תּמיד זייַן פּרימיטיווע? וואָסי, זיי קאָנען זיך נישט אויסלערנען אונדזערע קונצן? וועלן מיר אויך דאַן זיי גובר זייַן?״. האָט זיך פאַרטראַכט. געזיפצט. צו די נעבן זיצערס געזאָגט: „אין אַלע דורות ווערן געבוירן יחידי־סגולה. בלויז זיי, זענען זוכה משיג צו זייַן דעם ניצוץ־אלהים. בלויז מאורי־שבתורה, חכמים און

פון זיי איינער אין אַ דור הערן, און דאָס נאָר זעלטן, יהוהם קול. אויך צווישן די זכיהדיקע זענען פאַראַן מדרגות. בלויז נסתרס פאַרטײַטשן ריכטיק אויס דעם געהערטן, סודותפולן קול־קורא. — איין מאָל אין אַ יובל זענען זיי זוכה צו דערבליקן ס׳געטלעכע ליכט, וואָס בלענדט אויף, פאַרשווינדט כהרף־עין, ווי בליצן, ס׳איז באַוווסט: נישט די אַ אַלע אויסדערוויילטע זענען ביכולת משיג צו זײַן כּביכולס סודות־רייד. עפּעס־וואָס פאַרשטייען זיי. אפשר בלויז אַ קאַפּיטשקע. די שכינהס פלוצימדיקע דערשיינונגען, דעם קודשא־ברוך־הואס קולות זענען פלוצים־אַנטפּלעקנדיקע און שנעל־פאַרשווינדנע. דער פאַרחרמטער ייִד פון גליל, וואָס צוליב אים לײַדן מיר, האָט ווײַזט אויס, עפּעס־וואָס געהערט. אָבער נישט אַלץ תּופס געווען. נאָך ערגער. שפּעטער, ס׳געהערטע גרײַזיק מפרש געווען. געוואָרן אַ כופר בעיקר: געלייקנט אין יהוה־אחד, אין מלך המלכים. דערפאַר האָבן אים די חכמי־ישראל מבטל געמאַכט. זײַנע „תורות״ זענען פאַרבליבן פרעמד דעם ייִדישן מושג. געמוזט אַרומגיין דרשענען פאַר אָרעמע. צוליב נקמה געמוסרט די גדולי־התורה, רבנים, אַז זיי גאָר ווײַכן אָפּ פון גאָטס דרך־הישר. שונאי־ישראל האָבן זײַנע רייד אויסגעניצט קעגן ייִדן. ס׳איז באַוווסט: די פּײַנטשאַפט צו ייִדן איז אַן אייביקע. קריסטלעכע ממשלות, וואָס דריקן ייִדן אין אַלע תקופות און זייערע גלחים, גײַסטלעכע וועלן אין ארץ־ישראל אויך נישט לאָזן אונדז רויִק לעבן. לויט זייערע „תורות״ דאַרפן ייִדן זיך אייביק מאַטערן, זײַן בזיונדיק אונטערדריקט. זיי וועלן אויך העצן די אַראַבער, זיי שטיצן אין זייער קאַמף קעגן נײַע ישובים־בויערס אין הייליקן לאַנד״.

אַלטער האָט זיך צעקאַכט: „ר׳ בעריש, נישט אַלע אייערע דרשות פאַרשטײַ איך. בין טאָקע טשיקאַווע, אין וועלכן ספר פראַלניק האָט איר דאָס געלערנט?״

„ר׳ ייִד, אייער פראַגע וווּנדערט מיך. אַלץ איז פאַרשריבן. מ׳דאַרף בלויז גוט לערנען. יאָסעלע האָפענוגגס זונדל שרײַבט ביטערע בריוו פון ארץ־ישראל. רוב ייִדן דאָרט פירן זיך אויף ווי גויים. אויב אַזוי, וואָס איז דער טאַראַראַם? די גלחים טענה׳ן דאָך תּמיד, אַז אויב מיר וועלן לעבן ווי זיי, וועט קיינער אונדז נישט טשעפּען? וואָס איז דער ציוניסטישער אויפטו?״

דאָ האָט זיך ייִדל צעפײַערט: „כ׳פאַרשטיי נ׳שט אײַער פשטל. גאַנצע טעג זיצט איר דאָ, ווי אַ קוואָקע אויף אייער, לערנט זוהר, קבלה־ספרים. מ׳זאָגט אויך, אַז איר לייענט בגנבה אפיקורסיש־משכּילישע מעשה־

ביכלעך, און אַזאַ פּשוטן ענין כאַפּט איר נישט. אַלע ווייסן, אַז בעתן ביטערן פּאָגראָם אין קעלץ, האָבן שקצים פון קאַשטשאָל אַרויסגעשלעפּט אַ באַהאַלטענעם משומד, אַ קניענדיקן פאַרן יויזל און אים מיט מעסערס צעשניטן לעבעדיקערהייט. אַרטיקע פּאָליאַקן האָבן דאָס באַרעכטיקט: „מ׳טאָר נישט גלייבן די בעזבאָזשנע זשידעס אַפילו זיי שמדען זיך". הערטס נאָר. מיך, אַ ייִד מיט טלית און תּפילין־זאַק אונטערן אָרעם, כאַפּן זיי, הייסן פּועלן בײַ די אפּיקורסישע שטרײַקערס, זיי זאָלן אויפהערן מאַרשירן מיט רויטע פענער. ר׳ בעריש, פאַרשטייט איך נאָך אַלץ נישט, אַז בײַ זיי זענען מיר אַלע גלײַך? ווען האָבן זיי הײַנט געהרגעט? געהייסן האָט עס, לויטן גלחס העצערײַען צו שלאָגן די דעמאָנסטראַנטן און פּאָגראָמירט, געמאָרדעט האָט מען פרומע מיט כופרים. אַ סך געמאַכט פאַר אייביקע קאַליקעס. צום טויט פאַרפּייניקט כשרע פרויען, מיידלעך, אָפּגעהיטענע ייִדן".

אַ הויכער זקן מיט אַ לאַנגער, ווײַסער באָרד, אַנגעטאָן אין אַ ריפּסן כאַלאַט, אַ זײַדן היטל מיט אַן אויסגעריבן קאַפּל, האָט זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט. די דלאָניעס פאַררוקט אין גאַרטל. געוואָרן מלא כעס. זײַנע באַקן האָבן געפלאַמט. די גרויסע אויגן צאָרנדיק געקוקט. די באָרד האָט אים נערוועז געציטערט רוגזהדיק געשריגן: „ר׳ בעריש, יאָסעלע האָפענונגס זינדלס מעשׂה איז פאַר מיר נישט ווערט קיין שמעק־טאַבאַק. נישט אַלץ, וואָס דער תּכשיט שרײַבט איז תּורת־לאָקשן. וואָס ס׳וועט זײַן אין ארץ־ישׂראל ווייסט קיינער נישט. אַפילו די גרויסע ציוניסטישע חכמים זענען ספקדיק. ווילן אָבער נישט איבערשרעקן דעם עולם. דאָ זעט מען באַשײַמפּערלעך דעם פינצטערן בראָך. אויב מ׳האָט בלויז אַ קאַפּיטשקע שׂכל, דאַרף מען וואָס שנעלער אַנטלויפן ווו דער פעפער וואַקסט. ווער ס׳וועט דאָ בלײַבן איז פאַר מיר אַ מתאבד את עצמו לדעת".

אַ קליין יונגערמאַנטשיקל מיט אַ געדיכט געל בערדל, שפּיציק נעזל און בלוילעכע, צינישע אויגן, האָט זיך געשטעלט אנטקעגן די שמועסערס און געפּישטשעט מיט אַ קוויטשנדיק קולעכל: „ר׳ בעריש, מער קען איך נישט שווײַגן. ווי קומט צו אײַך אַזעלכע מחשבות־זרות? אַלע אײַערע רייד שמעקן דאָך מיט ריינער כּפירה, רחמנא לצלן. אײַער זיך גריבלען אין קבלה, און אין פאַרשידענע חקירותן, האָט, זעט אויס, אײַך גוט פאַרדרייט דעם קאָפּ. נישט איינער איז שוין נכשל געוואָרן. אַפילו עפּעס העכערס פון אײַך האָבן מודה געווען, אַז זיי זענען נישט ראוי אַרײַנ־

צודרינגען אין דעם פֿאַרבאָרגענעם, הייליקן פּרד״ס. וועגן משיג זײַן קבלה-סודות האָט דער וווּנדער צדיק, זכותו יגן עלינו, געזאָגט: „לאו כל אדם זוכה", ער זאָל זיך דאָרט מיען פֿאַר אונדז, איז דווקא זיכער יאָ אַרײַן אין רזין-דרזין-היכל. איז ער טאַקע ס׳גאַנצע לעבן געווען אַ שווײַגער. זעלטן ווען געזאָגט תורות. און אַז ר׳האָט שוין, אַמאָל אין אַ יובל, עפּעס מגלה געווען, האָט ער בלויז געשעפּטשעט איינצלנע, געציילטע ווערטער און דאָס טאַקע שטאַרק ברמיזה, משלדיק פֿאַרהוילן. ר׳ בעריש, האָרכט מיך. גריבלט זיך ווייניקער. ווער מיר גלחים, וואָס מיר יאָסעלע פּאַנדריק. מיר האָבן איין בורא-עולם. ער איז געווען און וועט פֿאַרבלײַבן אונדזער פֿאַרזאָרגער. דאָך, מיין איך אַז מ׳דאַרף יאָ עפּעס טאָן". גענומען די באָרד אין דער רעכטער האַנט אַרײַן, באַרעכטיקט אַלטערס אַזהרות, מ׳מוז אַנטלויפֿן פֿון פּוילן. זײַן האַרץ זאָגט אים, אַז דאָ וועט מיט ייִדן נישט גוט זײַן. זינט ייִדן זענען אין גלות איז דער היטלער דער גרעסטער צורר היהודים. בײַ די דײַטשן אײַנצונעמען פּוילן איז אַ שפּילעכל. דאַמאָלס זענען אַלע ייִדן, פֿרומע און פֿרײַע, פֿאַרלוירן.

בערישס אויגן האָבן זיך פֿאַרפֿײַכט. שטיל, ווי כּוחותלאָז, געמורמלט: „מ׳דאַרף מתפּלל זײַן ניצול צו ווערן פֿון אַלדאָס בייז". זיך געוואָנדן צום געלבערדלדיקן און געזאָגט: „איר זײַט מיך מבטל? מילא. כ׳בין אײַך מוחל. פֿון דורות האָבן מיר ליב בלויז גוטע ווערטער. כּמעט אַלע מחברים-מוכיחים, וואָס האָבן געמוסרט, עפּעס מחדש געווען, זענען געוואָרן אין אָנהייב אויסגעלאַכט, שפּעטער פֿאַרפֿאָלגט. צו סוף געוואָרן פֿאַרחרמט און אַ טייל פּיזיש אומגעבראַכט. פֿאַר מיר איז נישט פּסול צו הערן נײַע רעיונות, אַפֿילו פֿון די אומות העולם. איר זײַט מיך חושד? אפשר גאָר ווילט איר משפּיע זײַן בײַם רבּ מ׳זאָל מיך פֿון דאַנען אַרויסטרײַבן? טוט וואָס איר ווילט. ס׳וועט נישט ווערן אַ לאָך אין הימל. ס׳וועט בלויז זײַן אין בית-המדרש זיצער ווייניקער. דאָס וועט זײַן היינו-הך. דער עיקר, וואָס וועט מיט אונדז זײַן?" צעצאָרנט איז ער אַוועק פֿון טיש. מיט אַ געבויגענעם קאָפּ צוגעגאַנגען צו די ברייטע ספֿרים-שענק. אַרײַנ-געשטעלט דעם ספֿר „שער-צדיקים". געזוכט. אַרויסגענומען דעם ספֿר „ירמיהו". זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן עמוד מיט אַ ברענעדיק, פֿאַרטריפֿט יאָרצײַט-ליכט. ס׳פּנים פֿאַרשטעלט מיט די דלאָניעס. ס׳זענען געווען פּאַטעטישע קלאָג-לידער אין די עצבותפֿולע נביאותן. טרויעריק צוגעברומט. געשאָקלט זײַן סקעלעטן גופֿל, וואָס אין דער ברייטער, טונקל-טוכענער,

קורצער, געהאַקטער קאַפּאָטע. די בר־מצווה און חתן־בחורימלעך, די נעבן אויוון־זיצערס און די עסקנים אויפן בעלעמער זענען נאָך אַלץ געווען פאַרזאָרגט פון ייִדלס און די ווײַבערס דערציילן דאָס געשלעג צווישן די פון גלח־אונטערגעהעצטע פּאָליאַקן מיט די מאַי־דעמאָנסטראַנטן; די באַוואָפנטע פּאָליציי, וואָס האָט די אַרבעטער אַרײַנגעטריבן אין יאַטקע־געסל, כּדי מכלומרשט צעשיידן די קריגערישע צדדים: דעמאָנסטראַנטן מיט פּאַגרזשעב־גייערס. אָבער למעשה דערמעגלעכט די אָנגעפּאַרענע און די שטאָטישע גויים, די אָנגערייצטע קעגן דער „ייִדיש־באָלשעוויסטישער באַדראָונג" אָנצופאַלן, פּאַגראָמירן ייִדן, אויסרויבן זייערע געשעפטן, שטובן, פאַרגוואַלדיקן יונגע מאַמעס, מאָרדן זיי מיט זייערע זויג־קינדער.

נעבן ברייטן, בלוילעך־באַקאַלכטן ציגל־אויוון — אין דער צווייטער זײַט פון די זיצערס — איז געלעגן אַ דיק־באַפּליישטער גוף, פאַרוויקלט אין טונקעלע שמאַטעס, אַ צעריסן, פאַרפּעצט סאַקל און אויף דעם אַ זיידענע קאַפּאָטע און אויף דעם אַלעם אַ פּלושענעם שלאָפראָק, פאַרבונדן מיט אַ שטרוי־געפלאָכטענעם גאַרטל. דער גוף האָט זיך אַלעמאָל אויפגעהויבן. געקראַצט ס׳טונקעלע פּיס־פּלייש, דאָס אַרויסגעזויגענע פון צעפּליקטע, צײַגענע הויזן. האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ, אַ באַוואַקסענעם מיט גרויע, קאָלטענעוואַטע האָר און פאַרוויקלט מיט אַ פאַרנעצט שטיקל מעטקאַל. אויף דעם אַ פאַרפּעצט, אויסגעריבן, סאַמעטן היטל. מיט שוואַרץ־קויליקע אויגן געגלאָצט אין אַלע זײַטן. אויסגעכאַרכלט משונהדיקע קולות. געקוקט, געלאַכט. זיך געגעבן אַ שטעל אויף. איז פאַרבייגעגאַנגען די טישן, באַזעצטע מיט יונגע און אַלטע לערנערס, ביטולדיק צו זיי געשאָקלט מיטן קאָפּ. אין מיטן בית־המדרש האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. צעשפּרייט די הענט און אויסגעשריגן: „**בטלנים**!!! **טיפּשים**!!!. מ׳זאָל אַזוי האָבן אַן עכטע ישועה און איך אַ ריכטיקע רפואה־שלימה ווי פון דעם געשעפט וועט גאָרנישט ווערן!"

די לערנערס, אויוון־זיצערס האָבן נטע׳לעס רייד נישט גענומען אין אַכט. געווען געוווינט צו זײַנע משונהדיקע דראָונגס־געשרייען. אים גוט געקענט. אַמאָל האָט ער געהאַט אַ גרויס הורטאָוונע פּראָוויאַנט־געשעפט. געפירט אַ מלכותדיק הויז. געווען אַ גרויסער בעל־צדקה. אַ מכניס־אורח. זײַן שיין, בלאָנד ווײַבעלע, רחלע „פּליאַק", תּמיד אַ פריילעכע, אין חברות אַ צעלוסטיקטע, האָט זיך באַפרײַנדעט מיט זייערס אַ קונה. נטעלע איז געוואָרן אײַפערזיכטיק. די קנאָה האָט אים צעשטערט די רו. איז וויניק געשלאָפן, אָנגעהויבן לײַדן פון הויכן בלוט־דרוק. ווי אַלע

עשירים געפאָרן קיין וואַרשע צו די גרעסטע, באַרימטסטע דאָקטוירים. זייערע רפואות האָבן נישט געפּועלט. אַ פּראָפעסאָר האָט אים געהייסן אָפּרוען פון די געשעפטן. דאָס זיצן אין שטוב, זײַן עובר ובטל האָט גורם געווען צו תּמידיקע מחלוקתן. אין שטוב געזען רחלס לײַכטזיניקייט. איר פּוצן זיך אין מיטן וואָך, פאָרן אַוועק גיין און צוריק קומען אין שפּעטן אַרום. צוליבן נישט פירן די געשעפטן, די קריגערייען מיט רחלען, האָט ער אײַנגאַנצן פאַרנאַכלעסיקט די סקלאַדעס. זײַנע „מענטשן" האָבן אים אָפּגענאַרט. דאָס אַלץ האָט אים געמאַכט נערוועזער, גורם געווען נישט עסן צו דער צײַט און לײַדן פון שלאָפלאָזיקייט. די אָפטע שטוב־מחלוקתן האָבן מער צעצאָרנט דאָס פריילעכע ווײַבעלע. זי האָט, ביסלעכווייז, פאַרנאַכלעסיקט די הויז־ווירטשאַפט. נישט געררוימט, נישט געוואַשן, געקאָכט טעמלאָזע עסנס, ווי פאַר שטוב־חיות. נטע איז ביסלעכווייז אַראָפּ פון זינען. די „מענטשנס" מסחרן האָבן גורם געווען, ער זאָל באַנקראָטירן. די בעלי־חובות האָבן בײַ אים צוגענומען די איבער־געבליבענע סחורות, דאָס געלט אין די בענק און אויך אים אַרויסגעוואָרפן פון דער פינפצימערדיקער וווינונג. „זײַן" רחל איז באַלד אַוועק צו איר געליבטן. אַ צײַט האָט ער געוווינט אין חיים שניידערס אַלקערל. זײַנע נערוון זענען געוואָרן אינגאַנצן צעשטרײַט. רחל האָט זיך בײַם רב געלייגט אין דער לענג און ברייט. אויסגעפּועלט בײַ אים אַ גט. נאָכן צעשיידן זיך, איז ער גענצלעך געוואָרן משוגע. חיים האָט אים געהייסן זוכן אַ צווייט אָרט. קיינער האָט אים נישט געוואָלט צו זיך אַרײַן נעמען. פון דאַמאָלס אָן וואַלגערט ער זיך אין בית־המדרש. „לעבט" אויף דער הילצערנער באַנק, אונטערן אויוון.

דאָס קליינע שמשל, יאַנקעלע צוקערמאַן, וואָס שמייכלט צו אַלע, זאָגט יעדן איבערגעטריבענע חנופה־שבחים און הינטער די אויגן חוזקט ער פון זיי, האָט נישט געקענט פאַרשווײַגן נטעלעס ווילדע געשרייען. האָט ער זיך צעקוויטשעט: „מ'דאַרף אים אַרויסטרייבן. וואָסי ? ס'איז בײַ מיר דאָ אַ הקדש ? זאָל ער גיין, צו אלדי שוואַרצע יאָר".

„חס ושלום !", האָט בעריש איבערגעריסן ס'לערנען און דעם שמשל געוואָרנט : „מ'טאָר נישט מבטל מאַכן קיינעמס רייד. אין טייל געזאָגטע ווערטער, אַפילו פון אַ הדיוט, אַ קינד, זעלטן ווען פון אַן אומזיניקן, זענען אויך פאַראַן אַ ניצוץ־אלהים. לויט אונדזערע אויסגעלערנטע, איינגעבילדעטע השגות שפּאַסן מיר פון משוגעימס רייד. אָבער אויך זיי זאָגן אַמאָל אַ שמץ פון אַ טיפן רעיון" צום שמש געבייזערט : „וואָס

מישט איך זיך אַרײַן? איר ווייסט דען די גבולות פון חולי־נפשס מחשבות און אָנגענומענע לומדימס חקירותן? מורה־דרכערס תורות? איך ווייס דאָס נישט. ווער קאָן משיג זײַן צי אונדזערע שכל־הישרס זענען אמתע, די ריכטיקסטע?

נטע האָט צופרידן געקוקט, ווי ער וואָלט אויפגעפּאַסט די טענות־פראַגן פון בערישן, וואָס האָט געקרעכצט, געזיפצט: „מ׳דאַרף האָבן סיעתא דשמיא!" און ווידער געזעצט לערנען ירמיהוס נביאותן. דער טומל פון די שמועסערס, די קולות פון די לערנערס איז געוואָרן הילכיקער.

דב אַלטער האָט זיך ראַפּטאָווגע צעשריגן: „דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז און דאָ בטלט מען אַלץ. פאַרן וויסטן פּאָגראָם האָבן די שיינע ייִדן זיך געאַמפּערט וועגן גבאות". ר׳האָט צעשפּרייט די הענט, באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. איז צוגעגאַנגען צו פענצטער. געקוקט אויפן פאַרוואָלקנטן, פאַרנאַכט־הימל, וואָס האָט טונקל געשאָטנט ס׳בית־המדרשל, געלאָשן די פאַרשטויבטע פענצטערלעך. געזיפצט. אָנגעשטרענגט די בליקן. געקוקט אויף די שטעטלדיקע כאַטקעלעך, פאַרבויגענע, צוזאַמענ־געדרוקטע, צונויפגעטוליעטע, ווי זיי וואָלטן געאַנט, אימהדיק אָפּגעוואַרט די אָנקומענדיקע גרוילעכע שטורעם־נאַכט, וואָס האָט געשפּענסטיש געגענטערט צום פאַרמשפּטן ייִדישן שטעטל אין פוילן־לאַנד.

„ס׳שטעטל ברענט!!! גויים האָבן אונטערגעצונדן אַלע ייִדישע הײַזער! קומטס, העלפט ראַטעווען!" האָבן זיך דערהערט הילכיקע קולות. אַלע זענען געוואָרן צעחושט. די יונגע לערנערס זענען אַנטלאָפן הינטערן שטעטל. זיך באַהאַלטן צווישן די בערג. די בעלעמער־זיצערס זענען אַ היים געלאָפן עפּעס וואָס אָפּראַטעווען זייער האָב און גוטס. די נעבן־אויוון־זיצערס האָבן געקלאָגט תהלים און ווען דער רויך האָט זיי געשטיקט, זענען זיי אַרויס מיט בערישן. הילפלאָז געגאַפּיעט אויף די צעפלאַמטע הייזלעך. זענען צעחושטע געלאָפן זוכן אַ באַהעלטעניש.

און דוביק האָט געענדיקט דערציילן: „ברודערל, יעצט פלאַניר איך פאַרצייכענען, ווי אַזוי דײַטשן מיט די קריסטן־סלאַוון האָבן פאַרניכטעט דאָס אינגאַנצן נישט פאַרשפּעט שטעטל, די ייִדן פאַרטריבן, זיי געפּײַניקט און געמאָרדעט מיט מיתות־משונות. אַז כ׳וועל זוכה זײַן די מגילה פּינקטלעך אָנשרײַבן, וועט זי זײַן ס׳טראַגישסטע איכה־קאַפּיטל אין אונדזער פּיינפולער געשיכטע, גאָרנישט פאַרגלייכלעך צו דער פאַר־געלייענטער מעשׂה".

אויפן הימל אַ יאַריד

א

אַ זקון, געוועזענער קאַצעטניק אין אומקום־לאַגער אוישוויץ און לייטענאַנט אין צ.ה.ל. דערציילט: „קיין ישראל בין איך אָנגעקומען סוף יאַנואַר 1948, אין די שווערע קאַמף־חדשים פון דער באַפרײַונגס־מלחמה. נאָכן אַראָפּגיין פון דער שיף „קוממיות" אין חיפהער פּאָרט, האָב איך זיך מאָביליזירט אין דער הגנה. כ׳בין געווען צופרידן, מונטער, ס׳איז פאַר־ווירקלעכט געוואָרן מײַן טרוים: דינען אין אַ ייִדישער אַרמיי, פאַרטיידיקן מײַן אייגן פאָטערלאַנד. אין האַרץ האָט געפלאַמט נקמה קעגן אַלע ייִדנפײַנט. כ׳בין געווען גרייט צו טויטן יעדן באַגעגנטן שונא, וואָס שטערט אונדז צו לעבן, נאָרמאַל צו עקסיסטירן. דאָס אַ הייליקע רעוואַנזש־געפיל האָט אויך געפלאַמט אין די הערצער פון אַלע פרײַוויליקע קעמפערס אין אונדזער אײנהײַט. האָבן מיר טאַקע עקשנותדיק, פאַרביטערט און פאַרביסן זיך פאַרטיידיקט, אויך אָנגעגריפן די קנאַהדיקע אַראַבישע סאָלדאַטן. אין מײַן אָפּטיילונג זענען געווען אַלטע און יונגע זעלנער, וואָס האָבן גערעדט פאַרשידענע שפּראַכן. אָבער בלויז די ווערטער זענען געווען גוישע. דער תּוך פון די אַלע רייד איז געווען אַן עכט־ייִדישער. נישט אַלע האָבן געהאַט די געהעריקע, נויטיקע מיליטערישע אויסבילדונג. ס׳איז אויך נישט געווען גענוג נײַצײַטיק געווער. מיר אַליין אָבער זענען געווען אַ געפּערלעך וואָפן פאַרן אַראַבישן שונא. מיט התלהבות, מיט מסירות־הנפשדיקער גרייטקייט האָבן מיר אַנטשיידנדיק פאַרטיידיקט ס׳לאַנד קעגן זיבן אַראַבישע אַרמייען, אונטערגעהעצטע און געשטיצטע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן, רעאַקציאָנערן וועלט־פּסולת. כ׳בין געווען איבער־צײַגט, אַז מיר קעמפן פאַרן לעבן, פאַרן פרײַען ייִדישן המשך, פאַרן קיום פון דער נאָר־וואָס ווידער אויפגעלעבטער מלכות־ישראל, אונדזער לעצטע היים.

נאָך עטלעכע קריטישע, שווערע קאַמפן, האָט אונדזער אָפּטיילונג עטלעכע טעג גערוט אין מיליטער־פּונקט מוקעבלע. מײַן ערשטע וואָך־

צײַט איז אויסגעקומען אין אַ פינצטערער, שטערנלאָזער ווינטער־נאַכט. כ׳בין געלעגן אין אַ שמאָל, קורץ גריבל. געהאַלטן אַ טשעכיש געלאָדן ביקסל, געצילט קעגן אַראַבישן פינצטערן דערפל. אין קאָפּ האָבן געראַיעט מאָדנע געדאַנקען, האַלוצינאַציעס אַלץ אַרום מײַן גורל. נאָך אַזוי יונג און שוין איבערגעלעבט אַזויפיל סכנות. געבליבן פולקום איינזאַם, עלנט. די גאַנצע משפחה האָבן דײַטשן, אפשר פּאָליאַקן, אויסגעמאָרדעט. כ׳ווייס נישט ווו זייער געביין איז. כ׳ווייס נישט זייערע קברים. כ׳ווייס נישט די יאָרצײַטן, כדי צו זאָגן קדיש. אין די אומקום־יאָרן בין איך אַליין אויסגעשטאַנען גהינומדיקע רדיפות, פּײַנען. על־פּי־נס געוואָרן אָפּ־געראַטעוועט פון די היטלערישע פּײַן־און טויט־לאַגערן. געשמאַכט אין רוסישע וועלדער. געליטן הונגער, קעלט, אָנפאַלן פון אוקראַיִנישע באַנדעס. בזיונדיק געלעבט אין דיפּי־לאַגערס אין דײַטשלאַנד, ווי א בירגערלאָזער. געהיים געוואַנדערט איבער גרענעצן, רעכטלאָז געלעבט אין אייניקע לענדער. נאָך פיל אַדמיניסטראַטיווע שוועריקייטן, האָב איך דורך יִדישער הילף קוים דערלעבט אָנצוקומען אין מײַן געגאַרטן לאַנד, וואָס די אַראַבער האָבן, אין משך פון הונדערטער יאָרן פאַרמידברט און פון יִנגלווײַז אָן געטרוימט צו העלפן עס אויפבויען, ס׳זאָל זײַן אַ פרייע היים פאַר אונדזער תּמיד און אומעטום פאַרפאָלגטן פאָלק. איז אויך דאָ וויל מען אונדז אומברענגען. די געווייטיקטע געדאַנקען, קלערענישן האָבן מיך געמאַטערט. פאַר די אויגן האָט געשווינדלט. דער קאָפּ איז געווען שווער, ווי דער שטיין — מײַן „קישן״־צוקאָפּנס, אין דעם שמאָלן, שטעכיק־שטיינדלדיקן גריבל. זיך געגריבלט, געוואָלט פאַרשטיין די תּמיד־פאַרדראָסיקע פראַגן, די פאַרוואָסן, מײַן דאָליע, מײַן פאַרנעפּלטע צוקונפט. און געדרימלט.

ב

אין חלום האָב איך דערזען: —

האַרבסטיקע, קאַלטע פעברואַר־נאַכט. כ׳ליג אין אַ קליין בונקערל, אויסגעגראָבן מיט מײַנע הענט, נעבן שאָסיי קיין באַראַנאָוויטש. בין אַהער אַנטלאָפן נאָך דער ערשטער, בלוטיקער אויסזידלונג פון ביאַליסטאָקער געטאָ. ס׳מאַטערן ספקות, מחשבות: קריכן טיפער אין וואַלד? ס׳שרעקט מיך. פּוילישע, ווײַסרוסישע פּאַרטיזאַנער וועלן מיך הרגענען. בלײַבן ליגן דאָ? האָב איך מורא, אַז דײַטשן וועלן מיך פּאַקן. זיי וועלן מיך, פאַרן און ביזן מאָרד, פּייניקן. פלוצעם דערהערט רוישנדיקע אויטאָ־מאָטאָרן. געזען די שנעל פאַרבײַגעפאָרענע לאַסט־אויטאָס, באַלויכטענע

מיט פראַזשעקטאָרן. זיי זענען אָנגעפילט מיט יאָמערדיקע זקנים, קלאָגנדיקע פרויען. כ׳הער די געשרייען פון צעשלאָגענע מענער, פון דערשראָקענע קינדער. זייערע גרוילפולע קולות דערשיטערן מיך. נאָכן פאַרבײַפאָרן פון אָט די צענדליקער גאַר גרויסע לאַסט־מאַשינען, אָנגעשטופטע מיט אַרויס־געטריבענע ייִדן האָב איך זיך, אויפן בויך, געראוקט טיפער אין וואַלד אַרײַן. ווידער אויסגעגראָבן אַ גריבל, זיך אַרײַנגעלייגט. מײַן אַנגסטיקער גוף, פאַרדעקט מיט נאָדלדיקע סאָסנע־צווײַגלעך, ווערט פון זיי צעשטאָכן. די פינצטערע נאַכט, די ברייטע, געדיכט־באַצווײַגטע, פון ווינטלעך צעזשומעטעביימער, פאַרשטעלן מיך, טויבן אָפּ מײַן קרעכצן. איך ברעך ריטלעך, צווײַגלעך, מיט וועלכע כ׳וויל זיך מער פאַרדעקן. אַז דאָס צעציטערטע הארץ איז געוואָרן אַביסל באַרויִקט, געקלאַפּט לאַנגזאַמער, שטילער, האָב איך אויף ס׳נײַ געטראַכט, געפּרוווט פאַרשטיין סיבות פון גויימס פאַרפאָלגן ייִדן. געחקרנט מכּוח די ייִדיש־רעליגיעזע, עקאָנאָמישע אונטערשיידן, וועגן מענטשלעכע חיהשע אינסטינקטן אָנצוגרײַפן שוואַכע, הילפלאָזע. די אָ סיבות זענען עווענטועלע גורמים פון דער מענטאַלער, אייביקער, פון דור צו דור איבערגעגעבענער שנאָה צו ייִדן. אין קאָפּ האָבן געגרויעט פאַרשידנאַרטיקע געדאַנקען. וואָס האָבן אויך אָפּגעלייקנט די „לאַגיש־באַגרינדעטע" פאַרוואָסן. האָב באַשטעטיקט און נעגירט די אַלעמאָל „נײַע" געפּשטלטע פעסטשטעלונגען. די אַלע קעגנזעצלעכע מחשבותן, די קאָשמאַרן, די קאָפּ־שווינדלענדיקע פאַנטאַזיעס, טראַכטענישן אין מײַן צעהיצטן מוח זענען געווען אַנגסטיקע. גאַרנישט אָפּלייקענענדיק איז געווען איין געפיל: אין הארץ האָט געפלאַקערט שנאָה קעגן דײַטשן, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, וואָס מאָרדן הילפלאָזע אומשולדיקע קינדער, זקנים, פרויען, וואָס כ׳האָב נאָר־וואָס געזען אויף די פאַרבײַ־פאָרנדיקע מאַשינען. אין מײַנע אויערן האָבן כסדר געקלונגען זייערע פאַרצווייפלטע געוויינען, קלאָגערײַען, „שמע־ישראל"־אויסגעשרייען. פון די אויטאָס זענען כסדר געוואָרן אַרויסגעשלײַדערט יללותדיקע זויג־קינדער. קליינע לוקסוס־טעקסיס, לימוזינעס מיט הויכראַנגיקע מיליטער־לײַט, האָבן צעקוועטשט, צעמאַרשטשעט די נאָך זשיפּיענדיקע קינדערלעך. דער שאָסיי איז געווען רויט פון בלוט, פול מיט אברימלעך, כ׳האָב צו דער נאַכטישער חשכות שטיל געיאָמערט: „רחום וחנונדיקער גאָט!, ווו ביסטו? פאַר וואָס קומט בלויז אונדז אַזאַ מוראדיקע שטראָף? צו די וואָיענדיקע, וויינענדיקע ביימער האָב איך געשעפּטשעט: „מאַין יבוא עזרי? „האָב קאָנוווּלסיוו געציטערט. ס׳האָבן מיך געשווידערט אַלע אברים. דעם פיבער־צעגליטן קאָפּ האָבן

אָן אויפהער געמוטשעט: ווער איז דער הויפּט־שולדיקער פון דעם גרויזאַמען גזר הדין? קיינער פון די „גוטע", „איידעלע", „קולטורעלע" גוים נעמט זיך נישט אָן פאַר אונדז. קיין שום פאָלק פּראָטעסטירט נישט קעגן אויסמאָרדן אַ גאַנץ פאָלק. געפּרוווט געפינען שולדיקע. די קריסטלעכע קירכעס, זייערע גלחים, וואָס האָבן במשך דורות פאַרשפּרייט שנאה, העצערייען, בלוט־בילבולים קעגן ייִדן. זיי, בלויז זיי זענען דאָס די כּסדרדיקע גורמים, וואָס ווירקן אין רעגירונגען צו באַשרענקען ייִדישע רעכטן. זיי זענען געווען אין אַלע צייטן די אינציאַטאָרן אונדז אונטער־צודריקן, פּאָגראָמירן. די אָ פּראָמינענטע פּיינטלעכע העצערייען האָבן באַאיינפלוסט די דייטשן, טיילן פון סלאַוון פעלקער, אויספירן דעם טאָטאַלן אומקום פון ייִדיש פאָלק. כ'האָב געשעפּטשעט צו זיך, צום פּינצטערן, פאַרכמאַרעטן הימל ביז כ'בין געוואָרן מיד און אַנטשלאָפן.

ג

אין חלום כ'האָב געחלומט: —

דער אָרום האָט געליכטיקט. וואָס אַמאָל מער העלער, בלויער, זוניקער. פאַר די אויגן, די צוגעוווינטע צו חשכות, האָט געשווינדלט דער בלענדיק אויפגעשיינטער פרימאָרגן. האָב געשטוינט: עס איז דאָך עפּעס גאָרנישט ענלעך צו טאָגליכט אויך נישט צו עלעקטריש־רעפלעקטאָרישער באַלייכטונג. אַ מין ראָזלעכע, אַלע ווײַלע צעבליצטע, אויפגעשטראַלטע פייערוואַרג באַליכטיקט דעם געדיכט־באַביימערטן וואַלד. איז מיך באַפאַלן אָן אימה. איצט בין איך פאַרלוירן. איצט איז געקומען מײַן סוף. די עסעס האָבן מיך געפּאַקט. זיי פּראָזשעקטירן דאָס דעם וואַלד, זיי זוכן אַנטלאָפענע, באַהאַלטענע ייִדן, פּוילישע, געפאַנגענע זעלנער און האָבן מיך דערזען. געטראַכט: פון ייִדישן גורל קאָן מען נישט אַנטלויפן. גײַן, עס איז מיר נישט געלונגען זיך צו ראַטעווען. אַנגסטנדיק געקוקט אין אַלע אויפגעהעלטע זײַטן און בלויז באַמערקט באַזוניקטע ביימער־שפּיצן, טוי־צעגלאַנצטע, ריח־נחוחדיקע און אין ליכט־שימערירנדיקע באַנאָדלטע צווײַגן. האָב זיך אויסגעצויגן אויפן פּײַכטן באָדן אינעם גריבל, פון מיר אַרײַנגעשיט געלע, פאַרוויאַנעטע בלעטער־אָפּפאַל, פּיצלעך זאַפּטלאָז־אויסגעטרוקנטע צוויי־גלעך־בראָכוואַרג. נישט געקענט רויִק אײַנליגן. בין איך אויפן בויך געקראָכן טיפער. געזוכט אַ ברייטן בוימשטאַם, כּדי הינטער אים זיך פאַרשטעלן. אפשר, אפשר וועט זיך מיר דאָך אײַנגעבן זיך צו ראַטעווען. מיטן קריכן אויפן בויך קוים דערגרייכט אייניקע שפּאַן און געבליבן

ליגן באַוועגלאָז, אָן כּוחות. כ׳האָב געפּילט אַ ווייטאָג אין די הענט, די בלוטיק־צעשטאָכענע פון פאַרטרוקנטן, שפּיציקן ביימעראָפּפּאַל און אויפגעהערט פילן דעם אונטערשטן טייל קערפּער, ווי כ׳וואָלט געוואָרן פּאַראַליזירט. דערהערט טריט, דײַטשישע און פּולישע רייד. האָב צאַפּלדיק אָנגעשטרענגט די אויערן, די אויגן. אַנגסטיק אָפּגעוואַרט פון וועלכער ריכטונג עס נעענטערן זיך מײַנע מערדער. זיי געזוכט אין אַלע זײַטן. די ליכטיקייט, די אַלע מאָל דערנענטערנדיקע טריט, דאָס דײַטשיש און פּויליש לשון האָט מיך צעצאַפּלט. יעדע מינוט איז געווען אַן אייביקייט און קיינעם נישט באַמערקט. פּלוצעם מער נישט געהערט קיין רייד, קיין שאָרכן פון זיך דערנענטערנדיקע טריט. „ווו ביך איך?", האָב איך זיך געפרעגט. שאַ שטיל. בלויז געהערט דאָס לײַכטע סקריפּעריי פון חיהלעך, פון שרצים, דורכגעלאָפענע איבער הויפנס טרוקענע שפּענער, פאַרבײַ־שוועבנדיקע פייגל־סווישטשעריי. האָב דאַן מקנא געווען די פרײַע, באַפליגלטע באַשעפענישן. געטראַכט: אוי, ווען כ׳וואָלט געבוירן געוואָרן אַ פייגעלע, אַ שמעטערלינגל. וואָלט איך דאָך געקאָנט פראַנק און פרײַ זיך דערהייבן איבער מענטשלעכע ברואים, פלאַטערן ווו נאָר כ׳וואָלט באַגערט. געקאָנט אומעטום לעבן, אומגעשטערט שטרעבן. וואָס האָט דאָ פּאַרט פּאַסירט? און פּלוצעם דערפילט מײַן מידער, שוואַכער, קוים טיילווײַז פילבאַרער קערפּער ווערט געקרעפטיקט, ווערט באַפרײַט פון דער ערדישער מאַגנעטישקייט. האָב איך אַרויפגעבליקט צום העלבלויען, זוניק־צעבליאַנקעטן הימל און געפּליסטערט אַ לויב־תּפילה פאַרן דערפילן מײַן געגאַרטע בקשה: כ׳פלי אין ליכטיקע, שטראַליק־שימערירטע הייכן. דערזע ווי דאָס פּוילישע לאַנד איז געוואָרן קלענער, קירצער, שמעלער. צום סוף גאָר פּיצלדיק. ס׳לעצטע פּינטעלע אירס איז אויך פאַרשוווּנדן. אויך דאָס ערדקיילעכל איז, וואָס אַמאָל, געוואָרן איינגעשרומפּענער, אויסגעזעען, ווי אַ פּלאַנעטל אין געאָגראַפישע ביכער. וואָס העכער זיך דערווײַטערט פון טונקעלן, ערדישן רעדל, אַלץ מער איז אין מיר געוואָרן צעפּלאָמט די שנאה קעגן די „מענטשלעכע", ליגנערישע פּאָליטיקערס, די רויבגיריקע, כיטרע שטרעבערס צו מאַכט, צוואַנג־געוועלטיקערס, מיט זייערע פאַרשידענע רעליגיעזע, פילאָסאָפישע, קריסטלעכע, סאָציאַליסטישע „מאָראַל"־פּרעדי־קערס, סורעאַליסטישע בעלי־מלאכות־ליטעראַטן, „פּאָעטן" און חנופהדיקע פּובליציסטן. די אַ אַלע, פון מאַכטלייט געקויפטע, גוט־באַצאָלטע „אידעען"־פאַרשפּרײַטערס האָבן אין אַלע תּקופות, אויסגעקליגלט מיסטישע, אומ־פאַרשטענדלעכע, האָקוס־פּאָקוסע ווערטער־געפּלאָנטערס. מיט זיי אויס־

געטײַטשט די מאַכט־נויטווענדיקייטן פון זייערע, פון גאָט־באַגנעדיקטע הערשערס. אָט אָ די אַלע אַרט גאַרנישט, וואָס עס פּאַסירט מיטן אייביק־פאַרפאָלגטן ייִדישן פאָלק. טראַכטן אַפילו נישט צו פּרוּוון פאַראורטיילן דאָס אכזריותדיקע אויסמאָרדן אַ פאָלק. האָב דאַן געהאַסט די פעטלײַביקע, זאַטע, „גאָט־שליחים", לידלדיקע זשאָנגלאָרן, אויסגעקליגלטע, שפּראַכלעך שיינע מעשׂיות־דערציילערס, גיאוף־רייצנדיקע מאָלערס, סקולפּטאָרן, צייכענערס, פאַלשע געשיכטע אָפּנאַרערס, געדאַנקען־פּלאָנטערנדיקע דענקערס, חנופה און קנאָהדיקע קונסט־קריטיקערס. די אָ אַלע געפילן און געדאַנקען־הענדלערס זיצן זיך רויִק אין קאַבינעטן, באַקומען גוטע לוינען פאַר טענער, פאַרב און וואָרט־פּראָדוקציעס, וואָס באַצוועקן דינען הערשערס, זיי מאַכן אַ הולטײַסקע לעבן פון זייערע פאַרקויפטע „געוויסנס". זיי ווילן גאָרנישט, מעגלעך גאָר האָבן מורא ריזיקירן זייערע פּראָפיטן, באַקומענע פון די קריסטלעכע מאַכטלייט־געדונגענע קולטור־באַסן און פּראָטעסטירן נישט, פאַראורטיילן נישט דעם גרויזאַמען אומקום פון ייִדישן פאָלק.

אַזוי פּשטלענדיק געקוקט אין אַלע זײַטן. געשטויגנט פון דער בלענדיקער ליכטיקייט, געחידושט פון מײַן פליען און ראַפּטאָוונע: טטרראַאַדדך!!! כ'בין געפאַלן אין טונקעלע תהומען. זיך אויפגעוועקט. בין געלעגן אויף אַ שמאָל, הויך, אײַזערן בעטל, פאַרהילט אין אַ בלוי לײַלעך. איבערן קאָפּ ברענען קײַלעכיקע לעמפּ. נעבן מיר זענען געשטאַנען יונגע פרויען אין בלויע כאַלאַטן. זייערע פּנימער, אויסער די בלישטשנדיקע אויגן, פאַרדעקטע מיט בלויע טיכער. אויף די קעפּ ווײַסע, געשטײַפטע מיצלעך. איבער מיר איז געשטאַנען אײַנגעבויגן אַ יונגער דזשינדזשי, אויך אין אַ בלויען כאַלאַט מיט אַ האַלב פאַרהילט פּנים. געקוקט אויף מיר דורך טונקעלע, גרויסע ברילן און אַ זאָג געטאָן: „שוועסטער חנה, ער וועקט זיך, מאַך אים אָן אײַנשפּריצונג". כ'האָב געפילט אַ שטאָך. בין געוואָרן מטושטש, אײַנגעשלעפערט.

ד

אין טרוים געפלויגן העכער, מעלה־מעלה. ווּ בין איך? וואוהין שוועב איך? דערזען אַ שוואַרץ פינטעלע פלאַטערט אין דער בלויער, פּיאָלעטענער הויכקייט. ס'איז מיר געוואָרן אימהדיק: כ'נענטער צוריק צו דער רוצחישער ערדישער וועלט. די שוואַרצקייט איז געוואָרן גרעסער, טונקעלער. געפלויגן

צו מיר האַסטיקער. כהרף־עין איז נעבן מיר דערשינען אַ גרויס, באַפליגלט וועזן: —

„בן־אדם, שרעק זיך נישט. מיר פליען צום עולם האמת. דאַרפסט דאָרט עדותן אַלץ וואָס דו האָסט געזען. געהערט פון באַגלייבטע קוועלן, ווי אַזוי דײַטשן מיט סלאַוון מאָרדן דאָס ייִדישע פאָלק״. דאָס באַפליגלטע וועזן האָט מיר אַ וויַיז געטאָן: „זעסט דעם גרויסן, פלאַמיקן באַרג? דאָרט איז די גרענעץ צווישן הימל און ערדישן וועלטל. באַלד קומען מיר אין מלכות אָמן. בשר ודם! האָרך! אַלץ, וואָס וועסט זען, הערן איז לויטער אמת, געטלעכע וואָרהאַפטיקייט. ייִד פון היטלער־גיהנום, הער: האָבן דיך גויִישע פײַנען געלײַטערט פון יצר־הרע־זינד, וועסטו זוכה זײַן צו זען מוסטערן פון קנאָה־שנאָהדיקן, נקמהדיקן ערד־פלאַנעטל. וועסט אויך בײַ־זײַן גיהנום־אָפטיילונגען און הימליש־גנעדיקע שיינקייט. דאָס געזעענע, דאָס געפילטע וועסטו תּופס זײַן מיט דײַן פליישיק, פון אונדז דאָ געשאַרפטן, מוחל. עס וועט דיר ווערן דערלויבט אַרײַן צו גײַן אין בית־הדין־היכל, ווו עס וועט פאָרקומען דער ביז איצט גרעסטער משפט קעגן ערשטן צורר־ישראל מיט זײַנע שונאי־ישראל־תּלמידים אין אַלע דורות. אויב גופיקע לײַדן האָבן נישט פולקאָם דיך אָפּגערייניקט וועסטו זיכער, ווי אַלע צביעותדיקע רעכטפאַרטיקע, ספקן, איז וואָרן איך דיך: באותו הרגע, בשעת עס וועט אין דיר זיך דערוועקן דער ערשטער צווייפל, מוזטו, תּיכף ומיד, מיך רופן. כ׳הייס רפאל. ווי נאָר כ׳וועל דערהערן דײַן קול, דערשײַן איך מניה־וביה. באַקומסט געניטע אויפּ־קלערערישע תּשובות. אָבער פון דער רגע אָן טאָרסטו זיך שוין מער נישט געפינען אויף דער אָמן־וועלט. באַלד פאַלסטו צוריק אין דעם פינצטערן וואַלד־גריבל, וועלכעס כ׳האָב באַלויכטן מיטן גאַנצן אָרום. דיר געשענקט פלי־כּוח, דיך געראַטעוועט פון זיכערן אומקום. אין פאַל דו וועסט מיך נישט רופן, נישט פרעגן קיין באַשיידן, איז, זײַ וויסן אַז מיר דאָ זענען בוחני־לבבות וכּליות. אין דעם מאָמענט ווערסטו פאַרכאַפּט פון אַ סטרא־אַחרא־שדל. אויף אייביק בלײַבסטו אין זײַן פײַנפולער כישופנעץ. יאָ, יאָ, דאָס איז דעם אַדון־עולמס געזעץ אויף זײַן הימלוועלט: אָמן״. דאָס געשטאַלט איז מיט מיר געפלויגן העכער, מעלה־מעלה. די לופט איז געוואָרן דורכזיכטיקער, פיאָלעט־פײַערדיקער און דאָך מחיה־נפשותדיק אנגענעמער.

„אָמן!״, האָט דאָס וועזן אויסגעזונגען מיט אַ גראָבן באַס־קול. מיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ ווייכן „באָדן״ און פאַרשוווּנדן.

ה

איך פאַרמאָג נישט קיין שעפערישן כּוח און פאַרביקע ווערטער אויסצובילדערן, ווי אַזוי עס זעט אויס די „אָמן"־וועלט. אַ קורצע ווײַלע האָט מיר, אויגנבליקלעך, אויסגעזען, אַז עס איז דאָרט בלויז ליכט. צדק. גײַסטיקע שיינקייט. אַלע וועזנס נישט ענלעכע צו ערדישע מענטשן און מיר באַקאַנטע בעלי־חיימס, זענען צעליכטיקטע, שוועבנדיקע געשטאַלטן. בלויז מײַן פלייִשיק גופל האָט געטונקלט אין דער אומענדלעכער, בלויער, פלאַמיק־און אָנגענעם־באַזוניקטער צעהעלטקייט. הין און הער האָבן פאַר מיר דורכגעפלאַטערט פײַערדיקע אותיות־געשטאַלטיקטע באַשעפענישן, וואָס האָבן געזונגען האַרמאָניש־מעלאָדישע הללויהס. אַלץ איז דאָרט שוועבנדיק. מיט אַלע כּוחות האָב איך געטאָפּטשעט אין וואָלקן־אויס־זעענדיקן באָדן. ס'האָט מיך געהויבן, געוואַקלט, גענידערט, אַרויפגעשטראָמט און געשוועבט אין דער פאַר מיר צעבלענדעטער הימלישער, שײַנענדיקער אַטמאָספער.

נאָך קנאַפּדויערנדיקע תּענוגים פון פריידיקער אילוזיאָרישקייט, אַז אַלץ איז דאָ לויטער־העל, הייליק, חסדפול, רחמימדיק, איז דאָס מיס־טעריעזע ליכט פאַרשוווּנדן. פון דער ווײַטנס דערזען ריזיקע, טונקעלע, פעלדזיקע בערג. נישט גערן אַרײַנגעשוועבט, געשלאָמפּערט אויף און צווישן די גראַניט־הייכקייטן מיט טיפע תּהומען. צוגעקומען צו אַן אָרט, ווו כ'האָב געזען פלאַקערן גרויסע סאַסנעס, יאַלקעס. צווישן זיי סמאַליען זיך מענטשלעכע גופים. פּילפּיסיקע, האַלב־נאַקעטע, לאַנגבאַהאָרטע ברואים, ענלעכע צו מדבר־חיות, קוקן און כאַכאַטשען. צו די געפּײַניקטע שטעקן אַרויס שפּאַט־צונגען. מיט אײַזערנע צוואַנגען זיי הײַבן פון פלאַמען אַרויס פאַרשרפעטע קערפּערס. לייגן זיי אויף אײַזערנע, אָנגעגליטע טישן מיט רויט־פײַערדיקע, געשפּיצלטע שטיינער. אַ טייל קויליקע שטשאָקעס ווערן צוריק באַפּליישט, באַאָדערט, אין וועלכע מ'אינפּוזירט אַרײַן פריש, וואַרעם בלוט, און באַהויט. מ'מאַכט זיי צוריק לעבעדיק. די פּײַניקערס נעמען גלײַיקע אײַזנס, שאַרפע, שפּיציקע כּלי־משחית און שמײַסן די אויף ס'נײַ באַלעבטע לײַבער. אַ צווייטע בריגאַדע חיהש־פּנימדיקע, ברוינהויטיקע בריונים שלעפּן פון די פײַן־טישן אַראָפּ כּמעט טויטע גופים. לעשן זיי אין שנייען, פון די פאַרברענטע טיילן שנײַדן זיי אויס ס'פאַרבראַנדיקטע פלייש. פאַרפילן די לעכער מיט פריש־אויסגעשניטענע הינטער חלקס פון צײַטווײַליק מחיה־מתימדיקע זינדערס. מונטערן זיי אויף. גיבן זיי איבער די פּילפּיסיקע, וואָס שלײַדערן זיי ווידער אין פלאַקערדיקע תּהומען

אַרײַן. דאָרט זענען פאַראַן גרופּעס מלאכי־חבלה, וואָס שפּיזן די אויפֿגעלעבטע. באַוואָרפֿן זיי מיט צעגליטע, שפּיציקע אײַזנס, מיט שטויסן שטיינער, הייבן זיי צוריק אַרויס און שלײַדערן זיי אין די פלאַמיקע שאול־תחתיותן.

וואָס דאָרט פאַסירט האָב איך נישט תופס געווען. באַלד זענען געקומען צוויי פּײַן־ברואים. מיר דערקלערט, אַז עס זענען פאַראַן ספּעציעלע הימלישע מיטלען אויף אָפּצוהיטן די באַשטראָפטע זינדערס, זיי זאָלן נישט ווערן פולקאָם פאַרשרפעט צום טויט. מ׳גיט זיי נײַע, אויפגעלעבטע גלידער, אָדערן, בלוט, הויטן, כוחות אויסצוהאַלטן די אומאויפהערלעכע שמערצן. פון די פּײַן־גריבער האָבן זיך געהערט קולות, קרעכצערײַען, געוואַלדן, הילפרופן אין דײַטש, פויליש, אוקראַיניש.

„בן אָדם!", געהערט רופן. זיך אומגעקוקט. דאָס שוואַרצע געשטאַלט מיט פיאַלעטענע פליגל נעענטערט. זײַן שטראַליק, יונגפרויש פנים איז שיין, שײַנענדיק. אַז ס׳איז געווען גאָר נאָענט, האָט זײַן פלאַמיקייט געבלענדעט מײַנע אויגן. כ׳האָב בלויז געהערט זײַן קול: „שרעק זיך נישט. וועסט פון דאַנען אַרויס בשלום. דאָס געזעענע איז בלויז אַ צײַטווײַליקער גיהנום־אָפּטייל. אַמאָל איז אין די טאָלן געווען אַ סטאַבילער שאול־תחתיות. אײַנס פון די צען תופתן, ווו ס׳פלאַמען צען קאַלכאַויוונס, אין וועלכע ס׳ווערן געלײַטערט די ווידערשפעניקערס פון די געטלעכע צען געבאָטן. יעדער רשע אין זײַן באַזונדערער אָפּטיילונג. דאָ זענען געשטראָפט געוואָרן בוגדות, פאַלשע צדיקים, אַלפאַנסן, זונות, גנבים. זינט עס קומען צענדליקער טויזנטער מערדערס, וואָס האָבן עובר געווען אויף צוויי געבאָטן: „לא תגנוב" און „לא תרצח" האָט מען די ערווה־זינדערס, נשמה־שווינדלערס איבערטראַנספּאָרטירט צו די גנבים און דאָ אײַנגעאָרדנט פאַרלויפיק־ספּעציעלע שטראָפן פאַר דײַטשישע און סלאַווישע מענטשן־שענדערס, ייִדן־פּײַניקערס און מערדערס. אַ טייל פאַראַזיטישע פרעסערס, אָפּנאַרערס, ניאופניקעס, געשלעכטס־הענדלערס מיט זייערע געקויפטע, געצוווּנגענע פּרוצות זענען געשיקט געוואָרן אויף דערווײַליקע מוסטער־בערגלעך. דאָרט זעצן זיי פאָר זייערע פריערדיקע, ערדישע הולערײַען, אויסגעלאַסענע אויפפירונגען, וואָס דינט פאַר די הימל־שופטים ווי פאַקטישע באַווײַזן פאַר דער פאַרדאָרבנקייט אין יענע לענדער. די זינדערס פון די מזרח־געביטן זעצן פאָר זייערע לעבנס־אַרטן אויף אַנדערע בערגלעך. אין קורצן דאַרף ס׳ערדישע וועלטל ווערן געמשפט אָדער לחיים אָדער אונטערצוגיין. לזכאי או לחייב. מעגלעך מ׳וועט זיי געבן נאָך אַ שאַנס,

ס'זאָל דאָרט אײַנגעפּירט ווערן אַן עטישער לעבנס־שטייגער. בלויז די שטערערס, די כּל דאַלים־גבר־באַנדעס, וואָס הערשן דאָרט פּאַקטיש, וועט מען שטראָפן מיט די שטרענגסטע הימלישע עונשים. אַ טייל פון זיי, די גאָר געפערלעכע וועט מען פיזיש ליקווידירן. ס'רוב מלאָכים ספקען צי ס'וועט מעגלעך זײַן אײַנצואָרדענען אַ צדקדיק ערדיש וועלטל. בלית־ברירה זענען זיי מסכּים צו מאַכן דעם לעצטן פּרווו. ווערסט זען אַלע מוסטערבערגלעך אויף וועלכע די זינדערס לעבן אַ גוטן טאָג, אַלס פּאַקטישע באַוויַיזן פאַרן בית־הדין־של־מעלה צו אורטיילן די וועלט. ווילסט וויסן פון דעם גיא־צלמוות ? אַלץ, וואָס דו זעסט איזווירקלעכקייט. די לייטונג פון דעם תּופתל איז, דערווייַל, איבערגעגעבן געוואָרן דווקא אַ דײַטשישן אונטער־אויפזעער: ריכאַרד וואַגנער, וואָס איז אַהער געקומען מיט אַ 60 יאָר צוריק. דאָס איז געווען אַ גאוונישער קאָמ־פּאָזיטאָר, אויף אַ קלאַרנעטל שפּילט ער וווּנדער־מעלאָדיעס פאַר די געפּײַניקטע. באַרויקט זיי. פאַר זײַנע דײַטשישע געניאַסן פאַרפאַסט ער לידלדיקע טרייסטן, אַז ס'איז נאָענט דער נאַציאָנאַלער תּחית־המתים פון די שוואַבן, דער אַ דײַטשיש־נאַציאָנאַלער פּאַטריאָט דיסקוטירט מיט די העכערע בית־הדין־אויפזעערס. ער בעט זיי מ'זאָל אײַנפירן באַזונדערע צעלטן פאַר יעדער נאַציע. זײַנע טענות מאָטיווירט ער: די פאַרמשפּטע האָבן טאַקע עובר געווען, לויט דער יִדישער תּלמוד־יוריסטיק, אויף די זעלבע זינד. אָבער די שופטים האָבן נישט גענומען אין אַכט, אַז פאַרן און בעתן אויספירן די לעצטע פאַרניכטונגס־פּלענער פון דער דײַטשיש־נאַציאָנאַלער רעגירונג, אומצוברענגען די קולטור־שטערערישע יִדישע נאַציע, האָבן די ליקווידיר־לײַטונגען און די דײַטשישע, אוקראַיִנישע, פּוילישע, עקזעקוציע־גרופּן געהאַט און האָבן פאַרשידענע אורזאַכן און כּוונות פּטור צו ווערן פון אַט די יודען, די פרעמדע, אומפאַרשטענדלעכע אין אייראָפּע. יעדעס פאָלק, וואָס האָט באַגנעדיקט דאָס גאַסטראָלירן פון די אַ מאָדנע, קעגן שטראָם־האַנדלענדיקע, אײַנגעוואָנדערטע יִדן, האָט געהאַט ספּעציפיש־נאַציאָנאַלע, אָרטיקע סיבות זיי פּײַנט צו האָבן, זיי דערדריקן און לעצטנס טאָטאַל אומברענגען. אין איין לאַנד זענען זיי געווען די אקטיווסטע קריסטוס־קעגנערס. אַן אַנדערע נאַציע האָט אָפּגעשטויסן זייער אָפּגעגרענעצטקייט, די אויסטערלישע זיטן, זייער פּראָדוקטיוולאָזיקייט. אין דער דײַטשישער געזעלשאַפט האָבן זיי געשטרעבט און טיילווײַז אַפילו פאַרווירקלעכט, זיך ביסלעכוויס אײַנצוגלידערן. אָבער נאָך געניע אויספאָרשונגען איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זיי האָבן

שטערערישע געדאַנקען, צו פאַרווירקלעכן גײַציקע רויב און דיווערסיע־פּלענער, אויסגעאַרבעטע פונעם אינטערנאַציאָנאַלן ייִדנטום, געהיים־איבער־געשיקטע פון וואַרשעווער ראַבינאַט. לויט זייער קליינער צאָל אין דײַטשישן רײַך, איז זיי געלונגען צו באַאײַנפלוסן פּאָליטישע פּערזענלעכקייטן, אַ דאַנק די השפּעהס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף געוויסע מלוכישע און געזעלשאַפטלעכע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. די אַ העגעמאָניע האָט ווידער געווירקט, די ייִדעלעך זאָלן זיך אַרײַנשמוגלען אין שטאָטלעכע און אין מוניציפּאַלע אַדמיניסטראַטיווע אַמטן. די אינספּעקציעס האָבן פעסטגעשטעלט, אַז זיי זענען גאָר פעיקע אָבער נוצן דאָס אויס הויפּטזאַכלעך פאַר אייגענע פּראָפּיטן, קאַריערעס. זייערע אינטעלעקטועלע כּוחות האָבן זיי ווייניק־וואָס אויסגענוצט מיטצווווירקן דעם אויפשטײַג, די דינאַמישע אַנטוויקלונג פון דער דײַטשישער מוזיק, מאָלעריי, ליטעראַטור. אין לעצטן קונסט־אָפּצווײַג זענען געווען פאַרטרעטן אייניקע ייִדן, אָבער בלויז געטויפטע, אַסימילירטע, וואָס האָבן מער נישט געהאַט קיין שום קאָנטאַקט מיט די אַזיע־זיטנדיקע ייִדן. די מערהייט פון זיי זענען געווען כּמעט פּאַסיוו אין צעצווײַגטן קולטור־לעבן. אויפן עקאָנאָמישן געביט זענען זיי געווען פּשוט געפערלעך. און נישט בלויז אין דײַטשלאַנד איז אַזוי געווען. האָבן טאַקע קריסטלעכע, אייראָפּעיִשע שטאַטסמענער אין געהיים באַשלאָסן פיזיש־טאָטאַל ליקווידירן די פרעמדע רעליגיעשטערערס, די אָפּגעגרענעצטע אַלץ־הענדלערס, נישט אַנטיילנעמערס אין עקאָנאָמישע, קולטורעלע, קינסטלערישע, וויסנשאַפטלעכע אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן. נאָכן באַשליסן דעם אומקום האָבן אייניקע רעגירנדיקע לייטונגען געספּקט אויסצופירן די באַשטעטיקטע פאַרניכטונגען. בלויז דאָס דײַטשישע מוטיקע פאָלק האָט געוואַגט: „פּלאַנמעסיק, רעגולער פירט אויס דעם יודען־אומקום. אַז סלאַוון האָבן איינגעזען, אַז קיין שום מערב־מדינה רעאַגירט נישט קעגן די מאַסן־אינקוויזיציעס, האָבן בלויז טיילן פון פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן אָנגעהויבן אַקטיוו מיטהעלפן דאָס טאָטאַלע ליקווידירן די ייִדן אין אייראָפּע. צוליב די אויבנדערמאָנטע סיבות עצהט ער: אַז אַפילו לויטן ייִדישן צדק דאַרפן נישט אַלע אַהער־געבראַכטע סלאַווישע מיטהעלפערס און דײַטשן לײַדן צוזאַמען און נישט די זעלבע שטראָף־פּײַנען. יעדע נאַציע, לויט אירע ספּעציפישע אורזאַכן אויף צו פאַרניכטן אירע ייִדן, דאַרפן באַשטראָפט ווערן אין באַזונדערע „העל־אָפּטיילונגען".

דאָס מלאָכל האָט צעפאָכעט די פליגל, זיך צעשמייכלט: דער בית־הדין חוזקט פון זײַנע טעאַטראַלע, ווייניק־שכלדיקע, ליגנערישע רייד

צו גיהנום־באַמטע, מלאָכים און טריבונאַל־סעקרעטאַרינס. זיי ווייסן, אַז דער אַ וואַגנער — ווערמען דער ספּעציעל נאָמינירטער מלאָך צו צעטיילן גאונישע נשמות, האָט על־פּי־טעות אים געשענקט אַ מוזיקאַליש־טאַלאַנטירטע זעל, איז אָבער קנאַפּ־באַגרײַפלעך אין פּאָליטישע, געזעל־שאַפטלעכע פּראָצעסן. זיי קענען אים גוט, אַז ער איז אַ פאַרביסענער, פאַנאַטיש דײַטשישער פּאַטריאָט. זײַנע כּוונות צו צעטײַלן דעם געמײַנזאַמען גיהנום־סניף, איז צוליב נאַציאָנאַל־דײַטשישע, ראַסיסטישע אָנשויונגען. ער מיינט, אַז עס וועט זיך אים אײַנגעבן צו מאַכן וווּנטעוועלע ענדערונגען אָפּצוזונדערן די דײַטשן פון זייערע קאַמעראַדן־העלפערס און אפשר טײלווײַז לינדערן די שטראָפיקע פּײַנען פון זײַנע לאַנדסלײַט. ס׳פאַרדריסט אים וואָס דײַטשן זאָלן זײַן צוזאַמען מיט, לויט אים, נידעריקע ראַסעס. דאָך איז אין הימל אָן אמת־דעמאָקראַטישער מנהג: יעדער פאָרשלאָג ווערט געננוי באַהאַנדלט. די באַשלוסן ווערן שריפטלעך מיטגעטײלט צו די ווענדערס, פּראָפּאַגירערס. וואַגנערס פּראָפּאָזיציע איז נאָך נישט געוואָרן באַטראַכט. די דיינים זענען באַשעפטיקט מיט כּסדרדיקע באַראַטונגען אויסצואַרבעטן אַ שלום־פּלאַן צווישן יידן און אַראַבער. מ׳וויל אויסמײַדן אַ פערטן חורבן־ישראל, וואָס וועט זײַן קוואַנטיטאַטיוו קלענער פון יעצטיקן אָבער גרויזאַמער. פּלאַנירן אויך אײַנצופירן אַ סאָציאַל־עטישן לעבנס־שטייגער פאַר אַלע מענטשלעכע ברואים. שטרעבן צו ליקווידירן אָרעם און רײַך, געוועלטיקערס און באַהערשטע, אויסנוצערס און עקספּלאָאַטירטע. דער אל־מלא־רחמים קען מער נישט דולדן דאָס פון דורות־לאַנג ארומ־בלאָנדזשן פון די בני־אָדמס, וואָס זוכן כּביכול ריכטיקע וועגן. ס׳איזן שוין דערווידער די אייביקע ויכּוחים צווישן די וואַנדערערס, אָפּנייגערס, וועלכע יעדע גרופּע, עדה, פאָלק גלייבט אַז נאָר זייער וועג איז דער ריכטיקסטער, שפּאַטן פון אַנדערע בלאָנקערס. צוליב דעם דיסקוטירן זיי תּמיד. ראַנגלען זיך. פירן בלוטיקע מלחמות מיט אַנדערע אײַנגעבילדעטע וואַגלערס, וואָס מיינען אויך אַז נאָר זייערע דרכים, „אידעען", מנהגים זענען די ריכטיקסטע. אויב צווישן אַ מאַסע וואַנדערער טרעט אַרויס אַן אָפּנייגער, סקעפּטיקער, וואָס לייקנט די מנהיגימס פירן ווערט דער אמת־פרעדיקער געראָדפט, פאַרפּאָלגט. טייל שאַרף־רעטאָרישע אָפּאָנענטן ווערן פאַרשפּאַרט אין טורמעס, דאָרט געפּײַניקט און די נישט חוזר בתשובהניקעס ווערן געטויט.

ס׳מלאָכל האָט נאָך דערקלערט, אַז זיי ווייסן פאַרוואָס גויים האָסן, פאַרפאָלגן, מאָרדן יידן, ווײַל דאָס פאָלק ישראל האָט זיך אויסגעקליבן

אַן אויסנאַמלעך וועגל. זיי הערן נישט אויף צו שפּאַנען אין דעם אַלטן, פון דורות־אויסגעטרעטענעם, אײַנזאַם דרכל. די לעצטע צײַטן זענען פאַראַן פאָלקס־טיילן, וואָס ווילן דווקא לעבן צווישן אַנדערע נאַציעס־בלאָנדזשערס. זיי ווערן אָבער, אין מערסטנפאַל אָפּגעשטויסן אַלס פרעמדע, אומפאַר־שטענדלעכע, פאַרדעכטיקטע.

דער אַ גהינום־עטאַפּ איז דער לײַכטסטער פאַר נאָך־נישט־געמשפטע רשעים: רויבערס, פּײַניקערס און מערדערס. נאָכן פסק־דין פון יעדן איינעם באַזונדער ווערן זיי איבערגעשלײַדערט אין כף־הקלע־צעלטן. דאָרט וועלן זיי ווערן אומאויפהערלעך געפּײַניקט, געשרפהט, צעמורשט. זיי וועלן ווערן געטויט און לעבעדיק געמאַכט. ווידער פּײַנפול געטויט און אויפגעלעבט. אַזוי אָן אַ סוף. דער בית־הדין־של־מעלה פסקנט, קאָנ־טראָלירט גענוי צי מ׳פירט אויס די אורטיילן: יעדער רויבער, מערדער, אָנגעטאָן אין זײַן מיליטערישן אָדער אַנדערן נאַציאָנאַלן דינסט־אוניפאָרם מיט זײַנע כּלי־משחית אין די געטאָס, קאַצעטן, זאָלן פּינקטלעך אַזוי ווערן יסורימדיק געמוטשעט, ווי זיי האָבן געמאַטערט, דערנידעריקט, געשענדעט, געמאָרדעט זייערע קרבנות. פאַר קינדער־מערדערס איז פאַראַן אַ ספּעציעלער גיא־צלמות. אין דעם אַ מוראדיקן תּופת זענען די פּײַנען. די פאַרניכטונגען אַזוי גרוילעך, אַז מיט מענטשלעכע ווערטער קאָן מען דאָס נישט דערציילן. די בשר ודמיקע השגות זענען באַגרענעצטע אויף צו באַגרײַפן די הימלישע נקמה־יסורים. אויסער ספּעציעל־אויסגעשולטע מלאכי־חבלה, האָט דאָרט קיין פיזישער נפש נישט קיין מעגלעכקייט אַרײַנצוקומען אָבסערווירן די שבעה מדורי־גיהנום־שטראָפן, וואָס ווערן צוגעטייטלט די פּושעים, די קינדער־מערדערס. נאָכן דערציילן די מעשׂה האָט ס׳מלאָכל צעפלאַטערט די פליגלען. מײַן קערפּער געלייגט אויף זײַן טונקעלן רוקן און מיט מיר אַוועקגעפלויגן.

ו

מיר האָבן געפלאַטערט צווישן אומגעהויער־הויכע באַזוניקטע בערג און איבער טיפע ,פינצטערע טאָלן. מיר זענען אַרויפגעקומען אויף אַ שניי־באַדעקטן, גראַניטענעם באַרג. דער מלאך האָט צו מיר אויסגעדרייט ס׳פלעמלדיקע פּנימל און געזאָגט:

„מיר שוועבן אויף רעכטס. מ׳נעענטערט זיך צום פלענום־אָרט, דאָרט וועט פאָרקומען דער וועלט־משפט". באַטאָנט: „ביז איצט דער גרעסטער אין דער מענטשלעכער געשיכטע. שוין דיר געזאָגט. דער קיום פון ערדישן

וועלטל איז אָפּהענגיק אינעם פּסק־דין. אויב רחמימדיק, וועט ביי אײַך דאָרט זײַן שלום ושלווה. מעגלעך ער וועט אַנטפּלעקן דעם פאַרהוילענעם וועג. מענטשן וועלן אויפהערן בלאָנקען, רעדן אין פאַרשידענע לשונות. זיי וועלן מער נישט קעמפן — וועלן נישט דאַרפן — קעגן אַנדערע, וואָס ווייסן אויך נישט, אַז זיי בלאָנדזשען אין נישט ריכטיקע דרכים. אויב דער גזר־דין וועט, חס ושלום, זײַן חייב, וועט, מניה וביה, דאָס ערד־קײַלעכל ווערן פאַרפײַערט, פאַרמבולט. אַלץ וועט ווערן געמדברט און דאָס אויף לעולם ועד. אַלע לעבעדיקע וועזנס, פעלד און גאָרטן־געוויקסן וועלן ווערן אַשיק געשרפהט, דערטרונקען אין זידיקע ימען״.

ס׳מלאָכל האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ מין וואַטיקן וואָלקן־באָדן. כ׳האָב נישט געקאָנט שטיין, גיין, ליגן. ס׳האָט מיך געשלײַדערט אַרויף און אַראָפּ. „שוועב!!!״, האָט עס באַפוילן און פאַרשוווּנדן.

ז

כ׳בין געפלויגן, געפאַלן. אַביסל אויף ס׳נײַ געשוועבט, גענידערט, געשלײַדערט, געהויבן, געפּלאַטערט צווישן ריזיקע גראַניט־פעלדזיקע בערג. פון ווײַטן באַמערקט קלענערע, באַביימערטע בערגלעך, באַפּעלקערטע מיט פאַרשידנקאָלירקע, אויסנעמלעכע, מאָדנע־געפאַרעמטע און דאָך עפּעס ענלעכע צו ערדיש־מענטשלעכע ברואים. כ׳בין גאָענט צוגעפלויגן. גענוי אָבסערווירט:

רעכטס, אויף אַ שפּיציק משופּעקן באַרג, שטייט אַ געציגלטע סטאַטועלע. אויף איר אַ געקרײַציקט, ברוין־הויטיק, דאַר יִדל, וואָס איז צוגענאָגלט צו שתי־וערב־צוגויפגעקלאַפּטע אײַלבירט־דרענגלעך. זײַן פאַרבלוטיקט, קנאָכיק קערפּערל איז ערטערווײַז בראַנד־פלעקיק, געשוואָלן, מיט אַ סך אײַטערדיקע בלאָטערס. דער קאָפּ מיט שוואַרצע, לאַנגע קודלעס און איבערן שטערנדל אַ געלאָקטע האַר־גריוּוע. איז בלוטיק פאַרוווּנדעט פון שטעכיקן דערנער־קרײַנדל. זײַן צעריש פּנים איז געבויגן צום שטײַנערדיקן באַרג, וואָס איז באַוואָקסן מיט מדבר־בלומען, פאַרטריקנטע דערנער. נעבן סטאַטועלע וואַלגערן זיך כּלים־בראָכוואַרג, שוואַרצע שטיקער אויס־געטריקנטע צווײַגלעך,ביימער־וואָרצלען, חיהשע און בהמהשע סקעלעטן, טויטע שרצים, פאַרשידענע, אוממעגלעך שוין צו דערקענען פּגרים־פוילעכצן, צעלעכערטע, נישט לאַנג־פאַרצוקטע מענטשלעכע גופים, געפּרעסענע פון לויערנדיקע, רויענדיקע, פאַרשידנמיניקע אינזעקטן, שילדקרויטן, סקאָרפּיאָנען, ראַקעס. דעם יִדלס קורצע, געקרײַזלטע פּאָהלעך

ווערן כּסדר צעבלאָזן, אויסגעפּלאָנטערט און רונדיק שרויפלאַרטיק געדרייט פון פּעטליַיביקע ליַיט מיט טאָפּלטע פּנימער. די אָ דינערס זענען געקליידעט אין שוואַרצע כאַלאַטן, פאַרבונדענע מיט קאַליריקע, געפּלאַכטענע גאַרטלען. אַרום פּעטע, רויט־פליישיקע העלדזער — וויַיסע, רונדיקע, שטיַיפע קעלנער און אויף די קעפּ שוואַרצע, ברייט־ראַנדיקע קאַפּעליושן. די אָ שומרים, מיט געלאָדן געווער, היטן, ס'זאָל נישט קאַליע ווערן דעם ייִדלס געפּלעגטע פּריזור איבערן שטערן און ס'זאָל ווער נישט וואָגן צעשטערן זייערע טעכנישע „אויפטוען" דעם געקרייציקטנס גריוועה־האָר זאָלן נישט אויפהערן אַביסל באַליַיכטן די אַרומיקע רעכטע מערב־בערגלעך. דער געהאָנגענער קוקט יאושדיק, פאַרדריסלעך אויפן אַרומיקן, פאַרעיפּושטן פּוילעכץ, אויף די פון וויַיטנס תּמיד פאַרהאַרעוועטע, אויסגעגנוצטע אַרבעטס־ליַיט און אויף די פּעטע בעלי־בתּים. ער ווערט צעריקער דערהערנדיק ווי די עקספּלאָאַטירטע ווערן געטרייסט מיט אַמאָליקע מוסר־רייד, דרשות, משלים־מעשׂהלעך, וואָס ווערן אומאויפהערלעך איבערגעחזרט פון געדונגענע גוט־באַצאָלטע טונקל־געקליידעטע פּריידיקערס. זייַנע אויגן זענען אָפּט פאַרפּיַיכט בשעת די מוסר־זאָגערס טיַיטשן אויס וווּנדער־לעכע תּנ"דשטעלן אויף צו באַרעכטיקן די מושלימס צווישן־זיך־איַינגעטיילטע קנעכט. לויט דערוווּסטע אינפאָרמאַציעס זענען די אַלע, מיטן פאַרפּיַיניקטן ייִדל, געבראַכט געוואָרן פון ערדישן פרייד־און־ליַידנדיקן וועלטל. זיי וועלן פאַר די הימל־שופטים עדות־זאָגן וועגן מענטשלעכן לעבנס־„סדר". ס'ייִדל ווערט אָנגעקלאָגט אין גורם זיַין דעם אומקום פון ייִדן.

ח

אויף ס'ניַי געענדערט, געטאָפּטשעט, געשפּאַנט, וואַקלדיק געשוועבט צווישן און אויף בערגלעך און דאָס געזעענע פאַרקריצט אין זכרון:

אויף רעכטס באַמערקט אַ מהומה. מאָגערע, מידע, פאַרמאַטערטע מענטשן, אָנגעטועטע אין פאַרפעצטע, פּראָסט־ליַיוונטענע בגדים, אַרבעטן אויף פעלדער, שאָסייען, אין וועלדער. טונקעלע וואַרשטאַטלעך, גרויסע פאַבריקן, בויען היַיזער, ווילעס, פּאַלאַצן. די ליַיטיש־געקליידערטע האַנדלען. מ'טוישט זיך מיט מאַטעריאַלן. הענדום־פּענדעווען. נערוועזע לויפן אין געוועלבער. פאַרשוויצטע, צעסאָפּעטע טראָגן אַרויס פּעק עסנוואַרג, קליידער, שיך, צירונג, שפּילציַיג, אינסטרומענטן אויף צו פאַרוויַילן, פאַרטריַיבן די לאַנגוויַיליקע שעהן. דער וועט־געלויף איז ווי ביַי אונדז, רעשיק. יעדער ראַנגלט זיך פאַר דערגרייכונגען. האָט מורא צו בליַיבן

הינטערשטעליק פון אַנדערע ווויל און לוקסוס־לעבנדיקע משפּחות, פרײַנד, באַקאַנטע, שכנים. צוליב קנאה, באַגערן, מוזן ווייניק־פעיִקע אַרבעטן פליײַסקער, אײַלעווודיקער, האַנדלען אײַפּעריקער, אָפּנאַרערישער. און דאָך איז דאָס לעבן פון דעם גרעסטן טייל פּראָדוצירערס געמאַטערט, באַשרענקט. פאַראַן אַ סך אָפּגעשטויסענע, וואָס פּוסט־און־פּאַסטעווען. כּדי צו לעשן זייערע תּאוות, ברעכן זיי דירות, בענק, אַ טייל רויבן, מאָרדן פאַרמעגלעכע, אַפילו אביונדיקע זקנים, שוצלאָזע עלטערע פּרויען. און אין די דאָרטיקע אַלע מענטשלעכע קאָנצענטראַציעס זענען, ווי ביי אונדז, פאַראַן געבעט־הײַזער. רויט־פּנימדיקע, פרומע פּרעדיקערס אין שוואַרצע כאַלאַטן, עצהגען צו זײַן געהאָרכזאַם. טרייסטן די באַוועלטע ס׳וועט זיי ווויל זײַן אויף יענער וועלט. „וועלכער ?״, פרעגן אַ טייל. „מיר זענען דאָך שוין לויט אײַך דאָ ! ווען וועלן מיר אויך געניסן אַביסעלע גנעדנדיקע פאַרגעניגנס ?״

ט

ביז אָוונט אַרומגעבלאָנקעט. באַמערקט אַ גוט באַליכטיקט בערגל. בין צוגעקומען און געהערט געזאַנג, מוזיקאַליש געקלאַנג. בין אַרײַן אין אַ שפּיל־קלוב מיט עטלעכע אָפּטיילונגען. אויף בינעס האָבן מאַסקירטע לײַט געטומלט, קונציק אויסזשאָנגלירט טראַגישע, קאָמישע, ראַנגלענדיקע האַנדלונגען פון גײַציקע, אײַפּעריקע, אײַפּערזיכטיקע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך קעגנזײַטיק געזידלט, געקאַטעוועט מיט מעסערס, שפּיזלען און אַ טייל „דערמאָרדעט״. דאָס אַלץ צוליב קאָנקורענץ, וועגן ליבעס, קנאה, נקמה. די שפּילערס האָבן נאָכגעמאַכט אויסטערלישע פּאַסירונגען, באַשטעטיקטע פון מלוכהש־באַצאָלטע שפּיל־מבֿינים. די פאַרגעשטעלטע ראַנגלענדיקע לעבנס־עפּיזאָדן האָבן בײַ נײַגעריקע געוועקט קעמפערישן רעוואַנש, גערייצט געשלעכטלעכע תּאוות, נײַגער. געווען סצענעס, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט נאַציאָנאַלע גבֿורות. געלערנט אונטערטעניקייט־געהאָרכזאַמקייט, פאַרטושט בונטאַרע חושים בײַ אָזעלכע, וואָס קעמפן קעגן אויסנוצערס, אונטערדריקערס.

אין נאַכט־שעהען האָב איך אין מער באַוווינטע ישובֿים באַזוכט קאַפעען, באַרן. דאָרט געזעסן שעהען. געהערט, פּונקט ווי בײַ אונדז אין וואַרשע, רכילותן. געזען קויפן חשיש, גנבֿהשע ביזשוטעריעס. פאַר רויטלעך קנאַפּ־באַלויכטענע „ליבע״־געשעפטן זענען געזעסן געקויפטע מיידלעך. מיט פינגער־צייכנס, ווונק־סמנים גערופן לוסט־גאַרנדיקע פאַרבײַגייערס, זיי זאָלן מיט זיי אַרײַנגיין אין טונקלע סעפּאַראַטקעלעך, זיך אויף גיך

עראָטיש פאַרווײַלן. פאַר עטלעכע מינוט געניסן, באַרירן, גלעטן אַן אַנדער שטיקל אויפגעדעקט זונה־לײַב, האָבן זיי באַצאָלט געלט פאַר די פּראָסטיטוטקעס און פאַר זייערע אַלפאַנסישע באָרדעל־אײַגנטימערס. די שאַנדפּרויען האָבן אַלעמאָל פּראָפּאַנירט אַנדערע סעקסועלע תענוגים. די צעקיצלטע, לוסט־צעהיצטע מענער האָבן געמוזט צאָלן די געפאָדערטע סומעס פאַרן ווערן כאַטש רגעדיק, סעקסיש באַפרידיקט.

פאַר רײַכע, הויכע באַאַמטע, פּאַרלאַמענטאַריער, מיניסטערישע בר־נשן, סוחרים און פאַבריקאַנטן זענען געווען עקסקלוסיווע פאַרווײַלונגס־און שפּיל־הײַזלעך. אין מײַן סאָלדאַטסקע הולך איז מיר שווער געווען דאָרט אַרײַנצוגיין. דאָך איז מיר געלונגען זיך דורכשטופּן אין אַן אַרײַנגאַנג־געדראַנג. באַוווּנדערט די גרויסע סאַלאָנען, אָנגעפּראָפּטע מיט פאַרווײַלערס. אין יעדן זאַל געהערט אויסשפּילן ווײַטשנדיקע פּאָפּ־מוזיק, געזען פאַרשידנפאָלקישע, אַנדערש־שפּראַכלעכע, טעאַטראַלע פאַרשטעלונגען, פאַרזיכטיק אויסגעקליבענע פון מלוכישע צענזאָרן. זיך דערוווּסט: אַלע טײַער־באַלוינטע, רעפּערטואַר־ספּעציאַליסטן זענען נאָמינירטע פון קולטור־מיניסטעריומס. פון די טעאַטראַלע שפּילערס האָבן זיי געפאָדערט היטן די דערלויבטע טעקסטן. פאַראָרדנט: קיינער טאָר נישט וואַגן ענדערן, פּרוּוון דעקלאַמירן פּראָטעסט־רייד קעגן מלוכיש־געזעצלעכע אָרדענונגען, קעגן אינטערעסן פון באַזיצערס, הערשערס. דער עיקר: גוט אָפּהיטן נישט אָנצוגרײַפן, שפּעטן פון טעסטאַמענט־תורות. קיינער טאָר נישט פאַרריכטן אויסגעמעקטע, נישט דערלויבטע, סאַטירישע שטעלן, וואָס שטעלן פאַר די רעגירערס שווילטאָג אַנטקעגן דעם לעבן אין נויט פון די צוריקגעשטויסענע, די פאַקטישע אַלץ־פּראָדוצירערס.

אַז ס׳איז געוואָרן פינצטער: אין אַ גרויסן, פּרעכטיקן זאַל, זענען אויף דער סצענע פאַמעלעך געוואָרן באַליכטיקט צוויי בעז־ביימלעך, אונטער זיי אַ גרינע באַנק, אויף וועלכער צוויי לײַט האָבן דיסקוטירט וועגן וואָרטן, אַז אַמעריקע זאָל עפענען דעם צווייטן פראָנט קעגן היטלער־אַרמייען. כ׳בין געווען נאָענט. געהערט די פּאָלעמיקערס זאָגן נאָך וואָרט ביי וואָרט דעם סופליאָר. איין אָפּאָנענט האָט זיך אויפגעשטעלט. אָנגעהויבן דעקלאַמירן סאַטירישע פערזן, וואָס האָבן קאָמיש פאַרגעשטעלט רוזוועלטן. דער סופליאָר האָט זיך דענערווירט. זײַן טעקסט געשעפּטשעט צו דער בינע. דער אַקטיאָר געהעכערט זײַן קול, רעציטירט אַ פּראָטעסט־ליד קעגן די מערב־מדינות, וואָס דערלויבן דײַטשן הפקערן; רויבן און מאָרדן אומשולדיקע ייִדן. אינמיטן אַקטיאָרס רייד איז פּלוצעם געוואָרן עטוואס

ליכטיקער אין זאַל. צוויי בר־נש׳ן האָבן דעם „לינקן״ אַרטיסט ארויס־געשטופּט פון דער בינע. אַ בלאָנד מיידל, אין חוהס אַ קליידל, האָט געמאָלדן אַ הפסקה. דער זאַל איז געוואָרן גוט באַלויכטן.

און ס׳איז ווידער געוואָרן פינצטער. פון ווינקלען האָבן שײַנוואַרפערס לאַנגזאַם באַרויטלט אַ גרויס ראָז בעט אינמיטן אַ שלאָפצימער מיט באָרדאָ־טאַפּעטירטע ווענט, רויטן דיל און געשפּיגלטן סופיט. אין בעט האָבן צוויי „מעדכנס״, מיט צווישןביידן אַ „באַי״, פאַרגעשטעלט ליבע־אַקטן. אין קולמינאַציע־רגעס האָבן פּײַקלעך שנעל, דינאַמיש צוגעבאָמבלט. נאָך פאַרשידענע פאָזעס האָבן די נקבות פון בעט ארויסגעשלײַדערט דעם „געליבטן״. ס׳איז געוואָרן אַ טרעוואָגע, אַ זידלערײַ. די זונות האָבן, אין אַ גרײַזיקן ענגליש און אין אַ שנעלפּליסיקן דײַטשיש געשפּאָט פון שלימזלדיקן, שוואַכן מאַן. דער באַליידיקטער האָט די פרויען צוריקגעזידלט זיי געפרוווט אראָפּשלעפּן פון געלעגער. ס׳איז אים נישט געלונגען. זיך לעקישעוואַטע פאַרגאַפּיעט אויף די ברייט־צעלייגטע פּראָסטיטוטקעס, וואָס האָבן אים גערייצט מיט זייער נאַקעט, ראָז, יונג לײַב. אים ווינקענדיק צוגערופן פאָרזעצן געניסן. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען צעטומלט, גלוסטנדיק געגלאָצט אויף זייערע תאוות־וועקענדיקע גלידער, די זונות האָבן אים גערייצט מיט באַוועגלעכע פּיסלעך, הינטערחלקס מיט גלעטן זייערע ברוסטן־קנוילן, מיט קוש און פינגער־צייכנס גערופן געניסן פון זייערע לײַבער, ערווהס.

נאָך דעם אַקט האָט זיך די בינע אויסגעדרייט. מ׳האָט געזען אַ גרויס רויטלדיק, באַליכטיקט צימער. אין אַ חת־פאָרעם זענען געשטאַנען דײַ־טשישע, פּוילישע, אוקראַיִנישע סאָלדאַטן. נאַקעטע „מעדכנס״ האָבן אַרײַנ־געשוועבט. האָפּסלדיק זיך באַהאָפּטן מיט די לוסטגאַרנדיקע זעלנער אין פריש־פאַרבלוטיקע מונדירן...

כ׳בין אַרויסגעלאָפן. געבלאָנקעט אין געסלעך ביז שפּעטע נאַכט־שעהען. באַמערקט בלישטשנדיק־באַלויכטענע נעאָן־שילדן פון באַרן, קאַבאַרעטן, בין אַרײַן אין אַ טונקל־באַלויכטענעם נאַכט־לאָקאַל. עלעגאַנטע הערן, ראַסקאָשנע געקליידעטע דאַמען אין טיפדעקאָלטירטע, מיני־קליידלעך, באַהאָנגענע מיט גאָלדענע קייטן, בריליאַנטענע אויערינגען, שווערוואָגיקע בראַנדזועלעטן, גראָבע רינגען אויף פּעדאַנטיש־געאײדלטע הענטלעך מיט שפּיציק לאַקירטע נעגעלעך, האָבן כאַכאָטשענדיק געטרונקען שאַרפע שנאַפּסן, געקוואָלן פון רוישנדיקער טאַנצמוזיק, באַגלייט מיט אַלעמאָל אויסגעקוויטשעטע נקבה־קולות. דער ריזיקער זאַל איז געווען איבערפולט

מיט זיך פֿאַרוויילנדיקע געסט ביי טישלעך, באַשטעלטע מיט ווײַנען, וויסקעס, דעליקאַטעסישע שפּייזן. מ׳האָט געפּרעסן, געזויפֿט, געגאַסן פֿון שווילטאָג.

שלאַנקע, מיט היפּטן־בייגעוודיקע קעלנערקעס, אָנגעטועטע בלויז אין קורצע, ווײַסע פֿאַרטעכלעך, האָבן זיך געדרייט מיט טאַצן פֿאַרשידנמיניקע, געריכטערטע, געדעמפּטע פֿליישן, פֿיש, מעל־שפּייזן. זיך געניייגט פֿאַר די טישלעך, שמייכלענדיק אָנגעבאָטן קויפֿן געשמאַק־רייצנדיקע מאַכלים, שנאַפּסן.

אַז די חבורה איז געוואָרן בגלופֿין, שיכּורדיק, האָבן אויפֿן געראויטלט־רעפֿלעקטירטן בינעלע זיך אָנגעהויבן ליבע־אַקטן, אויסגעשפּילטע פֿון בלאָנדע מעדכנס מיט פּוילישע שקצים. די פֿאַרוויילנדיקע סצענעס זענען געוואָרן באַגלייט פֿון לאַנגהאַריקע, אין זייטן, אַרויף און אַראָפּ־שליידערנ־דיקע זינגערינס, דזשעז־שפּילערס, וואָס האָבן אויסגעטראָמפּייטערט, געטראָמביעט לוסט־וועקנדיקע טאַנצמעלאָדיעס. די טאַליסטקעס האָבן אַלע ווײַלע ווילד אויסגעקוויטשעט דייטשישע ניבול־פּה־ווערטער פֿון שלאַגערן. דאָס האָט געמונטערט, מער צערייצט די אַביסל אָנגעזעטיקטע לייב־געניסערס, ערווה־זינדערינס.

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן בלויען דער באַגינען, האָבן זיך געענדיקט די „פּראָגראַמען”. די האַלב־נאַקעטע קעלנערקעס האָבן די מענער דער־לאַנגט רעכענונגען פֿאַרן פֿרעסן, שיכּורן, טאַנצן, ביאופֿן מיט די פֿון קאַבאַרעט־געדונגענע שאַנסאָנעטקעס. ווער ס׳האָט נישט געהאָט גענוג געלט צו צאָלן פֿאַרן לוסטנדיקן געניסן איז געוואָרן גערזידלט, צעשלאָגן, אומגעשליידערט, באַזוכט. צוגענומען זייגערס, סיגנעטן, אין אונטערוועש־באַהאַלטענע אויסלענדישע וואַליוטע און אַרויסגוואָרפֿן אינדרויסן. די צעשלאָגענע האָבן צוריק געקאַטעוועט די אַטעלעטישע קעלנערקעס. געווען צעבלוטיקטע, פֿאַרחלשטע, „הרוגים” פֿון ביידע צדדים.

צוליב מײַן נייגער, בין איך געוואָרן אַרײַנגעשטויסן אין געשלעג, געכאַפּט באָקסן, קלעפּ. קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט. אַנטלאָפֿן פֿון דער מהומה. אין דרויסן איז שוין געווען אַ צעליכטיקטער פֿרימאָרגן. דאָס באַזוניקטע ליכט האָט מיר געבלענדעט אין די אויגן. אין קאָפּ האָט געררישט ריטשערײַ פֿון די שפּילערס, אויסקוויטשענדיקע זינגערינס, אַלע מאָל לוסט־געניסנדיקע יאָכצערייען פֿון זינדערס. האָב זיך אומגעקוקט. געזען כ׳בין בלויז דערווייטערט עטלעכע מעטער פֿון שאַנדהויז. דערהערט געשרייען. זיך אויסגעדרייט. נעבן באָרדעל זענען געלעגן קופּעס, איינער

אויפן צווייטן אַרויפגעלייגטע פּגרים. נעבן זיי פֿאַרבלוטיקטע, צעשטאָכענע מיט אָפּענע , פֿאַרבלאָטיקטע ווונדן. זיי האָבן ווילד געיאָמערט, געבעטן הילף. בין אַרײַן אין ליידיקן, טונקעלן קלוב. אויפֿן דיל האָבן זיך געוואַלגערט צעפּליקטע העמדלעך, הויזן, קאַלירקע, ווײַבערישע קליידלעך, זײַדענע, דורכזיכטיקע העמדלעך, מײַטקעלעך, צעבראָזגעטע שנאַפּס־פלעשער, צעבראָכענע בענקלעך. אין אַ סעפּעראַטקע מיט אַ צעפּליקטער פֿאַרהאַנג איז געלעגן אַ באַר־מיידל, וואָס האָט מיר געוויזן איר צעקאַ־ליעטשעטע לײַב. געבעטן וואַסער. נאָכן טרינקען עטלעכע שלונג מיר געדאַנקט און דערציילט, אַז ביז טאָג איז געווען אַנגענעם, פֿריילעך. ווי נאָר די קעלנערקעס האָבן פֿאַרלאַנגט געלט פֿאַר די געטראַנקען, שפּײַזן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומלענדיק געדינגעריי. כּמעט אַלע מענער האָבן געטענהט, אַז די חשבונות זענען איבערגעטריבענע. נאָך אַמפּערײַען, דינגערײַען און באַצאָלן, האָבן מיר אויך פֿאַרלאַנגט געלט פֿאַר זיך פֿון די מענער לאָזן קושן, קיצלען, באַפֿרידיקן. די יאַלדן האָבן אונדז געהייסן נעמען אַ חלק פֿון די טײַערבאַצאָלטע שפּײַזן, געטראַנקען. איז געוואָרן אַ נײַ געשלעג. מיר, ספּאָרט־אויסגעשולטע, האָבן זיי אויף ס׳בײַ צעשלאָגן, אומגעשליידערט. פֿון זייערע קעשענעס האָט מען נאָך אַרויסגענומען באַהאַלטענע דאָלאַרן, פֿונטן, גאָלד־שטיקלעך. אַז די דײַטשישע „מיידלעך״ האָבן זיך איבערגעטאָן אין צנועתדיקע קליידלעך, ווי סטאַטעשטנע דאַמעלעך און געוואָלט גיין אַ היים, און דערזען די פּראַנטן ליגן אין דרויסן צעבלוטיקטע און פֿון זיי זיך דערוווסט, אַז מיר, פּוילישע און אוקראַאינישע פֿרויען האָבן בײַ זיי געפֿונען פֿאַרמעגנס, האָבן זיי פֿון בײַטלען אַרויסגענומען מעסערס און פֿון אונדז געפֿאָדערט זיך טיילן מיט די געפֿונענע געלטער און ווערטזאַכן. איז געוואָרן אַ נײַ געשלעג. ס׳זענען אויף מאַטאַציקלען אָנגעפֿאָרן אַ כאַפּטע דײַטשישע אַלפֿאָנסן, אַוועקפֿירן זייערע מיידלעך און לויטן אָפּמאַך געפֿאָדערט אַ העלפֿט פֿון זייערע פֿאַר־דינסטן. נאָכן ווײַזן ס׳געלט, האָבן די יונגען גישט געגלייבט, געחוזקט און מ׳האָט זיך ווידער געשלאָגן. זענען אָנגעקומען עסעס־לײַט, פּוילישע פֿאָלקס־דײַטשן, אוקראַאינישע ווילע יונגען פֿאַרטיידיקן די צעשלאָגענע געסט. האָט מען זיך געקאָטעוועט, אַזש ביז טויט. די אויסגעהערטע מעשׂה האָט מיך געמאַכט נאָך מער טרויעריק: „ווו בין איך?״, זיך געפֿרעגט.

מײַן מלאך איז תּיכּף דערשינען. מיך באַרויִקט. מוחל געווען פֿאַר מײַן ערשטן צווייפֿל. באַשטעטיקט, אַז כ׳געפֿין זיך אויף אָמן־טעריטאָריע.

„זײַ װיסן, אַז אין הימל איז נישטאָ קײן קאַבאַרעטן. דאָס זענען פילמירטע אָרגיעס פון אַ בערלינער סעקסבאַר, בכדי צו װײַזן די שופטים די אויפפירונג פון דעם ראַסיסטישן, דײַטשישן „הערן"-פאָלק מיט זײערע סלאַװישע קאַמעראַדן און פּראָסטיטוקעס און דאָס אין גרױליקע מלחמה-טעג. נאָכן פירברענגען דאָס הולערײַ פאַר די שופטים, װעט דאָס אַלץ װערן חרוב ונחרב" און איז פאַרשװוּנדן.

י

אין די אַרבעט, האַנדל און זינד-קװאַרטאַלן, כמעט אומעטום געװען. דאָס באַמערקטע נאָטירט. יאָ, אויך באַזוכט געבעט-הײַזער. פרומע לײַט, אָנגעטוענע אין ברײטע, לאַנגע, שװאַרצע כאַלאַטן, צוגעקנעפּלטע ביז העלדזער, פאַרריגלטע מיט װײַסע, שטײַפע קעלנער, האָבן פון שװאַרצע געבעט-ביכער געלײענט מוסר-רײד. געעצהט בעטן גאָט; ס'זאָל די באַעװלטע אויך גוט זײַן. האָבן צוזאַמענגעפּילפּולט אַלטע פּסוקים, אַז מ'דאַרף מסכּים זײַן מיטן גורל. נישט װידערשפּעניקן גאָטס רצון, װער ס'זאָל זײַן רײַך, װער אָרעם. נישט קעגנשטעלן זיך מלוכישע געזעצן, „לײדן לײַטערט די נשמות", געטרײסט די אומגליקלעכע און נאָכן דרשענען אויסגעטאָן די „גײַסטלעכע" מלבושים און אין לוקסוס-װעש, אַנצוגן, לאַטשן פאַרברענגט אין די טײַערסטע באַרן און אין נאָכט-לאָקאַלן.

ס'זענען דאָרט אויך אָפט פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען. אויף בינעס און מערק, אין זאַלן האָבן רעפּערירט מלוכישע און מוניציפּאַלע אויפקלערערס, געקלײדערטע אין טונקל-טוכענע אַנצוגער, װײַסע העמדער מיט שטײַפע קעלנער, אַרומגעבונדענע, צוגעשפּיליעטע קראַװאַטן, שלײַפעלעך. די דרשענערס האָבן אויסגעטײַטשט מלוכישע פליכטן. אויפגעקלערט פּאָזיטיװע בױטיקײטן פון דעמאָקראַטישע אָרדענונגען. אויפגעפּאָדערט צײַטלעך צו צאָלן אָרטיקע און מלוכישע שטײַערן אויף צו דעקן אויסגאַבן פאַר בירגערלעכע באַדינונגען. דער עיקר: פּערמאַנענט באַשרענקען בונטאַרישע, רעװאָלוציאָנערע אויפשטענדלערס, אַנטי-רעגירונגס העצערס.

געװען דאָרט גראַם-מאַכערס און מעשיות-צוזאַמענשטעלערס. זײ האָבן מיט פאַרהוילענע געגראַמטע, לידלדיקע װערטער, אויספאַנטאַזירטע עפּיזאָדן, קריטיקירט די בונטאַרן, װאָס העצן די מאַסן קעגן אָרטיקע און מלוכישע הערשערס. צװישן זײ זענען אויך געװען אײניקע פעיקע קינסטלערישע מחברים, װאָס האָב מיט פּאָעטישע און פּראָזאַישע משלים געמוסרט די פאַרשװענדערס, די זינדערס, די אויסגעלאַסענע געװעלטיקערס מיט זײערע

גײַסטלעכע, וואָס פאַרטושן עוולות. זיי האָבן סאַטיריש געמאָלן די רשעים, די בלוט־זייגערס, די אָפּנאַרערס, די שווינדלערס. מ׳האָט די אַ קינסטלערס באַזייַטיקט פון זייערע אַרבעטס־שטעלן, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די געזעצגעבערס האָבן אַנגאַזשירט זייערע „ליטעראַטן", וואָס האָבן די ערלעכע פרעדיקערס אײַנגעשטילט. קעגן די „עובר־בטלניקעס" פאַרעפנט־לעכט שפּאָטישע אַרטיקלען, אויסגעלאַכט זייערע שאַפונגען. זיי באַצייכנט ווי „גראַפאָמאַניע", „פּאָרנאָגראַפיע", „פּליאַגיאַטאָרישע". טייל שוואַכע נאַטורן האָבן נישט אויסגעהאַלטן די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע דרוקן און דאָס אָפּשפּאָטן פון זייער שאַפן. האָבן אויך אָנגעהויבן פּראָדוצירן לויבווערטער פאַר די פּאָטערלענדישע פּאָליטישע פירערס, שטאַטלעכע און אָרטיקע געזעץ־און מנהגים־היטערס. געחנפעט די שטאָט־לעך־־מאָנאָפּאָליזירטע ליטעראַרישע „פּוסקים" אין שרײַבערישע קלובן, אונטערשטיצטע פון די מאַכט־האָבערס. דאָס האָט זיי געשטערט שאַפן אמתע חיבורים. עס זענען אָבער פאַרבליבן אַ הײַפל ריכטיקע שליחי־ציבור־קינסטלערס. זיי האָבן ממשיך געווען צו שילדערן, מאָלן, דיכטן דאָס שווערע, מיזאָמע לעבן פון אויסגעניצטע, אָוועקגעשטויסענע, באַוועלטע. זיי האָט גאָרנישט געשראָקן באַשרענקונגען, סאַנקציעס, איגנאָרירונג, שפּאָטרייען, העצערישע אַרטיקלען אין דער פּרעסע פון די אויף זיי ספּעציעל אָנגערייצטע „קריטיקערס" וועלכע באַקומען גרויסע געהאַלטן, געניסן פון בכּבודיקע בעלער, „ליטעראַרישע"־אויפנאַמעס, פּרעמיעס פאַר היטן די אָפיציעלע ביכער־באַזאַרן, ס׳זאָלן דאָרט גוט פאַרקויפט ווערן בלויז די פון־זיי רעקאָמענדירטע שריפטן.

צוליב אַרונטעררײַסן די עכטע שרײַבערס ווערק, האָט זייער שרײַבן קנאַפּ געווירקט. דער גוטער געשמאַק פון לייענערס איז געוואָרן געשוואַכט. האָבן די פּאַמפלעטישע אויסגאַבן געהאַט דערפאָלג. דאָס האָט געווירקט אַז דער לוסט צו פאַרמעגן, געניסן, אָפּנאַרערײַ, שווינדלערײַען, פאַרראַט, וואָס זענען אײנעם מענטש פאַרוואָרצלט, איז געוואָרן וואָס אַמאָל אָלץ מער פאַרשפּרייטער. און ס׳האָט דאָרט, ווי בײַ אונדז, געהערשט: „כּל דאַלים גבר".

אויך, ווי בײַ אונדז, איז דאָרט נישט באַגרענעצט קיין מינדלעכע דרשות. יעדער מעג רעדן, אין בלעטער פאַרעפנטלעכן וואָס, וויפל ער קאָן און וויל. זענען טאַקע דאָ מחברים, וואָס פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען, העפטן, אין זיי דעפינירן פּשטלדיקע קאַרליק־געדאַנקעלעך אין אויס־געלערנטע עוג־מלך־הבשן־ווערטער. פרעדיקן, מ׳דאַרף לעבן רויִק, פאַר־

נונפטיק, באַגנונגענען זיך מיט גאָטס צוגעטיילטע גאָב, אויך מיסטישע פילאָסאָפן דזשאַנגלירן געפּלאָנטערטע, פּאַטריאַטישע „עטיקס”. זייערע „תורות” זענען געוואָרן איגנאָרירט פון די גײַסטיק־פאַרדאַרבענע לײַט, האָבן נישט געהאַט קיין שום השפּעה.

יא

רויטלעכע לעמפּ האָבן באַלויכטן צוויי שניי־באַדעקטע בערג אויף אַ ריזיקער טעריטאָריע. הויכע, רויט־פּנימדיקע פאַרשוי׳נען, אָנגעטוענע אין גראָבע פעלצן, אין וואַטענע פופייקעס, פוטערנע שקאַפּיקעס, שאַרע ווילאַקעס האָבן געפּרעדיקט מאָדנע־אויסגעקליגלטע, עקאָנאָמישע לערעס. פון די דאָרט מידע, דאַרע, אויסגעהאָרעוועטע אַרבעטער אין פאַבריקן, אין מלוכהשע לאַנדווירטן געפּאָדערט כּסדרדיק־פּאַרגרעסערטע פּראָדוקציעס, ליב האָבן דעם נײַעם סיסטעם, באַערן די פירערס פון באַפרײַטן פאָטער־לאַנד, תּמיד־באַדראָטן פון קאָנסערוואַטיווע הערשערס, עקספּלאָאַטאָרן אויף די רעכטע בערג און בערגלעך. אויף דעם לינקן, באַרויטלטן קאָנ־טינענט הערשן דיקטאַטאָרישע געזעצן, אָפּגעהיטענע פון מאַסן פּאָליצייִשע, געהיים־אַגענטורישע, פּעטלײַביקע לײַט. טאַטע־מאַמעס האָבן מורא פאַר קינדער, ברודער פאַר שוועסטער, פרײַנד צו פרײַנד אַרויס צו זאָגן זייערע מיינונגען וועגן דער עקאָנאָמישער, פּאָליטישער העגעמאָניע, קעגן פאַר־טייִשע, מלוכהשע, מוניציפּאַלע פאַרוואַלטערס. יעדער איינער איז פאַר־דעכטיקט אין געהערן צו געהיימע, דעטעקטיווע אָרדענונגס־היטערס. אין אַרבעטס־פּלעצער, מערק, געשעפטן, אינסטיטוציעס, שטובן איז אָפּט שטיל. אויסער רעש פון פאַבריקן, אגיטאַטאָרישע רייד, געזאַנג, פּאָליטישער טומל, הערט מען זעלטן מענטשן שמועסן. די אײַנוווינער, געבראַכטע אָהער, זענען זיך נוהג, ווי אין זייערע ווינערטער, מער צו שווײַגן. בלויז די מלוכהש־אָנערקענטע לידלעך און מעשׂיות־דערציילערס, איז דערלויבט, פראַנק און פרײַ עפנטלעך רעדן, זייערע רייד שריפטלעך פאַרשפרייטן. און דאָס ווערט גענוי געהיטן, אַז די זינגערײַען, שילדערונגען זאָלן אַרויסהייבן דאָס פּאָזיטיווע אין דעם „סאָציאַל־יושרדיקן סיסטעם”. אויך דאָרט געפרוווט פרעגן, זיך דערוויסן פּרטים. מײַן מי איז געווען אַן אומזיסטע. אומעטום געהערט אײַן ענטפער: „ניע זנאַיו” — כ׳וויס נישט. דעריבער זענען מײַנע פאַרצייכענונגען קורצע.

צווישןביידע לינקע בערג שטייען באַוואַכטע גרענעצהיטער. די אַגיטאַטאָרן אויף ביידע בערג אַמפּערן זיך אָן אויפהער, דיסקוטירן וועגן

רעוואָלוציאָנערע שיטות איינצופירן דעם נייעם סיסטעם אויף די לינקע און רעכטע בערג. אָפט מאָל האָבן זיי זיך שאַרף צעווערטלט. קעגנזייטיק באַשולדיקט אין אידעישע אָפּווייכונגען. טייל מאָל פאַרגעוואָרפן איינע די אַנדערער פאַרראַט. עטלעכע מאָל אַפילו געדראָט מיט מלחמות. אָבער צו קיין פּאַקטישע, פּיזישע צוזאַמענשטויסן צווישןביידע בערג־היטנדיקע סאָלדאַטן איז דערווייל נאָך נישט דערגאַנגען.

כ׳האָב באַזוכט קלענערע בערגלעך, וואָס געפינען זיך נעבן די הויכע לינקע און רעכטע בערג. עס לעבן דאָרט פאַרשידנאַרטיקע, פילשפּראַכיקע פעלקער. אומעטום איז ליכטיק. אָבער נישט פון אייגענער באַלייכטונג. בערגלעך נעבן רעכטע בערג זענען באַשטראַלט פון דעם געקרייציקטנס צעפלאַשעטע האָר, וואָס די לייט אין שוואַרצע כאַלאַטן האָבן געמאַכט זיי זאָלן רעפלעקטאַריש־קאָלירן באַלייכטן די שטחים פון רעכטס. די לענדער נעבן די לינקע בערג זענען אילומינירט מיט רויטע אָפּשיינען פון די שכנותדיקע מזרח־בערג. דער לעבנס־שטייגער, די עקאָנאָמישע סיסטעמען, קולטור, בילדונג מוזן זיין צוגעפּאַסט צו זייערע פּראָטעקטאָרישע לענדער. די דאָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען זענען פולשטענדיק אָפּהענגיק פון די געוועלטיקערס אויף די גיגאַנטישע, אוצרותפולע, מיליטעריש־שטאַרקע לענדער אויף די ריזיקע לינקע און רעכטע בערג. אויף אָט אָ די קליינע בערגלעך איז די באַפעלקערונג קליינצאָליק, די נאַטירלעכע אוצרות — באַגרענעצטע. מוזן די הערשער זיין אָפּהענגיק אין די גרויסמאַכטן. האָבן שטענדיק מורא צו ווערן אָפּיציעל אָקופּירט. ריזיקירן צו זיין ווידערשפּעניק, קאָן גורם זיין נישט צו באַקומען פינאַנסיעלע און מיליטערישע הילף. בלית־ברירה מוזן זיי מסכים זיין צו לעבן אונטערן שוץ פון זייערע פאַרזיכערערס, וואָס קויפן מושלים אין די נישט־זעלבסטשטענדיקע לענ־דעלעך אויף אָט די שכנותדיקע בערגלעך. די מאַריאָנעטישע פירערס ווערן אויפגעצוווּנגען איינצופירן רעזשימען לויט די פאָדערונגען פון די הערשערס אויף די ריזיקע לינקע און רעכטע בערג.

פאַר דער מעכטיקער טעריטאָריע, ווו עס געפינען זיך די מאָדעלירטע רעכטע און לינקע בערג מיט די אונטערטעניקע קליינע בערגלעך, הענגט אַ ריזיקער אויפשריפט: „וועלט־מוסטער״. כ׳בין אַוועק פון דעם אַזוי גוט־באַקאַנטן לעבנס־טאַראַראַם.

יב

געטאָפּטשעט, געפלויגן, געשוועבט אין וואָלקנדיקע הייכן. צוגעקומען צו אַ גרויסן זאַל. אינעווייניק אָפּגעציילט, אייגע איבער די אַנדערע,

זעקס גאַלעריעס: צוויי אויף מערב, העכער צוויי אויף צפון, נאָך העכער צוויי אויף דרום. גאָר הויך, אויפן מזרח — אַ גרויסע בינע, פאַר־האַנגען מיט אַ גאָלד־קאַלריקן וואָלקן ווי אַ פרוכת.

יעדע גאַלעריע איז צוזאַמענגעשטעלט פון אַנדערע קינסטלעריש־צוזאַמענגעפאַסטע מאַטעריאַלן: די לייט, אָנגעטוענע אין זייערע פאָלקישע בגדים האָבן געטומלט אין זייער נאַציאָנאַלע לשונות, פאַררעשט דעם אָרום. כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער אונטערשטער מערב־גאַלעריע, אַ געמאַכטע פון שוואַרצע, הוילע אותיות, ליטערעס און שיפערן. דאָרט האָבן געפלאַטערט פענער פון ערדישע מלוכות. אויף זעק, אָנגעשטופּטע מיט גאָלד, געלט, זענען געזעסן פאַרשוינען פון רעכטע לענדער. דורך שוי־פענצטער האָבן זיי געקוקט אויף די שטחים, באַהעלטע מיטן געקרייציקטנס לייכטנדיקע האָר. אויף פּראָקלאַמאַציעס זענען געזעסן בעל־דבר׳ס פון לינקע בערג. דורך פענצטערס אָבסערווירט די רויט־פּראָזשעקטירטע ישובים אויף בערג און באהערשטע, שכנישע בערגלעך. מעסיקע פאַרטרעטערס זענען געווען פאַרנומען מיט אַרומבלאָנקען, זוכן פאַרדינסטן, זיך באַגנוגנט מיט הילף פון רייַכע. געזאָגט, אַז זיי גלייבן בלויז אין די פאַרשפּרייטע תורות פון די רעכטע, וואָס באַגרענעצן נישט דאָס פרייַע שמועסן, שרייַבן. אויף דער גאַלעריע באַגעגנט מיידלעך, געקליידטע אין טונקעלע, אויסגעפּאַסטע. קורצע הויזן, קאַליריקע בלוזקעס, וואָס האָבן אַרויסגעבולט לוסט־רייצנדיקע, נקבהשע גלידער. דאָס זענען סעקרעטאַרינס פון די רעכטע און לינקע לייַט. אין אַרבעטס־שעהען פאַרצייכענען זיי אַלע מאָל די זעלבע איבער־געחזרטע ווערטער פון אָרטיקע חכמים. אין פרייַע מאָמענטן לעשן זיי צעצונדענע לייַדנשאַפטן ביי זייערע שעפן. דאָרט קומען אָפט פאַר בעלער, אויף וועלכע מ׳עסט פייַנע, געשמאַקע מאכלים, מ׳טרינקט טייַערע שנאַפּסן, ווייַנען. די באָסן אַמוזירן זיך, טאַנצן מיט די רייצנדיקע מיידלעך. קריכן מיט זיי אין סעפּעראַטקעס. כ׳האָב געזען אַריינפאָרן און אַרויספאָרן אָנגעלאָדענע פולע לאַסט־אויטאָס מיט ליידיקע און פאַרשריבענע פּאַפּירן, מיט אַלטע, נאָכגעזאָגטע פּירושים אויף פאַרצייַטישע תורות, אַגיטאַציעס, חשבונות, געלט־באַריכטן, בודזשעטן, טעסטאַמענטן, רעוואָלוציע־ביכער. פאַר דער אַ גאַלעריע איז געהאָנגען אַן אויפשריפט: פּאָליטיקערס, מושלים, אין פאַרשידן־רעזשימישע לענדער.

פון העלע וואָלקנס איז געווען די צווייטע, אויבערשטע מערב־גאַלעריע. אויף שאָקלענדיקע בענקלעך, אַ ביסל גלייַכגעשטעלטע מיט שטויסלעך ביכער אונטער קורצע פּיסלעך, זענען געזעסן מאָדנע פאַרשוינען. טייל

מיט פליכעוואַטע קעפּ, אַ טייל מיט לאַנגע פּאַלקעס אַזש ביז די האַלבע פּלייצעס. אַלע איבערגעבויגענע איבער רעבוסן, צוזאַמענגעשטעלטע פון מענטשלעכע אברים, בעלי חיים, פאַרביקע שטיינדלעך, פאַרשידענע קאַלירן פליסיקייטן, טיילן פון עלעקטרישע מאַשינדלעך. זיי האָבן געזוכט, געחקרנט. יעדעס מאָל איז עמעץ פון זיי אויפגעשפּרונגען, פריידיק טריומפירט: „כ'האָב געטראָפן!!!" אויפגעקלערט זײַן אַנטפּלעקטע, אַנטדעקטע לייזונג. דערפאַרענערע, מער שטודירטע דערפינדערס האָבן גענוי געבודקט די דאָזיקע אַנטפּלעקונג און ס'רוב אויסגעלאַכט די יונגע וויסנשאַפטלער־באַרימערס. טייל אַזעלכע טרעפערס זענען באַלד געוואָרן אַראָפּגעשלײַדערט פון די פאַרשבענקלעך. די אָפּגעשטויסענע האָבן זיך בזיונדיק געדרייט פוסט־און־פּאַסט. די מערסטע טייל נישט באַשטעטיקטע גריבלערס זענען פאַרשווונדן געוואָרן. אַזוי האָט פּאַסירט מיט פיל טרעפערס. אַ מינדערהײַט חנופהניקעס, וואָס האָבן געריבט די גאַלעריע־פאַרוואַלטערס, די גבאים, האָבן טראָץ זייער פּיצלמוחדיקייט, זוכה געווען אויף ס'נײַ צו ווערן אָנערקענט — מיט זייערע פון פריער־אויסגעשפּאָטע דערפינדונגען — אַלס גוטע, געלונגענע פאָרשערס, נוצלעכע אַנטדעקערס, ריכטיקע לעזערס פון קאָמפּליצירטע רעבוסן. די פריערדיקע אויסשפּעטערס האָבן די דיסקוואַליפיצירטע אַנגעהויבן לויבן אין די בלעטער און אויף ספּעציעל־אײַנגעאָרדנטע בעלער. דאָס האָט גורם געווען, אַז די יונגע גריבלערס האָבן מיט פּאַטעטישע ווערטער הייס געלויבט די אויסגעצייכנטע, אַלטע „פּינקטלעכע ווייסערס, גענויע מבינים, ריכטיקע אַנטפּלעקערס פון פאַרפּלאָנטערטע לעבנס־יסודות אין דער נאַטור; זענען געפינערס פון נאַטירלעכע אוצרות, דערפינדערס פון רפואות צו היילן כראָנישע קראַנקייטן, פאַרלענגערן ס'לעבן". די זעלבע דערשײַנונגען בײַ די „רעכטע" און בײַ די „לינקע". איבער דער גאַלעריע איז געהאָנגען אַן אויפשריפט: **„וויסנשאַפטלערס, דענקערס"**.

די אונטערשטע גאַלעריע אויף צפון, איז צוזאַמענגעשטעלט פון הויפנס צוזאַמענגעקלעפּטע שמות־בלעטלעך, פון אַלטע, פאַרגעלטע, צעשיטע ביכער. אויף שטויסן פּאַפּירן מיט אַמאָליקע אויסגעחכמטע לערעס זענען געזעסן זקנים מיט מאַטע, צעקנייטשטע פּנימער, ווי די שמות און געלערנט התמדהדיק. יעדער ווײַלע געמוזט אויפהערן כדי אָפּצובלאָזן דעם שטויב פון די גאָר אַלטע בלעטער. דורך פאַרגרעסער־גלעזער האָבן זיי מעין געווען אין פאַרמעקטע שורות. זיך אײַנגעחזרט לומדישע ציטאַטן, פאַרצייכנט אַלט־פאַרפאַסטע, פּקחותדיק׳ע אײַנפאַלן. איינער פאַרן צווייטן האָט זיך

באַרימט אין מבינות, אין קליגלדיק אויסטײַטשן געלערנטע, פײַן־סטיליזירטע חיבורים, וויזיאָנעריש־צונויפגעשטעלטע, קינסטלערישע, שאַרף־מוחישע יצירות. דער רוב האָט די חכמות פאַרעפנטלעכט אין ערב־שבת אָדער ערב־יומטוב־בלעטער, געדרשנט אויף פאַרזאַמלונגען און אַפילו אין ביכער באַרימט זייערע ערודוציעס. דאָ איז גראָד פאַרגעקומען מחלוקתן צווישן רעכטע און לינקע לערנערס. יעדע גרופּע האָט אויסגעטײַטשט אַנדערש די מחשבותן אין די אַלטע און אין די נײַע ביכער. פּרשנים, וואָס האָבן גערימט מושלימס קאַפּאַציטעטן, זענען געוואָרן געלויבט פון זייערע באַרימטע הארן און באַקומען גוטע לוינען פאַר אַרויסהייבן נוצלעכע מחברים און רחמנותלאָז אַרונטעררייסן די קעגנערס ווערק, וואָס זענען מסוכן פאַר די רעזשימען־הערשערס. פאַר אַט אַ דער גאַלעריע איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „קריטיקערס, פאַרטײַטשערס פון פרעמדע חיבורים”.

די אייבערשטע צפון־גאַלעריע איבער די ספרים־פאַרטײַטשערס איז געווען געמאַכט פון צעוויקלטע פאַרמעטן. אויף געשליפענע, קאַליריקע, גלעזערנע בעגקלעך האָב איך באַמערקט זיצן, פּלייצע צו פּלייצע, צווישן זיך ברוגזע לײַט. צעגלאַנצטע, פאַרטרוימטע אויגן האָבן זיי געקוקט אין די גרויסע פענצטער: רעכטע אויפן לעבן און מנהגים פון מענטשן, וואָס אויפן געקרייציקטנס טעכניש־באַשטראַלטע ישובים און לינקע האָבן פאַרשעריש אָבסערווירט אָרדענונגען, אַרט לעבן, זיטן אויף די באַרויטלטע און אָן אַ שיעור קליינע באהערשטע טעריטאָריעלעך. זעלטן ווען האָבן ביידע גרופּן הרף־עינדיק געבליקט אויף דעם געהיימנישפולן פאַרהאַנג, וואָס האָט פאַרשטעלט די בינע אין מזרח־צענטער. ס׳רוב שעהען האָבן זיי געדמיונט, געשריבן, געמעקט. געאַנדערשט די טעקסטן. ס׳רוב טעמעס זענען געווען וועגן ליבע און אַנטאַגאָניסטישע לעבנס־עפּיזאָדן. זיי האָבן זיך שטאַרק געמאַטערט צוזאַמענצושטעלן די פּיקאַנטע, טשיקאַווע מעשהלעך, און רמזימדיק פאַרטײַטשן מענטשלעכע געפילן, געדאַנקען, פאַנטאַזיעס, טרוימען, נשמה־קאָנפליקטן, לײַדנשאַפטן, עמאָציעס, עראָטיש־וועקנדיקע געפילן. יידישע מחברים האָבן דאָרט גאָטירט גבית־עדותן, דערציילטע פון געמאָרדעטע סקעלעטן, אַרויפשטײַגנדיקע פון קרעמאַטאָ־ריעס, געטאָס, מאַסן־קברים אויף פוילישע און רוסישע פעלדער. אויבנאויפיק איז דאָרט אחדות, חדוותדיק בײַ רעכטע, ספּעציעל בײַ לינקע מחברים. מ׳לויבט זיך קעגנזײַטיק. די געשעצטע פאַרעפנטלעכן שבחים פאַר זייערע קאָמפּלימענטירערס. מ׳טיטלט זיך: „טאַלאַנטפולער

קינסטלער״, „אַלעגאָרישער מײַסטער״. די באַרימטע, אָפּגעגליקטע לינקע און רעכטע זענען פּעטלײַביקע, עלעגאַנט געקליידעטע. אויף בעלער, ליטעראַטור־אָוונטן לכבוד זייערע „אומשטערבלעכע מעשׂיות״, ווערן די טישן אָנגעשטעלט מיט כּלטוביקע שפּײַזן און געטראַנקען. דאָס העלפּט שטײַגן זייערע דערפאָלגן אויף די פּאַרקויף־באַזאַרן, ווערן טאָקע זייערע ביכער געדרוקט אין עטלעכע אויפלאַגעס.

אין די ליטעראַרישע קלובן זעט מען אַרומדרייען טאַלאַנטפולע, עכט־קינסטלערישע וויזיאָנערן. זיי אָבער געניסן פון קנאַפּע דערפאָלגן. זייערע טרוימפולע, בילדלעכע, לעבעדיק־געשילדערטע סוזשעטן זענען נישט געוואָרן אָנערקענט פון הערשערס־דינענדיקע, מבֿינישע קונסט־אויפזעערס אויף דער צפון־גאַלעריע און ווערן ביסלעכווייז און צום סוף אינגאַנצן איגנאָרירט. זייערע ווערק ווערן נישט פּאָפּולאַריזירט, אין דער פּרעסע נישט רעקאָמענדירט, און בלײַבן ליגן. טייל פון זיי זענען נאָכן טויט זוכה צו עטלעכע לויב־שורות אין ליטעראַרישע בײַלאַגעס אָדער אין צײַטשריפטן. נאָכן אויספאָרשן דעם פּאָר מיר טשיקאַוון ענין, זיך דערוווּסט, אַז די אָפּגעשטויסענע טעקסטן זענען ס׳רובֿ בונטאַרע קעגן אײַנגעפירטע אָרדענונגען: שטאַטלעכע געזעצן, געזעלשאַפטלעכע, קהילהשע מנהגים, וואָס האַלטן דעם מענטש, פון געבוירן ביזן טויט, ווי אין פּאַרפּרעסטע, אײַזערנע צוואַנגען. שרײַבט מען אין בלעטער קעגן זיי פּאַמפלעטן אָדער גאָר די פון מאַכטן געדונגענע ליטעראַטור־שומרים באַפעלן זיי צו פּאַרשווײַגן. פּאַראַן פאַלן ווען די געפערלעכע ווערן אויף פּאַרקויף־מערק אָנגעגריפן, געזידלט, צעשלאָגן. דאָס דינט אויך, אַז די קאָנקורענץ ווערט שוואַכער: די איבערגעבליבענע מחברימס עקזעמפּלאַרן האָבן גרעסערע שאַנסן צו ווערן פּאַרקויפט פּאַר די וואָס אַמאָל וויניקער ביכער־קאָנסומענטן, אַזוי בײַ די רעכטע. בײַ די לינקע ווערן די ווידערשפּעניקע וואָרט־מײַסטערס געשלײַדערט אין טורמעס, אין קאַטאָרגע־לאַגערן. פון שווערע אַרבעטן און פון קנאַפּער דערנערונג שטאַרבן זיי. אייניקע ווערן באַלד, פון געהיימע טריבונאַלן, געמשפּט צום טויט. אין יידע גאַלעריע־זײַטן זיצן מלוכישע מבֿינים. זיי לערנען און פאָרשן יעדעס וואָרט, יעדער בילד, צי זיי קריטיקירן נישט די מאַכטן. אויב זיי געפינען משלדיק־באַהאַלטענע, עפּעס־וואָס אָנרעגנדיקע טאַדלונגען קעגן הערשערס, ווערט דאָס, כּהרף־עין, באַריכטעט צו די געהעריקע געזעץ־היטערישע אָרגאַנען. דאָרט ווערן געהיים אַרויסגעגעבן שטראָף־און ליקווידיר־אורטיילן. בײַ די רעכטע, ווי שוין דערמאָנט הייסט ליקווידירן קינסטלעריש אַרונטער־

רייסן. בײַ די לינקע איז דאָס אַ פּסק־דין פּיזיש צו פאַרניכטן די שאַפערס.

איבער דער אַ גאַלעריע הענגט אַן אויפשריפט : „פאַנטאַזיאָרן, מעשׂיות־דערציילערס״.

דער שטאָף פון דער פינפטער גאַלעריע, אויף דרום, איז נישט לײַכט פעסטצושטעלן. אויף הויכע שטולן, געמאַכט פון לײַכטנדיקע ווערטער, ווי פּראָסאַדיש־אויסגעטרוימטע, קורצשורותדיקע פּערזן, זענען געזעסן חסדפולע, הדרת־פּנימדיקע לײַט. מיט פרײדיקע און באַטרערטע אויגן אין די הימלישע הייכן געזוכט פאַרשווונדענע חלומות, געזעענע אין צעליכטיקטע טעג, אין שלאָפלאָזע נעכט. האָבן שטיל געברומט בעתן מיט ווערטער־פאַרבן מאָלן טרויעריקע און שמחהדיק געבילדערטע תּפילות. זייערע מעטאַפאָריש־געמשלטע, שאַרפמוחישע געדאַנקען, געפּיל־וועקנדיקע, קורצע, ריטמיש־קאָמפּאָזירטע מיזמורים זענען מוזיקאַליש־געמײַסטערט און באַפליגלען לייענערס הערצער. זיי וועקן ליבע, בענקשאַפט, מסירות־נפשדיקע גרייטקייט צו אַ צדקדיק לעבן. כמעט אַלע זינגערס דאָרט לעבן אין דחקות. לינקע און רעכטע הערשערס האָבן קיין מאָל נישט גערן געהאַט, אויך יעצט באַגאַטעליזירן, איגנאָרירן די פאַרטרוימטע, פּאָעטישע לײַט. אין אַלע דורות האָט מען זיי חושד געווען, אַז אין די אויס־געשליפענע, סודותפולע ווערטער קאָנען זיך באַהאַלטן רעוואָלט־אַגיטאַציעס קעגן די מאַכט־לײַט. האָב איך אויך דאָרט באַגעגנט רעצענזענטן און קריטיקערס, וואָס האָבן געבודקט, געפאָרשט יעדעס וואָרט. זייערע עקספּערטן איבערגעשיקט אין ספּעציעלע קולטור־פאַרשערישע אינסטאַנצן, צו די אַזוי גערופענע פּאָזיע־קענערס, וואָס דאַרפן באַשליסן ווי אַזוי צו באַלוינען די וואָס ברענגען נוצן די בעלי שררה׳ס און ווי צו באַשטראָפן די בונטאָרע דיכטערס. ספּעציעל ווערן געשעצט די אינגאַנצן אומ־פאַרשטענדלעכע פּאָעטן, וואָס לויט די הויפּט־מבינימס מיינונגען שאַטן נישט קיינעם. „זאָלן זיך די חברה בטלנים שפּילן מיט ווערטער״־טענהן די אָ פאַרטײַטשערס, וואָס צעפּילדערן און רעקאָמענדירן, מ׳זאָל קויפן די פּסיידאָ־סורעאַליסטישע לידער־ביכער. בלויז מאַכט־לויבנדיקע דיכטערס ווערן געשעצט, לעבן גוט אויף ביידע גאַלעריע־זײַטן — לינקע און רעכטע.

אויף אָט אַ דער גאַלעריע האָבן געלויכטן אותיות : פּאָעטן״.

די זעקסטע גאַלעריע אויף דרום, איבער די פּאָעטן, איז געמאַכט פון אַ בלוילעכן און אין זײַטן רויטלעכן שטאָף, ענלעך צו אַ באַזוניקטן,

פיאַלטעטנעם פרימאַרגן־הימל אויפן מזרח־האָריזאָנט. אויף בענקלעך מיט געזעסלעך, וואָס זענען געמאַכט פון פינעף פאַרביקע, לײַכטנדיקע ברעטלעך, זענען געזעסן פאַרחלומטע, נאָבל־מענער תּמיד מיט פאַרמאַכטע אויגן, וואָס האָבן זיך רגעדיק געעפנט, געבליקט; פאַרטרוימט פאַרטראַכט. זיי האָבן באַאַרבעט מעלאָדיעס צו פּאָעטישע לידער, קאָמפּליצירטע האַרמאָנישע ניגונים, אויסגעדימיונטע קלאַנגען, וויזיאָנערישע געזאַנגען, געפּאַרעמט אין סאָנעטן, מינועטן, כאָראַלע און סימפאָנישע קאָמפּאָזיציעס. אויך דאָרט זענען נישט אַלע באַגליקט. בלויז אַ קלײנער טייל איז זוכה צו ווערן געשעצט און באַלוינט. זעלטן ווען, זעלטן ווו ווערט דאָרט אַ מעלאָדיע־מחבר אָנערקענט ווי אַ ווירטואָז. אָפט טרעפט: עכטע נשמהדיקע טאַלענטן ווערן אונטערגעשעצט. מיטלמעסיקייטן — באַרימעריש־צעפּלוישט זייערע קענטענישן און זייערע אויפטוען באַוווּנדערט. אין לוקסוסאַרטיקע סאַלאָנען, ווו עס פּראַוועט בעלער העכערע געזעלשאַפטן ווערן אַממײַסטנס באַהאַנדלט די מוזיקאַלישע ווערק, טרעטן אויף מוזיק־ספּעצן, וואָס פּרעדיקן לויב־דרשות לכבוד די פון קריטיקערס־אָנערקענטע קאָמפּאָזיטאָרישע שאַפונגען און שאַרזשיש געשפּאָט פון די גליקלאָזע. דאָס העלפט, אַז געוויסע פאַרטיטורן ווערן גוט פאַרקויפט, געשפּילט אין אָנערקענטע סימפאָנישע אָרקעסטערס און געלערנט אין מלוכישע קאָנסערוואַטאָריעס. רעכטע און לינקע מאַכט־האָבערס האָבן אַ ספּעציעלע, פּאָזיטיווע באַציונג צו אינסטורמענטאַלע קלאַנגען, וואָקאַלע געזאַנגען. אַפילו יחידים, ווײניק־געלויבטע, קנאַפּ־פּאָפּולערע, לעבן פאַרהעלטענישמעסיק נישט שלעכט. די אינסטאַנצן וואָס פאַרשן קולטור־פּראָדוקציעס אין די מזרח און מערב־זײַטן, האָבן קנאַפּ מורא פאַר מעלאָדישע שאַפונגען. צוליב דעם, קאָן זײַן, האָבן זיי נישט קיין נויטווענדיקייט מיט די מוזיק־מחברים זיך צופּיל באַשעפטיקן, אַרײַנגריבלען אין די פּאָליטיש־פּאָזיטיווע צי נעגאַטיווע, שטערערישע ווירקונגען פון מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציעס אויף די מאַסן. אין אַלגעמיין, מיינען די פּאָליטיקערס דאָרט, אַז ס'רוב מענטשן פאַרשטייען נישט קיין מוזיק, כּמעט אַלע געניסערס, מוזיק־לערנערס, שטודירערס זענען פון אַריסטאָקראַטישע, געבילדעטע קרײַזן אין בײדע רעזשימען און די אַ באַדראָען נישט די הערשערס צו געוועלטיקן.

אַ שיין חנפול, האַרמאָניש־גופיקע מאָדעלקע האָט פאַר דער אַ גאַלעריע, אויף אַ קלאַרנעטל אויסגעשפּילט, שטיל־סאָפּראַניש צוגעברומט: „מוזיקערס".

און די מזרח־וואַנט, אויפן זיבעטן שטאָק, איז נאָך אַלץ געווען

פאַרהאַנגען מיט אַ גאָלד־קאָליריק פּרוכתל, וואָס איז יעדע ווײַלע געוואָרן זוניק־שטראַליק באַלויכטן און געשאָטנט פון פאַרכמאַרעטער און צעשײַנטער זון. אויפן פאַרנעפּלטן און צעבלאַנקטן פאַרהענגל, האָב איך איבערגעלייענט די מיט רש״י־כתב, בלוי־אויסגעהאַפטענע צען געבאָט. ס׳האָט מיר אויסגעזען ווי די אויסגעמאָלענע צוויי בייז־בליקנדיקע לייבן, געשטאַנענע אויף פאַדערשטע פיס, אין בײדע זײַטן גאַרדינדל, זענען גרייט אָנצוגרײַפן, פאַרצוקן די ווידערשפעניקערס פון גאָטס געבאָטן און פאַרגעטלעכטע תורות.

יג

דער הימלישער אָרום איז געוואָרן בין־השמשותדיק. דער פון מיטן־בערג ארויסקריכנדיקער אָוונט האָט געטונקלט די מאַט־באַזוניקטע בערג־שפּיצן. אַ קליין, צאַרט מלאָכל מיט אַ פלאַמיק מיידל־פּנימל און מיט צעפלאַטערטע, ווײַסע פליגל, האָט רעשיק דורכגעשוועבט פאַרן פאַרהאַנג. איז געפלויגן אַרויף, געפלאַטערט אַראָפּ, געשוועבט אין דער לענג, אין דער ברייט. געעפנט די מחיצה. אַוועקגעפלויגן. אונטער אַ בלוילעכן, אין די עקן באַראָזטן, מער דורכזיכטיקערן וואָלקן, האָט געפלאַקערט אַ רונדיקער פײַערבאַל. געשטערט דער ראיה. אָבער קיינער האָט נישט געקענט אָפּווענדן די בליקן פון דער ווונדערלעכער, שײַנענדיקער שיינקייט. די בלוילעכקייט און די ראָזקייט האָבן וויברירט, געפאַרעמט פאַנטאַסטישע, קאָלירפולע, בילדלעכע קאָמפּאָזיציעס, וואָס האָבן מיט אַ מאַגנעטישער קראַפט צוגעשמידט די בליקן. עס איז געווען שווער צו קוקן אין דעם צעפלאַמטן, אַלע מאָל אויפפלאַקערנדיקן, פול־קאָליריקן פאַקל. אַז מ׳האָט זיך קוים־קוים צוגעוווינט צו דער גלײַקער, בראַנדיקער היץ און בלישטשענדיקן ליכט און צוליב דעם וואָס איבער דער בינע האָט זיך אויף ס׳נײַ אַראָפּגעלאָזט אַ דורכזיכטיקער, טונקעלער וואָלקן־פאַרהאַנג, איז מעגלעך געוואָרן, ווי אין נעפּל עפּעס־וואָס צו באַמערקן:

אָרום ליכטיק־צעשטראַלטן פײַער־ראָד האָבן זיך געשטאַלטיקט קויליק־פאַרסמאָליעטע בערגלעך מיט צעבראָכענע קינדערשע אברים, פּרוי און מאַן־סקעלעטן און הויפנס אַש מיט אַרויסשטאַרנדיקע מענטשלעכע קנאָכנס. צווישן זיי איז געזעסן אַ גרײַזגראָער זקן, אײַנגעהילט אין אַ צעפליקטן, פאַרבלוטיקטן טלית. איבער זײַן פאַרווונדיקטן, אײַטערדיקן שטערן און אויפן לינקן אָרעם זענען געווען אָנגעגורט אַ צעהאַקטער של יד פון די תפילין, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסגעזען שטיקלעך, אָפּגעברענטע פאַרמעטלעך מיט פאַרמעקטע אותיות. אַז מ׳האָט

זיך גוט איַינגעקוקט האָט מען געקאָנט זען אַ ראָד מיט אַרום זיך טוישנדיקע, צעבלענדעטע קאָלירן. אינעווייניק האָט זיך אויסגעפּאָרעמט אַ שיין יונג־מיידליש געשטאַלט מיט גרויסע בלישטשענדיקע אויגן. די לוסט־צוציִענדיקע יונגפרוי איז יעדעס מאָל געוואָרן פאַרטוישט אויף אַ מאָדנע פיל־פּנימדיק ווייַב און אַ מענעריש ווען מיט אַ סך פינקלענדיקע אויגן, אַרויסגעבלענדטע פון פאַרטונקלטע, אויסגעברענטע טלית־לעכער. כ׳האָב געוואָלט באַמערקן זייערע קאָלירן. נאָר דאָס איז געווען אוממעגלעך. די שוואַרצאַפּלען האָבן זיך כּסדר פאַרבנבלאַנקענדיק געטוישט, זיך באַוועגט אונטן, אויבן און אין אַלע וועלט־זייַטן. כ׳האָב גוט געזען זייַן צעקנייטשט פּנים, וואָס איז בראַנדיק צעוונדיקט, ווי די ווייַסע באָרד זייַנע איז אין עקן אָפּגעזענקט. כ׳האָב געהאַט צו ווייניק כּוח לאַנג צו אָבסערווירן די צעבלענדטע בינע מיטן פּילאויגיקן, יעדעס מאָל געפאָרעמטן געשטאַלט.

יד

אויף די זעקס גאַלעריעס איז דאָס נאָרמאַלע מוסטערן געוואָרן איבערגעריסן. שומרים האָבן אויפגעפאָדערט אַלע זאָלן זיך אויפשטעלן לכבוד דעם אַב בית־דין. אויף דער אונטערשטער מערב־גאַלעריע איז געווען רעשיק. לויט די שומרימס באַריכטן האָבן מושלים מיט זייערע געקויפטע פּאָליטיקערס קעגנגעשטעלט זיך דאָס אויפהייבן. פאַקטיש מורא געהאַט מ׳וועט זיי צוכאַפּן די בענקלעך. זיך פאַרענטפערט, אַז זיי דאַרפן באַאַרבעטן טעקסטן צו פאַרטיידיקן זיך פאַר וואָס זיי פאַרשווייַגן דעם ייִדן־אומקום; סטיליזירן אויפקלערונגען צוליב וואָס זיי צעשטערן נישט די אינקוויזיציע־לאַגערן. כ׳בין געוואָרן צעטומלט. נישט געקענט אויסהערן די ליגנערישע סתּם פּלוידערייַען.

אויך אויף רעכטע און לינקע מוסטער־בערג מיט זייערע שכנותדיקע, באַהערשטע בערגלעך האָט מען גאָרנישט געוווסט. די דאָרט־געבראַכטע ברואים, פאַר שופטים, מאָדעלירן זייער בשר ודמיק אַרייַנכאַפּנדיק לעבן און זענען ממשיך דעם פון דורות־איַינגעוווינטן לעבנס־שטייגער. אַ מינדערהייַט האָט געלעבט הוליענדיק. געפרעסן, געזויפט, פאַרווייַלט, געניאופט. געווען רויבער, וואָס האָבן געגזלט ביַי שוואַכע, אייגזאַמע, זקנים. צעקאָטעוועט, געמאָרדעט די מיט זיי זיך־ראַנגלענדיקע. דאָס לעבן איז דאָרט געווען נאָרמאַל, גלייַך ס׳וואָלט נישט אויפן ערד־פּלאַנעט פאָרגעקומען אַזאַ גרויזאַמע מלחמה, אין וועלכער מיליאָנען מענטשן ווערן געטויט אויף די פראָנטן און ייִדן ווערן געפּייַניקט, אויסגעהונגערט,

געמאָרדעט מיט מיתות משונות, פאַרטריבן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווו זיי ווערן פאַרגאַזט, פאַרשרפהט, פאַראַשט.

טו

דאָס קליינע, דיניטשקע מלאָכל איז צוגעפלויגן צו די גאַלעריעס. אַרומגעפלאַטערט. געטיילט פאַרוויקלטע פאַרמעטלעך מיט ספר־תורה־אותיות אויסגעכתיבהטע דעם סדר־היום פון געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. מיט אַ סאַפּראַן־קולעכל געמאָלדן, אַז אונטער דעם פאָרזיץ פון שופט־עליון וועט פאָרקומען אַ משפט־צדק און ס׳וועט געאורטיילט ווערן, צי נאָך אַזאַ גרויזאַמער מלחמה און דעם גרעסטן חורבן־ישראל אין אייראָפּע, איז באַרעכטיקט דער ווײַטערדיקער קיום פון די מיט ייִדיש־בלוט־אײַנגעזאַפּטע דײַטשישע און נאַציש־אָקופּירטע שטחים מיט די דאָרטיקע שוואַבישע און סלאַווישע רוצחים. עס וועלן אַרויסטרעטן אַ סניגור און קטיגור. פון פּאָליטיקערס האָבן רעכט זיך צו פאַרטיידיקן רוזוועלט און לענין. מעסיקע דאַרפן אויסקלײַבן זייערע פאַרענטפערערס. פאַרניכטערס טאָרן נישט בײַזײַן דעם משפט. פאַר דער דערעפענונג וועט פאָרקומען אַן אַזכּרה, געווידמעט די הרוגים אין די אייראָפּעיִשע לענדער. אין דער טרויער־זיצונג וועלן אָנטייל נעמען דער סימפאָנישער אָרקעסטער, דיריגירט פון לודוויק וואַן בעטהאָווען. אין פּראָגראַם: „שלאָף מײַן קינד״ פון פּאָעט ה. לייוויק און דאָס אַכט־און־צוואַנציקסטע קאַפּיטל תהילים: „אַל תמשכנו עם רשעים ועם פּועלי און״.

מניה וביה איז פאַר דער בינע דערשינען דער קליינער, דאַרער בעטהאָווען מיט אַ גרויסן קאָפּ, באַוואַקסן מיט לאַנגע, גרוילעכע האָר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט גרויסע, פאַרטרוימטע אויגן. לכבוד דער אַזכּרה אָנגעטאָן אַ שוואַרץ, זײַדן, קורץ פראַקל, שמאָלע, אויסגעפּאַסטע הויזן, שוואַרצלאַקירטע לאַטשן. עטלעכע מאָל איבערגעשלייפט אַ ברוין־זײַדענעם באַנד אין דער מיט פון ווײַסן שטײַפקראַכמאַלעטן קאָלנער. מיט פינגער אייניקע מאָל קאָנטראָלירט, פאַרריכט ביז דיביידע שפּיצן פון שלייפל זענען סימעטריש גלײַך און דאָס מיטלסטע קניפּל איז פּונקט אינמיטן האַלדז, בײַם נערוועז־באַוועגנדיק ביינדל. אַז ער איז געוואָרן פאַרטיק מיטן בינדן ס׳שלייפל, בודקן ס׳צענטראַלע קנעפּל, ס׳זאָל זיך נישט רוקן רעכטס אָדער לינקס מיט איין מילימעטער, האָט ער אין די אויערן אַרײַנגעשטעקט ראָזלעכע געהער־אַפּאַראַטלעך, אין דער רעכטער האַנט גענומען אַ שוואַרץ שטעקעלע. געהויבן די דיריגירנדיקע הענט.

אין דער לופט געצייכנט סמנים און עס האָבן זיך דערהערט שטילע אבל־טענער, באַגלייט מיט אַ מלאָכים־כאָר. די זינגעריגס, זינגערס, האָבן זיך צעוויגט, געבויגן רעכטס, לינקס, ווי פון ווינטלעך צעבלאָזענע, ריַיפע זאַנגען און קלאָנגדיק געזונגען:

„שלאָף, שלאָף, שלאָף. / דער פאַסטעך פאַריאָגט האָט זיַין שאָף, / געלאָזט אין דער פרעמד אויפן ווינט".

נאָך ה. לייוויקס ליד האָבן טענאָרן, באַסן הויך אויסגעזונגען: „תן להם כפעלם, וכרע מעלליהם. כמעשׂה ידיהם תן להם! השב גמולם להם!".

די פּאָעטן און מוזיקערס האָבן צערעשט די דרום־גאַלעריעס. געמורמלט, געטומלט, התלהבותדיק לאַנג אָפּלאָדירט. געלויבט בעטהאָווענס מיַיסטעריש דיריגירן, דעם אָרקעסטערס שפּילן און כאָרס זינגען. עטלעכע מאָל איבערגעחזרט: „וווּנדערבאַר! אזוינס און אַזעלכעס הערט מען זעלטן". אַז קריטיקערס אויף דער צפון־גאַלעריע און וויסנשאַפטלערס אויף דער מערב־גאַלעריע האָבן געהערט די קינסטלערס לויבערייַען האָבן זיי באַלד נאָכגעליאַרעמט: „אָאווא!!!". מאָמענטאַל איז אויך דער המון געוואָרן מיטגעריסן. גערימט, לאַנגדויערנדיק געפּילדערט: „בראַוואָ!!!". די פּרשנים האָבן תיכף גענומען פּאַפּירן, אויסגענוצטע גענדזענע פעדערס געטונקען אין טינטערס, געהאָרעוועט, געשוויצט, גענוי איבערגעשריבן געהערטע, פון ביכער אויסגעלערנטע לויבערייַען, צוגעשריבן חנופה־רייד. די באַשריבענע פּאַפּירן צעשיקט אין רעדאַקציעס. געבעטן גענוי פאַרעפנטלעכן זייערע פּירושים.

טז

אַ מלאך האָט אַרומגעשוועבט. געפּאַטשט מיט צעפּאָכיַנטע פליגל. געמאָלדן: „אַלץ איז פאַרטיק צום משפּט".

„גבריאל! רוף דעם געקרייציקטן. תיכף ומיד מוז ער קומען!", האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער באַפעל, ווי פון אַ מעגאַפאָן. דאָס מלאכל האָט זיך עלאַסטיש פאַרבויגן. צעפּאָכעט זיַינע פליגל און אַוועק־געפלויגן.

נעבן דער בינע האָט געוועשט. פאַרשווינען האָבן געבראַכט זעק, קאַסטנס מיט דאָקומענטן, מאַפּעס, ביקסן, מעסערס, העק, שפּיציקע שטיינער, פושקעס גאַזן, נאַהייַקעס. ס'איז געוואָרן אַ נערוועזע באַוועגונג. די לייַט זענען געוואָרן צעקאָכט. זשעסטיקולירט מיט די הענט. געסודעט. דיסקוטירט. סאָרטירט די דאָקומענטן, געווער, פייַן־אינסטרומענטן. אַלע האָבן אומ־

געדולדיק געוואָרט אויפֿן געהאַנגענעמס קומען און קלינגען. און ס׳מלאכל האָט פֿאַרזוימט אַ לענגערע צייט.

אַ צעסאַפּעטער איז עס צוריקגעקומען. אין סעקרעטאַרס אויערן אַרײַנגעשעפּטשעט.

„היום הרת עולם!!! היום יעמוד במשפט!!! האָט פֿון מעגאַפֿאָן געהילכט אַ פּעסיק קול: „נישטאָ קיין סודות! גבריאל, אַלעמען דערצייל דײַן שושקעניש!״

גבריאל האָט אַראָפּגעלאָזט די ווײַסע פֿליגל. זײַן לײַכטנדיק יונגפֿרויִש פּנים איז געוועזן פֿאַרהילט מיט אַ דורכזיכטיק ראָז־בּלוי וואָלקנדל. ווי מיט אַ פֿויגל־קולעכל אין אַ הילכער אַרײַנגעפּישטשעט. האָט דרײַ מאָל געבעטן דאָס וועקערל אַראָפּקריכן פֿון קרייצל. אין שופֿטימס באַפֿעל אים געהייסן קלינגען, רופֿן נאָך נישט געהערטע עדות צו דערציילן געזעענע אינקוויזיציעס, מאָרדן מאַמעס מיט זויגקינדער און אײַנשטילן טומלערס אויף די מוסטער־בערגלעך אין די מערב־גאַלעריעס. דער צוגענאָגלטער האָט אים אָנגעקוקט שטאַר, בייז. מיטן באַבלוטיקטן קאָפּ געשאָקלט אויף ניין. זײַנע צעפּלאָשעטע האָר, וואָס זײַנע לײַט אין שוואַרצע כאַלאַטן, שטײַפֿע ווײַסע קעלנער אַרום פֿעטע העלדזער, האָבן טעכניש געמאַכט זיי זאָלן באַלײַכטן ס׳געמוסטערטע, הוליענדיקע לעבן אויף די מערב־בערג, האָבן זיך פֿאַרנאַכטיק געטונקלט.

דער מעגאַפֿאָן האָט זיך צעהילכט, שטרענג באַפֿוילן: „הייס אים די רגע קומען!״

דאָס מלאָכל איז אַוועק.

נאָך צוויי שעה וואַרטן איז עס צוריקגעקומען. דערציילט דעם געהאַנגענעמס געשפּרעך מיט זײַן מוטער. אונטערגעשטראָכן, אַז ער האָט געגנבֿט אויסגעהערט און יעדעס וואָרט נאָטירט און בעט מ׳זאָל אים גלייבן. ער וועט פּינקטלעך, אַפֿילו לויט זייער לשון נאָכדערציילן:

„דעם ייִדלס מאַמע, מאַרוסיאַ, די אַקטריסע, האָט זיך בײַם זון געבלאָגעט: ,יאָסעלע, קרוין מײַנער, טײַערער בן־יחיד, זײַ נישט קיין עקשן. קריך אַראָפּ און טו וואָס מ׳הייסט דיר. צוליב דײַנע אײַנגעשפּאַרט־קייטן האָבן מיר געגוג געליטן בושות, צרות־צרורות. האָרך אַ מאַמען. הלוואַי וואָלסטו מיך אויף דעמאָלס געפֿאָלגט. מײַן גאַנץ לעבן געשטרעבט ס׳זאָל דיר גוט זײַן. נישט איינמאָל דיר געעצהט בלײַבן לערנען אין דער באַרימטער ישיבה ,מאה שערים׳. וואָס וואָלט דיר געפֿעלט? האָסט דאָרט געהאַט צו עסן און צו טרינקען פֿון כל טוב. אויך באַקומען שקלים

אויף הוצאות. דיך נישט געמאַטערט אין צבא. אַזוי האָט פאַראָרדנט דער ראש המלכות, רבי ג. שחר, לויט זײַן אָפּמאַך מיט פרומע מלוכישע־שותּפים׳. זי האָט אָפּגעזיפצט געווישט באַטרערטע באַקן. גערעדט. די ווערטער האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. ממש געכליפּעט, ,אָן דײַנע פאַנטאַזיעס, וואָלט אונדז געוועז אינגאַנצן אַנדערש. מ׳וואָלט אויסגעמיטן אַ סך אומגליקן׳. אים געפרעגט: ,וואָס אַ שטייגער האָט ער דאָס אויס־געפירט מיט זײַן בונטעווען זיך קעגן רבנים און מלכות? אַ וואָזשנע מציאה, גויים רימען די מאַמען מיטן זון. געהייסן איר גלייבן, אַז ס׳איז ביידן געשען אַ גרויס נס. ווען זיי לעבן אין אַ פּוילישן גיהנום אָדער דײַטשישן און די פּוילישע און אוקראַיִנישע רוצחים, ייִדנפײַנט פּאַקן זיי, אַפילו באַהאַלטענע אין אַ קלויסטער, וואָלטן זיי זיכער צוזאַמען מיט אַנדערע געטאָ־ייִדן געוואָרן אָפּטראַנספּאָרטירט אין אַ פאַרניכטונג־לאַגער. דאָרט געוואָרן געפּײַניקט, פאַרגאַזט, פאַרברענט, צעאַשט. אים געבעטן: ,ליב קינד, האָרך מיך. טו וואָס מ׳הייסט אין הימל. זײַ נישט פאַרביסן, פאַרעקשנט׳.

,מאַמע־עע!׳ האָט דער מומר זיך צעהעשעט, מוראַדיק אויסגעשריגן: ,זעסט דען נישט? אויף דער בינע זיצן — ס׳רוב פרומאַקעס מיט לאַנגע בערד און פּיאות? אַלע דאָרט זענען דאָך אָנגעטאָן אין רבנישע, שוואַרצע, זײַדענע כאַלאַטן, סאַמעטענע קאַפּעליושן. פאַרשטייסט דען? מ׳גייט דאָך מיך איבערמשפּטן. זיי באַשולדיקן מיך און אַלע מײַנע כמרים, תּלמידים, אַז נאָר צוליב ייִדנהעצערישע לוקאַסעס דרשות, וואָס ווערן פון גלחים איבערגעחזרט אין קלויסטערס, האָבן גויים פײַנט ייִדן. די קריסטלעכע אַנטאַגאָניסטישע רעדעס און ביכער האָבן במשך דורות געוועקט קעגנערשאַפט, שנאה צו ייִדן. אַזוי טענהן מײַנע באַשולדיקערס. יאָ, הלוואי זאָל פּוילן אײַננעמען אַ וויסטן סוף. ווערן אָפּגעמעקט, אײַנגעזונקען מיט זייערע פרומע גויִם. נאָר זיי, די קאַטוילישע הערשערס האָבן דערלויבט די דײַטשן מאַכן אין זייער פּוילן־לאַנד גאַז־קאַמערן, פאַרניכטונגס־לאַגערן. אַ סך פון זײַ העלפן אומברענגען אונדזערע ברידער און שוועסטער — אונדזער בלוט און פלייש. אָבער איך? מעגסט מיר גלייבן, מאַמע מײַנע, אַז כ׳האָב דעמאָלס ווייניק פאַרשטאַנען. יונגע נאַרישע יאָרן. נישט געוווּסט, וואָס איך טו. געווען אײַנגעבילדעט, אַז כ׳וועל העלפן ברענגען די ישועה פאַר די פאַרפאָלגטע; אַז אַלע אָרעמע, אָפּגעשטויסענע זאָלן אויך לעבן גוט. האָב גאָרנישט פאַרויסגעזען, אַז מײַנע רייד קעגן רײַכע און רבנים, וועלן צעפלאַקערן שנאה קעגן

אונדזער גאַנצן פֿאָלק ישראל אין אַלע לענדער. איצט זע איך אײַן מײַן טעות. כ'האָב מורא פֿאַרן משפּט'. זײַנע אויגן האָבן זיך טרעריק צעגלאַנצט. דער מאַמען רחמימדיק געבעטן, זי זאָל אים זאָגן, ווו זײַן פֿאָטער איז. אפשר וועט ער אים מיט וואָס העלפֿן, געבן אַן עצה, וואָס צו טאָן. געטענהט: פֿון קינדווײַז אָן האָט זײַן מוטער אים אײַנגערעדט: דײַן טאַטע איז אַנטלאָפֿן, ערגעץ ווו אַנטרונען, גלײַך די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען; איז געוואָרן פֿאַרפֿאַלן, ווי אַ שטיין אין וואַסער. זי פֿלעגט אים טרייסטן: ,יאָסעלע, ליב קינד, מיר אַלע האָבן איין טאַטן. גאָט איז אונדזער פֿאָטער', אַזוי אים פֿאַררעדט, פֿאַרזיכערט, אַז זי האָט אים ליב, ווי אירע אויגן אין קאָפּ. ער איז איר אוצר. ער האָט דען געהאַט אַ ברירה? געמוזט איר גלייבן, גאָט איז אַלעמענס פֿאָטער. ער ווידער, האָט דאָס אײַנגערעדט יעדן באַגעגנטן אָנהעגנער, צי קעגנער. פֿאַר אַלע נאָכגערעדט אירע רייד: ,אבינו שבשמים איז גנעדיק צו זײַנע קינדער. ווי אַ טרײַער פֿאָטער גיט ער יעדן, וויפֿל ער וויל, לויטן מענטשנס אויפֿפֿירן זיך אין פֿאַרגאַנגענעם און אין דעם איצטיקן גילגול. ערדישע לײַדן זענען פֿאַרבײַגייענדיקע, ווי ס'קורצע לעבן. דער עיקר איז די אייביקע גנעדיקע פֿאַרגעניגנס. אירע רייד האָט ער אַלעמען נאָכדערציילט, אַז גאָט פֿאַרלאָזט נישט קיינעם. איין קינד גיט ער גוטס אויף דער וועלט, דעם צווייטן באַצאָלט כפֿלדיק שווילטאָג אויף יענער וועלט. זײַנע אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט, די ווונדיקע באַקן גערויטלט, געשעפּטשעט: אַפֿילו אַז מ'האָט אים אין הימל געבראַכט מוסטערן פֿון אָנגרײַפֿן ייִדישע מנהיגים מנהגים, דינים, און געפֿרעגט זײַן נאָמען, האָט ער געענטפֿערט: ,יאָסעל, גאָטס זון', לויט די מאַמעס רייד. ס'מלאָכל האָט געבויגן דעם קאָפּ, געמורמלט: „די היגע לומדישע פּמליא־פּקידות און פּקידים האָבן שפּאָטיש אים אויסגעלאַכט, גערופֿן ,שוטה'. פֿאַראָרדנט ביזן משפּט צו זײַן אַ וועקער. יאָסעלע האָט זיך געכעסט: אין קאַלטע, פּראָסטיקע נעכט מוז ער קלינגען, אויפֿוועקן די שיינע ייִדן, פּראָטעקציאָנערע גן־עדן־צדיקימלעך, זיי זאָלן גיין אָפּריכטן חצות. אויב נישט פֿאַרגעסן זיי אָדער פּאָפּן ביז די זון קריכט אַרויס פֿון מזרח, צעשײַנט זיך אין מיטן הימל. געקוקט וווּנדערנדיק. געפֿרעגט: ,ווייסט וואָס זיי טוען גאַנצע טעג?' זיך געקווענקלט. אויסגעזאָגט: ,זיי מאָטלען, רכילותן, חוזקן פֿון אַלץ, פֿון יעדן, פֿון אַלעמען. ביז שפּעטע אָוונט־שעהען טרינקען זיי די טײַערסטע ווײַנען, עסן די פּיקאַנטסטע שפּײַזן, טײַערסטע פּרוּכטן. שפּילן זיך מיט שיינע מלאַכימדיקע מיידלעך. נאָכן אָפּקלינגען מוז ער, אין די שטאַרקסטע

חשכותן צוריק אַרויפקריכן אויף דער שטיינשפיציקער סטאַטוע, אַרויפדראַפען אויפן דרענגלדיקן צלם־דירהלע, געמאַכט פון איילבירט־צווײַגלעך מיט אַרויסשטאַרנדיקע, שאַרפע, פאַרזשאַווערטע טשוועקעס. מיט ווונדיקע אײַטערדיקע הענט ווידער זיך צובינדן מיט לולב־בלעטלעך. אויב נישט, וועלן אים ווינטן אַרײַנשמײַסן אין נעבנדיקע שאול־תחתיותן, ווו ס׳ווערן געפײַניקט דײַטשישע און סלאַווישע רוצחים. געזיפצט. אין פײַערדיקע חמסינס פרעגלט ער זיך, פרירט אין ווינטיקע שנײַ־זאַווערוכעס. מ׳הייסט אים אויך אײַנשטילן די פאָליטישע טומלערס, הולטייעס, גיאופניקעס, זונות, אַלפאָנסן, געבראַכטע פון מערבדיק ערדישוועלטל, איבערהויפט פון דײַטשלאַנד, זיי זאָלן פאַר די בית־דין־של־מעלה־מיטגלידער שילדערן און נאָכמאַכן זייער פאַקטיש ליגנעריש, זינדיק לעבן. ער האָט, ווי אַ קינד, געכליפעט. דער מאַמען געבעטן, זי זאָל אים זאָגן דעם אמת, ווו ס׳איז זײַן פאָטער. „אפשר וועט ער מיר פאָרט עפעס העלפן, אין מײַן איצטיקער נײַער נויט. קאָן זײַן, ער וועט מיר עצהנען ווי זיך אַ ביסל צו פאַרענטפערן, פאַרטיידיקן׳. געכליפעט: „מאַמע! ס׳איז געקומען די צײַט! מוזסט מיר אויסזאָגן דײַן סוד! כ׳ריר זיך נישט פון אָרט, אויב דו גיסט נישט אויס דײַן פאַרביטערט האַרץ פאַר מיר. כ׳ווייס. מ׳זעט עס אויף דײַן פנים, אין דײַנע אויגן, אַז דו לײַדסט. מיטן דערציילן מיר וועט אויך דיר ווערן לײַכטער דײַן צעפײַניקט געמיט׳.

מאַרוסיא האָט זיך צעוויינט. פון אירע בלויע, גרויסע אויגן זענען טרערן גערונען איבער די רויטלעך־באַפאַרבטע באַקן. זי האָט געמורמלט:

„יאָסעלע קרוין, ליב קינד מײַנס. ווינד און וויי צו מײַנע פינצטערע יאָרן, צו וואָס כ׳האָב דערלעבט. ווער קאָן נאָך אַזוי פילן דײַן ביטערן גורל ווי איך? מײַן צעווייטיקט האַרץ בלוטיקט טאָג און נאַכט. וועט אַ ליאַדע טאָג ווערן צעפלאַצט פון צער. כ׳ווייס, דײַן מצב איז תמיד געווען שלעכט. איצט גאָר שווער. ביסט נעבעך געבוירן געוואָרן מיט אַ ביטערן מזל. זינט ביסט געקומען צום שכל, לײַדן מיר פון דײַן קריטיקירן, אָנגרײַפן די לומדים, אַז זיי לעבן נישט לויט זייערע שריפטן און פרעדיקן אין בתי־כנסת. אָבער צוריק געשמועסט זענען דאָך די ייִדן פאָרט גערעכט. זיי קאָנען און וועלן דיר קיינמאָל נישט מוחל זײַן. זײַ זיך מודה. דו און דײַנע חברים האָבן דאַמאָלס אויך די גויִים אויפגעהעצט קעגן ייִדן׳. האָט אים בייז אָנגעקוקט. געזאָגט: „דײַן טאַטע? אוי, דאָס איז אַן אַלטער, נאָך נישט געפלאַצטער בלאָטער אין מײַן תמיד צעווייטיקט, צעבראָכן האַרץ. קינד, וועקסט אויף אַ טיפע, בלוטיקע וווּנד. ער, דער

„תכשיט״, איז אין אַלעמען שולדיק׳. זי האָט גענומען אַן עק פון אַ שוואַרצן, זייַדענעם שאַל, וואָס איז געווען פאַרשלייפט אויף איר שוין צעקנייטשטן, מיט זאַלבן פאַרשמירטן האַלדז און איבער איר היפּש־אַרויסשפּיצלדיקע ברוסטן און מיט דעם געווישט די רויטע, פאַרטרערטע אויגן. ,ליב קינד, זע, די טרערן שטיקן מיך. איך קען נישט מער. גלייב מיר כאַטש. כ׳האָב דאָך נישט מער ווי דיך. מוז איך דיר אויסזאָגן דעם גאַנצן, ריינעם אמת׳. דערציילט: געווען איז דאָס אין אַ הייסן זומער־פאַרנאַכט. יענעם טאָג, פון באַגינען אָן שווער געהאָרעוועט אויפן פעלד. אַראָפּגעריסן פּאָמידאָרן פון די אויסגעטריקנטע צווייַגלעך. אויך אויס־געגראָבן צענדליקער זעק קאַרטאָפל. פאַר אַ שיבוש געאַרבעט בייַם קורח־רייַכן, שיינעם ייִד, יצחקל למדן, דער מנהל פון דער ישיבה „מאה־שערים״, ווו צו האָסט געלערנט צוויי יאָר. דער אָ, רבי יצחקל כהן, חבר אין אַלטן־ראָט פון גליל איז געווען זייער אָנגענומען, ספּעציעל בייַ די אָרעמע, געהאָלפן יתומים, קראַנקע, געשאַפן נדנס פאַר כלות. נישט, חס ושלום, פון זייַנס. געווען אָנגעשטאָפּט מיט געלט, גאָלד, פאַרמעגנס. אָבער געווען אַ קאַרגער הונט. האָט געגרינדעט אַ גמילת־חסד־קאַסע. פון יעדן גביר, וואָס איז געקומען אין שטאָט־ראָט עפּעס דערליידיקן. האָט ער געפּאָדערט הויכע אָפּצאָלן און שפּענדונגען פאַר דער לייַ־קאַסע. האָטן ס׳יצר־הרעלע צוגערעדט און אָפּגעלעקט אַ פּעט ביינדל פון קהלישן געלט. ווי יעדער סוף גנב לתליה האָט מען אויך אים געפּאַקט. געמשפּט, פאַראורטיילט בלויז אויף דרייַ חדשים טורמע. האָט ער דאָך געהאַט פּראָטעקציע אין ירושלימער מלוכה־ראָט, ווו ער אַליין איז געווען אַ בכודיקער מיטגליד און אָן זייַן שטים, וואָלט דער ראָט זיך צעפאַלן, האָט מען די גנבה פאַרווישט, אים אַמנעסטירט. בייַ דער געגזלטער זשמעניע איז ער מיט זייַן ווייַבל, פּעסעלע פליאַק, געבליבן. מיטן קהלישן געלט זיך אויפגעבויט אַ לוקסוס־ווילע נעבן דער ישיבה. בייַ דעם אָ ,שייַנעם ייִד׳ און גרויסן אויסניצער איז געווען צו אַרבעטן גאָר שווער, ווי קריעת ים־סוף. אַמאָל, נאָך אַזאַ פאַרמאַטערנדיקן אַרבעטס־טאָג האָב איך נישט געהאַט קיין כּוח אַ היים צו גיין. ס׳איז געווען פּיטש נאַס. זיך אומגעקוקט. קיינעם נישט באַמערקט אויסגעטאָן דעם ראָק און בלוזקעלע. אויפן אָנטועכץ זיך אַוועקגעלייגט אָפּרוען. געחלומט פון יצחקלס בן־יחיד, שמעיהלע מיט די גלייַכע, לאַנגע פיס, שלאַנקן קערפּער, ברייטן ברוסט־קאַסטן, רויטלעכע בעקעלעך, ווי פרישע עפּעלעך, גרינע, פינקלענדיקע אייגעלעך, וועלכע האָבן בעתן אָנקוקן זיך בייַביידן אין צעצאַפּלטע

הערצער געוועקט, צעצונדן לאַנגדויערנדיקע תשוקותן. אַז זי האָט זיך אויפגעוועקט איז איר פּינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. דערזען אַ פּשעסטוינע ייִנגל, שיין ווי אַ מלאך, צענפּאַכיק זגראַבנער, רײַצנדיקער ווי שמעיהלע. געווען שלאַנק, ווי אַ ייִנג סאָסנעלע, געהאַט בלאָנדע האָר, בלויע, גרויסע אויגן, אַ פּנימל אויסגעטאָקט, ווי אַ פּרעכטיק ליאַלקעלע, פּונקט ווי זי האָט ליב. זיך דערשראָקן, פאַרשעמט. שנעל זיך פאַרדעקט מיט אויסגעטרוקנטע קאַרטאָפל־בלעטער און פּאָמידאָרן־צווײַגלעך, וואָס האָבן זי געקוועלט. דער יונג האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. געשטאַנען, ווי אַ געליימטער. זײַנע שליפּיעס זענען געוואָרן גרעסער, גלאַנציקער, אויף איר גלוסטנדיק געגלאָצט. ווי אַ שיכורער פּינטלדיק געקוקט נאָר אויף אירע שטיקלעך נישט פאַרדעקטע גלידער, גלײַך ס׳ערשטע מאָל זעט ער אַביסל אַנטבלויזט, ווײַבלעכן קערפּער. צו איר גערעדט שיינע, זיסע ריידעלעך, געגנוי ווי די געניטע שטאָט־ייִנגלעך. איר געטשאַקעט. פון זײַן באַחנט פּיסקל האָבן זיך געשיט שבחים. איר דערציילט פּסוקים פון דער תורה, קורצע טשיקאַווע משלימדיקע מעשׂהלעך, אַזוי ווי מתית׳ל מגיד, וואָס איז תּמיד געקומען פון צפת פאַרקויפן זײַנע ספרימלעך, פאַרמעטענע קמיעלעך און אַלע אָוונטן, אין בעל מלאָכישן בית־המדרשל, צווישן מנחה אין מעריב, געדרשנט, אויסגעטײַטשט גימטריאותן, אַז עס גענטערן זיך די טעג פון משיח, וואָס וועט די מענטשן אויסלייזן פון זינד. די סוחרים, רײַכע פאַבריקאַנטלעך זענען באַלד אַרויס, געגאַנגען אין צווײַטע בתי־כנסיות דאַווענען מעריב. בלויז אָרעמע בעלי־מלאָכות, אַרבעטסלאָזע האָבן געלעקט די פינגער פון זײַן מליצהדיק רעדן. און איינמאָל האָט אַ רײַך סוחרל אים געמסרט, אַז ער העצט קעגן דער רוימישער רעגירונג, האָט מען אים אַרעסטירט. נאָכן אָפּזיצן אין תּפיסה, זיך נישט געשראָקן. געפאָרן אין דערפער, שטעט, געטרייסט די אָרעמע, אַז די טעג פון גאולה זענען גאָר נאָענט. מ׳זאָל די נויט פאַרנעמען מיט ליבע און נישט זינדיקן קעגן גאָטס מצוות. דעם זון אַרומגענומען. ליבלעך צו אים געזאָגט: ,מ׳האָטן ווידער געמסרט און איז אַנטלאָפן. אַ שאָד. גערעדט מלא חן. אויך דער יונג, דײַן טאַטעלע, האָט אַזוי שיין גערעדט. פּערעלעך האָבן זיך געשיט פון זײַן טעמיק מײַלעכל. תּמיד, בעת צוזאַמענטרעפונגען מיר דערציילט טשיקאַווע פּאַסירונגען, מעשׂהלעך. אויך דו פלעגסט אַזוי מחיה־נפשותדיק רעדן, דערציילן מוסרדיקע מעשׂהלעך. מילא, האָסט אין וועמען געראָטן צו זײַן, פאַרשטיי, כ׳בין געווען יונג, שיין. קאַוואַלערן האָבן געזאָגט אַ קראַסאַוויצע. האָבן זיך צו

מיר בחורימלעך געטשעפּעט, צוגעקלעפּט ווי בינען צו זיסע בלימעלעך. כ׳האָב נאָך דאַמאָלס נישט פאַרשטאַנען ס׳נאַרישע לעבן מיט די פאַלשע מענער. דאָס פּאַצעטל האָט צו מיר אַזוי לאַנג גערעדט, פאַררעדט. מילא, כ׳בין דאָך נישט מער ווי אַ ייִדענע און ער האָט אויסגעזען ממש ווי אַ מלאך׳.

דאָ האָט זיך איר זון צעבייזערט: ,האָסט מיך אָפּגענאַרט. כ׳וועל זיך פאַרענטפערן, אַז נאָר דו ביסט שולדיק. צוליב דיר בין איך געוואָרן אַן אָפּטריניקער. אויב דו האָסט רחמנות אויף מיר, דו ווילסט פאַרגרינגערן מיין שטראָף דערצייל אַלץ. אפשר כ׳וועל זיך מודה זיין, וועלן זיי מיך אַביסל פאַרגיטיקן׳.

מאַרוסיאַ האָט געספּקט. איז זי דאָך אַ ייִדענע. פאַר אים אויס־געפּלוידערט, עטלעכע חדשים מיטן בחור געהיים פיין פאַרוויילט. תמיד זיך געטראָפן פאַרנאַכט. האָבן שפּאַצירט אונטער דער שטאָט. ער האָט זייער ליב געהאַט די דעמערדיקע, ראָזלעכע הימלען אין געטונקלטע פאַרנאַכטן. פלעגט איר שיטן קאָמפּלימענטן, ווי אַרבעס פון אַ געלעכערטן זאַק. איר געטרעלט, אַז זי האָט טויזנט טעמען, איז באַחנט, שיין ווי די שולמית פון שיר השירים. ספּעציעל געחנפעט, אַז אירע אויגן זענען די שענסטע, בלאַנקען ווי צוויי בלישטשענדיקע בריליאַנטלעך, בשעת די אונטערגייענדיקע זון באַשיינט זיי. אירע רויטע ליפּן זענען, ווי צוויי זאַפטיקע פלוימען. טייל מאָל זענען זיי אויס ווי צעעפנטע רויזן. און ווען די זון באַשטראַלט איר ראָז, פריש פנים, ווערן צעקאָכט זיינע גלוסטנדיקע בלוטן. פילט זיך גליקלעך אין איר אַנוועזנהייט. האָט זי ליב, ווי גאָט. אַז די זון פאַרגייט רויט, צעצינדט זי אירע הימלישע אויגן, ווי צוויי לייכטנדיקע ייִדישע שבת־ליכט. זיי צעפלאַקערן אַ שריפה אין זיין צו איר גאַרנדיק, חשקפול האַרץ. אירע אברים האָט גאָט אַליין האַרמאָניש אויסגעטאָקט, שעפעריש — פּינקטלעך, ווי אַ גאונישער סקולפּטאָר צוזאַמענ־געשטעלט. גערעדט און זי איבערגעדברט. ווי דער שטייגער פון נשים האָט זיין שיין קערפּערל, פּראַכטפול פנימל, רייצפולע אייגעלעך גורם געווען, זי זאָל זיך אין אים פאַרליבן ביז איבער די אויערן. ביי יעדער באַגעגעניש זי תאווהדיק געקושט, געהאַלדזט, צו זיך געדריקט. איין מאָל איר שטאַרק צעחושט, פאַרכישופט און זי האָט זיך, ווי דער וויַיבערישער שטייגער פאַרגעסן. אירע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט: ,כ׳ווייס ?

אפשר איז דאָס געווען אַ חלום ?׳. איר זון איז געוואָרן טרויעריק. ,כ׳פאַרשטיי שוין אַלץ. מאַמע, ענדיק. כ׳וויל וויסן דעם סוף׳.

מאַרוסיאַ האָט אַראָפּגעלאָזט די רויטע, טרערריק־באַנעצטע אויגן. כ׳מוז דיר שוין דערציילן די רעשט: עס איז איר באַפאַלן אַ פּחד. טעג און נעכט געוויינט. חרטה געהאַט. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. תּמיד אַנגסטיק געטראַכט, אין עטלעכע חדשים אַרום וועט זי זיך נישט קענען באַווייַזן פאַר מענטשן. ס׳בייַכל איז געוואָרן רונדיקער פולער, אויפגעבלאָזענער. געקלערט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי זיך צו פאַרענטפערן פאַר לייַט. פאַר גאָט, פאַר טאַטע־מאַמע, פאַרן חתן. זי האָט באַשלאָסן דעם ליובאָוויניק דערציילן, אַז ער האָט זי אין דעם שבת־צו־נאַכטס באַפרוכפּערט. אים פאַרגעשלאָגן, ממש געבעטן רחמים, ער זאָל מיט איר שטעלן אַ חופּה. אויב נישט וועט זי זיך דאַרפן באַגראָבן לעבעדיקערהייט פאַר חרפּה. נישט קאָנען עפענען די אויגן פאַר לייַטן און איר פאָטער וועט זי אַרויסוואַרפן פון שטוב. האָט אויך מורא מ׳וועט זי פאַרמשפּטן פאַר אָפּנאַרן דעם חתן. ער, דער יונג האָט דאַן אַרויסגעוויזן זייַן מענעריש חזיר־פּיסל. זיך פון איר אויסגעלאַכט. געווען אַ פאַרביסענער עקשן. איר פאַררעדט: ,ביסט נישט די איינציקע׳. און ער זאָמלט געלט צו מאַכן אַ פאַראַדנע חתונה אין ירושלימער שענסטן זאַל. האָט אַ סך הויכראַנגיקע באַקאַנטע, רייַכע, געלערנטע חברטעס, חשובע, מלוכישע פּרייַגד. פונקט ווי זייַנע קאָלעגן מוז ער אויך מאַכן אַ שיינע שמחה מיט די פייַנסטע עסנס, מיט דער בעסטער מוזיקאַלישער קאַפּעליע ,,קל־וחומר״, אין וועלכער עס זינגט די שיינע, סאָליסטקע, רבקהלע קלינגערין, וועלכע האָט אַנטייל גענומען אין לעצטן פעסטיוואַל. ,מאַרוסיעלע, ביסט עס ווערט. זיי זיכער, וועסט בייַ מיר זייַן די גליקלעכסטע׳. זי געטשאַקעט. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן אירע תחנונימימדיקע, רחמימדיקע בקשות, מ׳זאָל שטעלן בלויז אַ חופּה אין קליינעם בית־הכנסתל מיט אַ מנין ייִדן, זי דאַרפט נישט קיין שום פאַראַדנע חתונה. און ער ביי ס׳זייניקע. זי האָט אייַנגעזען, אַז זי איז פאַרלוירן. דאָך אים אַביסל געגלייבט. געהאַט אַ ברירה ? זייַן פעקל האָט זי דאָך געטראָגן. יעדעס מאָל האָט ער איר צוגעזאָגט אַנדערע ,,גליקן״, אויסגעקלערט פוילע תירוצים ביז, קינד מייַנס, האָב דיך געבוירן אויף יצחקלס בוידעם אין אַ פּראָסטיקער חנוכּה־נאַכט. געהאַט דאַן אַ נס, וואָס האָב געבעטן אַ זנאַכערקע זי זאָל זייַן אַנוועזנדיק בייַם געבורט און דיך אָפּגענומען, נאָך ביז הייַנט געדענק איך איר אויסזען שיין ווי די וועלט, ממש אַ מלאַכטע׳.

מאַרוסיע האָט זיך צעהעשעט: ,יאָסעלע קרוין מײַנער, מער קאָן איך נישט. טרערן שטיקן מיר אין האַלדז. האָב רחמנות און מאַטער מיך נישט מער׳.

איר זון האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טיף געזיפצט. די מאַמע האָט איר קינד אָנגעקוקט מיטלײַדנדיק און געענדיקט דערציילן: ,וואָס מײַנסטו האָט דײַן טאַטע, דער הפקר־יונג געטאָן? איז אַנטלאָפן, ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט. זיכער מורא געהאַט פאַרן בית־המשפּטס פּסק־דין, ער זאָל מיר צאָלן חודש־געלט דיך אויסצוהאָדעווען און מ׳וועט אים נישט לאָזן צוריק אַ היים פאָרן. האָט ער געמאַכט פּליטה. טייל זאָגן קיין רוים. אַנדערע חכמען זיך, ר׳איז גאָר אין בבל. מיך, אַ פאַרשעמטע, הפקרדיקע מיט דיר אַ פּיצל שוועלבעלע איבערגעלאָזט אָן שום מיטלען צו לעבן, אויך דער צווייטער תכשיט, דער חתן איז פאַר בושה אויך אַנטלאָפן קיין אַלעקסאַנדריע. דאָרט געלעבט אויף געהאַקטע צרות. יאָ, איינמאָל האָבן מיר ביידע אים דאָרט געפּאַקט אויפן שוק צעטיילן תנכלעך. די ייִדישע קרעמער און קונים גערופן צוריק פאָרן קיין ארץ־ישראל און טאָן תשובה׳. האָט זיך העשנדיק צעוויינט, כליפּענדיק צעקלאָגט: ,כ׳האָב מיט דיר אויף די הענט, געוואָלט זיך צו אים דערנעענטערן איז ער אויך פאַרשווונדן אין מענטשן־געווירבל. אים געזוכט. נאָר אַ נעכטיקער טאָג. ער איז נעלם געוואָרן. אַ צײַט נישט געוווּסט ווו עס איז זײַן געביין. ער איז דאַמאָלס פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אַ שטיין אין ים. געוואָרן ממש אײַנגעזונקען, גלײַך די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען. פּליאָטשעכערינס האָבן געליגנט אַז ער איז אַ שמש אין אַ שולעכל אין טבריה. טייל יאַריד־סוחרים האָבן גאָר געפּלוידערט, אַז זיי האָבן אים געזען זיך דרייען אין די גלילער דערפער מיט זײַנע מאָדנע אָנהענגערס. האָט געדרשנט נייע פּירושים צו די נביאימס רייד. געמוסרט די רבנים און כיטרע כהנים, אַז זיי פעלשן די תּורה, מאַכן דערפון אַ גוט לעבן. יאָ, יאָ יאָסעלע קרוין, אויך דו האָסט דאָך דאָס זעלבע געטאָן. מילא האָסט אין וועמען צו זײַן געראָטן און דאָס איז דער גאַנצער, ריינער אמת. יעצט, אַז כ׳דערמאָן זיך דאָס אַלץ זעט עס בײַ מיר אויס ווי אַ חלום׳. אירע אויגן האָבן זיך צעבלישטשעט: ,דײַן טאַטע איז געווען שיין, ווי אַ מלאָך, קלוג ווי שלמה המלך. כ׳האָב אים ליב געהאַ ס׳לעבן. בין אָבער מיט אים געווען גליקלעך אַ קורצע צײַט. איז פאַרשווונדן ווי אַ טרוים׳.

,הייסט עס׳, האָט דער געקרייציקטער אויסגעשריגן: ,כ׳בין אַ נישט

געזעצלעך קינד?! האָסט פאַרשוואַנגערט אָן חופה וקדושין?! כ'בין גאָר אַ ממזר?!!! אָן אַ טאַטן?!!!'

,אוי, טיפּשל, אַ טאַטן האָסטו. ביסט אַ גאַנצער חכם געווען און ווייסט נישט, וואָס כ'האָב דיר דערציילט. יעדער מענטש מוז געבוירן ווערן פון אַ פאָטער. איך ווייס בלויז נישט ווו ער איז געוואָרן פאַרפאַלן'.

,פאַרוואָס זשע האָסטו מיך גענאַרט? יעדעס מאָל מיר אַנדערש אײַנגערעדט. מערסטנטייל זיך באַרימט, אַז דו האָסט געהאַט אַ מאַן אַ צדיק, ממש שיין ווי אַ מלאך. ווי איך זיך אַרומגעקריגט מיט די חכמים, אַז זייערע תורה־פּירושים זענען נישט ריכטיקע. צוליב דעם האָבן זיי אים פאַרפאָלגט. זיך געמאַטערט און גאָט האָט אויף אים געהאַט רחמנות און גענומען צו זיך. איך האָב דיר אַלץ געגלייבט. גיב מיר אַן עצה: וואָס טו איך איצט? קענסט דאָך די נטורא־קרתאַניקעס. אַהאַ! האָבן די אַ פרומע אונדז פײַנט. זיי ווילן דאָך דאָ מיך איבערמשפּטן. זיי טענהן: די גויִים האָבן מיך געמשפּט פאַר העצן קעגן קעגן אַקופּאַנטישן געוועלטיקער, חוזקן פון קייזער. דערפאַר פאַראורטיילט מיין קערפּער און דאָ ווילן זיי מיך משפּטן, אַז כ'בין געווען דער ערשטער און געפערלעכסטער יִידן־העצער און דער גורם פון אַלע ביז איצט יִידישע פּרעניותן. מײַנע אידעען, פאַר וועלכע כ'האָב זיך מקריב געווען ווילן די אַ פרומאַקעס דאָ אויפוויַיזן זענען די שרעקלעכסטע אומגליקן פאַר די יִדן. שטרעבן פון הימלישן שופט־עליון אַ גזר־דין, אַז אַלע פעלקער זאָלן אויפהערן גלייבן אין מײַנע געפּרעדיקטע דרשות. מאַמע, זאָג מיר כאָטש דעם אמת: פאַרוואָס האָסטו מיר אײַנגערעדט:, גאָט איז דײַן און אַלעמענס פאָטער?!! דאָס האָב איך דאַמאָלס און איצט פאַר אַלע אין הימל אויסגעפּלוידערט. געהייסן אויך מײַנע אָנהענגערס אויף דער ערד דאָס איבערחזרן. אַזאַ טפּשות. מאַמע, זאָג, ווער איז מײַן ריכטיקער טאַטע?! וואָס איז געשען מיט דײַן חתן?'

,יאָסעלע קרוין, נישט איך האָב דיך גענאַרט. אויך דו האָסט קיינעם נישט געזאָגט קיין ליגנט. גאָט איז דאָך דער ריכטיקער פאָטער פון אַלע מענטשן. דאָס האָב איך צענדליקער מאָל געהערט פון יצחקל למדנס יִדענע, פעסל די גבאיטע, בעתן לייענען די ,צאינה וראינה': ,אב הרחמים', פלעגט זי אים בעטן רפואות, פּרנסה און נחת פון קינדער. פאַרשטיי. גאָט איז פאַקטיש אַלעמענס פאָטער. טייער קינד מײַנס, קאָן גאָר זײַן, אַז אַלץ, וואָס כ'האָב דיר אָנדערציילט איז געווען אַ ווונדעלעכער יוגנט־חלום. חכמים טײַטשן מיר דאָס אויס, אַז אַזוי טרעפט בײַ יונגע, שיינע מיידלעך".

האָט זיך אַרויסגעכאַפּט: „דער חבר מיינער איז צוריקגעקומען אין שטעטל. זיך מיט מיר איבערגעבעטן. מיר דערקלערט ליבע. צוגעזאָגט מיט מיר חתונה צו האָבן כדת משה וישראל. זיין פאַר דיר ווי אַ ריכטיקער פאָטער און אָן אים וואָלט איך געוווען אויף געהאַקטע צרות־צרורות, וואָלט נישט געהאַט קיין תקומה. ער האָט געהאַלטן וואָרט, אונדז פאַרשטעלט די חרפה. פאַר אונדז געזאָרגט. קיין גרויסער פאַרדינער איז ער טאַקע נישט געווען. תמיד געוווען מער פאַרנומען מיט די בונטאָווטשיקעס, ווי אין וואַרשטאַטל. פאַרדינט גאָר ווייניק ביים פאַרריכטן אַלטע בענקלעך און צעבראָכענע פעסלעך. אָבער מ׳איז אויסגעקומען. געלעבט ווי אָרעמע לייט׳.

‚אוי מאַמע, מישט אויס אַ קאַשע. איר ווייבער האָבן ליב צו פאַרדרייען די יוצרות, פאַרטומלען די קעפּ און פּלאָנטערן מיטן צונגל. כ׳זע האָסט מיך געמאַכט אומגליקלעך. זיך פאַרנאַרט און מיך אָפּגענאַרט. נאַיוו דיר געגלייבט. יעצט גאָר טענהסטו, אַז עס קאָן זיין, אַז אַלץ וואָס עס האָט מיט דיר פּאַסירט איז געווען אַ חלום. זיי אויפריכטיק און זאָג מיר, איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעם ריכטיקן אמת. האָסט געהאַט אַ חבר, אַ חתן און אַ ליובאַווניק אויך? איז ווער פון זיי איז מיין ריכטיקער פאָטער?׳

‚איך האָב דיך געמאַכט אומגליקלעך?! אַ נייע מעשה. פון קינדווייז אָן האָסטו נאָר ליב אַנדערע צו באַשולדיקן. האָסט זיך אַליין פאַרדרייט דעם קאָפּ. זיך איינגערעדט אַ לונג־און־לעבער אויף דער נאָז. באַשולדיק זיך! געדענקסט נעבעך נישט מיינע וואָרענונגען, זאָלסט זיך נישט פאַרנעמען מיט דיינע פאַנטאַזיעס, אַרומשלעפּן מיט די פּענטאַקעס, מיט די אַרבעטסלאָזע ליידיקגייערס? איך האָב דיך געהייסן זיך חברן מיט די סטרייקערס און אַפּיקורסישע יידן? מיט די גויישע שנאָרערס? מיט די קנאַהדיקע שונאי ישראל? אַזאַ יאָר אויף אונדזערע שונאימס קעפּ, וואָס דו האָסט דאַמאָלס אויסגעפּירט. אונדז געמאַכט אומגליקלעך. מ׳האָט כסדר געליטן צרות, בושות. אויב האָסט שוין פאַרגעסן, טאָ דערמאָן זיך גוט. נישט איינמאָל האָב איך דיך געבלאָגעט, זאָלסט האַלטן די צונג אין מויל, נישט אַזויפיל פּלאַפּלען. האָסט מיך געהאַרכט ווי דעם קאָטער. וואָס איז געוואָרן? דיינע גויישע ליידאַקעס, וואָס האָבן דיך געטרעלט צוליב זייער יידן־שנאה, האָבן דיך פאַרפירט. צום סוף דיך צוגערעדט צום שמד׳.

‚מיך?!!!׳ האָט ער זיך צעקוויטשעט: ‚ס׳איז אַ בילבול! שקר וכזב! כ׳האָב זיך קיין מאָל נישט געשמדט! דאָס האָבן אויסגעטראַכט מיינע שונאים, די מוסרים און אַזוי האָבן נאָכגעבעבעט אייניקע מיינע

נאַכפּאָלגערס, וואָס זענען פון מיר אַוועק. ווײסטו כאָטש, פאַרוואָס די פרומע האָבן מיך גערודפט? בין געווען אַ לעבעדיקער יתום, אָרעם. קײנער האָט מיך נישט פאַרטײדיקט. און דווקא איך האָב געהאַט די העזה צו מוסרן די גרעסטע לומדים, די פּוסקים, די שײנע ייִדן. זײער פאַלשקײט האָט מיך אויפגערעגט, צעקאָכט מײַן בלוט. בין דען געווען דער אײנציקער שטראָפער? אַ סך מוסרניקעס האָבן זיך געדרײט אין די שטעט און דערפער. מיר האָבן די תּורה אויסגעטײַטשט אַ ביסעלע אַנדערש ווי די רבנים. אָבער יענע מוכיחים זענען געווען גרעסערע קענערס. אויך געשטאַמט פון אַדללײט. די מאַסע האָט זײ ווײניק פאַרשטאַנען, האָבן זײ גערעדט בלויז פאַר בעלי־הוראהניקעס אין בתי־מדרשים. איך, מאַמע, האָב דאָך געמוזט פון קלײנווײַז אָן אַרבעטן. נישט געהאַט די מעגלעכקײט אַ סך יאָרן לערנען אין דער ישיבה. מיר האָבן דאָך תּמיד געלעבט אין דחקות. געזען די אָרעמקײט, דאָס מאַטערנדיקע לעבן פון בעלי־מלאכות, פעלד־אַרבעטער, בידנע פּויערים. געהאַט אויף זײ רחמנות. זענען אויך צעדריקט געוואָרן פון אויפגעצווונגענע, יעדעס מאָל נײַע דינים און מאָדנע, שווערע אויסנאַמלעכע מנהגים, אויסגעפּשטלטע פון די פרומאַקעס, וואָס באַקומען אוצרות געלט פאַר אונטערשטיצן ס׳מלכות. די לאַסט פון די פּשוטע איז געווען שווערער פון אַלע געלערנטע. ביזן הײַנט־יקן טאָג פאַרשטײ איך נישט צוליב וואָס די דײַנים און כּוהנים האָבן דאָס געהאַלטן פאַר נײטיק צו מאַכן אַזויפיל מנהגים. האָבן מורא געהאַט, מ׳זאָל זיך נישט אויסמישן מיט די גויִים? צוליב דעם זענען דען ווײניק די אַזויפיל מצוות אין די פינף חומשים? איך האָב דאָס קריטיקירט אין פּראָסטע, פּשוטע פאָלקס־ווערטער. דערמאָן זיך אויך דו. מ׳איז דאָך געווען אָרעם־אביון. האָסט קײן מאָל נישט געהאַט געלט מיך צו שיקן אין שטאָט אַרײַן ענדיקן די ישיבה, ווערן אַ רב. געמוזט דיר צוהעלפן אויסהאַלטן ס׳בידנע שטיבל. צוליב דעם נישט געקענט רעדן שײן, מליצהדיק, פאַרשטעלט מיט לומדישע ווערטער. אין אָנהײב האָבן ייִדן פון מיר געחוזקט. אָבער אַז מײַנע רײד זענען אַרײַנגעדרונגען אין די הערצער פון באַעוולטע, האָבן די רײַכע מיט זײערע געדונגענע, געלערנטע צבועקעס, וואָס האָבן אויך מכלומרשט געפּרעדיקט יושר און שטילערהײט, געהיים געלעבט אין שווילטאָג, הפקר, מיך אָנגעהויבן רודפן. ווײסט כאָטש, פאַרוואָס לומדים מיט אַ טײל עשירים האָבן מיך פאַרפאָלגט? האָב אויפגעדעקט זײערע אמתע פּרצופים. דערצײלט דעם אמת, אַז זײ טײַטשן נישט ריכטיק אויס די תּורה און לעבן נישט לויט זײערע דרשות. מאַמע, נאָר צוליב דעם האָבן זײ מיך

געהאַסט, פאַרפאַלגט, אויסגעטראַכט אַ בילבול, געמסרט פאַר די גויִשע רשעים, וועלכע האָבן מיך געמשפּט און פאַרפּייניקט צום טויט און דאָס דווקא ווייַל כ׳בין אַ ייִד. ביזן היינטיקן טאָג בין איך פאַרמיאוסט ביי די ייִדישע פאַנאַטיקערס. זיי שפּייַען דאָך דרייַ מאָל אויס בעתן פאַרבייגיין מייַן עקדה־דרענגל, וואָס גויִישע שונאי־ישׂראל האָבן קאַפּירט, אומעטום צעשטעלט, בכדי צו וועקן פייַנטשאַפט צו ייִדן, וואָס אייניקע מוסרים האָבן גורם געווען מיך צו טויטן. טייל מאַנאַכן, ביסקאָפן, קאַרדינאַלן רעדן ליגנעריש איין די כאַמעס, אַז ייִדן האָבן מיך געהאַנגען. ליגנערס!!! פעלשערס!!! און אַזוי פיל מיליאַנען קריסטן, אַפילו געלערנטע גלייבן אין דעם. בלויז דאָס? די אַ ,גייַסטלעכע׳ האָבן דאָך אַלע מייַנע מוסר־רייד פאַרקריפּלט און הערן אַלץ נישט אויף צו בילבולען קעגן ייִדן. און דאָס האָט גורם געווען פּאַגראָמען, פאַרניכטונגען. מאַמע, גלייב מיר. כ׳בין קיין מאָל נישט געווען קיין זייעריקער. בין געבוירן אַ ייִדיש קינד און אומגעקומען ווי אַלע ייִדישע קרבנות אין פּאַגראָמען און אין טויט־לאַגערן. כ׳זאָג דיר נאָך אַמאָל, זייער ,ליבע׳ צו מיר איז צוליב ייִדן־שנאָה. אדרבא, לייען אויפמערקזאַם זייערע ביכער. וועסט דאָרט זיך איבערצייַגן, אַז אין די מיליאַרדן פּסוקים, ווי ס׳זאָמד אין ערד־קייַלעך, איז זעלטן צו געפינען מייַנס אַ וואָרט. ווי דו בין איך אויך געווען נאַיִוו. יעדן געגלייבט, אַפילו דייַנע אויספאַנטאַזירטע באַרעכטיקונג־מעשׂיות. מאַמע, זאָג מיר, ווער איז פאַקטיש מייַן ריכטיקער פאָטער? האָסט באמת נישט קיין אַנונג ווו ער איז פאַרשוווּנדן? אויך דאָ אים נישט באַגעגנט?׳

מאַרוסיע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. איז געוואָרן צעצאַפּלט פון אַ קריכנדיקן שרץ, וואָס האָט פון דער סטאַטוע געניידערט און געגענטערט צו אירע פיס. זי האָט זיך צעווייינט: ,כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון צער, בזיונות פון דייַנע דערציילטע פאַנטאַסטישע, נסימדיקע מעשׂיות, ווי כ׳וויס נישט פון זייַן געביין. מאַטער מיך נישט מער. הער מיך אויף צו חקרענען. ווינד און וויי איז צו אונדזער ביידנס לעבן. נאָך אַלע דייַנע הצלחות, גליקן איז אונדז ביטער ווי גאַל. גאַטס צאָרן איז אויסגעגאָסן אויף אונדזערע קעפּ. לאָמיר שוין אויפהערן פלאַפלען׳. האָט זיך פון אים אויסגעדרייט, געוואָלט אַוועק גיין און אויפסנײַ באַדויערנדיק געקוקט אויף אים. ,יאָ כ׳האָב זיך דערמאָנט. נאָך דייַן אַנטלויפן מיט די אָרעמע, האָב איך געהאַט שיין פּרנסה. געוואָרן אַביסל באַרימט. מאָלערס פון צפת האָבן געטענהט, אַז כ׳בין אַ יפהפיה. מייַן פּנים געמאָלן, קאָפּירט אין בילדער און פאַרקויפט פאַר גוטע פּרייַזן. פאַרן מאָדעלירן מיר גוט

באַצאָלט. אַז מײַן בילד איז צעהאַנגען געוואָרן אין אַ סך גויִישע שטובן, האָט מען מיך גערימט, כ'זע אויס געטלעך. בײַ ייִדן איז דאָך דאָס טריפֿה־חזיר. ס'האָבן זיך וואָס אַמאָל מער געמערט פּאָרטרעטיסטן. יעדער האָט מיך געמאָלט אויף זײַן שטייגער און מיך נאָך מער פּאַרגיטיקט. בין געוואָרן באַוווסט, באַרימט. יאָסעלע, טו ווי דו האָסט מענטשן געלערנט: ס'שלעכטע פֿאַרנעמען ווי ס'גוטע. האָב נישט קיין מורא'.

,מאַמע, אונטערן קרייצל ליגט מײַן אַנטוועכץ. גיב עס מיר. מ'האָט מיר באַפּוילן נישט אַרומגיין אין דעם נאַקעטן הולך. כ'מוז מײַן גאַנגרענעדיק לײַב אַביסל פּאַרדעקן. כ'וועל דיך פֿאָלגן און וועל אויספֿירן די דײַנימס פּקודה צו קלינגען. די רבנים, די עדות, די שרײַבערלעך רופֿן מיך איבער־משפּטן. איצט פֿאַרשטיי איך בעסער. נאַריש געגלייבט דײַנע ווײַבערישע רייד. געווען זיכער, אַז כ'בין גאָטס זון. בחינם זיך באַרימט. דײַן אויספֿאַנטאַזירטע מעשׂה אויסגעפּלוידערט. איצט מוז איך פֿאַר די שופֿטים אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, וואָס דו האָסט מיר איצט אַנטפּלעקט. הערסט? אין וואַרשע, אויף זאַמענהאָף־גאַס, האָט געוווינט דער צויזעמער רבי. חסידים האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז מײַנער אַ באַהאַלטענער חסיד. כ'האָב אים דאָ באַגעגנט. בסודי סודות האָט ער מיר איבערגעגעבן אַז רוב שופֿטים מײַנע זענען לובאַוויטשער חסידים פֿון מאה־שערים. די רעשט — נטורא קרתאַניקעס. זיי וועלן זיכער פּסקענען אַז כ'בין דער הויפּט־שולדיקער אין פֿאַרשפּרייטן שנאה קעגן ייִדן. צוליב דעם די פּרעניותן אין אַלע דורות. ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זיי טענהן, אַז דער אַ האַס איז אויך אַ הויפּט־גורם פֿון גרעסטן ייִדן־אומקום אין אייראָפּע. כ'וועל אויך באַשולדיקט אין דער שנאה, קעגנערשאַפֿט פֿון די אַראַבער צו ייִדן אין ארץ־ישראל. גלחים האָבן מיט פֿײַנטשאַפֿט אָנגעשטעקט די מוסלמענערס. און דערפֿאַר מיך באַשטראָפֿן פֿאַר גורם זײַן די טעראָר־אָנפֿאַלן פֿון אַראַבער קעגן ייִדן אין דער נאָר וואָס געגרינדעטער מדינת ישראל'.

,נאַדער' אים דערלאַנגט אַ קליין קינדער־פּאַרטוכל און אַ שוואַרץ עסעס־רעקל מיט אַ רויטן האַקן־קרייץ אויפֿן אַרבל. די מאַמע האָט זיך געוווּנדערט: ,שעמסט זיך נישט אין דעם אויפֿצוטרעטן פֿאַרן געריכט? ביידע זענען דאָך שמוציק, צעריסן, באַפֿלעקט מיט בלוט. וועסט דאָך אויסזען ווי אַ געסטאַפּאָוויעץ נאָך אַ פּאָגראָם'.

,וואָס זאָל איך טון? דאָס האָט מען מיר דאָ געגעבן. דער מחסנאי־מלאך איז געווען דענערווירט. אויף מיר כעסיק געשריגן, אַז דאָס

פּאַרטוכל האָט מען געבראַכט פון מײַדאַנעק, ס'סאָלדאַטסקע רעקל פון וואַרשעווער געטאָ נאָכן אויפשטאַנד. ייִדן האָבן דאָרט געהרגעט אַ סך דײַטשן. די אַ קלײַדער אַליין וועלן זײַן אַ באַווײַז פאַרן הימל־טריבונאַל׳.

„צ'הערט?״ האָט דאָס מלאכל ממשיך געווען דערציילן: ‚פון קרייצל איז אַראָפּ אַ נידעריק, דאַר ייִדל. אונטן האָט מען געניער געזען זײַנע בלוט־פלעקיקע, בראַנדיקע וווּנדן אויף צעלעכערטע דלאָניעס און פּיאַטעס, וואָס עס האָבן אים געמאַכט די שרויפן צום קרייצל. קוים, קוים, פּאַמעלעך צוגעלאָמט צו זײַן מוטער. זײַן קאָפּ געהאַלטן אָנגעלענט אויף מאַריעס שיינע, פון זון־באַברוינטע אַקסלען. צוליב דעם איז זי אויך געלאַסן געקראָכן. דאָך גראַציעז באַוועגט מיט די היפּטן, געבולטע פון איר שמאָל דזשינס־רעקל. זיך געוואַקלט אויף רויטע, גלאַנציקע לעטשלעך מיט גאָר הויכע, דינע אָפּצאַסלעך, ווי טשוועקעס. דער זון האָט געלאָמט. געגאַנגען עטלעכע מעטער און זיך אָפּגעשטעלט. אַרומגענומען דער מאַמעס פּלייצע, פּאַרדעקט מיט אַ שוואַרץ, זײַדן צעפּליקט, דעקאָלטירט בלוזקעלע. פאַרבײַגייענדיקע לצים, עובר־בטלדיקע גנעדנדיקעס, האָבן איר געפּרעגט פאַרוואָס זי האָט זיך די פאַרגאַנגענע נאַכט צעקריגט מיטן מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר און איר קלאַוויר־באַגלייטער, יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך? געוואָלט וויסן צי ס'איז אמת, וואָס די בלומען־פלעכטערינס פּליאַטקעווען, אַז דער דײַטשישער מוזיקער האָט געטענהט, אַז דער חשבון פון תּהלים־קאָנצערט בײַ די פּאָליטיקערס שטימט נישט. דער זאָל איז געווען איבער־פולט. אַלע בילעטן זענען געוואָרן אויספּאַרקויפט פאַר טײַערע פּרײַזן און לויט איר חשבון איז גאָר פאַראַן אַ דעפיציט, ווײַל די הוצאות זענען גרעסער פון די אײַנקונפטן. אין אָנהייב האָט ער זיך מכלומרשט צעווערטלט, נאָכהער געבייזערט, געוואָרן צעקאָכט. זי געזידלט: ‚ייִדישע ליגנערין, האָסט געגנבעט! דעם גאַנצן ריווח אוועקגעגעבן דײַן נײַעם לובאָווניק, יוזעף גלופּעץ!׳ זי געשאָלטן מיט וויסטע קללות. כּעסיק געשריגן: ‚דאָנערוועטער! צום טײַפל!׳ און צעריסן די פּלייצע און אַרבל פון איר צום קאָנצערט ספּעציעל געקויפט בלוזקעלע. זי האָט די ציניקערס אויסגעהערט. אָפּגעווישט טרערן פון די רויטלעך־באַפּאַרבטע באַקן, די ליפּן באַשמינקט און אַוועקגעהאָפּסלט מיטן הינקענדיקן זון״.

אַז דאָס מלאכל האָט געענדיקט די לאַנגע מעשׂה, וואָס האָט גורם געווען דער גאַנצער משפּט־אַנסאַמבל זאָל דרימלען, האָט ער די חברה אויפגעוועקט, אַנגעוויזן אויף דער דערנענטערנדיקער מאַמע מיטן זון.

„קלינג!!!" האָט דאָס מלאכל באַפוילן. דער לאַמער איז נעבן דער מוטער צוגעקראָכן. רעשיק געקלונגען מיטן גלעקל אויפן שפּיץ־צלם. דער הימלישער טאַראַראַם האָט זיך אַ קאַפּעלע איינגעשטילט. אויף דער מערב־גאַלעריע האָבן די פּאָליטיקערס נישט געהערט דעם מלאָכס דערציילונג. זיך כּסדר געאַמפּערט, אינטריגירט, דיסקוטירט, ווערטלענדיק זיך געראַנגלט, געדראָט מיט נייַע מלחמות. ספּעציעל האָבן אַרומגערודערט די „אויס־געוויילטע" פּירערס. איינער האָט אויפן צווייטן געזוכט חטאים, כּדי אים צו קאָמפּראָמיטירן, געזעלשאַפטלעך ליקווידירן, צונעמען זייַן בענקל, זייַן כּבוד, דעם גוט־באַלוינטן אַמט. אויב די קנאה־לייַט האָבן נישט געפונען קיין קאָנקרעטע באַשולדיקונגען, האָבן זיי אויסגעטראַכט בלבולים, זיך קעגנזייַטיק געמסרט. דאָס האָט גורם געווען צו אָפּטע דעמיסיעס און אויסוויילן נייַע פּאַרטייִשע פּירערס. די אַ ראַפּינירט־פּאָליטישע לייַט האָבן איגנאָרירט דעם משפּט, געחוזקט פון דאָס אַהער ברענגען מאָדעלירן זייער הערשן, זייער לעבן. באַגאַטעליזירט: „ס'איז איבעריק די שפּיל. סײַ ווי וועט אַלץ בלייַבן ווי געווען".

יז

נאָך אַ מאָלצייט־פּויזע האָט אַ הויכער, דיק־באַפּליישטער מלאָך דורך אַ מיקראָפאָן־שופרל אויסגערופן: „ברשות השופט העליון ווערן צום בית־דין גערופן דרייַ פּאָליטיקערס: רוזוועלט, [illegible] און אַ בר־נש פון די מעסיק־ליבעראַלע. זיי האָבן רעכט אויסצוקלייַבן פאַרשטייערס אויף צו פאַרטיידיקן זייער בייזוויליק, אַנטי־ייִדיש פאַרנאַכלעסיקן די קעגנער־שאַפט צום ייִדנאומקום און אַפילו אַ היפּשער טייל האָט די דייַטשן מיטגעהאָלפן רויבן און מאָרדן ייִדן. אויב זיי וועלן זיך אַמפּערן, נישט קענען קומען צו אַ פאַרשטענדעניש, וועט דער פּראָצעס פאָרקומען אָן זייערס אַ פאַרענטפערער".

באַשולדיקערס, עדות, סעקרעטאַר, זייַנע פּראָטאָקאָליסטינס זענען דערשינען. געבליבן שטיין אויף אַ ווייַס, מאַרמאָר־געשטיינערט בערגל, נעבן דער טריבונאַל־בינע.

אַז עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער טונקעלער וואָלקן אויף דער מזרח־וואַנט, האָבן זיך ספּאָנטאַן אויפגעשטעלט אַ טייל גאַלעריע־לייַט. צוליבן פלאַקערדיקן פלאַם אויפן בינע־צענטער, האָבן אַלע געמוזט פאַרמאַכן די פאַרבלענדטע אויגן. עס האָט זיך דערהערט אַ שעפּטשענדיק

געבראָכן, אַלע האָבן געבויגן די קעפּ, שטיל זינגענדיק מיט געתּפילהט תּהלים־לידער. אַז דער וואָלקן האָט ווידער פּאַרדעקט דעם פלאַקער האָט ווי דורך אַ נעפּל, ווידער געשײַנט דער עטלעכע־פּנימדיקער, מענטשלעך־געפּאַרעמטער, היפּשער מאַן מיט די אויפן קאָפּ אין אַלע זײַטן קוקנדיקע אויגן. שווער געווען איבערצוציילן זײַנע אַזויפיל צעשטראַלטע אויגן. איך האָב זיך אײַנגעקשנט, אָנגעשטרענגט, געקוקט, אָבסערווירט דעם יושב־ראשס אַלע קערפּער־זײַטן. ספּעציעל זײַן עטלעכע־פּנימדיקייט מיט די פולע פינקלענדיקע שוואַרצאַפּלען. נאָך אומגעהויערע באַמיונגען איז מיר קוים, קוים געלונגען אָפּצוציילן זיבן פּאָר אויגן אַרום די תּפילין־רצועות אויפן מעכטיקן קאָפּ, זעקס פּאָר אויגן אין פיר פּנימער צו מזרח, מערב, צפון, דרום, כ׳בין געוואָרן איבערראַשט, צעטומלט. כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ מאָדנע וועזן. געמיינט, כ׳בין שיכּור, כ׳חלום. ס׳מלאכל איז געקומען. מיר דערקלערט זײַן פילפּנימדיקייט מיט תּמיד אָפּענע, וואַכזאַמע, אומעטום־באַאָבאַכטנדיקע 26 אויגן וואָס לומדים פּשטלען, אַז זיי זענען בגימטריה: „יהוה״. אַז כ׳בין געוואָרן אַ ביסל באַרויקט, האָב איך באַמערקט אויף זײַנע פּנימער אַלע מאָל זיך טוישנדיקע אויסדרוקן: צער, צאָרן, רחמים, ליבע, שמחה, האַס, חסד, נקמה, קעמפּערישקייט, וויזיאָנערישקייט. געקוקט אויף די מאָדנע געזיכטן: יונג, אַלט, מענלעך־מעכטיק, פרויִש־שיין, גלוסטנדיק, איידל און ברוטאַל. אויך דער ריזיקער קאָפּ איז אַ העלפט באַהאַרט גרוי, אַ העלפט בלאָנד. די ווײַסלעכע זײַט באָרד איז אַביסל פּאַרזענקט. דאָס אַנדרוגינוסדיקע קאָלאָס־געשטאַלט איז געזעסן פּאַרבויגן איבער אַ שטיק אָפּגעברענטן פּאַרמעט פון אַ ספר־תּורה. מעין געווען אין פּרשת „נח״. זײַנע פּנימער זענען געוואָרן טרויעריקע. די גרויסע, ווי מיטאָג־זון־צעשטראַלטע אויגן אין מזרח־פּנים, האָבן פּאַרקלערט געקוקט. מ׳האָט ווידער נישט געקענט קוקן אין זײַן צעפלאַמטער בלענדיקייט. לײַט האָבן זיך געקלאָגט, אַז זיי פּאַרלירן די ראיה. דאָס פיל־אויגיקע וועזן האָט זיך געבויגן צו אַלע זײַטן, געדרייט זײַנע פּנימער. אויף זיפצערס איראָניש געבליקט. אַ ביסל פּאַרמאַכט די פלאַקערדיקע אויגן, דערמעגלעכט רגעדיק באַמערקן זײַנע צעשײַנטע יִינגל און זקן, פרוי און מאַן־פּנימער. פון זײַנע עטוואָס פּאַרמאַכטע אויגן זענען געראָנען טרערן, אַ ביסל געלאָשן די שטראַלן אַרום די אויגן־לעפּלעך. מיט אַן עק פון די שטיקלעך טליתים זיך געווישט די באַטרערטע באַקן. בשעתן הייבן די הענט, האָט מען פון די צווישן צונויפגעבונדענע טליתים־פּאַסן און צווישן די של יד־רצועות געזען זײַן קאַצעט־נומער: 10565/1.

דער פּאַטריאַרכאַלער יינגל־זקן, פּרוי מאַן־ריז מיט זײַנע פּמליא־שופטים האָבן שטיל געיאָמערט:

„אל מלא רחמים, יזכור כל בני ישראל, שהומתו, נשחטו, נשרפו חיים ע״י הגרמנים, פולנים ואוקראינים ושנהרגו במלחמות ובמאבקים עם הערבים״.

דאָס לאָמע שמשל האָט ווידער געקלונגען. מיט אַ פינגער געצייכנט עס זאָל זײַן שטיל. אַ מלאָכס באַס־קול האָט מיטגעטיילט: „אָט־אָט קומט פאָר דער משפט״.

יח

אַ קלינגערײַ. אַ הילכיקער רוף: „דער משפט הייבט זיך אָן!״

ס'איז געוואָרן מוראָדיק שטיל. דער קטיגור האָט זיך צעקולותט:

„שופט עליון ,חשובע דיינים, ערלעכע עדות, טאַלאַנטפולער סעקרעטאַר, געריכטס־אָנגעשטעלטע און קהל־קדוש. הערטס מײַנע אָנקלאָגערייען: אונטן איז גאָט צו שאַנד און שפּאָט. ס'רוב בני אדמס גלייבן מער אין גאָרנישט און אמונה איז דאָך דער יסוד פון מענטשלעכן לעבן. מ'לעסטערט געזעצן, געבאָטן. עס הערשט קנאָה, שנאָה, נקמה. כּמעט אַלע שפּראַכן־צעטיילטע פעלקער זענען בלוט־קעמפערישע שונאים. איין נאַציע איז אַגרעסיוו קעגן דער צווייטער. האַלטן אָפּט מלחמות, פאַרגיסן בלוט, הרגענען פרויען און קינדער, מכלומרשט צו פאַרטיידיקן זייערע ,אמתן'. גאָט האָט פאַרהוילן זײַן דרך. זוכן מענטשן. יעדער אמונה־כּת, צי אידעיִשע גרופּע טענהט, אַז נאָר איר וועג איז דער ריכטיקסטער. דער אַ פּערמאַנענטער וויכּוח צווישן פאַרשידענע גאָט־זוכערשע פעלקער און עדות, האָט אין אַלע דורות גורם געווען אַמפּערײַען, מלחמות, קרבנות. הימלישע שליחים מעלדן: יעדע שעה ווערן דאָרט געפּײַניקט, געמאָרדעט צדק־זוכערס. דאָס ערדישע וועלטל איז שוין באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויס בית־עלמין. דאָרט הערשט איין געזעץ: ,כל דאַלים גבר'. דאָס שוואַכסטע אייגזאַמסטע יידיש פאָלק איז צו שאַנד און צו שפּאָט. דײַטשן מיט די סלאַוון פּײַניקן, מאָרדן יידן מיט מיתות משונות. פאַרוואָס קומט זיי דאָס, אַזאַ מוראָדיקער גזר־דין? אין אייראָפּעיִשן ערד־טייל ווערט אומגעקומען ס'גאַנצע פאָלק ישראל. קיין איין גוי רעאַגירט נישט. קיין שום נאַציע פּראָטעסטירט נישט קעגן דעם ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער היסטאָריע ברוטאַלן מענטשמאָרד״.

דער פּראָקוראָר, דער תּימנער אַליפז האָט געבויגן דעם קאָפּ. פון זײַן ווײַסן כאַלאַט־קעשענע אַרויסגענומען אַ ביינערן פושקעלע. אויפן

דעקל געקלאַפּט מיט געלבלעכע, דין־ביינערדיקע פינגער. עס געעפנט. אין ביידע פּיַכטלעכע, ברוינע, גלאַנציקע נאָזלעכלעך אַריַנגעשטופּט טאַבאַק־שטויב. מיטן אַרבל געווישט די נאָז, די וואָנצעס. צעוויקלט אַ גרויסע פאַרמעטענע מגילה. געוואָלט נאָך רעדן. אַ מלאכל האָט צו אים גענענט. אין אויערן אַריַנגעשעפּטשעט: „דיַינע ריַיד זענען ווייניק אויפ־טועריש. אויך נישט פאַכמעניש־יורידיש באַגרינדעטע. און ליטעראַרישע פאַכלייט קריטיקירן, אַז זיי זענען ווייניק און ניַי־ליטעראַריש־מאָדערן־סטיליזירטע. דאָ זיצן אַקאַדעמיש־געענדיקטע שריפט־קריטיקערס, ליטעראַטן, וואָס גענעצן, זענען מבטל דיַין זאָגעכץ. הער אויף".

„גוט" איז ער מסכּים געווען. מיטן וויַיזפינגער געדריַיט זיַינע געקריַיזלטע פּאוּתלעך, ווי גריַיצערס, געווישט באַנעצטע וואָנצעס. געבעטן בלויז זאָגן זיַין פאָרשלאָג: „כ׳לייג פאָר, עוקר מן השורש זיַין דאָס ערדישע וועלטל: קודם דאָס אייראָפּעיִשע וועלט־טיילעכל".

דער הימלישער סעקרעטאַר, יצחק לייבוש פּרץ, איז געוואָן צעכעסט. האָט קולותדיק געצאַרנט. דעם תמינער געפרעגט: „חבר אליפז, איר האָט געענדיקט?"

„ניַין! אָבער מ׳לאָזט דאָך מיך מער נישט", האָט דאָס ברוינהויטיקע, דאַרע יידל זיך געקראַצט, געגלעט ס׳זשאַבאַטע פּנימל מיט קליינע בלאָטערלעך און ס׳שפּיציקע גאָמבעלע מיטן האַלב־אויסגעקראַכענעם, שוואַרץ־געקריַיזלט בערדל.

מיט באַרוועסע, שטילע פוסטריט איז צו דער פאַרטיידיקער־טריבונע איַיליק צוגעגאַנגען אַ גריַיז־גרויער, לאַנגבאַהאַרטער דאָרפסמאַן. מיט דער רעכטער דלאָניע געגלעט די לאַנגע, וויַיסע באָרד, אין דער לינקער האָנט געהאַלטן אַ גליַיכן, סענקעוואַטן סאָסנע־שטעקן, איבערן אַקסל איז געהאָנגען אַ שטרוי־געפלאָכטן קיישל, אָנגעפילט מיט אוגערקעס, מייערן, קרויט, ציבעלעס, רעטעכער. דעם שטעקן מיטן קייבעריל אַוועקגעלייגט נעבן זיַינע לאַנגע, גליַיכע פיס. מיט די פינגער צעקעמט די באָרד. דאָס פוטערנע שקאָפּיקל געררוקט אויף רעכטס, מיט אַ בלוי, פאַרביק געבלומט טיכל אָפּגעווישט די פון פאָמעראַנצן־זאַפט ראָזלעך געפלעקטע וואָנצעס, ליפּן, גאָמבע. פון מעטקאַל־כאַלאַט אַרויסגענומען אַ דיק בוך. דאָרט געמישט. געזוכט. אויף זיַין איידל, חסדיק צעליכטיקט פּנים האָבן זיך געמערקט ספקות. מיט פאָרשערישע אויגן אָבסערווירט דעם געריכטס־פּרעזידיום. בייזלעך געקוקט אויפן יונג־געזקנטן אב בית־הדין מיט זיַינע

זעקס און צוואַנציק אַ ביסל פאַרמאַכטע אויגן. געבלעטערט. אויפגעמישט ס׳לעצטע קאַפּיטל : „שלום״. עס האָט זיך דערהערט זײַן באַס־קול :

„דעם גאַספּאַדין אליפזס באַשולדיקונגען זענען גוט באַקאַנט. די טענות גאָר אַלטע. זײַן פאַרשלאַג איז עגאָצענטעריש, נישט רעאַליזירבאַר. ער טענהט איבערגעטריבן, אַז דער גאַנצער ערדקײַלעך איז אַ פּערמאַנענט שלאַכטפעלד. אַלע דאָרטיקע ברואים זענען זינדיק געאייניקט, ראַנגלען זיך, פאַרגיסן בלוט פון שוואַכע. דאָס אַלץ איז אויספּאַנטאַזירט אין זײַן תמיד יסורימפולן, נקמה־גאַרנדיקן מוח. פון וואַנען ווייסט ער דאָס ? ער מיט זײַן קראַנקן רבין האָבן ס׳גאַנצע לעבן געלעבט אין עוץ־לענדל, וואָס איז קלענער פון אונדזערס אַ פּיצלדיק אָבלאַסטל און רעדט זיך אײַן, אַז ער קען אַלע פעלקער. נאָך אַ מאָטיוו : עס איז אַ ספק צי די מענטשן אויף אָן איבערגעשאַפענער אייראָפּע, אָדער וועלטל וועלן לעבן עטישער. תמיד וועלן אומעטום שטאַרקע הערשן איבער שוואַכע. איך בעט באַשטע־טיקן מײַן פאַרשלאַג : פאַרניכטן בלויז די לענדער־טיילן, ווו עס קומט פאָר דער אומקום פון ייִדן. אַלע סוואָלאַטשעס, רוצחים, געקויפטע ייִדן־פּײַניקערס, מערדערס דאַרפן זאָפאָרט געבראַכט ווערן אין היגע שאול־תחתיותן, ווו זיי זאָלן צענדליקער מאָל אין מעת־לעת געפּײַניקט און געטויט ווערן און צוריק לעבעדיק און געמאָרדעט. ייִדן מוזן צוריק באַקומען זייער פּאַלעסטינע און זייער אַמאָליקע מלכותדיקע גבורה, כּדי זיך קאָנען פאַרטיידיקן קעגן אַראַבישע אָנגרייפערס, וואָס ווילן פאַרניכטן די נאָר וואָס געגרינדעטע ייִדישע ישובים און אויך דאָרט אומברענגען אַלע ייִדן״ מיטן רעכטן ווײַז־פינגער אָנגעוויזן אויפן אַב בית־דין. געבעטן : „באַטיושקאַ, גנעדיקער האַר, פּסקן צדקדיק. זאָלן אַלע פעלקער לעבן רויִק. אָן פּחד, אָן הונגער, אָן מלחמות. אין אַלע לענדער זאָל ווערן אויפגעצוווּנגען אָן עטיש, שלומדיק לעבן פאַר אַלע מענטשן גלײַך״.

אליפז האָט זיך צעקראַצט, צעשיבערט. איראָניזירט : „נאַיוועַר פאַנטאַזיאָר, גאַספּאַדין ניקאָלאַיעוויטש, איר רעדט שיין. כ׳ווײַס איר זענט שפּראַכלעך־בילדעריש־דערציילעריש טאַלאַנטירט. אײַערע פראַזע־אָלאָגיעס זענען עלטער פון מײַנע פאָרוורפן. אײַערע עטישע אידעען האָט איר שיין און פּסיכאָלאָגיש געשילדערט. אָבער זענען זיי רעאַל ? אויספירבאַר ? אויף דער וועלט הערשט און וועט תּמיד געוועלטיקן דער שטאַרקער. איר קענט דאָך די פאַרדאָרבענע מענטשלעכע בײַיגונגען. זענט באַהאַוונט אין יצרדיקע אויפברויזן, תּאווה־רייצונגען, אײַפערזוכטן, נקמה־טאָטן. כ׳ווייס איר האָט אַ סך שטודירט. ווי אַלע גײַסט־מענטשן ווייסט,

אַז דער בשר ודם איז פון געבוירן אָן געאייגנט צו גוראַנגל, צו קאַמף פאַר קיום. דערבײַ רײַסט ער זיך צו דערגרייכן פרעמדס. צדק? עטיק? אַדרבא, איבערצײַגט אונדז צי עס איז פאַראַן כאָטש איין לענדל, ווו די ברואים האָבן געלעבט, צי לעבן מאָראַליש, ערלעך?

עס איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. די ריכטערס, פּאַרוואַלטערס זענען געוואָרן צעטומלט. זיך באַראַטן. געשושקעט אין די אויערן, הויך דיס־קוטירט, דענערווירט, זשעסטיקולירט מיט די הענט.

פון דרויסן האָבן זיך דערהערט קולות: „אונטערגיין!!! זאָל חרוב ווערן דײַטשלאַנד!!! פאַרניכטעט לאַנד־טיילן, ווו ס׳קומען פאַר ייִדן־פאַר־ניכטונגען!!! נקמה אין אַראַבישע מערדער!!!"

פאַרן בית־דין־פּרעזידיום האָבן געגוואַלדיקט מענטשלעכע סקעלעטן, קויליק־פאַרברענטע אין טויטלאַגערן און געמאָרדעטע אין ארץ־ישראל.

דער בית־דין מיט דער גאַנצער פמליא, אַלע אַנוועזנדיקע האָבן זיך אויפגעשטעלט.

אַ כאָר פון דער פּאָעטן־גאַלעריע האָבן קלאָגנדיק געניגונט: יזכּור אלהים כּל קרובינו, שהומתו, נשרפו חיים ע״י הגרמנים ועוזריהם ושנהרגו ע״י הערבים. יהוה, תנקום את דמם השפוך".

„נקמה!!!", האָבן געקולותט די דעמאָנסטרירנדיקע הרוגים. דער שופט־עליון האָט מיט די הענט פאַרשטעלט זײַנע פאַרווייַנטע מערב־פּנימדיקע אויגן. בעתן הייבן די הענט זענען די צונויפגעבונדענע, פאַרבלוטיקטע טליתים־פּאַסן געוואָרן צערוקט. אויפגעדעקט אַ ביסל געשרפהט לײַב, צעקאַליעטשעטן קערפּער. מ׳האָט דערקענט בראַנדיקע, בלויע וווּנד־צייכנס, טייל פאַרהיילטע און טייל נאָך אײַטערדיק־געשוואָלענע. עס איז געוואָרן שטיל. אַ מלאכל האָט פישטשענדיק געמאָלדן אַ הפסקה.

יט

אויף דער געריכטס־בינע איז אַרויף דאָס פּערסאָנאַל. דער בית המשפט־זאַל איז געווען איבערפולט מיט נײַגעריקע.

נאָך קלינגענדיקע צייכנס עס זאָל זײַן שטיל, האָט מען פון מעגאַפאָנען געהערט אַ וואָרענונג: „ווער עס וועט עפּעס וואָס אַרויסרעדן מוז תיכף ומיד פאַרלאָזן".

דאָס תימנער ייִדל, אליפז, האָט זיך אויפגעשטעלט, דענערווירט, צוגעגאַנגען צום רעכטן בינע־ווינקל. מיט באַנדאַזשירטע הענט אוועק־געשאַרט אַ ראָז וואָלקנדל. ווי אויף אַ פילם־עקראַן האָט מען געזען

דאָס הוליענדיקע, ביאופדיקע לעבן פון די ספּעציעל אַהערגעבראַכטע מענטשלעך אויף די מוסטער־בערגלעך. צום סניגור האָט ער אַ זאָג געטאָן: „גאָספּאָדין לעוו, זעסט דאָס פּרעסן, שיכּורן, זנותעווען, רויבן, גזלען, מאָרדן? די אָ זענען אַ מינדערהייט און באַגזלען די מערהייט, וואָס האָרעווען שווער, בכדי צו קענען לעבן באַגרענעצט. דער גרעסטער טייל לעבט אין דחקות. די אויסגעניצטע פון שטאַרקע טאָרן אַפילו נישט פאָדערן פאַרבעסערן זייער נעבעכדיקן קיום. דעמאָנסטרירעס, פּראָטעסטירערס ווערן באַזײַטיקט פון בידנע פּרנסה־קוועלן. קעמפערס פאַר גלײַכבארעכטיקונג ווערן פאַרשלאָסן אין טורמעס. אַזוי בײַ די רעכטע. ערגער בײַ די לינקע. דאָרט ווערן קעגנערס פיזיש ליקווידירט. אַלע לעבן תּמיד אין פּחד. כמעט יעדער איז דעם צווייטן חושד אין געהערן צו דער אויסשפּיר־פּאָליציי. און דאָך ווערט דאָס זינדפולע וועלטל באַזונגען פון פּאָעטן, מליצהדיק באַשריבן פון בעלעטריסטן. אויך איצט, ווען מיליאָנען סאָלדאַטן ווערן געהרגעט אויף פראָנטן און דאָס אין דער געשיכטע טראַגישסטע רצחנען די ייִדן אין אייראָפּע, זיצן דאָרט וואָרט־פּראָדוצענטן און לויבן ס׳שיינע, מענטשלעכע לעבן".

דער סניגור האָט אַראָפּגעלאָזט די פאַררויטלטע אויגן. געגלעט זײַן שניי־ווײַסע באָרד. געשוויגן. האָט אויך אָוועקגעווישט אַ טונקל צעפליקט וואָלקנדל. דאָרט אַרײַנגעקוקט. געטראַכט. מיטן שטעקן געדרייט דעם קאָליריקן גלאָבוס. געווישט וואָלקנס. געזוכט אין רעכטע, אין לינקע וועלט־טיילן. זײַנע נײַגעריקצעעפנטע אויגן האָבן געגעפלט, געוואָרן פײַכטלעך צעגלאַנצט. אויפן תּימנער געקוקט בייזלעך. געווישט די וואָנצעס און דעצידירנדיק געזאָגט:

„תּמידיקער קרעכצער, קלאָגער. מ׳דאַרף גוט אַלץ אָבסערווירן. עס איז אַ חטא צו פאַראַלגעמיינערן רשעות, פעסטצושטעלן קנאָפּ־שכלדיקע פאַרשלאָגן אויפן סמך פון געוויסע, דעמאָראַליזירנדיקע פאַרשווינען מיט זייערע זינד־גײַציקע, רייצנדיקע נקבות, געלט־גאַרנדיקע מערדערס, אַהער געבראַכטע מוסטערן. ווער האָט דאָס זיי אויסגעקליבן ווי מאָדעלן? דו ביסט שוין דאָ אַ לאַנגאָניקער תּושב. און מער נאָך. איך בלויז העכער דרײַ צענדליק יאָרן. אַלע דײַנע קינסטלעריש־טאָאלע באַשול־דיקונגען זענען נקמהדיקע, במילא פאַלשע. קוקטס!", האָט ער העפלעך געבעטן די פּרעזידיום־זיצערס, אָנגעטוענע אין שוואַרצע, ריפּסענע כאַלאַטן, פאַרגאַרטלטע מיט פון הושענות־געפלאָכטענע שטריקלעך. ווי אויף אַ קאָליריקן עקראַן האָט מען געזען: וועלט־טיילן. מענטשן אַרבעטן אויף

פעלדער, רושטאָוואַניעס, אין פאַבריקן. לעבן ערלעך פון לוינען. אין קינדער־גערטנער, שולן, אוניווערסיטעטן, ישיבות לערנט מען אַלטע און נײַ־געשריבענע תורות. דענקערס, קינסטלערס שאַפן חיבורים. דאָס אַלץ איז געצילט אויסצובעסערן דאָס לעבן. בלויז אויף אַ קליינעם וועלט־טייל, אין פוילישן לענדל ספּעציעל, ווערן ייִדן געמאָרדעט. ווידער ס'גלאָבוסל געדרייט. געוויזן פעלדזיקע, געל־זאַמדיקע, מיט דערנער־באַוואַקסענע, בערגיק־שטיינערדיקע מדבר־שטחים. אויף טיילן פון דער זון פאַרשרפהטע, אויסגעטרוקנטע וויסטענישן אַרבעטן יונגע און עלטערע חלוצים. זיי צעאַקערן, באַוואַסערן, פאַרזייען, פלאַנצן־איין זוימען אין דער טויזנט־יאָריקער פאַרווילדעוועטער ערד. טייל טריקענען זומפּן. די פּוסטע, פאַרוואָרלאָזטע ערד ווערט פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע, שפּעדיקע פּרוכטן, זאַנגען און גרינצײַג־גערטנער, ברכהדיקע פעלדער. מוטיקע פרויען און מענער, אַלטע און יונגע, אַרבעטן פריידיק, זינגענדיק אויף באָדנס, אין פאַבריקן. דער עכאָ פון זייערע מונטערע, בטחונפולע לידער פאַרהילכן אַרומיקע געגנטן. נאָך מיזאַמער, שעפערישער אַרבעט קערן זיי זיך צוריק אום אין גרינלעכע צעלטן אָדער אין ווײַסע, רויטבאַדעכלטע הײַזעלעך, אַרומגערינגלטע מיט דופטיקע בלומען און שאָטנדיקע פּרוכטביימער. טונקעלע, קנאָהדיקע מדבר־לײַט, אָנגעטועטע אין שוואַרצע, לאַנגע כאַלאַטן, אונטער זיי פאַרדעקט געווער, באַהאַלטן זיך צווישן קוסטעס, אין טאָלן, היילן, חורבות. אַז עס ווערט טונקל, אָוונטיק, קריכן זיי אַרויס פון די באַהעלטענישן, באַפאַלן די מידע, צוריק־געקומענע אויפבויערס דאָס פון אַראַבער פאַרוויסטע לאַנד. די חלוצים זענען מוטיקע לײַט, פאַרטיידיקן זיך העלדיש. אָפט קומען דאָרט פאַר בלוטיקע קאַמפן צווישן די ווידער אויפלעבערס און פון געדונגענע אַראַבער־מערדערס. די לוויות פון יונגע פּיאָנערן זענען יגונדיקע. אָבער נאָכן אָפּטרויערן זיך באַנייט מען דאָס פלאַנצן, דאָס בויען, אויסאַרבעטן אינדוסטריע־אַרטיקלען. ער האָט ווידער דעם גלאָבוס געדרייט. געזען אויסגעלײדיקטע גאַסן, געסלעך אין ביאַליס־טאָקער געטאָ. עס איז נאָך אַן אויסזידלונג. פאַרסאַפּעטע, צעיאַכמערטע פּאָליאַקן, ווײַסרוסן לויפן אין ייִדישע, הפקר־געלאָזענע שטובן. אין קאַסטנס, אין זעק פילן זיי אָן די איבערגעלאָזטע פאַרמעגנס. אויף בוידעמס, קאַמערן, קעלערס, בונקערס זוכן באַהאַלטענע ייִדן. ווען זיי אַנטדעקן, הרגענען זײַ מיט העק, מעסערס, שיסן מיט ביקסן.

יצחק לייבוש פּרץ האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט פון שרײַבטיש. צום סניגור און קטיגור צאָרנדיק געשריגן: „עס איז שוין דערווידער

צו הערן אַלטע, לאַנגווײַליקע בטלנותן. אין נאָמען פון די געמאָרדעטע קדושים און נאָך צײַטווײַליק־לעבן־געבליבענע ייִדן אין אייראָפּע, קלאָג איך אָן דעם סאַמעראָדנעם שופט־עליון. באַשולדיק אים אין רודפן, פּאָגראָמירן, מאָרדן ייִדן און דאָס במשך דורות. „ער", מיטן שאָקלענדיקן ווײַזפינגער נערוועז געטײַטלט אויפן שופט: „דער אָ פּאָרזיצער, וואָס רופט זיך הכּל־יכולניק, איז דער הויפּט־שולדיקער אין אַלע ייִדן־פאַרניכטונגען און אין לעצטן ייִדישן אומקום אין אייראָפּע. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר נישט אויסמײַדן דעם דריטן חורבן־ישראל". ער האָט אויפסנײַ אָנגעוויזן אויפן 26 אויגיקן, עטלעכע־פּנימדיקן געשטאַלט, וואָס איז אַ ביסל פאַרהילט אין פאַרבלוטיקטע שטיקלעך צונויפגעבונדענע טליתים. י. ל. פּרץ האָט געגוואַלדעוועט: „אומעטום קוקן דײַנע אויגן, הערן דײַנע אויערן. האָסט טאַקע גאָרנישט געזען? נישט געהערט די יללותן, הילפרופן פון קינדער, זקנים, פרויען אין פּײַן און מאָרד־לאַגערן און אין געטאָס? האָסט דײַנע ייִדן באַפוילן יעדן טאָג דיך צו רימען מיט דעם ,אדון עולם'. פאַרוואָסזשע האָסטו נישט געמינערט כאָטש די כּוחות פון די מערדערס? מיר באַשולדיקן בלויז די מאָרד און רויב אויספירערס, די דײַטשן, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, לעטן, און דו ווו ביסט? אויך דו ביסט שולדיק. אפשר דער שולדיקסטער. באַשטראָף זיך. ביסט דאָך דער הויפּט־גורם אין אויסמאָרדן דײַן אויסגעקליבן פאָלק! דו נוקם ונוטרניק! פון ששת־ימי־בראשית אָן האָסטו ליב קרבנות!". ער האָט זיך געווענדט צום טריבונאַלטיש און צום פּובליקום און געשריגן: „אונדז, ייִדן, די שוואַכסטע אומה, די אומבאַהאָלפנסטע, טויזנטער יאָרן לאַנדלאָזע, מלוכהלאָזע, תּמיד גערודפטע, האָט ער אויסגעקליבן פאַר וועלט־קרבנות. זעטס, וואָס עס איז געוואָרן מיטן ייִדישן פאָלק אין אייראָפּע: אַש און פּאָרך!!! די אויסגעהערטע געמליצהטע דרשות, צוזאַמענגעשטוקעוועטע פון אַלטע, אַפּגעלעבטע ספרים־טעקסטן און די נאַיִווע, אַבסורדאַלע פאָרשלאַגן פון פאַרטיידיקער און פון אָנקלאָגער, וואָס האָבן נישט איבערגעלעבט די לײַדן, דאָס הפקרדיקע רויבן, דאָס מאָרדן ייִדן אין געטאָס, טויט־לאַגערן און אָט דער גאַנצער משפּט־ספּעקטאַקל איז אַ נישט ווערטיק, פלאַך, טאַנדעטמעסיק, רעזשיסירט טעאַטער־שפּיל. איך, געוועזענער סעקרעטאַר פון שבת־יומטובדיקע זמירות־זינגערס, גאונישע משלים־דערציילערס, שאַרפזיניקע ספרים־פּרשנים אין ייִדישן שרײַבער־פאַראיין אין וואַרשע, פּראָטאָקאָליר מער נישט די דאָזיקע שטותים!" זײַנע גלאַנציקע אויגן האָט ער אויפגעהויבן צום פאַרוואָלקנטן אַרום. צו די רויִקע בית־דין־זיצערס געשריגן, אַזש די וואָנצעס האָבן

זיך בײַ אים ציטערדיק צעשפּיצלט. די בלעטער, פון אים פּראַקטאַקאַלירטע מיט רייד פון רעדנער צעפּליקט. זיי געשלײַדערט אויף דער בינע. טייל פּאַפּירן געוואָרפן אונטערן טיש צו די פיס פון אַב־בית־דין. זײַן מלאָך־סעקרעטאַרין האָט ער געגעבן דאָס העפטל מיט דער געגוי־פּאַרצייכנטער מלאָך רפאלס דערציילונג: „דער מאַמעס סוד", ווי אַזוי יאָסל איז געבוירן געוואָרן. פון אויפרעגונג פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט, געפאַלן. אַ בלאַסער, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן געלעגן אויף אַ בערגל מיט אָפּגעבערענטע יידישע און עברית־ספרים, צײַטונגען, ספרי־תורות, געבראַכטע פון וואַרשעווער געטאָ.

דער הויכער, דאַרער פּאָעט, איציק מאַנגער, איז שנעל צוגעלאָפן צו זײַן פאַרחלשטן קאָלעגע. אים געמונטערט. אַז פּרץ האָט דערהערט מאַנגערס קלוגע פּאָלקס־רייד, האָט ער געעפנט די אויגן, וווּנדערנדיק געבליקט אויף דעם לײַכטנדיקן געשטאַלט. אויסגעשפּיצט די אויערן, גאַרנדיקע צו הערן נאָך און נאָך ניגונדיק־געמשלטע טרייסטן. איציק מאַנגער האָט זײַן פּאַך־חבר געמונטערט מיט אַ גלאָז פּאָעטיש מים־חיים, דערמיט אים דערפרישט, באַרויקט מיט נאָך און נאָך כּישוף־גראַמיקע באַלאַדן־רייד. אויף זײַן שיכּורלעך־צעהוידעטן קאָפּ אַרויפגערוקט ס'צעקנײַטשטע קאַפּעליושל. מיט פאַרטרוימטע אויגן געקוקט אויפן פלאַקער אין בינעצענטער. תּפילהדיק געזונגען: „פּאָטערל קרוין, איצט, אַז די געהערטע סתּם רויך־רייד פאַרוואַלקענען אַביסעלע דײַן פּלאַם, זע איך עטוואָס, אַז דו ביסט שיין. טייל מיינען — געמיין. דו ייִנגל־זקן־גאָט ביסט מעכטיק, פּרעכטיק, ווי דײַן מאָרגן־זון אין אַ פרילינגדיקן, פון רעגנס אויסגעוואַשענעם הימל־בלוי. מיר פּאָעטן ווייסן, שיין גראַמט זיך מיט ריין. אָבער אונדז גיסטו פּײַן. זעלטן ווען דו ביסט רחמימדיק, חסדפול. בלויז דאַן זע איך דיך באמת שיין און פּײַן. אָבער ס'רוב ביסטו צו אונדז גאַליק ביטער. פּרוווסט אונדז צו פּיל. איצט בײַזער זיך נישט אויף מײַן דיכטער־ברודער, יצחק לייבוש. ווײַסט דאָך, ער איז דער טײַערסטער, ייִדישער זינגער פון אַמאָליק ייִדישן וואַרשע. האָט אַ געפּילפּולטע טבע: צעהתלהבותט זיך שנעל. איך ווייס, דו לאָכסט, פּײַפסט פון זײַנע אויפגערעגטע רייד. פאַר ווען האָסטו דען מורא? אַלע הימלישע שופטים, מלאָכימלעך זענען דײַנע באַלוינטע, איבערגעגעבענע לײַטלעך. האָסט זיי גוט באַזאָרגט מיט גנעדנדיקע לוקסוס־אַפּאַרטאַמענטלעך. זיי באַקומען דאָ די באַטעמסטע מאַכלימלעך, פּײַנסטע ווײַנען, שנאַפּסן, ווײַלן זיך מיט די שענסטע, הימלישע הויף־דאַמעלעך. — אַלע אויסגעקליבענע יפהפיות,

וואָס דערוואָרעמען, קיצלען זיי. כ׳ווייס, די צדיקימלעך־חנופניקעס לעבן דאָ אַ גוטן טאָג. וועלן דען אַזעלכע פּראָטעקציע־חסידימלעך קעגן דיר רעדן איין שלעכט וואָרט? האָרך מעך. אַ ניכטערן באַלאַדע־דיכטער. לאָז אונדז אָפּ. מיר וועלן אויך אַן דיר אונדזער שטעטל באַשטיין. וואָס עפּעס האָסטו זיך גראַדע בלויז אָנגעטשעפּעט אין ייִדן? אין תּפילות־סידורים האָבן משוררים פֿאַרפֿאַסט, אַז טייל מאָל האָסטו אונדז ליב ווי אַ פֿאָטער זײַנע קינדער. פּראַקטיש ווייסן מיר עס נישט. איך בעט דיך: הער אונדז אויף אומברענגען. דײַנע מלאָכימלעך דערציילן, אַז דו ביסט אויף טשיקאַוועס אויך געווען אין וואַרשעווער געטאָ בעתן אויפשטאַנד. מ׳שמועסט דאָ אויך, אַז צוויי גלחים האָבן דיך געפּאַקט אין אַ בונקער אויף קראָכמאַלנע־גאַס, בעתן לײַטן מיט אַן אַמוניציע־גרופּע, וואָס האָט אויסגעאַרבעט גראַנאַטן. האָבן די צלם־טרעגער, מ׳זאָגט בישאָפֿן, תּיכף דיך געמסרט, עסעסלייט האָבן אַלע, דיך ספּעציעל, צעשלאָגן, אָפּטראַנס־פּאָרטירט קיין אוישוויץ. ביסטו דאָך אַן אַלצקענער, האָסטו געמאַכט אַ נסל: באַפוילן צוויי מלאָכימלעך זאָלן שנעל קומען דיך ראַטעווען. זיי האָבן דיך פֿאַרוויקלט אין וואָלקנס און הײַדאַ מיט דיר צוריק געפֿלויגן אין דײַן הימלישן היכל־פּאַלאַץ. אָב הרחמים, באַרעכן זיך. געדענקסט זיכער, אַז אין דער שיינער פֿאַרפֿאַסטער חומש־מעשׂה, האָסטו געהייסן אַברהמען ברענגען זײַן זון, יצחק, דיר אַ קרבן און האָסט הרטה געהאַט. איז טו אויך איצט דאָס זעלבע. ווייסטו וואָס? לאָמיר זיך איבערבעטן. איך האָב ביי זיך אַ גוטע פלאַש משקה. עס איז אַן אַלטער, טײַערער, כּרמל־מזרחי־בראָנפֿן. האָב זי געקויפט פֿאַר באַרעס געלט, באַקומען פֿון תּל־אביבער „בית־לייוויק׳ ווי אַ פּרעמיע פֿאַר מײַן בוך חומש־באַלאַדן. אָך, איז דאָס אַ באַטעמטער שנאַפּס. דער ייִדישער ווײַנקרעמער, יעקעלע קויפמאַן, האָט מיך דאָס מאָל נישט אָנגעפּרײַערט. ווי נאָר ער האָט דערזען מײַן קאָנווערט מיט געלט, האָט ער מיר געוויזן די טייערסטע געטראַנקען און אַלע מאָל געהעכערט דעם פּרײַז. ביז ער האָט בײַ מיר אויסגעטשאַקעט די גאַנצע פּרעמיע. אָבער נישט גענאַרט. צוגערעדט עס איז גאָר אַן אַלטער יין־שׂרף, נאָר וואָס געבראַכט פֿון די ווײַנקעלערס. כ׳האָב פֿאַרזוכט. אײַנגעזען, אַז עס איז סחורה. פֿאָטערל, נאָכן טועם זײַן, האָט מיך ס׳מלאך המוותל אַהער געבראַכט מיטן פלעשל. אַנשטאָט טויטן אונדז, לאָמיר מאַכן שלום. מ׳וועט אויסטרינקען אַ כּוסה. מאַכן דעם אמתן לחיים. וועסט זיך דאַן איבערצײַגן, אַז מען ווערט פריילעך, קומט מען צום ריכטיקן שׂכל. ווייסט דאָך אין שנעפּסלען בין איך באַהאַוונט״.

איציק מאַנגער האָט פון בוזעם־קעשענע אַרויסגענומען אַ שײנע, גרויסע פלאַש באַלאַדע־שנאַפּס, קאַליריק־רויט ווי בלוט, זאַפטיק, טעמיק, ווי שיר־השירים־לידער און איציק־מאַנגערישע באַלאַדעס. האָט אָנגעגאָסן אַ בלוי־הימליש, שטערן־גלאַנציקן קידוש־בעכער און אַ פּראָסט גלאָז. אויסגעזונגען אַ צויבער באַלאַדע ריטמיש־מוזיקאַליש, קלינגענדיק־גראַמיק פאַרפאַסט. אַ וואָקלדיקער צוגעגאַנגען צו דער בינע. דעם יושב־ראש געגעבן דעם קידוש־בעכער. זיך גענומען ס׳פּראָסטע גלאָז מיט משקה. געברומט: „לאָמיר טרינקען״. נאָך עטלעכע גלעזלעך זיך צעשאָקלט, דעקלאַמירט:

„אַ, הייליק איז די וועלט
און דרײַ מאָל שיין״.

פאַרן שופט זיך פאַרנייגט: „פּאַטערל, דײַן באַזינגער בעט, לאָז אונדז געמאַך. קלײַב זיך אויס אַנדערע פעלקער צו פּרווון. וועסט דאַן דיך איבערצײַגן ווער מיר זענען פאַר דיר״.

אַז דער תימנער אַליפז האָט אויסגעהערט מאַנגערס תּפילות, איז ער געוואָרן סענטימענטאַל. מיט אַ ציטערדיק קול צום שופט־צדק געשעפּטשעט: „די גוטע, טעמיקע רייד פון דײַן טאַלאַנט־באַגנעדיקטן, ייִדישן פּאָעט, איציק מאַנגער, זענען טאַקע נישט עברית־לשונדיק אָבער עכט לשון־קודשדיק. אמת, שיין, מלא חן. זײַ מתקן דײַן וועלט. באַליכטיק די מענטשלעכע מוחות. ווײַז דײַן ריכטיקן דרך. באַווירק, אַז אַלע זאָלן לעבן עטיש־תּורהדיק, אָן מלחמות, אָן פּחד. דײַן ישראל־פאָלק גיב צוריק זייער לאַנד. דער עיקר זיי זאָלן דאָרט לעבן רויִק, מנוחהדיק, אָן בלוטיקע קאַמפן, אָנפאַלן, אָן אָפּטע מלחמות מיט אַראַבער״.

איבער די בערג, די בית־דין־טריבונע, האָט זיך באַוויזן אַ האַלב־רונדיקער, קאַלירפולער רעגנבויגן, ער האָט געשימערט צווישן טונקעלע, גרויע וואָלקנס, וואָס זענען צערונען, צעשוומען. דער בלויער הימל האָט, ווי אַ חופּה איבערגעדעקט אַלע.

די סקעלעטן, די אברים־צוזאַמענגעשטעלטע, צעממיתטע, פאַרשרפהטע זויג־קינדער אויף קנאָכיקע מאַמעס הענט, האָבן אָן אויפהער דעמאָנסטרירט, מיט געהויבענע הענט געדראָט די פּרעזידיום־זיצערס, געשריגן: „מיר פאָדערן נקמה! פאָדערן אַ גערעכטן גזר־דין קעגן דײַטשישע און סלאָווישע מענטשן־מערדערס. מיר רופן צום משפט דעם ערשטן שמדניק, וואָס איז דאָ געבראַכט געוואָרן. ער, דער ערשטער מומר, העצער קעגן ייִדישע מנהגים, קעגן ייִדישן שטייגער־לעבן, איז דאָך דער הויפּט־שולדיקער פון פאַרגאָסענעם, ייִדישן בלוט אין אַלע צײַטן, און אין אומקום פון די ייִדן

אין אייראָפּע. זײַנע אָנהענגערס וועקן אויף פּיַנטשאַפט, קעגנערשאַפט צו חלוצישע אויפבויערס אין ארץ־ישראל. זיי זענען אינטערנאַציאָנאַלע אויפרייצערס די אַראַבער זאָלן קעמפן קעגן ייִדן".

דער געקרייציקטער איז געוואָרן בלאַס, דערשראָקן. געקוקט אין אַלע זײַטן. געזוכט פּאַר וועמען ער זאָל זיך פאַרענטפערן. איז צוגעלאָמט צו אַ דאָרן, הויכן מאַן, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן כאַלאַט, דעם קאָפּ פאַרהילט מיט אַ ווײַסן טוך, ארומגעבונדן מיט אַ שוואַרץ, געפלאָכטן גאַרטעלע. אין האַנט געהאַלטן שוואַרצע קאָרעלן און זיי כסדר געציילט. ביידע האָבן זיך אַרומגענומען, צעקושט. דער מיטן שוואַרצן כאַלאַט, ווײַסן טוך אויפן קאָפּ און בײַטשל קאָרעלן האָט באַרעכטיקט דאָס ליקווידירן די אפּיקורסישע ייִדן, וואָס מאַגען זייער אַמאָליק לאַנד, דעם לאָמען אײַנגערוימט, אַז אויך אין פּאַלעסטינע וועלן די גאָט־לעסטערערס ווערן נאָך פּײַנלעכער טאָטאַל פאַרניכטעט. קריסטן אין אַלע לענדער באַרעכטיקן אונדזער קאַמף קעגן דער ייִדישער איינזידלונג, שטיצן אונדז אין פאַר־לאַמענטן, שיקן אונדז געווער און געלט".

אַז דער געקרייציקטער האָט דערזען דערנעענטערנדיקע ייִדן, האָט ער זיך אויסגעדרייט פון מוחמדן אַ ביסל אָוועקגעלאָמט. „האָב נישט מורא!", האָט דער אין שוואַרצן כאַלאַט אים נאָכגעשריגן.

די בינע איז פאַרדעקט געוואָרן מיט ווײַס־בלויע וואָלקנס. אַ מלאך האָט פון נעפּלען אַרויסגעשטעקט דאָס פלאַמיקע פּנימל. געמאָלדן: „הפסקה".

כ

פון אַ ביסל צעעפנטן פּרוכת האָט אַ מלאך געמאָלדן: „די פאַר־האַנדלונגען הייבן זיך אָן. ס'ווערט אויפגעפאָדערט ברענגען דעם אַמע־ריקאַנער פּרעזידענט". נאָך אַ ווײַלע איז צום טריבונאַל־טיש קוים צוגעלאָמט רוזוועלט, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן, זײַדענעם פּראַק, אַ ווײַס, שטײַף העמד מיט אַ גרויסן, ברייטן, שוואַרצן שלייף צווישן קראָכמאַל־געשטײַפטע קאָלנער־שפּיצן, אויפן קעפּל אַ גרויסן, ברייטראַנדיקן שטרויען קאַפּעליושל פאַררוקט אויף רעכטס. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, אָנגעלענט אויף אַ צלם־שטעקן. אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ טונקל טעסטאַמענט־ספר, אויפן אַקסל געטראָגן אַן אָנגעפּילטן רוק־זאַק מיט פּעקלעך דאָלאַרן, ענגלישע פונטן, גאָלדשטיקלעך. בדוחק זיך געשלעפּט צום עדות־עמודל מיטן מיקראָפאָנדל. זיך אַראָפּגעבויגן. פון זאַק בײַ די געשוואָלענע פיס אַרויסגענומען פּעקלעך געלט, און זיי עטלעכע מאָל

איבערגעציילט די באַנקנאָטן. נאָכן קאָנטראָלירן, צופרידן געבלעטערט אין ביכל. געזוכט אין „לוקאַס״־טייל נויטיקע שטעלן אין קאַפּיטלעך, כּדי זיך צו פאַרענטפערן. איז געווען צעטומלט, דענערווירט. נישט געפונען די אים פּאַסיקע פּסוקים. אַ צעכעסטער האָט ער אָוועקגעלייגט ס׳העפטל אויפן שטענדערל. יעדעס מאָל באַטאַפּט זײַן אוצרדיקן זאַק. געוואָרן מיד זיך געזעצט אויפן פּאַק מיטגעבראַכטן קאַפּיטאַל. נאָכן דערהערן רופן זײַן נאָמען, האָט ער זיך ראַפּטאָם אויפגעשטעלט, געהויבן דאָס שוואַרצע טעסטאַמענטל. דערמיט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ר׳איז גרייט צו רעפערירן. זיך אומגעקוקט אַנטוישט, באַמערקט די בינע איז גאָר פאַרשטעלט מיט אַ טונקעלן וואָלקן־פּרוכתל. האָט אויפגערעגט געטענהט, אַז ר׳איז באַליידיקט. בלויז פאַר די פּראַטאַקאָליסטן־מיסיס וויל ער נישט פאַרענטפערן זײַנע גוטע, פּאַקטישע באַווײַזן און אַפּלייקענען די באַשולדיקונגען, אַז ער האָט ביזוויליק, צוליב באַהאַלטענע אַנטיסעמיטישע נייגונגען און געהיימע דירעקטיוון פון פּויפּסט באַפּוילן אויסצומײַדן באַמבאַרדירן די פאַרניכטונגס־לאַגערן אין פּוילן און דערמיט דערמעגלעכט, טאָקע מיטגעהאָלפן די דײַטשן אויסצופירן זײַערע פּײַן און מאָרד־פּלענער. האָט געדראָט: אויב די סאַמעראָדנע שופטים וועלן נישט ארויפגיין אויף דער בינע, וועט ער באַפעלן, אַז טרומאַן זאָל נישט אונטערשטיצן דאָס באַשטעטיקן אַ יודנשטאַט אין פּאַלעסטינע, וואָס דאַרף, לויטן הימלישן פּלאַן אויפשטיין. ער וועט אויך די ציוניסטן נישט פאַרקויפן קיין געווער, נישט באַרגן דאָלאַרן.

פון וואָלקנס איז אַרויס אַ צעבליצט מלאָכל. צוגעפלויגן צום אַמעריקאַנער. אים געמאָלדן, אַז קיינער וועט מער נישט רעדן. טרומאַן וועט האַנדלען לויט הימלישע דירעקטיוון. דעם זאַק מיט דאָלאַרן, אויסלענדישע וואַלוטע און גאָלד פאַראָרדנט צודעקן. פון אים געחוזקט: „דאָ, מיסטער, קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן מיט געלט. אין אויער אים אײַנגעשעפּטשעט בייזע פאַרוואָרפן. צום פּובליקום געזאָגט: „רוזוועלטס פאַרענטפערונגען זענען איבעריק. דאָ איז יעדער שופט אַ בוחן־לבבות״. דעם מלאָכס רייד האָבן רוזוועלטן באַאומרויקט, אויפגעבערויזט. צווישן נײַגעריקן עולם האָט רוזוועלט אַ נערוועזער, אויפגערעגטער אַרומגעטאַפּטשעט. לעניז, אָנגעטאָן אין אַן אויסגעריבן פּופּײַקעלע, אַ פּוטערן שקאַפּיקל, האָט אין אַלע זײַטן פאַרשעריש געבליקט. יעדעס מאָל נאָטירט אין אַ רויט־געבונדענעם טאָג־בוך. אַז ער איז געוואָרן אַ ביסל צופרידן פון עפּעס אַן אײַנפאַל, האָט ער זיך געריבן די דלאָניעס. ס׳שקאַפּיקל אַרויפגערוקט אויפן רויט־באַהאָרטן

קאַפּ. מיט דער לינקער דלאָניע געקראַצט דעם צעקנייטשן שטערן, פאַרמאַכט אַ ביסל די בייזע אויגן, אויסגעזען פאַרדמיונט. געגרייט אַ באַשולדיקונגס רעדע קעגן רוזוועלטן, פאַרוואָס ער האָט צוליב שלעכט־האַרציקייט, צו להכעיס אויפגעהאַלטן עפּעגען דעם צווייטן פראָנט. דערמיט פאַרלענגערט דײַטשלאַנדס האַלטן זיך. צוליב דעם זענען אויף די שלאַכט־פעלדער געהרגעט געוואָרן נאָך מיליאָנען מענטשן און אויך, לויט אים, פאַרניכטעט געוואָרן אַ דרײַ מיליאָן ייִדן, נערוועז אָנגעהויבן זיך דרייען הין און צוריק. אַמאָל צופרידן געשמייכלט מערסטנס געוועזן ערנסט. אייניקע מאָל נחתפול געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי באַשטעטיקט זײַן יורידיש־אויסגעפּשטלטן רעפעראַט. צו פאַרבײַגייענדיקע געזאָגט: „איך וועל די אַמעריקאַנער פּאַשיסטישע פעלקער־קויפער און פאַרקויפער, די אָפּנאַרערס דעמאַסקירן זייער פיל־פּנימדיקייט, פאַלשקייט. אַלע שוואַכע, קלײנע מדינות, וואָס באַקומען שטיצע פון די מכלומרשטע אַמעריקאַנער פרײַנד, זיי וואָרענען, זיך היטן פון די ביזנעס־לײַטס ליגנערישע הבטחות, צביעות־פרײַנטשאַפט און אָפטע אָפּמאַך־ברעכערס".

כא

פון הינטער דער פאָרהאַנג האָט זיך דערהערט אָמפּערנדיקע קולות, סקאַנדאַלן, שטרײַטן. אַז אויף דער בינע איז ס'געוואַלדעווען געוואָרן אײַנגעשטילט, זענען פון דאָרט אַרויס יצחק לייבוש פּרץ און איציק מאַנגער. ביידע אין גלאַנציקע לאַקערקעס, אויסגעריבענע, אָפּגעבליאַ־קעוועטע, פאַרלאַטעטע רעקלעך, ווײַסע העמדער מיט ברייטע, בלויע שלייפן צווישן שטײַפע קאָלנער־שפּיצן. זענען געגאַנגען געאָרעמט. געזונגען שטעלן פון דער „גאָלדענער קייט":

„כּולו זכּאי מוז זײַן! ‚שירת דודי לכרמו' — און דער שטורעם זינגט: / דערנער אויסגעריסן, / און פאַרטיליקט דאָס ווילדע גראָז!"

נאָכן זינגען האָט יצחק לייבוש פּרץ דערקלערט די סיבות צו דעמיסיאָנירן פון סעקרעטאַר־אַמט און צוליב וואָס ער איז מסכּים צוריקציען זײַן דעמיסיע. ער וועט העלפן מחבר זײַן דעם פּסק־דין, אין הונדערטער מיליאָנען עקזעמפּלאַרן פאַרשפּרייטן גבריאלס דערציילן דעם געשפּרעך פון יאָסל מיט דער מאַמען. נישט אַלע זייַנע דערקלערונגען זענען געווען פאַרשטענדלעכע. גערעדט גאָר פּאָעטיש־מעטאַפאָריש. בלויז יחידים־דיכטעריש־באַגאַבטע, צווישן זיי דער נשמהדיקער, טאַלאַנטפולער פּאָעט

איציק מאַנגער, האָבן הסכמהדיק געשאָקלט יאָ־צייכנס מיט די קעפּ. י. ל. פּרץ האָט פון אַ צעוויקלטן פּאַרמעט אַרויסגעלייענט: גראָדע אַ פּראָסט־געשכלטן טעקסט:

„דער שופט־עליון מיט זײַן פמליאָ, ווילן מער נישט הערן די ערדיש וועלטלעכע וואַקלאַנאַליע עדותן, תירוצים אייערע, האָבן נישט קיין שום ווערט טייערע".

פרייליך געשפּאַנט מיט מאַנגערן. אין אים אַרײַנגעברומט:

"אַ זון, אַ גאָלדענע זון! / אָפּגעטאָן דער וואָלקן זיך / פון אונדזער הויז... / אונדזער גערטנדל בליט, / אונדזערע הערצער־אויך / הערסט, עס ריזלט! — טייכער ריזלען, / שטראָמען יאָגן / פון די בערגלעך אַרויס — / אונדזער הילף" און צוגעגעבן: „פאַר די שופטים איז אַלץ קלאָר ווי קוואַליק וואַסער, ווי הימלישער באַגינען־טוי".

לענין איז געוואָרן צעקאָכט. פּראָטעסטירט, פאַר וואָס מען דערלויבט אים נישט דעמאַסקירן די פאַלשע אַמעריקאַנער. געדראָט אָרגאַניזירן דעמאָנסטראַציעס, אויפפּאָדערן די געריכט אַדמיניסטראַציע, גן־עדן־אָנגעשטעלטע שטרײַקן. קאַטעגאָריש געפאָדערט באַנײַען די עפנטלעכע געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. י. ל. פּרץ האָט אים באַרויִקט: „דאָ העלפן נישט קיין פּראָטעסטן. אויך דאָ, ווי בײַ אײַך, ווערן ליקווידירט בונטאַרן. אים געראָטן צו זײַן שטיל, ווי אין רוסלאַנד און „דײַן רעדע איז איבעריק".

לענין איז אַוועק. צוגעגאַנגען צו רוזוועלטן. און באַלד האָבן זיך דערהערט קולות, כעסיקע אויסרופן. עס איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. ביידע האָבן זיך הויך־טאָניק צעוועקלט. דיסקוטירט, געאַמפּערט, אָנגעהויבן שטופּן, שטאָרקען, פּאַטשן, באָקסן. שופר־הילכערס האָבן געמאָלדן: „אַ שלאַכט צווישן לינקע און רעכטע!" די פּאָליטיקאַנער אויף דער מערב־גאַלעריע האָבן דורך לאָרנעטן געקוקט. אָבסערווירט די קאַמפן. זייערע געדונגענע שרײַבערלעך אויף דער צפון־גאַלעריע באַפוילן געגוי פּאַרעפנט־לעכן סטאַבילע קאָמוניקאַטן, אַלע געגנויע שטרײַט־פּרטים. קאָמענטירן, פּינקטלעך אויסטײַטשן די סיבות פון די סאָציאַליסטנס אָנפאַל, די טאַקטישע אָפּעראַציעס, און מוטיקן די דערשראָקענע בירגער אויף די שכנישע מערבדיקע מוסטער־בערגלעך.

דערווײַל זענען רעפּאָרטערישע שליחים פון דער צפון־גאַלעריע געקומען אויספאָרשן. זענען צוריקגעקומען און מיטגעטיילט: אויף לינקע

בערג, זייערע באַהערשטע בערגלעך, באַלויכטענע פונעם רויטלעכן ליכט, און אויף רעכטע בערג, אָקופּירטע, באַאייַנפלוסטע בערגלעך, באַהעלטע פון געקרייַציקטנס רעפלעקטאָרישע האָר, זענען פאַרניכטעט געוואָרן אַ סך פאַרשידנשפּראַכלעכע ברואים. ס'זענען פאַראַן אַ סך קרבנות. די אָפּגעראַטעוועטע צעלויפן זיך. די קאַמפן זענען פאַרביסענע, בלוטיקע. אויף דער פּאָליטישער מערב־גאַלעריע קומען פאָר אינטענסיווע שלום־אונטערהאַנדלונגען מיטן אָנטייל פון מלוכישע דעלעגאַטן פון ביידע קעמפערישע צדדים. ביז עס וועט, אפשר, קומען צו אַ וועלכע עס איז פאַרשטענדיקונג, באַקומט יעדע אַרמיי געווער, פּראָוויאַנט, מעדיציניש הילף, היפּטזאַכלעך סטראַטעגישע עצות, וואָס שנעלער און טאָטאַלער פאַרניכטן זייער שונא.

כב

פאַר דער פאַרהאַנגענער שופטים־בינע, נעבן די שטיגן, איז געלעגן דער געקרייציקטער ייִד. ס'פּנים פאַרדעקט מיט זייַנע וווּנדיק־צעלעכערטע דלאָניעס, אין וועלכע ער האָט אַרייַנגעסאַפּעט און יאָמערלעך געוויינט. פאַר די דורכגייערס האָט ער זיך געקלאָגט: דער אַדוואָקאַט איליטש לעניִן האָט זיך דערוווּסט ר'איז דאָ איבעריק. אין ביולעטינען געלייענט, אַז אויף די לינקע בערג זענען די פּאַרלוסטן גרעסערע, ווי אויף די רעכטע, איז ער אַרומגעלאָפן גאָר מלא כעס. נערוועז געפּרוווט עפענען דעם פּרוכת, פּראָטעסטירן קעגן באַשלוס אים נישט צו דערלויבן רעפערירן. אַז מ'האָט אים פון דאָרט אוועקגעטריבן, איז ער אַנטוישט אַראָפּגעלאָפן פון די בינע־שטיגלעך, דעם געקרייציקטן געזידלט: „פּאַשיסט! מיסיאָנער! קלעריקאַלער טיפּש! אַלץ צוליב דיר איז די מלחמה". ר'האָט צעבראָכן זייַן צלם־שטעקן, אים אומגעוואָרפן. ס'יידל האָט זיך געבעטן רחמים, מ'זאָל אים אויפהייבן, צופירן צו זייַן מאַמען, וואָס זיצט אין אַ דערנעבנדיקן קאַבאַרעט. געוויזן דעם צעבראָכענעם שטעקן, זיך באַקלאָגט אויפן שאָדן. מאָטיווירט: אָן דעם קרייצל־שטעקן, זייַן אייַנציקער הילף־אינסטרומענט, וואָס פאַרגרינגערט זייַן פייַנפול הענגען אויף דעם סטאַטועלע און אָן דער מאַמען, וואָס באַזאָרגט אים אַלע נייטיקע לעבנס־מיטלען, איז ער פאַר־לוירן. געקרעכצט, אַז ער קאָן זיך נישט רירן פון אָרט. ס'טוען אים ווי אַלע אברים. לעניִן, דער קאָמוניסט, איז זייַן גרעסטער שונא. „מיך ברוטאַל אָוועקגעשלייַדערט". טייל פאַרבייַגייערס האָבן אים באַרויִקט, באַדויערט, געגלייבט, אַז ער וועט נאָך קומען צוריק צו די כּוחות און זיך אויפהייבן. אַנדערע האָבן גלייַכגילטיק אויסגעהערט זייַנע הילפּרופנדיקע געבעטן.

באַשטריימלטע לײַט, אַנגעטועטע אין זײַדענע קאַפּאָטעס, ווײַסע זאָקן און האַלבע לעטשלעך האָבן אים אויסגעמיטן, נישט געוואָלט הערן זײַנע רייד. אַפילו נישט געקוקט אין זײַן ריכטונג. זענען פאַר אים פאַר־בײַגעלאָפן, ווי פאַר אַ טמאהדיק אָרט. אַ לאַנגע, גאָר לאַנגע צײַט איז ער אַזוי געלעגן. צווישן נײַגעריקע האָט זיך אַרײַנגעשטעלט דער גרויסער ראָמאַניסט שלום אַש. ער איז פּונקט אַרויס פון אַ פראַנצויזישן רעסטאָראַן. זיך געווישט פאַרפעצטע ליפּן. געציילט אַ פּעקל דאָלאַרן, נאָר וואָס דאָרט באַקומען פון אַ רעדאַקטאָר אין אַ קריסטלעכן פאַרלאַג אין לאָס אַנדזשעלעס. ער האָט דעם לאַמען ייִד אויפגעהויבן. אים אַ ביסל אָפּגערייניקט. זײַן צלם־שטעקן צוגעבונדן מיט באַשריבענע, פּאַפּירענע שטריקלעך. אים געפרעגט: „רבי יאָסל, ווו איז דײַן מאַמע?״. דעם אויפגעהויבענעמס געזיכט איז געוואָרן אויפגעלעבט. געלײַטערט. גאָר געוואָרן צופרידן דערזעענדיק די מאַמען. „אָט, אָט גייט זי״, אַנגעוויזן אויף אַ פון דער ווײַטנס באַמערקטע פרויען־געשטאַלט. אַז זי איז געקומען נעענטער, האָט זיך, אין דער מיטאָגדיקער צעהעלטקייט, אַרויסגעמערקט איר שוואַרץ, ריפּסן ברייט־קלאַשיק מאַקסי־קלייד. שלום אַש האָט זשעדנע געקוקט אויפן שיינעם, פײַנעם קלייד, אויסגעפּאַסט אויף איר זגראַבנעם, הארמאַניש־ווײַבלעכן גוף. גלוסטנדיק געבליקט אויף אירע ראָזע הענט, דער פון זון־געברוינטער גלאַטיק גלאַנציקער פּלייצע, אויף די היפּשע, געשפּיצלטע ברוסטן. גאַרנדיק געקוקט אין טיף־דעקאָלטירטן בוזעם־גריבל אַרײַן און אין אירע גרויסע, פאַרטרוימטע אויגן. בעת זײַן עלעגאַנט צוגיין צו איר, האָט ער געגלאָצט אויף אירע אויסגעטאַקטע, לאַנגע, פראַכטפול־פאַרמיקע פיס, פון איר אַ ביסל אויפגעהויבן קלייד בײַם אַריבערגיין אַ בלאַטיק קאַלוזשעלע. אויף איר רעכטן אַקסל איז געהאַנגען אַן עלעקטערישע גיטאַרע. מיט דער צווייטער האַנט האָט זי געפירט איר מוזיקאַלישן באַגלייטער, יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, נישט זיכער. מיט אַ ווײַסן שטעקן כסדר אַרום און פאַר זיך קאָנטראָלירט שטרויכלונגען אויפן וואָלקן־פעלדזיקן וועג, ספּעציעל אַנגסטיק אַריבערגעגאַנגען די ליימיקע בלאָטע. אַז שלום אַש האָט דערפילט איר מיט בשמים־דופטיק לײַב, איז ער געוואָרן צעטומלט. טיף זיך פאַרנייגט, אַנגעהויבן שטאַמלען: „מערי, שיינע, גנעדיקע דאַמע״. אָבער באַמערקט באַבערדלטע ייִדן מיט טלית און תּפילין אונטער אָרעמס וואָס אַנטלויפן פון זיי, האָט ער געטוישט די ווערטער: „נישט פײַן, דער אַ הולך. אַזאַ טיף דעקאָלטירט קלייד, אָן ארבל און אָן אַ האַלבער פּלייצע פּאַסט נישט פאַר אין, ס׳איז אַך נישט שײַן מיט גויִשע

מוזיקאנטן זיך ארומשלעפּן אין קאַבאַרעטן צו פאַרווײלן שיכּורים, פאַר־דעכטיקטע לאַט״. אַז די ייִדן זענען פאַרבײַ, האָט ער אויף ס׳נײַ געאַנדערשט די רייד: „זי האָבן דאָך א גוטן נאָמען בײַ אַ סך מענטשן, זענט באַרימט אין לענדער. צוליב וואָס טוען זי דאָס?״

„מיסטער שאַלאָם, באַשולדיקט מיך נישט בחינם. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס, צוליב וואָס מ׳האָט מיך און מײַן זון אַרויסגעשלעפּט פון די קברים. מגולגל געמאַכט. אים געהייסן ווערן אַ וועקער און מיך אַ זינגערין. האָבן זי שוין געהערט, אַז די פרומע נטורי־קרתאניקעס פאַרנעמען זיך אויף ס׳נײַ מיט מײַן קינד? מירן זיך דאָן געגוג אַנגעליטן פון זײַן ערשטן משפּט און פינצטערן גזר־דין. די פאַנאַטיקערס טענהן, ער האָט דאַמאָלס קעגן ייִדן אויפגעהעצט אַ היהשע שנאָה, וואָס גלחים האָבן תּמיד אינטריגירט, געהעצט, צעפלאַקערט און ביזן הײַנטיקן טאָג רייצן און פּראָוואָצירן קעגן ייִדן. דאָס האָט גורם געווען פּאָגראָמען און לעצטנס דעם ייִדן־אומקום. מען מאַכט דאָך אים אַ נײַעם משפּט. קען זײַן צוליב דעם האָט מען אונדז און אַ סך אַנדערע עדות דאָ אַהער געבראַכט. צום זינגען לייג איך גאָר נישט צו. כ׳מוז דאָך פאַרדינען. זי ווייסן דאָך, מײַן זון איז פון יענעם ערשטן אורטייל אַן אַן אייביקע קאַליקע. דאַרף יעצט האָבן געלט צו נעמען אַ גוטן אַדוואָקאַט. דאָס קאָסט דאָ אַ הון און קיין שום ייִדישער יוריסט וויל גאָר נישט הערן דערפון. כ׳האָב געהערט זי האָבן אַ גאָלדענע פעדער, זי שאַפן טשיקאַווע מעשהלעך. בעט איך אײַנען, אַפילו כ׳וועל שוין פאַר אַ סך געלט געפינען אַן אַדוואָקאַטל, שרײַבן זי עטלעכע פאַרענטפערונגען. אפשר וועלן זיי העלפן אַ ביסל פאַרלײַכטערן זײַן נײַעם פּסק־דין״.

אַש האָט פאַמעלעך געגלעט איר הייסן, ראָזן, גלאַנציקן אַקסל. פאַרזיכטיק אַרומגענומען איר גלאַטע, ווי אָנגעשליפענע פּלייצע. זשעדנע, גלוסטנדיק געקוקט אויף איר יונגפרויִשן, שיין־אויסגעטאָקטן, זגראַבנעם קערפּער. גאָר וווּנדערנדיק געקוקט, געקוקט אין אירע הערלעכע, גרויסע אויגן, וואָס האָבן געליכטיקט איר הערלעך פּנים. זיך עטוואָס זשעגידט. געמורמלט: „כ׳האָב פאַר אײַנען אַן עצה. קומען זי מאָרגן, זעקס אַוונט, אין קאָפּע הללויה אויף כּוכבים־גאַס נומער פערצן, אין אַמעריקאַנישן סעקטאָר, אויף דער גאַלעריע פון די פּאָליטיקערס. כ׳וועל דאָרט פאַרלייענען פראַגמענטן פון מאַנע לעצטע צוויי ווערק: ,מערי׳ און ,דער מאַן פון נצרת׳. ער האָט ווידער זיך אײַנגעקוקט אויף אירע שיינע, געלאָקטע האָר, אַ ביסל באַבלויטע וויעס, רויזיק־רויט געשמינקטע ליפּן. אַ ביסל

פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן: „גוייִם און פּראָגרעסיווע ייִדן, וואָס האָבן געלערנט ליטעראַטור און זענען באמת מבינים אויף בעלעטריסטיק, לעקן די פינגער פון מאַן שראַבן. לויבן מען, ספּעציעל פאַר די לעצטע ביכער מאַנע. כ'קאָן ניש זינדיקן. טיילווייַז געהאַט אַ גיטע פּרעסע. איבערהויפּט אין ענגעלישע בלעטער. פאַני מערי, זי זינד דאָך באַקאַנט. זי האָבן אַ השפּעה. אינס אַ גיט וואָרט קען העלפן. זייַען זי אַזוי גיט און באַטייליקן זי זיך אין פאַרשפּרייַטןביידע ביכער. איך בעט אינען".

„מיסטער שאַלאָם", האָט מאַרוסיאַ זיך גענענטערט צו אים. געשמייכלט און געפרעגט: „קענען זי מיר, כאָטש אין קורצן דערציילן דעם אינהאַלט פון, מערי'?"

נאָכן פאַר איר פאַרלייענען עטלעכע זייַטלעך, האָט מאַרוסיאַ געווישט אירע פאַרוויינטע אויגן. אויפגערעגט גערעדט: „זייער טשיקאַווע, עס איז אַזוי ריכטיק געשילדערט, גלייַך זי וואָלטן דאָן ביי געווען מייַנע דראַמאַטישע איבערלעבונגען. זי דערציילן אַזוי שיין, באמת מלא חן. רבי שלום, איז אמת, אַז שרייַבערס זענען נביאים? וואָס זאָגן דאָרט אייַערע ייִדעלעך אויף אייַער שילדערן מיך מיט מייַן זון?"

„אָ, מאַמעלע, ווי איך לייַד דאָס פון די פרומאַקעס. כ'האָב פון זיי ביטערע צרות. די פאַנאַטיקערס מיט די טאַלאַנטלאָזע שרייַבערלעך פאַר־פאַלגן מיך גאָר. האָב נאָך אַ נס, וואָס די ראַדיקאַלע אינטעלעקטואַלן, טאַלאַנטירטע קריטיקערס לויבן די ביכער. ווייניקער אויפגעקלערטע פענלייַטלעך חוזקן. לעצטנס איז מיר אויך גאָר שלעכט. מ'פאַרשווייַגט מייַן שרייַבן. חדשים איז שוין מייַן נאָמען נישט דערמאָנט געוואָרן אין קיין שום ייִדישן בלאַט. באַקום אַ העלפט אייַנלאַדונגען אויף ליטעראַרישע אימפּרעזעס. ביטול איז דאָך דער גרעסטער עונש פאַר אַ קינסטלער. פאַראַן נטורי־קרתאַניקעס, וואָס הייסן מיך גאָר פאַרחרמ'ען. פאַר דעם ציטער איך, ווי פאַרן מלאך המוות. טראָץ דעם וואָס מיט די אַ פרומע חסידימלעך האָב איך שוין יאָרן לאַנג קיין שום מגע ומשא נישט, קרענקט עס מיך. פאַני מערי, אין מייַן אַמאָליקער חברה ,תהלים' דאַוון איך שוין נישט צענדליקער יאָרן. די דאָרטיקע פשוטע ייִדן זענען גראָד גאָר פייַנע, ערלעכע לייַט. אָבער ,אַנטלויף פון קבצנים', האָט מייַן מאַטילדע מיך, כסדר געוואָרנט. אָך איז זי אַ קלוגע פרויענצימער. שטאַמט דאָך פון איידעלע רייַכע, וואַרשאָווער סוחרים. איז צוגעווינט צו אַ גוטן ביסן, צו עלעגאַנטע טייַערע קליידער. פירט אַ ברייט הויז. לעצטנס בין איך אַ גרויסער געבראָיכער". איר דערציילט, אַז זייַן ווייַבס עלטערן זענען געווען אַ ביסל

ציוניסטיש. רעדט זי אים צו, ער זאָל זיך פאַרשרייבן פאָרן קיין פּאַלעסטינע. ער וועט מיט איר גאָר נישט אויפטאָן. ער האָט זי ליב ס׳לעבן און אַז זי עקשנט זיך איַין איז אַ געכטיקער טאָג. מ׳מוז איר נאָכגעבן. אַזוי איז זי צוגעוווינט פון קינדווייז אָן אין איר היים. כאָטש ער גיט איר צו פאַרשטיין, אַז ארץ־ישראל איז נישט פאַר זיי. אָבער אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע. וויל פאַרלאָזן אַמעריקע, ממש אַ שמאַלצגרוב, און פאָרן צו צרות, טעראָר־אָנפאַלן, מלחמות, וואָס וועלן אַזוי דויערן יאָרן און איין גאָט ווייסט, וואָס ס׳וועט זײַן דער סוף. אין ארץ־ישראל קאָסט אַ שיכון אַן אוצר־געלט און מ׳איז אויך דאָרט נישט זיכער מיט פּרנסה. די ציונים ווילן מער נישט וויסן פון גלות. ער וועט פון זײַן ייִדיש שילדערן ס׳אַלטע, שטעטלדיקע שטייגער־לעבן נישט קענען אויסהאַלטן מאַטילדעס רײַכע ווירטשאַפט. ער האָט שוין באַשטימט זוכן אַ פּאָסטן, איז ער געוויר געוואָרן אַז עלטערע באַקומען דאָרט נישט קיין אַרבעט. וואָלט ער, מיט יאָרן צוריק געחלומט, פּלאַנירט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, וואָלט ער זיך, ווי אַנדערע פּראַקטישע ייִדן, איַינגעשריבן אין עפּעס אַ פּאַרטיי. מעגלעך דאָס וואָלט אים געהאָלפן. אָבער אָן דעם, ווער וועט זיך אויף אים אומקוקן? ר׳האָט נאָך אַמאָל געבעטן, זי זאָל אים העלפן פאַרשפּרייטן זײַנע ביידע ביכער. „ערשטנס איז עס פאַר אינען ניצלעך. קיין שום ייִדישער קינסטלער האָט נאָך נישט געוואָגט אינען מיטן זון אַזוי פּאָזיטיוו שילדערן. צווייטנס: „עך פאַרלאַנג נישט בחינם. זי וועלן מער פאַרדינען ווי זינגען אין לאָקאָלן״. דערבײַ איר פאַרטרויט: „דער אָ באַך באַרעדט אינען. טענהט, אַז זי פאַרגרייזן די דײַטשישע לידער. זי זינגען חסידיש־ייִדישלעך, אַמאָל אַזיאַטיש־מעלאָדיש. ער זוכט אַ דײַטשקע פאַר אַ צווייטע פאַרטנערקע. אַ ליאַדע טאָג קאָן ער זי איבערלאָזן, ווי אויף דער פליישבאַנק״.

מאַרוסיאַ האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט פאָרן דערוויסן זיך באַכס פּלאַן, באַשטעטיקט אַשס פאַרשלאָג. איבערגעלעקט די געראָטלטע ליפּן. געוואָרן ערנסט. אים צוגעזאָגט באַלד נאָכן משפּט צו בעטן דעם פּויבסט אין רוים, מ׳זאָל זײַנע ביכער, ספּעציעל די לעצטע היסטאָרישע ראָמאַנען, איבערזעצן אין אַ צענדליק שפּראַכן, אים איבערדרוקן, ער זאָל די גלחים אין אַלע לענדער באַפעלן, זיי זאָלן אין קאָסטשאָלן, רעליגיעזע סעמינאַרן, רעקאָמענדירן קויפן די ביכער „מערי״ און „דעם מאַן פון נצרת״.

„פּאַני מערי, פון ווען אָן רופן זי זיך אַ פּוילישן נאָמען, מאַרוסיאַ? אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. כ׳בעט אינען, לייגן זי אים אויך פאַר,

ער זאָל ווירקן, מ׳זאָל די ביכער לערנען אין שולן, אוניווערסיטעטן, איך אַליין האָב עטלעכע יאָר געלערנט ליטעראַטור אין ניו־יאָרקער אוניווער־סיטעט און האָב זיך איבערצייַגט, אַז די רעפערענטן זענען די בעסטע ביכער־רעקאָמענדירערס. אַז זיי שרייַבן אויפן וואַנט־ברעט, אַז זיי וועלן רעפערירן וועגן אַ ווערק, קויפן אַלע סטודענטן דאָס בוך. אויב נישט, וועלן זיי דאָך נישט ווערן עקזאַמינירט. שאַנאַוונאַ פּאַני מערי. זייַען זי נישט ברוגז. מערי פּאַסט אינען בעסער. אויב זי וועלן דאָס פּועלן, וועלן מיר ביידע ווערן קורח־ראַך״.

מאַרוסיע האָט אַשן געוואָרנט, ער זאָל נישט פאָרן קיין פּאַלעסטינע. ער וועט דאָרט זייַן איינזאַם. מוזן זיצן אין שטוב, ווי אַ קאַלעק. „איך קען גוט אונדזערע יידעלעך. אַהאַ, וואָס פאַר אַ נוקם ונוטרניקעס זיי זענען״ זי האָט זיך פאַר אַשן פאַרנייגט. אים געלויבט, אַז ער איז אַ פּשעסטוינער מאַנצביל. געגעבן אָנצוגעהערן אַז ער געפעלט איר. צו אים געשאָקלט מיט דער רעכטער האַנט. מיט אַ פינגער אויף ליפּן געוויזן קושצייכנס. ליבלעך געשמייכלט, אויפגעהויבן די רעכטע האַנט, אים אַ זאָג געטאָן: „ביי״ און איז אַוועק.

כג

אַ צופרידענער האָט זיך שלום אַש געדרייט צווישן די בערג. אומעטום אַלץ גענוי אָבסערווירט די פאַר אים אינטערעסאַנטע, נוצלעכע בילדער, געשעענישן. זיי שנעל פאַרשריבן אין אַ נאָטיץ־ביכל. נעבן אים האָבן זיך געזאַמלט נייַגעריקע יידן. איינער אין אַ שפּיציק שטרייַמל מיט אַ באַפּאַהט און באַבאָרדט פּנים האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער אויפ־געהויבן דעם לאָמען יאָסעלע. אַש האָט זיך אַ ביסל געקווענקלט און אויפגעקלערט. „צוליב אהבת־ישראל״. „וואָאַסטס?!!!״ האָט דער ייד זיך צעכעסט. זייַן רויט, צעצאָרנט פּנים צוגעבויגן צום אַשס אָראָפּ־געלאָזטן קאָפּ: „מיר האָבן דאָך אים נישט אומגעוואָרפן! באשר די גויים האָבן אויף אונדז געמאַכט אַ בלבול! אַהאַ, פעטערל, מירן שוין אייַך גוט דערקענט. גוט אונטערגעהערט אייַער שמועס מיט דער מאַדאַמע. איר האָט ליב פּעטשע־מעטשע. כבוד און געלט הייסט ביי אייַך אהבת ישראל?!!!״

אַש האָט אַ לענגערע צייַט זיך פאַרענטפערט. נישט אַלע האָבן מסכים געווען מיט זייַנע אַלעגאָרישע, היסטאָריש־סכאָלאַסטישע תּירוצים. געווען אייניקע וואָס האָבן אָנערקענט די פּאָזיטיווקייט, אַז דווקא אַ יידישער סופר האָט אַ ביסל געהאָלפן אויפהייבן דעם אין הימל געפּאַלענעם מומר און דאָס אין דער צייַט בשעת זייַן שינאה האָט במשך דורות פאַר יידן

גורם געווען אומגליקן און דער לעצטער אומקום פון מיליאָנען ייִדן אין אייראָפּע איז דאָך אַ פּועל־יוצא פון זײַנע אָנהענגערס פײַנטשאַפט צום כלל ישראל.

צווישן די דיסקוטירנדיקע האָט זיך אויך געפונען דער לאָמער רוזוועלט. אַ צעדראָפּעטער, פאַרבאַנדאַזשירטער נאָכן געשלעג מיט לעניגען, האָט ער שטאַרק געלויבט דעם פאַרנונפטיקן ייִדישן קינסטלער, מיסטער שאַלאָם אַש. פון זאַק אַרויסגענומען עטלעכע היפּשע פעקלעך דאָלאַרן. זיי אַרײַנגעשטעקט אין אַשס מאַרינאַרקע־קעשענע. אים אײַנגערוימט אַ סוד: „דאָס איז פון מײַן געמיינדע אַ פאָנד פאַר אײַערע גוטע ביכער וועגן דער יונגפרוי און איר זון". אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר אָנגעשריבן אַ סך שורות. פאַרקלעפּט. געבעטן אַשן דעם בריוו איבערגעבן זײַן פריינד דאַוויד בן־גוריון: כ'בעט אים, ער זאָל פאַר אײַך זאָרגן צו באַקומען אַ שיינע דירה און מ'זאָל אײַך היטן פון אײַערע פאַנאַטיקערס".

אַש האָט גענומען די דאָלאַרן מיטן בריוו. רוזוועלטן געדאַנקט. אים פאַרטרויט, אַז ער וועט נאָך אָפּוואַרטן אַ פּאָר יאָר. דערווײַל, ווי לאַנג ס'איז דאָרט נישט רויק, וועט ער נישט ריזיקירן פאָרן קיין ארץ־ישראל.

כד

נאָכן זען די אַלע לײַט, הערן זייערע רייד, די פריער־געזעענע מוסטער־בערגלעך מיט הוליענדיקע פון איין זײַט און נויט־לײַדנדיקע פון דער אַנדערער זײַט בין איך געוואָרן טרויעריק. אין קאָפּ האָבן זיך געוועקט ספקות. נישט געקענט לאָגיש צונויפבינדן די אַלע געשעענישן. כהרף־עין האָב איך זיך דערמאָנט דעם מלאָכס געשטאַלט, וואָס האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט און זײַן תנאי: בײַם ערשטן צווייפל מוז איך אים רופן, אים פרעגן און ער זאָל מיר אַלץ באַשיידן. און טאַקע נאָכן ערשטן געשריי איז דאָס מלאכל דערשינען. כ'האָב אים געפרעגט, פאַר וואָס האָט מען דעם לאָמען ייִדן געמאַכט פאַר אַ שמש? פאַר וואָס מוז ער קלינגען? פאַרוואָס מוז מאַרוסיאַ זינגען אין לאָקאַלן? אים געבעטן מיט זײַנע באַדינג־ווערטער: „גיב מיר אַ באַשייד".

דאָס געשטאַלט האָט מיך אַרומגעוויקלט מיט זײַנע ווײַסע פליגל און אין מיר אַרײַנגערעדט: „אויפן עולם האמת מוז יעדער טאָן ס'זעלבע, וואָס אויף דער ערד. דאָס לאָמע ייִדל האָט פאַר פּראָסטע, אָרעמע געדרשנט העצערײַען קעגן מנהיגי הדור. פאַר גויים אָפּגעשפּעט פון ייִדישע דינים, מנהגים. ייִדן באַשולדיקט אין נישט לעבן פּראָדוקטיוו און עטיש. דערמיט

זיך אויסגעשלאָסן פון כּלל. במשך דורות זענען זייַנע מחלוקתן מיליאָ־נענמעסיק געוואָרן פאַרגרעסערט. זייַנע מוסר־און שפּאָט־רייד האָבן דאָן געוועקט און אומאויפהערלעך געזייט שנאה קעגן ייִדן. איין דור גיט איבער צום צווייטן דעם אַ אַנטאַגאָניזם. דאָס זענען די הויפּט־סיבות, די גורמים פון ייִדן־פאַרפאָלגונגען, פּאָגראָמען, אונטערדריקונגען אין אַלע צייַטן און אין אַלע לענדער. צום סוף איז די פּערמאַנענטע פּייַנטשאַפט געוואָרן דער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אומצוברענגען ייִדן אין אייראָפּע. די לעצטע טעג האָט מען אים דאָ אַהער געבראַכט נאָך אַמאָל משפּטן. עס זענען דאָ אויך געבראַכט געוואָרן פאַרשידענע מענטשן־שיכטן. זיי אייַנגעאָרדנט אויף בערגלעך. זיי מוזן דאָ, פּונקט ווי אין זייערע ערדישע לענדער, אויסשפּילן זייער מוסרלאָז לעבן. דעם לאָמען האָט מען פאַרבאָטן זיך פרייַ ארומ־דרייען. ער זאָל נישט אָנהייבן אויך דאָ צו פּרעדיקן און זיך פאַרענטפערן מיט משלימדיקע דרשות. פאַראָרדנט אים ווינען אויפן געצלמטן דרענגל. ווען עס מאַכט זיך אַ טרעוואָגע מוז ער אַראָפּגיין, קלינגען מיטן גלאָק אויפן שפּיצקרייצל, מיטן זעלבן גלאָק מיט וועלכן ער האָט בייַם לעבן געקלונגען, גערופן אַפּטריניקעס, פאַרצווייפלטע, אומגליקלעכע, זינדיקע ייִדן און פייַנטלעכע גוים. פאַר זיי דערציילט מעשׂיות, צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן אין מלכות־שמים, אויב זיי וועלן זיך אויפפירן ווי ער, זיי זאָלן זיך נישט קעגנזייַטיק מקנא זייַן, פּייַנט האָבן, זיך באַגנוגענען מיט צמצומדיק לעבן. פאַר די תורה־קריטישע דרשות, וואָלט מען אים דאָ נישט באַשולדיקט. ער איז אָבער געווען דער ערשטער, אַקטיווסטער ייִדנהעצער, שפּאָטער. פאַר דעם ווערט ער אָנגעקלאָגט. מאַרוסיען, אָדער מאַניען האָט מען דאָ אָנגעטאָן די עלעגאַנטסטע קליידער. איר געהייסן מאַכן די שענסטע אַנדאָלאַציעס. קאָסמעטירן, באַצירן מיט די טייַערסטע גאָלדענע און ברילִיאַנטענע צירונגען. ווי נאָר זי האָט, ווי אַלע ווייַבער, אין שפּיגל דערזען ווי זי זעט אויס און געהערט מענערישע קאָמפּלימענטן, האָט זי אָנגעהויבן קאָקעטירן. זיך באַקענט מיט מענער אויף דער מערב־גאַלעריע. מיט זיי געגאַנגען אין באַרן, טעאַטערס. זיך ווויל פאַרווייַלט, דאָרט באַקענט דעם בליגדן יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך, וואָס האָט זי געדונגען מיט געזאַנג צו באַגלייטן זייַנע קאַנטאַטעס. צוליבן זונס לאַגע, מיט באַכן געמאַכט שותּפות. ביידע טרעטן אַרויס אין לאָקאַל „הללויה". פאַרדינען שטיקער גאָלד. מ'האָט זי אויך געבראַכט אויספאָרשן אירע אַמאָליקע דערציילטע מעשׂיות מיט אירס אַ געליבטן, פאַרוואָס איר זון איז געוואָרן אַן אַפּיקורות, געלשונהרעט קעגן ייִדן, קעגן זייערע אויפפירונגען, כּדי

זי זאָל אָפּן דערקלערן, ווער עס איז יאָסעלעס טאַטע. ער האָט מיר נאָך אויפגעקלערט נישט פאַרשטענדלעכע דערשיינונגען. כ׳האָב נישט געוואָגט אים צו פרעגן, פאַרוואָס מ׳האָט דאָ אַהער געבראַכט מחיה־מתים־דיקע געפּייניקטע ייִדן פון געטאָס און פון טויט־לאַגערן. זענען דאָך מלאָכים טעלעפּאַטיש געאייגנט, האָט ער מיר דאָס אויך אויפגעקלערט: ס׳איז פּשוט. די געליטענע אַליין, וואָס האָבן געלעבט מיט די קריסטן, זאָלן זיין די אָפיציעלע אָנקלאָגערס קעגן דעם ערשטן גרינדער פון אַלע מומר־העצערס קעגן ייִדן. למעשה איז ער, דער הויפּט־באַשולדיקטער, דער גורם פון אַלע גוייִשע פאַרפאָלגונגען פון זינט זיין אָנהייבנדיקער אָפּאָזיציע ביז איצט. זיין גזר־דין וועט זיין גילטיק פאַר אַלע זיינע העץ־נאָכפאָלגערס אין קריסטלעכע געבעט־הייזער. צווישן די געליטענע קרבנות זענען לעצטנס פאַראַן דערמאָרדעטע חלוצים. אויך זיי קלאָגן אָן די קריסטלעכע אָנרייצערס, די אינטריגאַנטן, וואָס בונטעווען די מוסולמענער זיי זאָלן פאַרניכטן די זיך אויף ס׳ניי בויענדיקע ישובים אין דער לעצטער, ייִדישער היים. ביידע באַשולדיקונגס־גרופּן פאָדערן הויפּטזאַכלעך אַ משפּט־צדק קעגן ערשטן אָפּטריניקער פון ייִדישן מהות, דעם בעל־פּלוגתא קעגן טראַדיציאָנעלע תורה־פּירושים, דעם כּופר בעיקר אין ,והוא אחד׳ ו,אין שני לו״־באַגריף. זיי פאָדערן אַ משפּט־צדק קעגן אַלע ייִדישע פאַרפאָלגערס אין אַלע דורות. די שריפטלעכע אָנקלאַגעס זענען נאָך נישט גענוי אויסגעפאָרשט. די דיינים האָבן צווישן זיך מיינונגס־פאַרשידנהייטן, ווי אַזוי צו פירן דעם פּראָצעס. קאָנען גאָרנישט קומען צו אייַנשטימיקע מסקנות, צי דאַרף מען בלויז משפּטן די אויפהעצערס, די רציחות־אויספירערס אָדער איין מאָל פאַר אַלע מאָל ראַדיקאַל לעזן דאָס אַלטע ייִדן־פּראָבלעם. ווער ווייסט...״ און דאָ האָט זיך דעם מלאָכס קול איבערגעהאַקט. עס איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. הינטער און פאַר זיך האָב איך געזען אַ טיפן אָפּגרונט, ווו איך פאַל, און פאַל. עס האָט מיך באַהערשט אַן אימה. פאַר זיך — אַ חשכותדיקער טונעל, צו וועלכן שטורמישע ווינטן האָבן מיך געשטויסן פאָרויס, פאָרויס. נאָך לאַנג־דויערנדיקן, וואָס אַמאָל שטאַרקער־טעמפּאָדיק פאָרויס שטויסן, האָב איך דערזען אַ ווייַט, ווייַט פּיצלדיק ליכט־פּינטעלע. מיט די לעצטע כּוחות געלאָפן, וואָיענדיקע ווינטן האָבן מיך געהויבן, פאָרויס באַוועגט. געלאָפן, געפאַלן, געהויבן, געשטופּט און אַוועקגעשליידערט מיך באַוווסטלאָז.

כה

כ׳האָב זיך אויפגעוועקט. באַמערקט כ׳ליג אין אַ בעט. ווי אין נעפּל אומגעקוקט. אַז כ׳בין געוואָרן אַ ביסל וואַכיק האָב איך זיך דערוווּסט, אַז כ׳בין אין עפּולהער שפּיטאָל. כ׳האָב גאָרנישט תּופס געווען, וואָס מיט מיר פּאַסירט. דער חלום האָט זיך נאָך אַלץ געוועבט אין מײַן מוח. ווי אין נעפּלען געזען די ערדישע דערשײַנונגען אויפן הימל. ווי אויף אַן עקראַן, אויף ס׳נײַ געזען פאַרבײַגעאײַלטע, געטרוימטע פאַנטאַסטישע געשעענישן. מײַן נאָך צעהיצטער מוח איז געווען צעשטרייט. האָב אַלע ווײַלע פאַרמאַכט די אויגן. געגאַרט נאָך אַמאָל צו זען די אין שלאָף־געחלומטע וועזנס. כ׳האָב געדמיונט, ווידער דערזען מײַן ליבע, אין אוישוויץ־פאַרברענטע מאַמע, אָנגעטאָן אין שבתדיקע מלבושים: אַ שוואַרץ, געלאַקט שייטל, אַ ברייט, זיידענעם, ווײַסן, בלוי־געבלומטן ראָק, אַ בלוי, רויט־געבלומט בלוזקעלע, ווײַסע לעטשעלעך און ווייסע זאָקן. איר פלאַמיק פּנים, לײַכטנדיקע בלויע אויגן געגעענטערט צו מײַן צעהיצטן שטערן. מיך געקושט, געגלעט. אין מויל אַרײַנגעגאָסן אַ לעפל טעם־גן־עדנדיקע רפואה. מיך באַרויקט:

„שלאָף, שלאָף מײַן ליב קינד. דער מלאך רפאל האָט דאָס דיר געשיקט. [illegible], ר׳האָט פאַרזיכערט, אַז דו וועסט האָבן אַ גיכע רפואה שלימה. ווערן פּולקאָם געזונט. זיך צוריק קערן צום פראָנט. אָנטייל נעמען אין דער מלחמת־מצווה, אויסקעמפן פאַר ייִדן אַ לעצטע, געזיכערטע, אייביקע היים. צוזאַמען מיט דײַנע צ.ה.ל.־חברים באַזיגן די אַראַבישע אָנפאַלערס. איר מוזט מנצח זײַן. אײַער קאַמף איז דער גערעכטסטער. סוף כּל סוף אויסקעמפן אַן אייגענע מלוכה־היים פאַר אונדזער תּמיד געשלאָגענעם, געפּלאָגטן ישראל־פאָלק און... כ׳האָב זיך ריכטיק אויפגעכאַפּט, פולשטענדיק געוואָרן וואַכיק. און ווידער געזוכט די אין הימל־געשטאַלטן, מאָדנע געשעענישן און מײַן ליבע מאַמע, וואָס כ׳האָב זי שוין מער נישט געזען, זינט כ׳האָב זיך מיט איר געזעגנט, צו זיך געדריקט, פאַר מײַן אַנטלויפן קיין ביאַליסטאָק, דאָס פאַרנומענע פון דער רויטער אַרמיי.

נעבן מיר זענען געשטאַנען צוויי יונגע שפּיטאָל־שוועסטערס, אַ דאָקטאָר. איינע אַ בלאָנדע, חנעוודיקע, בלוי־אויגיקע האָט געווישט דעם שווייס פון מײַן שטערן, פון פּנים. מיך געטרייסט:

„דער קריזיס איז פאַרבײַ. די אָפּעראַציע איז געלונגען, די היץ איז

געפאַלן. אײַער בלוט־דרוק איז כמעט נאָרמאַל. האָפנטלעך וועט איר אין קורצן ווערן געזונט".

„וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע?", האָב איך זי געפרעגט.

ס'שײַנע, זגראַבנע מיידל, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן כאַלאַט און מײַן ווײַסער צודעק זענען געוואָרן גאָלדיק באַשטראַלט מיט מיטאָגדיקער זון, אַרײַנגעשײַנט פון ראָזן וועלאָן־צערוקטען, ברייטן פענצטער.

די לעצטע היים

ערשטער טייל

א

אין אַ האַרבסטיק־רעגנדיקן פֿאַרנאַכט איז דב געקומען צום ברודער ישראל און אים געפֿרעגט: „ביסט גרייט הערן אַ נײַע מעשׂה?״ ער האָט נישט געוואַרט אויף קיין ענטפֿער, און פֿאַרגעלייענט:

„זינט דרײַ באַוואָפֿנטע דײַטשן און אַ פּאָליאַק האָבן מיך בלוטיק צעשלאָגן, אַרויסגעטריבן פֿון מײַן טאַטע־מאַמעס היים, געמוזט לעבן אין פֿאַרשידנלענדערנדיקע היימען, האָב איך אין ערגעץ נישט געפֿילט אַזאַ עכטע, ליבפֿולע היימישקייט, ווי אין די עלטערנס אײַנציממערדיק פֿאַרטער־ווינונגל אין שטעטל. אומעטום געווען אַ פֿרעמדער, אַ צײַטווײַליקער, בירגערלאָזער, פֿאַרדעכטיקער. אין ישראל האָב איך זיך אָנגעשטרענגט, מיר אויפֿגעבויט אַן אייגן, סטאַביל הויז. אַרום דעם פֿאַרפֿלאַנצט, פֿאַרזייט אַ פֿרוכטן־און גרינוואַרג־גערטנדל. געפֿילט ליבע צום פֿאָטערלאַנד. משפּחה־היימישקייט. נו, האָט זיך מיט שטילע, באַרוועסע פֿיס צוגערוקט די זקנה, וואָס פֿרעמדט מיך אויף ס׳נײַ. זינט כ׳בין געוואָרן אַ פּענסיאָנער, ווער איך איינזאַמער. מײַן טיר עפֿנט זיך זעלטן. וואָס אַמאָל ווייניקער פֿרײַנד באַזוכן מיך. אָפֿט לייען איך די שוואַרצבאַרעמטע מודעות פֿון געשטאָרבענע חברים, קרובים, באַקאַנטע. דער טעלעפֿאָן דענערווירט מיך נישט מער אַזוי אָפֿט מיט פֿילמאָליקע קלינגערײַען, לאַנגע שמועסן. זעלטן ווען ליגט אַ בריוול אין פּאָסט־קעסטל, אַן אײַנלאַדונג צו אַ קולטור־באַגעגעניש, אַ שׂמחה. פֿון וואָך צו וואָך ווער איך אַלץ מער איזאָלירט, פֿאַרפֿרעמדט, אָפּגעזונדערט. כ׳פֿיל דאָס אין די סתּמיקע שפּאַצירן אויף גאַסן, וואָס ענדערן כּסדר זייער אויסזען: נײַ־געבויטע פֿילשטאָקיקע וואָלקנקראַצערס, געשעפֿטן מיט גרויסע, ברייטע שויפֿענצטערס, רײַצנדיק־אויסגעשטעלטע מיט לוקסוס־מלבושים, שוכוואַרג, קאָסמעטישע אַרטיקלען, גאָלדענע,

בריליאַנטענע ביזשוטעריעס, אַפּעטיט־וועקנדיקע דעליקאַטעסן. אויפן אָרט פון די צעוואָרפענע ותיקים־הײַזלעך, מיט באַביימערטע, פאַרבנפולע באַלקאָנען, באַגראָזטע גערטנלעך, ווערן געבויט און קומען אויף מאָדערנע הויכע שותפות־בלאָקן מיט ראַסקאָשנע דירות. דאָרט וווינען אַמערסטנס נישט באַקאַנטע יונגע משפחות. כ׳דערקען וואָס אַמאָל ווײַניקער די גאַסגייערס. ס׳איז אויפגעוואַקסן אַ נײַער דור, אַ מאַטעריאַליסטישער, וואָס גאַרט בלויז צו געניסן פון מאַטעריעלע, פיזישע לוסטן. ווען־נישט־ווען באַגריסט מיך נאָך ווער פון די לעבנגעבליבענע באַקאַנטע. די מערהייט, נישט קענטלעכע פאַרבײַגייערס, באַמערקן מיך אַפילו נישט. די עלנטקייט, די פאַרגעסנקייט, די אידעענלאָזיקייט פון יונגן דור מאַכן מיך אומרויִק, שפּלדיק, טרויעריק. בדלית־ברירה האָב איך באַשלאָסן צו זוכן אַ זקנים־היים. כ׳האָב געהאָפט דאָרט צו געפינען אַ ביסעלע היימישקייט, חברישקייט, פרײַנדשאַפט. — בין אין אַ חמסינדיקן יוני־טאָג געפאָרן אין דער אַלטנהיים „שערי מנשה”.

ב

ווי נאָר כ׳בין אַרויס פון אויטאָבוס, האָב איך אין וואַכבודקעלע באַמערקט זיצן צוויי זקנטעס. ביידע האָבן אויף מיר נישט געקוקט. האָבן אויסגעזען מידע, דערשעפּטע. קוים, קוים געאָטעמט די צעגליטע לופט. מיר האָט אויסגעזען, ס׳איז זיי שווער דאָס וואַרטנדיקע זיצן. אויף וועמען וואַרטן זיי? כ׳בין אַ ווײַלע געבליבן שטיין און זיי אָבסערווירט. איינע — אַ דיק־באַפּליישטע מיט אַ פאַרשוויצט, רויטלעך — צוגעפאַרבט, צום האַלדז אַראָפּגעיוירן פּנים, איז געווען אָנגעלענט אויפן געלן אָזבעסט־ווענטל. דער צווייטערס דאַר, אײַנגעבויגן גופל האָט איר קורצגעשוירן, ווײַסהאָריק קעפּל אַרויסגעשטעקט פון „פענצטער”־לעכל. נאָכגעקוקט די אַרײַן און אַרויסגייערס. ספּעציעל נייגעריק אויף די אַרויסשטײַגערס פון צופאָרנדיקע אויטאָבוסן. די גראָבע האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס איז איר דאָ „ווינד און ווײ”. זי האָט לעצטנס ביטערע געפילן. מאַטערנדיקע מיחושן, שלאָפּט ווייניק. די לעצטע נאַכט האָט זי געהאַט אַ פינצטערן חלום. זי האָט אויסגעשפּיגן: „ס׳זאָל נאָר אויסגיין צו שונאימס קעפּ”. די דאַרע האָט אַרײַנגעבויגן ס׳קעפּל, עס געהויבן, אויסגעדרייט צו דער דיקער. שטיל צו איר גערעדט. דאָס בולטע ביינדל אין האַלדז האָט זיך באַוועגט גיך, נערוועז; זי האָט געמורמלט: „רחל, זי גלייבן אין בזדורעס? ווען אַפילו איינער פון מײַנע חלומות וואָלט געוואָרן מקוים. אָהאָ! וואָלט שוין פון לאַנג אויף מיר געוואַקסן גראָז. זי הערן? אוי, די חמימות לייגן

אַוועק. נישטאָ מיט וואָס זיך אונטערצולענען ס׳הארץ. וואָס עס גלוסט זיך עסן, פאַרוועהרן די דאָקטוירים, און וואָס מ׳גיט דאָ, מ׳שטיינס געזאָגט, האָט דאָך נישט קיין יידישן טעם״. אירע אויגן האָבן זיך טשיקאַווע צעפינקלט: „מיט אייַער לאַדזשער וועט עפּעס ווערן?״

„גיטל, כ׳זאָל אַזוי נישט וויסן פון קיין צרות. אין מייַנע אויגן זעט ער אויס אַ דרייקאָפּ. רעדט נאָר פון געלט, אַקציעס, פּראָצענטער. אַן אַלטע בהמה. דעכעט. הוסט, סטענקעט. לעבט אַ דאַנק די פּילן, שמעקט שוין מיט קברים־בלעטלעך און האַלט אין איין חשבונען, וויפל ער פאַרדינט יעדן טאָג פון די בעלי־חובות, פון פּראָצענטער און אַקציעס אין די בענק. שלעפּט זיך אַרום מיט פולע קעשענעס שפּאַר־ביכלעך. כ׳האָב שטאַרק מורא, אַז פון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט ווערן״. זיך פאַרהוסט. פון אַ גרויסן, רויטן בייַטל האָט זי אַרויסגענומען געלע, סאַלוועקס־טאַבלעטלעך און אַ פלעשל געקאָכט וואַסער. נאָכן איינשלינגען די „רפואה״, האָט זי זיך אַ ביסל באַרויקט. אירע אויגן האָבן זיך געפייַכט. זי האָט זיי געווישט מיט אַ ראָז טיכל. געזיפצט. „ווי קומט ער צו מייַן מאַן, יידל־זעליקן? טאַקע געווען אַ בוי־אַרבעטער, אָבער געהאַט אַ גאָלדן, איידל הארץ, אַן איבערגעגעבענער הסתדרות־חבר. געווען אַן אמתער סאָציאַליסט. תּמיד געווען פאַרקאָכט אין בלעטער, זשורנאַלן, ביכער. כ׳קען נישט אויפהערן טראַכטן פון אים״.

„חכמה מייַנע, זאָגט מיר נאָר, ווען ער וואָלט נאָך אינען געבליבן אַן אַלמן, וואָלט אינען געווען וווילער? וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסן. אַזוי פירט זיך די וועלט״, האָט די דאַרע אַראָפּגעשאָקלט מיטן קעפּל.

ביידע ווייַבער האָבן דורכן פענצטערל ווידער אַרויסגעקוקט אויף די אויסשטייַגנדיקע פון אָנפאַרנדיקן אויטאָבוס. דער דיקערס פּנים איז געוואָרן באַזאָרגט, אויסגעזען רעזיגנירט, אַנטוישט. פּלוצעם מיך אַ פרעג געטאָן ווען איך זוך. צו דער דאַרער געזאָגט: „לאָמיר גיין. אַ שאָד ס׳זיצן דאָ און זיך פּרעגלען אין אַזאַ חמימה. מיך סתּם אָהערגעשלעפּט. ווייזט אויס. ר׳איז טאַקע יענער בלאָפער. אַ וואָרט איז ביי אים נישט ווערט קיין אויסגעבלאָזן איי. אַמאָל זענען געווען פייַנע, אָרנטלעכע לייַט. זענען זיי אויפן עולם האמת״. מיטן טיכל פאַרווישט אַ רינענדיקע טרער פון לינקן, יאוש־קוקנדיקן אויג.

„רחל, פייַפן זי אויף אים. זי זעען? אויך מייַן אוצר האָט מיך אָנגעפּרייַערט״. זיי זענען אַוועק אין בית־זקנים און איך נאָך זיי.

ג

אין שמאָלע אַלייעכלעך, געסלעך, סטעזשקעס האָב איך באַגעגענט קריכנדיקע, גרײַזגרויע פרויען און מענער. זעלטן ווען, האָט זיך ווער אָפּגעשטעלט, סתם געבליקט, זיך אַרומגעקוקט, ווי מיט שלעפּעריקע אויגן און אַוועק זוכן אַ באַשאָטנטע באַנק. צוויי הויכע, דאַרע תּימנער מיט בולט־ביינדלדיקע, טונקל ברוינע פּנימער, קורץ און שיטער־באַבערדלטע און נעבן די אויערן — דינע, שרויפּנפאַרמיקע, באַמבלענדיקע פּיאות, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אונטער יונגע, פריש־צעגרינטע ביימעלעך, נעבן געפּלעגטע, פאַרשידנפאַרביקע בלומען־בייטן. מיט האַלב פאַרמאַכטע, נאַסלעכע אויגן געקוקט אויף די ווײַס און קרעם־באַקאַלכטע צריפּלעך, הײַזלעך מיט רונדיקע דעכלעך, וואָס זעען אויס, ווי מאָנומענטן. אויף מײַנע פראַגן נישט גערנדיק געענטפערט. אויף מיר געקוקט ביטולדיק, ווי זיי וואָלטן זאָגן: „נישט כּדאי". זיך אויסגעדרייט און ווידער געגאַפּיעט אויף די פאַרביקע, דופּטיקע בלומען, צווישן צוגעשוירענע, נאַר וואָס באַוואָסערטע, טונקלגרינע גראָזן.

רחל און גיטל האָבן לעבהאַפט גערעדט מיט אַ ווײַס באַבאָרדטן מאַן, וואָס האָט פול מיט הומאָר געענטפערט אויף זייערע און אויף פאַרבײַגייערס פראַגן. זיי זענען געזעסן אויף אַ באַנק אונטער אַ הויכן יאַלקע־בוים מיט ברייטע שאָטנדיקע צווײַגן, נעבן אַן אַספאַלט־שטעגל. דער זקן האָט אין זײַן ליגקער האַנט געהאַלטן שלום עליכמס בוך: ‚פונעם יאַריד'. זײַן ווײַזפינגער אַרײַנגעשטעקט אין די לעצטע זײַטלעך. דאָס בוך האָט זיך געשאָקלט אין זײַן דאַרער, ציטערדיקער דלאָניע. דער אַלטיטשקער האָט זיי דערציילט זכרונות פון אַמאָליקע ראָמאַנען, זײַנע דערפאָלגן, דורכפאַלן אין זײַן גרויסן ברעטער און קוילן־סקאַלד אין גער; וועגן דינאַמישע לעבנס־פעריאָדן אין פאַרשידענע לענדער, נאָכן אַנטלויפן פון וואַרשעווער געטאָ, אין יאָר 1941. אין ישראל געלעבט נישט שלעכט, רויִק. אויך יעצט זינדיקט ער נישט. ס'איז אים דאָ אָנגענעם. ר'איז צופרידן. באַדויערט בלויז, וואָס די צײַט לויפט שנעל. ר'איז תּמיד פאַרנומען. לייענט, לערנט תּנ"ך, משניות, אַמאָל אַ בלאַט גמרא. האָט גאָר הנאָה פון אַ גוט יידיש בוך. אין מיטן דערין זיך פאַרקוקט אויף די אנטקעגנדיקע, קופּאָל־פאָרמיקע שומרון־בערג, וואָס זעען אויס, ווי גרויע, ערטערווייז גרינבאַביימערטע וענט, געהויבענע, פאַראייניקטע מיטן פאַרנעפּלטן האָריזאָנט און רויכ־קאָליריקן הימל. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט און מיטן בוך אָנגעוויזן אויף די פעלדזיקע בערג: „ווען כ'זע די דאָזיקע שטיינערדיקע מויער,

דוכט זיך מיר, אַז דאָרט ענדיקט זיך ס׳וועלטל. אַמאָל איז פּאַקטיש דאָרט געווען אונדזער גרענעץ״.

די ווײַבער האָבן נישט רעאַגירט אויף זײַנע רייד. זיך געגאַפּיעט אויף די גרינבאַבלעטערטע, זוימענבאַפּרוכפּערטע שטענגלעך מיט נאָך שוואַנגערדיק־פאַרמאַכטע קנאָספּן, אויף צווײַגלעך מיט שוין צעעפנטע, טראַכטן־אויסשפּראָצנדיקע, קאָלירקע, דופטן־פאַרכאַפּנדיקע, נאָר־וואָס־געבוירענע בלימעלעך. געקוקט אויף די זאַפטיקע שטענגלעך און צווישן זיי שוין געל־פאַרטרוקנטע ריטלעך מיט וועלקנדיקע, צו ערד־געבויגענע, צאַנקנדיקע רויזן. אָבסערווירט. געבליקט אויף יונגע, פאַרבפולע געוויקסן און נעבן זיי קראַפּטלאָזע, אויף באָדן־ליגנדיקע, טויטע בלעטער, פאַרפּוילטע ליליעס, נאַרציסן, מאַרגאַרעטקעס, אַרום און אויף זיי ראַיענדיקע שרצימלעך.

דער זקן האָט איבערגעריסן די שטילקייט. געעפנט דאָס בוך „פונעם יאַריד״. געמורמלט: „אַ גאַר טשיקאַווע, באַלערנדיק בוך. צו שנעל עס איבערגעלייענט. איך וואָלט, כ׳לעבן, נאָך אַמאָל עס אָנגעהויבן, כ׳מוז אָבער דאָס אים צוריקגעבן. אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס כ׳האָלט שוין בײַם סוף דאָס איז״...

אַ קלינגענדיק מיידל־געלעכטער האָט איבערגעריסן זײַן נישט פאַרענדיקטן זאַץ. די זיצערס האָבן אויסגעדרייט די קעפּ. הינטער זיי איז געשטאַנען אַ שלאַנקער יונגערמאַן, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן כאַלאַט, אַ קײַלעכיק ווײַס היטל אויפן בלאָנד־באַהאָרטן קאָפּ. ער האָט זיך מונטער אונטערהאַלטן מיט אַ יונגער, ברונעטער, חנעוודיקער קראַנקן־שוועסטער, אָן אָנגעטוענע אין אַ צעקנעפּלט, בלאַנק־ווײַס מאַנטעלע. איר שמאָל, שלענגלדיקער גוף האָט זיך צום בחור געגעענטערט, אָפּגעבויגן, מילי־מעטערוווייז זיך צוגערוקט. אומרויק באַוויגן אירע קניען, געהויבן ס׳רעכטע פּיסל. געבליבן שטיין אויפן לינקן, הויכקנאָפּלדיקן, שפּיציקן רויטן לעטשל. אַזוי, כּמעט שוועבנדיק מיט פליגלדיק־צעשפּרייטע הענט, הילכיק און טעמפּעראַמענטפול געלאַכט. שטיפנדיק גערעדט וועגן פילם־סטאַרן, שלאַגער־זינגערס, טענצערס; באַרימעריש דערציילט אירע פּלענער, טרוימען, ווונטשן. אויפן בחור געקוקט מיט צעשטראַלטע, ברוינע פלעמלדיקע אויגן. האַרציק־צופרידן זיך צוגעשמייכלט, געלאַכט. געוויזן אירע צווײַ ווײַסע, גלאַנציקע שורות ציינדלעך צווישן העל־רויטע, חשקפולע ליפּן. זי האָט אים דערציילט אירע חלומות. זי וויל ווערן אַ זינגערין. אויפטרעטן אין דער טעלעוויזיע, פאָרן קיין אַמעריקע לערנען טעאַטער־קונסט. אפשר וועט זי ווערן אַן אַקטריסע, שפּילן אין פילמען, ס׳איז איר ווידערווילִיק צו אַרבעטן

אין בית־זקנים־שפּיטאָל, מעדיציניש און פּיזיש באַדינען קראַנקע זקנים, זקנה׳ס און ווען עס נויטיקט זיך אַרבעטן אין ביוראָ מיטן אַלטן מנהל, דעם ווײַבערניק, וואָס טשעפּעט זיך צו די שוועסטערס. אירע דיקלעכע, ליבע־דאָרשטיקע, מאַט־באַשמינקטע ליפּן האָבן זיך לײַכט צעעפנט, ווי גאַרנדיק צו ווערן געקושט. דעם זקנס טריפנדיקע, פײַכטלעך־גלאַנציקע אויגן האָבן קנאָהדיק אויפגעשײַנט, גלאָצנדיק אויפן ראָמאַנטישן פּאָרל. ער האָט מונטער זיך אַ זאָג געטאָן: „ווי מיינט עטץ? בעסער צו זײַן אַ יונגער קוכער, ווי אַן אַלטער פּרעזידענט אין אַמעריקע". צובייגנדיק זיך צו די ווײַבער געשעפּטשעט: „מ׳טאָר נישט טראַכטן וועגן דער זקנה און סוף פון לעבן. ביכער ווירקן אויף מיר גוט. כ׳פאַרגעס ווו כ׳האַלט".

גיטל האָט באַשטעטיקט: „איר זענט גערעכט" און צו רחלען געזאָגט: „איך גיי זיך איבערטאָן. מ׳האָט באַלד א לעקציע".ביידע ווײַבער זענען אַוועק אין פאַרשידענע ריכטונגען. דער אַלטער האָט געלייענט די לעצטע בלעטלעך פון „פונעם יאַריד". ביסלעכווייז פאַרמאַכט די אויגן, אײַנגעדרימלט.

ד

כ׳האָב זיך געדרייט אין פּוסטע געסלעך, שטעגלעך. געקוקט אין אָפענע פענצטער און באַמערקט: אַלטע פרויען שטייען פאַר שפּיגעלעך אין צעעפנטע שענקלעך־טירלעך. פּוצן זיך אויס אין רעשיק־קאָליריקע קליידלעך, אין קלאָשיקע ראָקן, אין אויסגעפּאַסטע בלוזקעס. זיי פאַררונדיקן און בולטן אויס די ביוסטן, נעמען אַרויס שפּילקעס פון די גרויע האָר. מאַכן זיך לאָקן. די צעפּאַלדעוועטע, געלבלעכע פּנימער פאַרשמירן זיי מיט קרעם, פאַרבן, זאַלבן, פּודערן, שמינקען קוואַרע ליפּן. טוען זיך אָן און טוען זיך אויס. מעסטן, טוישן קליידלעך, לעטשלעך, אוירינגלעך. אַ דיק־באַפּליישטע, הויכע זקנטע מיט בלאָנד־געפאַרבטע האָר האָט איר פּנים דערנעענטערט צו אַ שפּיגעלע, זאָרגפול עם באַטראַכט. מיט ציטערדיקע פינגער צעשמירט קרעם אויף די קנייטשן אַרום די אויגן און די מויל־ווינקלען. דעם שטערן, די באַקן, דעם האַלדז מאַסאַזשירט אין דער לענג און אין דער ברייט. געוואָלט פאַרשמירן די צעפּאַלדעוועטע אַלטקייט־סמנים, וואָס עס האָבן אויסגעקריצט אירע זיך־קרייצנדיקע לעבנס־וועגן.

פון די באַראַקלעך, פון הײַזקעס זענען אַרויס פאַרביק־געקליידעטע ווײַבער, יומטובדיק־אָנגעטוענע מענער. מיט קורצע, פּאַמעלעכע טריטלעך זיך געשלאָמפּערט אין שול אַרײַן. צו דער באַשטימטער שעה איז דאָס לעקציע־צימער געווען פול מיט שילערינס, שילער. ווי יונגוואַרג אויפ־

לעבנדיקע געטומלט. זיך מונטער אונטערהאַלטן. מענער האָבן נישט געקאַרגט קיין קאָמפּלימענטן זייערע שול-חברטעס, װעמענס מיט קאָסמעטיק מאַסקירטע פּנימער עס האָבן זיך, װי אין יוגנט־יאָרן, אַמאָל בושהדיק געראָזט, אַמאָל הנאהדיק צעחנדלט. זיך, װײַזט אויס, דערמאָנט אַמאָליקע ראָמאַנטישע מאָמענטן. בײַ טייל האָבן זיך געװעקט פאַרשלאָפענע רייצן, האָפענונגען מיט די פלירטערס נעענטער זיך צו באַקענען. אפשר גאָר איבערגיין װוינען אין זייערע שטיבלעך. טייל האָבן שמייכלענדיק דערציילט ליבע-זכרונות פון פאַרשװוּנדענע יוגנטיאָרן.

בײַ אַ טישל, נעבן אַ גרויס שװאַרץ װאַנט־ברעט איז געזעסן דער הדרת־פּנימדיקער, גרויער, בית־אָבות איינװוינער, ברוך בערקאָװיטש, מחבר פון עטלעכע פּסיכאָלאָגיש־דערציערישע העפטן. ס'האָבן אים אַרומגערינגלט שילערינס, שילער, װעמען ער האָט צוריקגעגעבן קאָרעגירטע חיבורים אויף דער חומש־פּרשה „װילך".

„שלום מורי", האָט אים באַגריסט רחל. „כ'זע, איר פילט זעך גוט".

„געװיס", האָט ער זיך צעשמייכלט. געגלעט דעם הויכן שטערן, די זיך רויטלענדיקע בעקלעך: „לערנען װירקט אַלע מאָל, אויף יעדן פּאָזיטיװ. ספּעציעל אויף עלטערע. מ'פילט זיך געזונטער, האָפערדיקער פון די ליידיקגייערס". זײַנע בעקלעך האָבן זיך נאָך מער צעפלעמלט. די אויגן צעפינקלט מיט די נאָך פאַרבליבענע לעבנס־אימפּולסן. מיט אַ קלינגענדיק קול פאַרטײַטשט די לעצטע חומש־קאַפּיטלעך: „האזינו" און „וזאת הברכה". זײַנע אויגן האָבן זיך התלהבותדיק צעליכטיקט, גלײַך ער װאָלט אַליין געװען אַנװעזנדיק בשעת גאָט האָט באַפוילן משהן אַרויפשטײַגן אויפן באַרג נבו, װי ער װײַזט אים דאָס לאַנד כּנען, װאָס ער יר'שנט צו די בני־ישראל. אָבער װייל ס'פאָלק האָט זיך צעבונטעװעט, װען עס האָט נישט געהאָט קיין װאַסער און משה האָט געשלאָגן דעם שטיין, װעט ער בלויז זען דאָס לאַנד פון דער װײַטנס און נישט זוכה זײַן אַרײַנצוקומען אַהין. ברוך איז געװאָרן אומעטיק. זײַנע אויגן־גלאַנצן האָבן זיך געבלאָסט, געלאָשן. די פּנים־ראָזקייט איז געװאָרן בלייכער און ער האָט פאַרענדיקט מיט רמזים אויף דער הײַנטיקער צײַט: „„וישמן ישורון ויבעט'. אַז מען װערט פעט קאָפּעט מען. ס'לעבן אין ישראל װערט לוקסוסדיקער. דאָס איז אַ גרויסע סכּנה צו פאַרדאַרבנקייט". דעם לערערס באַקומערט פּנים, און זײַנע לעצטע יאושדיקע װערטער האָבן מיך און אַלעמען באַטריבט. כ'בין אַרויס. זיך געזעצט אויף אַ באַנק נעבן אַ קופּע אָנגעשניטן פאַרטריקנט גראָז און טרויעריק געדמיונט.

ה

כ׳האָב שפּאַצירט אין באַזוניקטע אַלייען. אויף שוועלן פון אָפענע טירלעך האָב איך באַמערקט זיצן אַלטע לײַט. טייל דרימלענדיקע. ס׳זענען פאַרבײַגעגאַנגען יונגע פרויען אין פאַרביקע קליידער, לאַטשן, שטאָלץ, מונטער גערעדט, געלאַכט. אויך מיטליעריקע מענער אין אַרבעטער־מלבושים. זיי אַלע, אַהיימגייענדיקע, געקומענע פון און צו אַרבעטן, האָבן אָפּגענייגט זייערע בליקן פון די אַלטע און פון מיר. און ווײַל דאָס האָט מיר פאַרדראָסן, בין איך דווקא זיי נאָכגעגאַנגען. כ׳בין צוגעקומען צום שפּיטאָל און ס׳איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע. כ׳האָב דערזען אַ דריקנדיקע מרה־שחורה אויף די קראַנקעס אָנבלוטיקע פּנימער. די מערהייט איז האָפענונגסלאָז. אַ קראַנקן־שוועסטער האָט פונקט געמאַכט אַן אײַנשפּריצונג אַ קוימאָטעמדיקן לונגען־קראַנקן. ער האָט איר העפלעך געדאַנקט, מיט זײַנע געלע פינגער געגלעט איר שמאָל הענטל. אויף זײַנע בלויע ליפּן איר געוויזן קושצייכנס און צוגעמורמלט: „תודה, אחות יקרה, אָבער וואָס קומט אַרויס, שפּריץ אַהין, שפּריץ אַהער. ס׳וועט מיר שוין העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס״. אַז דער לונגען־קראַנקער האָט מיך באַמערקט, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן: „לערנט פון מיר. אַרומגערודערט, האַלב רמת־גן אויפגעבויט, זיך געקריגט מיט אַרבעטער, פאַרדינט אוצרות, געשפּאָרט געלט אין אַלע בענק. איר זעט? דאָס איז דער סוף. די שוועסטער זאָגט כ׳רעד נאַרישקייטן. אָבער דאָס איז דער ריכטיקער, קלוגסטער אמת״. רעכטס נעבן אים האָב איך באַמערקט ליגן אַ האַרץ־דאָקטאָר, וואָס האָט קוים געאָטעמט. ער האָט זיך אַליין געטאַפּט דעם פּולס. געציילט, געציילט. די אויגן זענען אים געוואָרן טרערנדיק, דערשראָקן. לינקס נעבן אים איז געלעגן אַ ירקותניק, וואָס האָט פרום אַרײַנגעמורמלט אין אַ תהילימל. ביידע האָבן געפיבערט. אויף מיר געקוקט מיט פײַכטע, יאוש־בליקנדיקע אויגן.

כ׳בין געגאַנגען אין אַנדערע אָפּטיילונגען, איבערפולטע מיט קראַנקע, קריפּלס. בלויז איינצלנע האָבן זיך קוים, קוים געשלעפּט, געלאָמט אויף קוליעס, געשאַרט צווישן שורות בעטן. אויך אויף זייערע געלע קנאָכיקע, צעקנייטשטע געזיכטער מיט גלאָציקע אויגן האָב איך דערקענט יסורים און פּחד פאַרן סוף.

„דאָרט ליגט אַ מיליאָנער״, האָט מיר אַ קראַנקן־שוועסטער אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער. זיך אָפּגעשטעלט נעבן זײַן בעטל. די טאָץ מיטן פרישטיק איז נאָך געלעגן נעבן אים אומבאַרירט. ער האָט אויף מיר געקוקט

שטאַר, זיך צעווײנט. מיט בלויע, טרוקענע ליפּן געשעפּטשעט אומפּאַר־שטענדלעכע ווערטער. שווער געאָטעמט, געכריפּעט. געזען אַן עושר ענדיקט זײַן אַמאָליק הו־האַ און איצטיק יסורימדיק לעבן. בין אַרויס. אַרײַנגעאָטעמט דופטיקע לופט פון ביימער־בלעטער, פון יונגע גראָזן, קאָלירפולע בלומען. כ׳בין געגאַנגען אין דער ריכטונג פון מונטערע יוגנט־קלאַנגען. צוגעקומען צו דער שולע פאַר שפּיטאָל־סאַניטאַרן. נעבן אַ שטאָקיק ,ראָז געטינקט הויז, אויף צוגעשניטן, נידעריק גראָז איז געזעסן אַ גרופּע פאַרביק געקליידטע יונגע חברה, וואָס האָבן פריילעך געזונגען. זייער פּילדערנדיקע צעהוליעטקייט האָט אין מיר פאַרטויבט די נאַר־וואָס געהערטע יאָמערלעכע קרעכצערײַען פון די קראַנקע זקנים און דאָס כאָרכלען פונעם גוססן מיליאָנער. אין מיר האָט זיך ד׳ערוועקט פאַרדרימלטע האָפערדיקייט. כ׳האָב זיך צוגעזעצט נעבן אַ יונג פּאָרל. דאָס בחורל האָט אָפּגעבייגט דעם קאָפּ פון דעם מיידלס ביוסט און מיך אַנגעקוקט בייזלעך. ס׳מיידל האָט שרעקיק געהויבן דעם דזשינדזשיס געדיכט געקרײַזלטן קאָפּ. פאַרקנעלפּט איר בלוילעך בלוזקעלע. זיך אויפגעשטעלט. אַראָפּגעצויגן דעם געקלאָשטן, שאַרע־געבלומטן ראָק, פאַרגלעט, געגרונדיקט די האָר־רעדלעך, פון בחורס באַקן אָפּגעווישט די באַרדאָ שמינקע־פלעקן. געזאָגט: „יואב קום". דער יונג האָט זיך אויפגעשטעלט. מיך געצאָרנט מיט זײַנע העלע, בירקאַליריקע אויגן. די רעכטע האַנט אַרויפגעלייגט אויפן מיידלס אַקסל הויך געכאַכאָטשעט און אַוועק. אַ ווײַלע בין איך געבליבן זיצן אַ באַזײַטיקטער. זיך אויפגעהויבן און געגאַנגען צו דער אויטאָבוסן־סטאַנציע.

אין וואָכבודקעלע, בײַם טויער האָב איך באַגעגנטביידע זקנטעס: גיטל און רחל. זיי האָבן ווידער געוואָרט אויף זייערע צוגעזאָגטע באַגעררס. אפשר צוקונפטיקע מענער, וואָס האָבן אין ביידע דערוועקט האָפענונגען זיי צו באַפרײַען פון זייער איינזאַמער אַלמנהקייט, אויפגערייצט איינ־געשלאָפענע לײַדנשאַפטן.

די אונטערגייענדיקע זון האָט מיט לעצטע פאַרגאַכט־שטראַלן אַ ביסל געליכטיקט זייערע פאַרפּײַכטע, אומעטיקע אויגן און די צעקנייטשטע געל־פאַרמעטענע פּנימער.

ו

נאָכן אויסהערן דובס מעשה, האָב איך געקוקט אין זײַן פאַלדיק פּנים, טרוימערישע אויגן, אויף זײַן ווײַסער טשופּרינע און געטראַכט וועגן אייביק־נאַטירלעכע, רחמימלאָזע לעבנס־פּראָצעסן פון אַלע ערדישע

לעבעדיקע וועזנס, וואָס האָבן איין און דעם זעלבן פּיזיש־פאַרלענדיקן סוף. ער האָט מיר געזאָגט „שלום" און איז אַוועק.

ז

דער טונקלער פרימאָרגן אין געווען ווינטלדיק, רעגנדיק. יעדעס מאָל האָט בלישטשנדיק אויפגעבליצט און קנאַלנדיק געדונערט. ס'האָט אָנגעהויבן גיסן, ווי מיט צעבערס. פּלוצים האָב איך געהערט קלינגען ס'טיר־גלעקל. כ'בין געלאָפן האַסטיק צו דער טיר. זי געעפנט, געבליבן שטיין דער־שטוינט: „דב, אין אַזאַ וועטער ?"

„ברודער, זעסט דאָך, ביז די קני נאַס. כ'מוז זיך איבערטאָן. די וועגן זענען פאַרפלייצט. כ'בין אַריבערגעגאַנגען די גאַס צו דײַן הויז, איז פאַרבײַגעפאָרן אַ לאַסטאויטאָ, מיך באַשפּריצט, באַצוואָגן. אַ צעטומלטער בין איך אַרײַן אין אַ קאַלוזשע".

נאָכן טוישן די נאַסע הויזן און די שיך, האָט ער זיך געזעצט קעגן מיר מיט דער פּלייצע צום שטיי־שפּיגל. אויף מיר געקוקט ערנסט, פאַרטראַכט. „ווייסט, די אַ גראַבע רחל, וועלכע כ'האָב באַגעגנט אין בודקעלע, פאַרן בית־זקנים „שערי מנשה", איז אונדזערס אַ געוועזענע שכנה. מיר האָבן יאָרן געוווינט אין איין הויף, אויף נאַלעווקע 15. איר מאַמע, שרהלה, פלעגט כּמעט יעדן שבת, זיצן בײַ אונדז שעהן, דערציילן רבישע מעשהלעך, פאַרטרויען משפּחה־סודות, דאגות פון „קאַליע־געוואָרענע קינדער, וואָס זענען אַראָפּ פון גאָטס וועגן". פון קליינוווײַז אָן ביז רחלס אַנטלויפן קיין ביאַליסטאָק, אין סוף פעברואַר 1940, האָב איך זי יעדן טאָג געזען און אין בודקעלע נישט דערקענט. וואָס אַלטקייט מאַכט. זי האָט זיך פולקאָם געאַנדערשט. געוואָרן פעטלײַביק. אַ ביסל געהויקערט. ס'פּנים, די דלאָניעס, דער האַלדז — געל, זיך קנייטשנדיק. כ'האָב מיט איר גערעדט צוויי מאָל: פאַרן אַרײַנגיין אין אַלטנהיים זיך פאַרשרײַבן, און בײַם אַרויסגיין".

דערציילט: ער האָט נישט געוווּסט, צי ער רעדט מיט דער אַמאָליקער שיינער רחלע פײַנשטיין. אויפן דריטן טאָג ווינען אין בית־זקנים האָט ער זי באַגעגנט אין גערטנדל. מיט איר געשמועסט מער ווי אַ שעה. זיך, קעגנזייטיק דערציילט זכרונות פון אַמאָליקן, ייִדיש־דינאַמישן לעבן אין וואַרשע. אַז זי האָט געהערט, אַז ער האָט אויך געוווינט אויף נאַלעווקע 15, האָט זי זיך פאַרגעשטעלט: „כ'בין רחל פײַנשטיין, שמעיה בוכהאַלטערס

טאָכטער". ר׳איז געוואָרן צעדולט. באַדויערנדיק זי אָנגעקוקט. זיך דערמאָנט אירע אַמאָליקע בלאָנדע, גלאַנציק־זײַדענע האָר מיט טייל מאָל געפלאָכטענע צעפּ, וואָס האָבן אין אַלטנהיים אויסגעזען ווי פון זון־אויסגעטרוקנט, געלבלעך היי. אירע מיידלשע, גלאַנציקע אייגעלעך מיט די בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּלען, ווי צוויי בלאַנקענדיקע בריליאַנטלעך, זענען געוואָרן פאַרלאָשן, געקוקט מאַט, שלעפעריק. ער האָט זיך דערמאָנט אירע יונגע, בלוט־שפּראָצנדיקע בעקעלעך, וואָס זענען געוואָרן דרײַפּאַכיק גרויס, פאַלדיק, אַראָפּגעהאָנגען, ווי צעפּלאַצטע באַלאָנדלעך. ער האָט זיך דערמאָנט אירע תּמיד אַ ביסל אָפענע, רויטע, זאַפטפולע ליבע און קושן־חשקע ליפּעלעך, ווי נאָר וואָס געעפנטע רויזן־קנאָספּן, וואָס זענען געוואָרן געל, פאַרטריקנט, ווי פאַרוועלקטע בלעטלעך. איר געוועזן דין שוואַנענדיק העלדזל איז געוואָרן באַגוידערט, גלאַנציק־פעט, ווי אַ געפילטער, אָפּגעקאָכטער מאָגן. פון די לוסט־אַרויסרופנדיקע בּרוסטלעך אירע, וואָס זענען געווען האַרמאָניש אויסגערונדיקט, ווי זאַפטיקע אַנטאָנען־עפּל, זענען פאַרבליבן צוויי ליידיקע, אַראָפּהענגענדיקע טאָרבעס. אירע שיינע, געטאָקטע פיסלעך, וואָס האָבן געהאָפּסלט אויף מאָדערנסטע, שפּיציקע, דין־קנאָפּלדיקע לעטשלעך, זענען געוואָרן געשוואָלן, קלעצלדיק, מיט בולטע בלויע אָדערן, נאָר־וואָס אויפצופּלאַצן, אויסצוגיסן עפּעס־וואָס ס׳איז נאָך איבערגעבליבן בלוט. אויף איר פּנים געקוקט, געקוקט און קוים זי דערקענט. די אירע דערציילטע געשעענישן האָבן אים געמאַכט טשיקאַווע. האָט ער זי אָפּט געטראָפן־און זי האָט אים דערציילט אירע איבערלעבונגען אין די מלחמה־יאָרן ביזן איצטיקן לעבן אין בית־זקנים.

אויך גיטל, איר חברטע, וואָס איז דאָן געזעסן אין בודקעלע האָט זיך מיט דבן באַפרײַנדעט. אים דערציילט נאָך פאַסירונגען פון רחלס פאַרגאַנגענהייט, פון קינדווײַז ביז איר טראַגישן טויט, ווי זי איז דערהרגעט געוואָרן פון איר אַראַבישן איידעם, אַ טאָג פאַר דעם. דאָס איז געווען ערב ראש־השנה, איז זי מיט רחלען געזעסן שעהן. מיט איר געשמועסט. גיטל האָט דבן אַלע פּרטים אינפאָרמירט. אים איבערגעגעבן רחלס טאָגביכל.

דב האָט פון דער קעשענע אַרויסגענומען פאַרשריבענע פּאַפּירלעך. „ברודערקע, פון גיטלס געהערטע עפּיזאָדן, פון די געלייענטע זכרונות אין רחלס העפטל און מײַנע דערינערונגען, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט די פאָלגנדיקע מעשה, וואָס דו האָסט מיך געבעטן, כ׳זאָל היינט קומען פרי און זי דיר פאָרלייענען:

ח

רחל, ווי שוין דערמאָנט, איז אויסגעוואַקסן אַ שיינע מויד. געהאַט ראָזלעכע, גלאַנציקע, ווי געשליפענע בעקלעך, אַ גלייַך, עטוואָס פאַרריסן נעזל, פינקלענדיקע, לעבנס־גאַרנדיקע, פאַרחלומטע, בלויע אויגן, צוויי בלאָנדע צעפּ געשלענגלט־צאַפּלדיקע איבער אירע חשקפולע, העזהדיק־געבולטע בריסטלעך, ווי נאָרוואָס געבאַקענע צוקער־בולקעלעך, און אַמאָל צווישן האַרמאָניש גלייַכע אַקסלען אויף איר סימעטרישער פּלייצע ביז אירע פּרוייִש־רייַפע, גערונדיקטע היפטן. איר גראַציעז, שלאַנק קערפּערל, לאַנגע, גלייַכע פיסלעך האָבן מיך געכישופט, האַלבע נעכט געריצט. אָפט געחלומט בלויז זי אָנצורירן, כאָטש רגעס שמועסן. אָבער מיך, אַ בחורל מיט פאָהלעך, מיט קוים־שפּראָצנדיקע וואָנצעלעך, אָנגעטאָן אין אַ קאַנטיק, טוכן היטל, אין אַ צייַגן כאַלאַטל, וואָלט די גאַווהטע אַפילו נישט געוואָלט אָנקוקן. כ׳האָב שוין געוווסט ווען זי גייט אויף ראַנדקעס. האָב איך זי אָפּגעוואַרט און זי איז מיט אָפּנייגנדיקע בליקן געבן מיר פאַרבייַגעגאַנגען. איר קעפּל געהאַלטן הויך, שטאַלציק פאַרריסן. כ׳האָב נאָכגעקוקט ווי איר רייצפול, האַרמאָניש־מיידליש גופל באַוועגט זיך עלאַסטיש און ווי אירע שפּיציקע, שמאָלע לעטשלעך מיט די דינע אָפּצאַסלעך טענצלען פאַר היין און אַ הער גייענדיקע. כ׳האָב איר נאָכגעגלאָצט ביז זי איז פאַרשוווּנדן צווישן ווירבלדיקן המון. רחל האָט גוט געוווּסט, אַז כ׳קוק איר נאָך. זי האָט אָבער אויף מיר נישט געלייגט קיין אַכט. האָבן דען איר געפעלט וויכטיקערע בעלנים? כמעט יעדן טאָג איז זי פון טויער אַרויס אַן אויסגעפּוצטע, אַ באַפּאַרבטע, אַ באַשמעקטע. געגאַנגען צו ראַנדקעס מיט פאַצעטלעך, מיט זיי זיך פאַרווייַלן אין קינאָס, טעאַטערס, אין טאַנצזאַלן. אַ שכן, אַ געוועזענער מתיבתא־בחורל, וואָס איז געוואָרן אַ לעבייַנגל, האָט דערציילט, אַז אויף טאַנצאָוונטן פלעגט זי אויפלעבן, ווערן צעוואַרעמט, אויפגעבליט, צעגליט. מיט אירע פאַרערערס לוסטיק געשטיפט, ווילעריש געוווּנקען, געגלעט, צו זיי זיך צוגעדריקט. אָפט מאָל אין זיי געוועקט פאַרדראָס, באַליידיקונג. אייַפערזוכט: מיט אויגנצייכנס האָט זי געלאַדן פון צווישן אירע פאַרטנערס די שענערע מענער און געלאָזט זיצן „אירע״ קאַוואַלערן, וואָס זענען מיט איר געקומען, פאַר איר באַצאָלט איינטריטס־געלט און פאַר געטראַנקען און נאַשערייַען. זיי האָבן קנאָהדיק געקוקט אויף איר לייַכט־באַוועגנדיק, שוועבנדיק פיגורל, ווי עס איז צוגעטוליעט צו די אומבאַקאַנטע פאַצעטלעך און ווי זי רוקט אירע רייצפול־באַוועגנדיקע פיסלעך צווישן ייִנגלעכס אויפצאַפּלדיקע קניען.

דאָס האָט אָפּט גורם געווען ביידנס זיך טועה זײַן אין די טאַנץ-באַוועגונגען וואָס דאַרפן זײַן צוגעפּאַסט צו דער מוזיק און גורם געווען צוזאַמענ-שטויסונגען מיט טאַנצפּאַרלעך. טייל יִינגלעך האָבן מיט רחלען איבערגעריסן צוליבן זעו, ווי איר טעמפּעראַמענטפול-צעשאַקלט, ווי שיכּורדיק, גופל, רייצט די צו-זיך-צוגעטוליעטע פרעמדע טענצערס, בעת די מיט איר געקומענע, האָט זי אויסגענוצט ווי יאָלדן. אַ סך זענען ברוגזע אַוועק. אויפן טישל איבערגעלאָזט צעטלעך: „דאָ ווידזעניאַ״-צום ווידערזען און מער נישט געוואָלט זי אָנקוקן. רחל האָט דערפון זיך נישט גענומען צום האַרצן. אין וואַרשע האָבן נישט געפעלט קיין רײַכע זינדלעך, גימ-נאַזיסטלעך, „מענטשן״ אין גרויסע, רײַכע געשעפטן, וואָס האָבן געזוכט שיינע פּאַניענקעלעך, כּדי מיט זיי זיך בלויז פאַרווײַלן. פלעגט זי טאָקע אַלע מאָל באַקענען אַנדערע. זיי געטוישט ווי אירע קליידלעך, לעטשלעך, זאָקן. נאָר דאָך, ווי יעדע פריילין געזוכט איר אויסגעטרוימטן קאַוואַלער, מיט וועלכן זי האָט געגאַרט חתונה צו האָבן. רחל איז געווען גערעכטן אין דער מאַמעס שיינקייט, ווײַבלעכקייט, לוסטיקייט, סובטעלקייט און אין טאַטנס טרוימערישקייט. זי האָט ליב געהאַט צו לייענען ראָמאַנען, הערן שלאַגערס, זיי נאָכגעברומט, צוגעשאָקלט צום טאַקט מיט די פיס, באַוועגט מיטן קערפּערל. האָט געהן געזען ליבע-פילמען. קיין ערנסטע ביכער האָט זי נישט תּופס געווען. דאָך געוואָלט. געטרוימט זיך פאַרליבן אין אַן אינטעליגענטן, נישט צופיל-געלערנטן בחור. אין טרוים האָט זי געזען איר באַשערטן — אַ הויכן, אַ שלאַנקן, מענעריש-געבויטן, שטאַרקן, ברונעטן, מיט טונקעלע, ביר-קאָלירנדיקע אויגן. די הויפּט-זאַך: געשטרעבט איר חתן זאָל זײַן אַ גוטער פאַרדינער, נישט קיין קמצן, נישט קיין צעפּיעשטשעט רײַך זונדל, מיט וועלכע זי פלעגט זיך פאַרווײַלן. אָ, אָ, האָט זי זיי גוט געקענט. זי האָט איראָניזירט זייערע אײַנרעדעניש, זייער גאַווהדיקע האַלטונג. זי האָט באַגערט איר מאַן זאָל זי ליבן, זאָל שעצן איר שיינקייט, גוטסקייט, פילבאַרקייט. ווי איר פאָטער זאָל ער לאַגיש באַטראַכטן יעדע זאַך פאַרן באַשליסן, פאַרן רעאַליזירן. ער זאָל אויך זײַן פריילעך, אינטערע-סאַנט אין געזעלשאַפט. מיט אַ זעלכן, ווי זי האָט געלייענט אין די ביכלעך, געזען אין די פילמען, וואָלט זי געווען גרייט אַפילו וווינען אין פשוטע צוויי צימערן. זי וועט שוין ס'וווינונגל אויסצאַצקען מיט שיין מעבל, אַ סך בלומען און ווי אין די עלטערנס שטוב, מאַכן אַ גרויסע ביכער און ספרים-שאַנק, ברייט ווי די גאַנצע וואַנט און הויך, אַזש ביזן סופיט. ווי אירע קאָלעזשאַנקעס אײַנקויפן ענציקלאָפּעדיעס, לעקסיקאָנען, ווערטער-ביכער,

פאָלקס־לידער און ראָמאַנען. פון קליינוויז אָן האָט זי גערן געלייענט מענטשלעכע חלומות, זייערע האָפענונגספולע, העלדישע געראַנגלען, צו פאַרווירקלעכן אויסגעטרוימטע „גליקן". זי פלעגט מיט־ווייטיקן זייערע דורכפאַלן. געטרוימט מיט די העלדנס טראַגיש אומקומען. מחיהדיק זיך געקוויקט מיט באַגליקטע דערפאָלגערס. אויב איר באַשערטער וועט כאָטש האָבן עטלעכע מעלות פון איר פאָטער און אירע וויזיעס וועלן זיי ביידע לעבן גליקלעך.

„דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". איר פאָטער, שמעיה בוכהאָלטער, אַ נידעריק, דיק, חסידיש־געקליידט ייִדל, האָט רחלען ליב געהאַט, ווי דאָס ווײַב. זיך אַרײַנגעמישט אין דער טאָכטערס לײַכטע, ערנסטע פלירטע־רײַען, ראנדקעס, וועבנדיקע ראָמאַנען מיט פאַצעטלעך. זײַנע פאָטערלעכע, איבערגעטריבענע זאָרגן, האָבן גורם געווען צו שטערן רחלס פאַרוויילונגען. זײַן צופיל איבערגעגעבנקייט, גוזמאדיק האָפן אויף רחלס גליקלעכער צוקונפט, האָבן איר געשטערט אויסצוקלויבן אַ פּאַסיקן בחור. אויך די מוטער איז געווען זיכער אַז די געראָטענע, שיין־אויסגעוואַקסענע טאָכטער איז ווערט עפּעס אַן אויסנאַמלעכן חתן. טאַטע און מאַמע האָבן זיך קעגנזײַטיק באַווירקט איבערצושאַצן רחלס ווערט. איר אָנגעהויבן היטן, ווי אַ ווערטפולן אוצר. שמעיה פלעגט אָפט דערמאָנען זײַן ווײַב, זי זאָל גוט אַכטונג געבן, ס'קינד זאָל, חס ושלום, זיך נישט פאַרלאָבטשן אין אַ „גאָרנישט". — עפּעס אַן אויסגעפּיאָצקעט, ליגנעריש יאָטל פון אַ פּראָסטער משפּחה. „כ'וועל אין שטיבל נישט קאָנען אויפהייבן די אויגן. כ'וועל זיך דאַרפן לעבעריקערהייט באַגראָבן פאַר חרפּה. קלענערע קנאַקערס האָבן זיך משדך געווען מיט יחוסדיקע מחותנים. טייל ייִדן שטעכלירן מיך, פאַרוואָס כ'לאָז זי אַרומ־הוליען". דאָס ווײַב געוואָרנט: „כ'פאַרלאָז זיך אויף דיר. טו גוט אַכטונג אויפן קינד".

טאַטע און מאַמע זענען געווען גליקלעך פון זייער עלטסטער טאָכטערס צעבליטקייט. זיי זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן פון איר דערלעבן מער נחת, ווי פון זייערע נאָך צוויי ייִנגערע מיידלעך, צוויי בחורימלעך, איינער אין דער מתיבתא און דער מוזינעק אין פּיאַסעטשנער רבינס ישיבה. זיי האָבן רחלען מער געצאַצקעט. פאַר שכנים, משפּחה, פאַר באַקאַנטע געלויבט אירע מעלות: „האָט גאָלדענע הענט. וואָס די אויגן זעען מאַכט זי. איז אַ גוטע באַלעבוסטע".

שרה האָט אָנגעהויבן נאָכשפּיאָנירן מיט וועמען רחל „גייט". אַהיים־קומענדיק פון אַ באַגעגעניש האָט זי דער טאָכטער אויסגעפרעגט מיט

ווּעמען און ווּוּ איז זי געווען, זײַן אָפּשטאַם, עלטער, מיט וואָס איז ער באַשעפטיקט, וויפל פאַרדינט ער. איז ער אַ רויִקער, צי אַ שוויצער, אַן אויסברענגער, וואָס הוליעט אַרום מיט אַ סך מיידן. אויך דער פאָטער האָט טייל מאָל רמזימדיק זי געפרעגט צי דער בחור געפעלט איר. אים האָט זי געענטפערט האַלבע, נערוועזע תשובות: „טאַטעשי, כ׳פאַרשטיי דיך נישט. כ׳גיי מיט אַ יינגל עטלעכע מאָל, זאָל איך אים אויספאָרשן?״ פאַר דאָס דער מאַמען פאַרטרויט מער פרטימדיקער דעם יינגלס קאָמפּלימענטן, איר רייצנדיקע ווירקונגען, זײַן מענערישקייט. זעלטן, אַז רחל האָט זיך פאַרגעסן אויסגעשעפּטשעט ליבע־פּאַזעס. דאָס האָט דער מאַמען און טאָכטער געמוטיקט. אַפילו בײַם דערציילן האָט רחל דער מוטער פאַרשאַפט פאַר־געניגן. שרה האָט דאַן דער טאָכטער אויסגעפרעגט צי דער בחור איז שיין, הויך, עלעגאַנט, קאָרעקט, מענערלעך און — „רחל ער געפעלט דיר? ביסט צופרידן?״ ס׳מיידל האָט געמורמלט, קווענקלענדיק געלויבט אירע קאָלעגן, נישט אויסגעזאָגט די באַמערקטע חסרונות.

נאָכן ווײַבס שושקערײַען מיט דער טאָכטער, האָט שמעיה געגלעט ס׳געלע בערדל. צו שרהן האַרציק געשמייכלט. אויך איר ליבלעך געקוקט מיט זײַנע קעציש־גלאַנציקע אויגן. איר געטשאַקעט, ר׳וועט איר געבן געלט צו קויפן געבעטענע שטובזאַכן, קליידער פאַר זיך, פאַר די קינדער. דרך אַגב געפרעגט: „נו?״. שרה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן געשוויגן. אים אָנגעקוקט. האַרציק געשמייכלט. געזאָגט: „אַ צווייט מאָל״. שמעיה האָט נישט רעזיגנירט. ס׳ווײַב געגודיעט ביז ר׳האָט זיך דערוווּסט דעם בחורס אָפּשטאַם, פאַכצושטאַנד. די הויפּטזאַך, צי ר׳איז כאָטשבי אַ בן תורהס אַ קינד. ס׳רוב געעצהט, זי זאָל דער טאָכטער אָפּרעדן. איר איבערדברען. „ס׳קינד איז יונג. קען זיך נאָך דערלויבן צו זײַן איבערקלײַבעריש. שיינקייט געפּאָרט מיט חכמה, איידלקייט וואַלגערט זיך נישט אין גאַסן״. אויך געבעטן דער טאָכטער אויפקלערן זי זאָל איבערטראַכטן. זי איז גענוג פאַרשטענדלעך צו זײַן פאָרזיכטיק. „שרהלע, הײַנט זענען אַנדערע צײַטן. מיינסט קענסט יענעם און ס׳ווײַזט זיך גאָר אַרויס ביסט גענאַרט״.

שרה, אַ געטרײַ ווײַב, האָט איר מאַן געפאָלגט. געווען זיכער, דער טאַטע, פּונקט ווי זי, וויל זייער קינדס גליק. מיט רחלען גערעדט, אַרײַנ־גערעדט, איבערגערעדט, אָפּגערעדט. אויך שמעיה האָט רחלען אָפּט געוואָרנט: „זײַ נישט היציק. ווערסט זיך אָפּבריען. די יונגע יאָרן זענען לײַכטזיניקע. גלייב ווייניקער בחורימס פאַלשע הבטחות, וואָס לאָזן זיך, אָפטמאָל, אויס אַ בוידעם. טראַכט רעאַל. קודם פאַרזאָרג זיך אַ מאַטעריעלן יסוד. אַז מ׳איז

יונג פאַרשטייט מען נאָך נישט, אַז אויב ס׳איז נישטאָ קיין פּרנסה, ווערט די ליבע שנעל אויסגעוועפּט״.

רחל האָט דעם פּאָטער אויפמערקזאַם אויסגעהערט. מכלומרשט הסכּמהדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ און אין זיך באַגאַטעליזירט די וואָרענונגען. זי האָט געטראַכט: „זיי לעבן מיט פאַרצײַטישע באַגריפן״.

נאָכן אָפּהוליען עטלעכע יאָר. יעדעסמאָל מיט אַן אַנדערן בחור, האָט רחלס ווילערישע צערוישטקייט אָנגעהויבן ביסלעכווײַז זיך אויסוועפּן, שטילן. די יוגנטלעכע גלײַקע באַגערן האָבן זיך געקילט, געלאָשן. די פון איר ביטול-געמאַכטע רייד פון טאַטע-מאַמע האָט זי זיך דערמאָנט בשעתן דערזען קוים-באַמערקבאַרע קנייטשלעך בײַ די וויעס. ס׳איז איר באַפאַלן אַן אימה. זי האָט זיי מיט וועלוועטאַ פאַרשמירט, מאַסאַזשירט. אַ פאַרזאָרגטע זיך אָנגעלענט אויפן קאָזעטקעלע. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט זי געזען די אָן אַ שיעור פּאַצעטלעך, מיט וועלכע זי האָט פאַרברענגט אין פאַר־ווײַלערישע ערטער דערבײַ טרויעריק געטראַכט: אירע חברטעס, מיאוסערע פון איר, ווייניקער גראַטענע, פון אָרעמע שטובן, האָבן נישט ווי זי אַרומגערודערט, און האָבן שוין מענער, דירות און קינדערלעך. דעם טאַטנס רייד האָבן אָנגעהויבן איר עגבערן דעם מוח. איר טעמפּעראַמענט האָט זיך געקילט. אין איר האָבן זיך געראַנגלט די אָפּט-געהערטע טאַטע־מאַמעס וואָרענונגען. זי האָט אָנגעהויבן מער גאָרן חתונה צו האָבן און געגלייבט דעם טאַטנס עצות צו זײַן איבערקלויבעריש, אין יעדן באַקאַנטן בחור געפונען חסרונות. רחל האָט איבערטריבן געטאַוישט די פּאַרערעס. איר שיינקייט, עלעגאַנץ, איר ליבלעך אויפפירן זיך אין געזעלשאַפט, פריי־לעכקייט, היימלעכקייט, שטיפערישקייט, טעמפּעראַמענטפול טאַנצן, זענען געווען מאַגנעטיש-צוציענדיקע גורמים, זי זאָל תּמיד מיט שמייכלענדיקע אויגנבליקן פאַנגען נײַע פּאַרטנערן. מיט זיי אַ צײַט גוט פאַרווײַלט און אַז ס׳איז געקומען צו תּכלית-רייד, איז זי געוואָרן איבערטרייבעריש־פּאָדעריש, פּרעטענציעז, פאַרלאַנגענדיק. אין רוב פאַלן האָבן פון איר עלטערע בחורים, וועלכע זי האָט לעצטנס אויסגעקליבן זיך צו פאַרווײַלן, נאָך עטלעכע מאָל טרעפן זיך מיט איר — אָפּגעזעגנט. האָבן אײַנגעזען, אַז זי ווייסט נישט, וואָס זי וויל. רחל האָט אָפּטער אָנגעהויבן בלײַבן זיצן אין שטוב.

די יאָרן זענען אַוועק. די מאַמע האָט געקריגן מורא די טאָכטער זאָל אַמאָל נישט פאַרזיצן. האָט זי צום מאַן געזאָגט: „מ׳האָט שוין געזען אַזעלכע קראַסאַוויצעס, אַפילו נאָך שענערע, קלוגערע, רײַכערע מיידלעך,

וואָס האָבן צופיל געדרייט מיט די נעז, קיינער איז זיי נישט געפעלן, אין יעדן בחור געפונען חסרונות, מיט אַ סך יונגען אַרומגעהוליעט און זענען געבליבן אַלטע פאַננעס. שמעיה, מירן זיך צופיל אַרייַנגעמישט. כ׳מיין, מ׳דאַרף אָפּזיצן, פאַרקערט, לאָמיר איר אָנהייבן צורעדן. רחלע איז טאַקע אייזן־קלוג. האָט אָבער נאָך ווייניק נסיון״.

„יאָך ווייס ? כ׳פאַרלאָז זיך אויף דיר״, דרייענדיק ס׳סאַמעטענע קאַפּל אויפן קאָפּ, האָט ער געמורמלט: „יעדער זיווג איז מן השמים. סעט נאָך קומען אויך איר צייַט״.

שרה האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויפן מאַנס האַפּערדיקע באַרויִקונגען. אָנגעהויבן פאַר שכנים אָפּטער באַרימען דער טאָכטערס דערפאָלגן: „מייַן רחלען צערייַסן די פייַנסטע, מיוחסדיקסטע יינגלעך, האָט צענדליקער בעלנים. זי ווייסט גאָרנישט וועמען אויסצוקלויבן״.

די שכנים האָבן געשעצט די פייַנשטיינס. געלויבט זייער שיין באַלעבאַטישקייט, פיין־דערצויגענע קינדער. ספּעציעל געקוואָלן פון רחלס חנעוודיקייט, איר שמייכלדיק באַגריסן יעדן שכן. האָבן שרהס רייד געגלייבט, זי האָט זיך מיט וועמען צו גרויסן, צו באַרימען.

די איבערגעגעבנסטע שכנה, זיסל בעקער, האָט רחלען ספּעציעל ליב געהאָט. איז צו שרהן אַרייַנגעקומען אַ פּאָר מאָל אין טאָג. געבאַרגט אַ גלאָז אייל, עטלעכע אייער, אַ פּאָר זלאָטעס, דערציילט נייעסן פון שכנים, אירע בעט־סודות, עגמת־נפשן פון מאַנס זיצן אין שענקן, דאָרט פּיען, טשעפּן מיט חצופות. אַז שרה האָט אָנגעהויבן לויבן רחלען, האָט זיסל סתם אַזוי געפרעגט מיט וועמען רחל לויפט אַרום ביז האַלבע נעכט. געוואָרנט: „אייַער טאָכטער איז טאַקע שיין, ווי אַ מלאך, פאַרמאָגט אַלע מעלות. אָבער די יונגע יאָרן זענען גרינגשעצנדיקע. צופיל אַרומהוליען מיט די הייַנטיקע פאַצעטלעך, וואָס קענען דעם קינד, חלילה פאַרדרייען ס׳קעפּל, איז ריזיקאַליש״. געעצהט איר אַ ביסל אייַנצוימען, זי זאָל נישט אַרומבריקען, ווי אַ יונג לאָשעקל״. אַמאָל האָט די פאַרזאָרגטע שרה פאַר זיסלען זיך פאַרקלאָגט: רחל עלטערט זיך, זיצט שוין אָפּטער אין שטוב און ווערט נישט קיין כלה. זיסל האָט זיך פאַרטראַכט און געשדכנט ברוך טראַכטמאַנס זון, זעליק, אַ דאַמען־שניידער, וואָס האָט געוווינט ס׳דריטע הויז פון זיי. „טייַערינקע״, האָט זי זיך אויפגעשטעלט, דעצידירט געזאָגט: „אַ בחור דאַרף דער עיקר זייַן אַ פאַרדינער, אָרנטלעך״. געגעבן אַ קוועטש מיטן לינקן, שיקלדיקן אייגל: „דער עיקר אַ מאַן״. בכדי צו פאַרטושן איר ווייַבלעכן מיין, האָט זי צוגעגלעט ס׳שוואַרצע שייטל, אַראָפּגעצויגן דעם

פאַר די קני אַביסעלע אַרויפגעשאַרצטן ראָק, געוואָרן ערנסט: „נישט קאַרג זאָל ער זײַן. ס׳ווײַב שיין קליידן. צו איר פּײַן רעדן, פּאַר מענטשן זי לויבן. פּאַני שרה, זי זינט אַ פּרויענצימער, דאַרף איך אינען נישט שטעקן אַ פינגער אין מויל. כ׳פאַרלאָז זיך אויף אײַך״. אין זעלבן טאָג, אין מנחה־מערב־צײַט, ווען שמעיה איז געווען אין שטיבל, האָט זיסל אין איר אַרײַנגערעדט ביז זי האָט צוגעזאָגט שמועסן מיטן מאַן וועגן שידוך.

אַז זיסל האָט דאָס דערהערט, האָט זי בײַם טויער אָפּגעוואַרט שמעיהס צוריק קומען. אים אָפּגעשטעלט. באַרימט זעליקן, אַז ר׳איז קלוג, האָט אַ גאָלדן פאַך, אַ האַרץ אַ דימענט, בײַ דאַמען־שנײַדעריי פאַרדינט מען אַ גאַנץ פעליק יאָר. ווײַבער האָבן ליב טויערן קליידער, דירות, מעבל, ווילן נישט בלײַבן אונטערשטעליק פון שכנטעס, באַקאַנטע, קרובים. האָבן ליב פירן אַ שיין הויז. זעליק האָט אַ סטאַבילע קליענטורע. נעמט בײַ זיי גוטע פרײַזן. האָט שוין געלט אין אַלע בענק. שטאַמט פון פײַנע, חסידישע עלטערן. זענען טאַקע נישט קיין גרויסע גבירים, אָבער פירן אַ באַלעבאַטיש הויז. אים פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן זיך זיכער שיין שטעלן. — דעם בן־יחיד געבן אַ שיינעם נדן. מאַכן אַן עלעגאַנטן אויסשטייער. דער כלה געוויס קויפן ווערטפולע מתנות. זי „ווייסט״, אַז ברוך טראַכטמאַן וועט אויף זײַן חשבון, מאַכן אַ גרויסאַרטיקע חתונה אין שענסטן זאַל מיט די פײַנסטע עסנס, געטראַנקען, בעסטע כּליזמרים. „ווייסט״ אויך גענוי, אַז ברוך האָט זעליקן צוגעזאָגט קויפן אַ דרײַ צימערדיקע דירה. אַליין פון בלומעלע, זעליקס מאַמע, געהערט, אַז זיי פּלאַנירן דעם זון דינגען אַ גרויס געוועלב מיט צוויי נעבנדיקע צימערן, ברוך האָט גוטע פאַרבינדונגען אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע. וועט דעם זון שאַפן קרעדיט צו באַקומען אויסלענדישע קאַמגאַרן, זײַדענע, וואָלענע שטאָפן, צודאַטן, עלעקטרישע מאַשינען. זעליק וועט צונעמען שנײַדערינס זיי זאָלן אַרבעטן אין די זײַטיקע שטובן און „מענטשן״ וועלן פאַרקויפן אין געשעפט. „זעליק מיט אײַער רחל זענען פעיקע, וועלן זיך, מיט דער צײַט, לײַטיש אַרויפאַרבעטן. ר׳ שמעיה, אײַער טאָכטער וועט בײַ זעליקן האָבן אַ גן־עדן. לעבן ווי אַ פּרינצעסן. איר זײַט דאָך אַ בן־תּורה, פאַרשטייט אַן ענין. טראַכט איבער וועגן דעם שידוך״.

שמעיה האָט דאָס באַלד דערציילט דעם ווײַב, וואָס האָט געזאָגט, מ׳דאַרף זיך נאָכפרעגן צי זיסלס רייד זענען ריכטיקע.

נאָכן דערוויסן זיך, אַז זיסל האָט גאַרנישט איבערטריבן, האָבן פאָטער

און מוטער פאַר רחלען איבערגעחזרט זיסלס דערציילטע מעלות, וואָס פאַר אַ גאָלדענער בחור זעליק איז. אויך זיסלס מײַלעכל האָט נישט גערוט. ווי נאָר זי האָט באַמערקט, אַז רחל איז אַליין אין שטוב, איז זי אַרײַן. רחלען אײַנגערעדט: „אויב אַ מאַן איז בלויז שענער ווי אַ מאַלפּע, קאָן מען שוין מיט אים גיין אונטער דער חופּה. אין יונגע יאָרן איז טאַקע אַנגענעם צו פאַרברענגען מיט שיינע, עלעגאַנטע פאַצעטן. אָבער חתונה האָבן דאַרף מען מיט אַ פאַרדינער, אַ פּראַקטישן בחור". געמאַכט אַ פאַרשעמט מינעלע, געשמייכלט, געקוועטשט מיטן לינקן, שיקלדיק אייגל, איר אײַנגערוימט: „אין הײַנטיקע צײַטן, דאַרף אַ פריילײן וויסן, צי דער חתן איז אַ מאַן. רוזשקעלע, האָרכן זי מעך, אַן אָפּגעבריטע. מ׳געווינט זיך צו. די הויפּט־זאַך איז פעטשע־מעטשע. יאָ און קענען די מלאָכה אין בעט".

זיסלס רייד זענען רחלען נישט געפעלן. זי איז געווען קעגן באַגעגענען דעם קליינעם זעליק. זי האָט אים גוט געקענט. תּמיד, בעתן צופעליק אים פאַרבײַגיין, האָט איר אָפּגעשטויסן זײַן מיניאַטורנע גופל. אַמאָל איראָניש, אַמאָל באַרעמהאַרציק געבליקט אויף זײַן גרויסן קאָפּ אויפן לענגלעכן האַלדז, אויבערשטן, מענעריש־אַנטוויקלטן קערפּערטייל און אויף די מאָדנע, קורצע פלאַטפיסלעך. געוווּסט, אַז צוליבן זיצן תּמיד בײַ דער מאַשין, גייט ער אײַנגעבויגן. פאַרדאָס האָט רחל געשעצט זײַן אינטערעסאַנט פּנימל, דעם הויכן שטערן, די פאַרטרוימטע, קעציש־פינקלענדיקע אויגן.

אַז די מאַמע האָט איבערגעחזרט זיסלס פּראָפּאָזיציע, האָט דאָס רחלען אָפּגעשטויסן. זי האָט געטראַכט: מיט אַזאַ איינעם וועט זי נישט וואָגן זיך צו באַווײַזן אין איר געזעלשאַפט, די „גאָלדענע יוגנט" אין וואַרשע. אויך נישט געוואָלט גלייבן זיסלס אויסגערעכנטע שבחים, די צוגעזאָגט גליקן.

„מאַמעשי, ער איז נישט פאַר מיר. דרייטס מיר נישט דעם קאָפּ".

נאָך אַזאַ נערוועישן שמועס מיט דער מוטער איז רחל אַוועק צו אַ חברטע אויסגיסן איר פאַרביטערט האַרץ. די קאָלעזשאַנקע, אויך אַן אַלטע פאַננע, האָט באַרעכטיקט אַלע רחלס רייד. איר געוואָרנט, נישט וואָגן חתונה האָבן מיט אַ בחור, וואָס שטויסט איר אָפּ.

די צײַט שטייט נישט. איר אייביקער גאַנג לעזט אַלע פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען. רחלס פרילינג־יאָרן זענען פאַרשוווּנדן. זיך געעלטערט. קנייטשלעך אַרום אירע אויגן האָבן זיך געטיפט און פון אַלע ראָמאַנטישע חלומות, האָפענונגען, פון די צענדליקער ייִנגלעך אויסצוקלויבן פאַר זיך

אַ פּאַסיקן באַשערטן איז זי נישט געוואָרן קיין כּלה. און וואָס אַמאָל זיך ווייניקער געווילט. ס׳רוב צײַט געווען אין שטוב. געשטריקט, געלייענט ראָמאַנען, וואָס האָבן מער צערייצט אירע נישט אויסגעלעבטע לוסטן. זי איז געוואָרן סענטימענטאַל פון די געלייענטע טראַגישע ראָמאַנען. האָט רחמימדיק געוויינט פון די פאַרפירטע מיידלעך אין בוענאָס־איירעסער שאַנד־הײַזלעך, געקוואָלן פון באַגליקטע. בײַם לייענען געהאַפּט, אַז זי וועט אויך טרעפן איר אמתן באַשערטן, ווי ס׳האָט אַמאָל געזאָגט איר קלוגער פאָטער. און אַז דער אויסגעטרוימטער האָט זיך אַזוי לאַנג פאַרזוימט, איז זי געוואָרן מעלאַנכאָליש. אָפט געוואָרן אַנטויִשט. און איינמאָל, פלעכטנדיק די צעפּ אין שפּיגל דערזען עטלעכע גרוילעכע האָר. זי האָט בהלהדיק דאָס געוויזן דער מאַמען, וואָס איז אויך געוואָרן אויפגעצאַפּלט נאָר רחלען נישט אַרויסגעוויזן איר ווייטיקלעכע פאַרזאָרגטקייט. פאַרקערט זי האָט קינסטלעריש געשמייכלט. פאַררעדט: „ס׳איז גאָרנישט. ס׳דוכט זיך דיר בלויז, אַז ס׳איז גרוי. האָסט נישט אַמאָל גערירט די פּושקע פאַקאָסט? אפשר גאָר איז עס פון פּודער?״

„מאַמע!״ האָט זי אויסגעשריגן: „און די קנייטשן אַרום די אויגן?!״

„אוי, נאַריש מיידל. אַפילו אַ קינד, אַז עס קאָרטשעט ס׳פּנימל, ווערן אַזעלכע קנייטשלעך. רחלע, זאָרג נישט. ,יעדנס זיווג איז אָנגעצייכנט אין הימל׳, זאָגט דער טאַטע. דײַן צײַט וועט אויך קומען״.

אַז שרה האָט דאָס דערציילט דעם מאַן, האָט ער באַשלאָסן זיך מער צו פאַראינטערעסירן, ווער ס׳איז דאָס דער זעליק. נאָך געבוי חוקר־ודורש זײַן דערוווּסט, אַז זײַן פאָטער האָט אַ גרויס שפּײַזגעוועלב אויף מוראַנאַוווסקע גאַס. איז אַ שותּף צו עטלעכע פיר שטאָקיקע הײַזער אויף פראַנציסקאַנער גאַס. איז אַ באַגענטער טישזיצער בײַם קאָזשעניצער רבין. איז אַ גרויסער בעל־צדקה, אַ מכניס־אורח און אַ באַליבטער מעורב בין הבריאות. די זאַך איז אים געפעלן. געהייסן שרהן אויך אויספרעגן אויפן בחור. אַז דעם ווײַבס ידיעות זענען געווען ענלעכע צו זיסלס, האָט ער רחלען צוגערעדט זיך טרעפן מיט זעליקן. דעם פאָטערס פאַרשלאָג האָט אירע אויגן באַטרערט:

„טאַטעשי, ווילסט מיך באַגראָבן יינגערהייט? כ׳בין שוין דיר גרויס אין די אויגן? ווילסט מיך אַרויספּטרן פון שטוב?״ אירע טרערן האָבן אים גערירט. מיט שרהן מער נישט גערעדט פון דעם ,גאָלדענעם שידוך׳.

און רחל איז אַרײַן אין די טיפע צוואַנציקער. זעלטן אָפּגעשמועסט אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן, עלטערן בחור און תּמיד נאָך אייניקע באַגעגענישן איבערגעריסן די באַקאַנטשאַפט. זי פלעגט ווייניקער זיך פּוצן. זעלטענער

שטיין בײַם שפּיגל, פֿאַר וועלכן זי פּלעגט הנאָהדיק זיך אויסטאָן און אָנטאָן, מעסטן פֿאַסנדיקע קליידלעך, בלוזקעס, קאָסמעטירן, פֿאַרבן ס׳פּנים, וויעס, ברעמען. אירע גאָלדענע־בלאָנדענע האָר פֿלעכטן אין צעפּלעך, איבערן שטערנדל קרײַזלען אַ גרזשיווקעלע, שרויפֿנפֿאָרמיק אויסרעדלען פּאָהלעך, צופּאַסן אוירינגלעך צו איר גאַרדעראָבע. האָט מער קיין געדולד נישט געהאַט זיך זאָרגפֿעלטיק אויסצופּוצן. אין וואָכנטעג אָנגעטאָן פּשוטע, מער שוין נישט קיין רעשיק־קאָלירקע גאַרניטורן, שוכוואַרג. איז וואָכן געזעסן אין שטוב. צוגעהאָלפֿן אין דער באַלעבאַטישקייט. „געשלונגען" ראָמאַנען, וואָס האָבן זי מער אויפֿגערעגט, גערייצט. איז טייל מאָל געוואָרן אויפֿגערעגט. די ביכלעך געשליַידערט: „פֿאַנטאַסטישע בזדורעס". זיך דענערווירט. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום פֿאַרגעזעצט דאָס לייענען די טשיקאַווע מעשׂיות. געגאַרט וויסן דעם גורל פֿון געכאַפּטע רײַכע מיידלעך, וואָס זענען צוריקגעקומען פֿון בוענאָס־איירעס, געוואָרן אַלט, געמוזט חתונה האָבן מיט עלטערע אַלמנס, גרושים. בײַ זיי געליטן ביטערע צרות. געהאַט אָפּגעהאַקטע יאָרן. טייל זענען געוואָרן משוגע, געוואָרן געפּײַניקט אין משוגעים־הויז אויף באַניפֿראַטן־גאַס. געלייענט, געוויינט. האָלבע נעכט נישט געקענט אײַנשלאָפֿן. באַשלאָסן די אומ־גליקלעכע צו באַזוכן אין שפּיטאָל. בײַ זיי פֿרעגן די אַדרעסן פֿון עלטערן, זיך דערוויסן זייערע טראַגישע איבערלעבונגען, די סיבות פֿון די מיידלעכס ביטערע גורלות.

שמעיהלע האָט אײַנגעזען, אַז זײַן שיינע טאָכטער וועלקט פֿון טאָג צו טאָג. ר׳איז געוואָרן מרה־שחורהדיק. צום ווײַב געזאָגט: „שׂרה, ס׳איז דאָך גאָרנישט די זעלבע, לוסטיקע רחל. כ׳זע אײַן באַשײַמפּערלעך ס׳ווערט פֿון קינד אַ תּל".

„אָבי האָסט זיך דערמאָנט. יאָך זע שוין דאָס לאַנג". מיט צוויי נעכט צוריק האָב איך זיך אין מיטן נאָכט אויפֿגעוועקט. באַמערקט אין רחלס שטיבל איז ליכטיק. בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר. אַרײַנגעקוקט. געזען רחל ליגט אויפֿגעדעקט. אירע אויגן זענען פֿאַרמאַכט, די הענט גלעטן די ברוסטן, דעם בויך, די פּיס. זי קרעכצט, שעפּטשעט: ‚בעניעקל, ליבער מײַנער, קום! ס׳איז מיר אַזוי גוט מיט דיר. הער נישט אויף. ליבער מײַנער ס׳איז מיר אַזוי וווילי׳. ס׳איז מיר פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן. געמיינט דער סופּיט פֿאַלט אויף מיר. כ׳האָב מורא געהאַט אַרײַנצוגיין, איר צודעקן. נישט געוואָלט זי אויפֿוועקן פֿון חלום. שמעיה, כ׳בין שוין מער נישט געשלאָפֿן!"

שמעיה האָט באַשלאָסן באַנײַען שמועסן מיט רחלען וועגן זעליקן.

„קיינער נייט דיך נישט. זאָל מיך גאָט שטראָפן צי כ׳באַפעל דיר, אַז דו מוזט חתונה האָבן מיט זעליקן. אָבער רחלע, האָסט שוין באַקענט צענדליקער יונגעלײַטלעך. מיט יעדן איבערגעריסן. זיך אײַנגערעדט ס׳דערוואַרט דיך גאָלדענע גליקן. כ׳מיין ס׳איז גאָרנישט קיין מילער צו באַקענען נאָך איינעם. ער וועט דיך נישט „אָפּבייסן״.

„טאַטעשי, מ׳זאָגט ר׳איז אַ ציוניסט. אַ גאַנצער מאַכער אין לינקן פּועלי־ציון־פאַראיין. וועט נאָך מיך צורעדן מיט אים פאָרן קיין ארץ־ישראל. ס׳וועט דיר דאַמאָלס זײַן וווילער?״

„פון דעם, זעסטו האָב עך גאָרנישט געהערט. געוווּסט אַנדערע זאַכן: ר׳האָט אַ גוטן קאָפּ. פאַרשטייט אַ געשעפט. לויט מײַן שכל איז ער נישט אַזוי פאַנאַטיש, אוועק צו וואַרפן אַ ברויט מיט אַ מעסער און פאָרן האַרעוועט שווער און ביטער. דאָרט עסן אַ גוטע קרענק און כּסדר זיך שלאָגן מיט די ווילדע אַראַבער. נעבן מײַן ביורא איז פאַראַן דער „הנוער הציוני״. טייל מאָל הער איך די יונגע חברה קולותן, זינגען. גלייב מיר, רחלע, ס׳האַרץ ווערט מיר נישט איין מאָל צעריסן, טוט מיר וויי. האָב אויף זיי רחמנות. גרייטן זיך זיכער פאָרן אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אויף הכשרה. נאָך דעם אַוועקפאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָרט לעבן אויף געהאַקטע צרות. מילא, די אַ חברה זענען נאָך יונגע שנעקעס, לופטקעפּ. פאַרשטייען נאָך גאָרנישט, וואָס עס דערוואַרט זיי דאָרט. זיי לאָקט בלויז ס׳הפקר־לעבן אין קיבוצים. כ׳האָב געהערט און כ׳קען גאָרנישט דאָס גלייבן, אַז, רחמנא לצלן, יונגען מיט מיידן לעבן צוזאַמען, אָן חופּה וקדושין. האָבן ממזרים, פרעסן טרפות. זענען מחלל שבת בפרהסיא. אָבער דאָך, מײַן איך, זאָלסט זעך זען מיטן בחור. כ׳בין טאַקע טשיקאַווע צי ר׳איז אַ ציוניסטל. אויב יאָ. בין איך דער ערשטער, וואָס וועל נישט צולאָזן דיך מפקיר זײַן. נישט בײַ מײַן לעבן, ווערסטו פאָרן זיך וואַלגערן, לעבן אויסגעלאַסן״.

רחל האָט דעם טאַטנס רייד דערציילט דער מאַמען, וואָס איז געוואָרן אויפגערעגט: „זײַ נישט קיין עקשנטע. וואָס אַ שטייגער, זאָג מיר, האָסטו דאָס אויפגעטאָן מיט דײַנע פאַצעטלעך? אַלע מאָל אַרומגעהוליעט מיט אַנדערע. מיר זענען נישט צוגעוווינט צו אַזאַ אויפפירונג. מיר האָבן דיך נישט געוואָלט שטראָפן. האָבן מיר שטילערהייט געליטן. איך, אין דײַנע יאָרן, האָב שוין געהאַט דרײַ קינדער. פאַר זיך געפּיו״ט אַ באַלעבאַטישקייט. כ׳ווייס נישט וואָס דו ווילסט! אפשר ס׳טעלערל פון הימל? פאָלג דעם טאַטן און באַקען אים, נאָר אויב ר׳איז טאַקע אַ ציוניסט, שטרעבט

פאַרן קיין פּאַלעסטינע, בין איך אויך מסכּים מיטן טאָטן. מיר ווילן נישט זאָלסט זיך דאָרט מוטשען, האָרעווען ווי אַן אייזל און סטענקען. כ'האָב פאַר דיר פאַרגאַסן געגנוג בלוט. כ'וויל דיך האָבן נעבן זיך. אָבער זע זיך מיטן און ווער אַלץ געוויער".

רחל איז געווען קעגן טאַטע־מאַמעס עצות, זיך סתּם פאַרדרייען דעם קאָפּ, מיט זעליקן באַגעגענען. אָבער אירע טראַכטעניש, די אַנטווישונגען, די זאָרגן אַז די נעבן־אויגן־קנייטשלעך וועלן זיך מערן. דער פּחד פאַר בלײַבן זיצן ביזן גרויען צאָפּ, דעם פאָטערס ליבע, קלוגע רייד, דער מאַמעס וואָרענונגען, זיסל פּיסקלס אײַנרעדעניש, אַז זי קען היזק האָבן אַ גרויס גליק, האָבן ביסלעכווייז געווירקט אָפּצושוואַכן איר אײַנגעשפּאַרטקייט. זי האָט מסכּים געווען צו באַגעגענען זעליקן פאַר דער פילהאַרמאָניע.

„אויב אַזוי גיי איך צום רבין זיך שואל־עצה זײַן", האָט שמעיה פאַרדאָגהט געזאָגט צום ווײַב.

ט

שמעיה האָט אָנגעטאָן ס'ריפּסענע כאַלאַטל, אַ זײַדן היטל. פון אונטער די אויערן אַרויסגענומען די פּיאות. אַ ביסל זיי געפּײַכט, גערונדיקט און געגאַנגען צום פּיאַסעטשנער רבין.

אויף דזשעלנאַ־גאַס, וווּ ס'האָט געוווינט דער רבי איז געווען אַ צוזאַמענלויף. שיכּורע שקצים, פריילעכע שיקסעס און אַלטע גויים האָבן געריטשעט: „זשידזשי דאָ פּאַלעסטינע!!!". געוואָרפן שטיינער אין שויבפענצטער, אויף באַלקאָנען, אויף פאַרבײַלויפנדיקע ייִדן, וועלכע זיי האָבן נאָכגעיאָגט, נאָכגעשריגן, פון קעפּ אַראָפּגעוואָרפן היטלען, קאַפּעליושן, געפּליקט בערד, אויסגעריסן פּיאות. פרויען און מענער בלוטיק צעשלאָגן. שמעיה איז אין גרויס פּחד געלאָפן, שנעל אַרײַן אין טויער נומער 5.

אַ דערשראָקענער אַרײַן אין רבינס בית־המדרש, אַן אָנגעפּילטס מיט פון־גאַס־אַרויפגעלאָפענע, דערשראָקענע, טייל צעשלאָגענע ייִדן, וואָס האָבן דערציילט גרוילעכע אָנפאַלן פון די ענדעקישע שקצים. פּועלים, וואָס צערויבן ייִדישע געשעפטן. מימתן, פאַרוווּנדן פרויען, קינדער, זקנים. טייל זענען געזעסן פאַרן ארון הקודש. געקלאָגט און געזאָגט תּהלים.

שמעיה האָט דעם שמש ר' אליעזר געהייסן אָנשרײַבן אַ „קוויטל", ער בעט זײַן משפּחה זאָל זיך פילן בקו־הבריאות. ער זאָל האָבן פּרנסה בכּבוד ובשפע. בעט דעם רבינס הסכּמה, ברכה, זיי זאָלן מיט רחל, בשעה טובה ובמזל טוב, שרײַבן תּנאים מיטן בחור זעליק בן ברוך נ"י. דער חתן איז אַ בעל־מלאָכה. אָבער אָרנטלעך. דער מחותּן איז אַ בעל־

תורה, בעל־צדקה, קאָזשעניצער חסיד. שמעיה האָט געקושט ס׳,,קוויטל״. צוגעגאַנגען צום קאָרידאָרל, אָנגעפּאַקט מיט ייִדן, ייִדענעס מיט קוויטלעך אין הענט. פאָרכטיק אָפּגעוואַרט אַברהמל שמש זאָל עפענען די טיר, אויסרופן אַ נאָמען פון די בעלי־קוויטלעך און לויט דער ריי אַרײַנרופן די הילף־בעטערס. גרויס איז געווען דער געדראַנג. אַז אַברהמל האָט באַמערקט דעם רײַכן שמעיהן, האָט ער אים באַלד געהייסן אַרײַנגיין.

דער רבי האָט שמעיהן אָנגעקוקט בייזלעך. געביסן אַן עק פון זײַן געדיכטער, קײַלעכדיקער, גרוילעכער באָרד. אַרײַנגעקוקט אין קוויטל. עס אַוועקגעלייגט. זאָרגעוודיקע מחשבות האָבן געקנייטשט דעם רבינס הויכן שטערן. ער האָט די דלאָניעס צוזאַמענגעפּויסט. אויף זיי געהאַלטן די באַבאָרדטע גאָמבע. צאָרנדיק געקוקט אויפן הײַפל שוין געלייענטע קוויטלעך. שמעיהן דוכדרינגלעך געשפּיזט מיט ברוגזע אויגן אַון אים געפרעגט: ,,איר ווייסט, ר׳ שמעיה בן ישׂשכר, וואָס ס׳האָט הײַנט פּאַסירט אויף דזשעלנע־גאַס?״ ער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט. אים אָבסערווירט פון קאָפּ ביז די פּיס און צום שמש געזאָגט: ,,הערסט די ייִדנס קלאָגן? זיי צעברעכן מײַן האַרץ. כ׳זיץ דאָ ווי אויף שפּילקעס. ביז סתּם מבטל מײַן צײַט. כ׳דאַרף זיך אויך מצטרף זײַן מיט די תּפילות אין בית־המדרש. זײַן ליבן נאָמען בעטן, ס׳זאָלן זיך שוין עפענען די שערי־רחמים. מ׳זאָל אויסגעלייזט ווערן פון גלות־פּוילן, וואָס קאָן אין גיכן אײַננעמען אַ שוואַרצן סוף. דאַמאָלס אָבער וועט מיט ייִדן זײַן ביטער. דער היטלער, ימח שמו, איז דאָך דער גרעסטער צורר היהודים אין אַלע גלותן. מ׳דאַרף האָבן סיעתּא דשמיא״. ער האָט גענומען ס׳פּעקל קוויטלעך און זיי צעשיט אויפן טיש. דערבײַ ביטער געחוזקט: ,,זעטס נאָר, ר׳ אברהם, ייִדן זענען אין אַזאַ גרויסער עת־צרה און וואָס, משטיינס געזאָגט, זיי בעטן: רפואותלעך אויף אײַנגערעדטע מיחושן, ברכות אויף נײַע געשעפטלעך, משפּחה־מחלוקתן זאָלן ווערן אײַנגעשטילט. ער האָט בייז אָנגעקוקט שמעיהן, וואָס אין געקומען בעטלען אַ הסכּמה צום שידוך און אויסגערופן: ,,מער קאָן איך נישט!!! אַברהם, די קוויטלעך האָבן אויך מיך פאַרנאַרט, כ׳האָב געדאַרפט באַצײַטנס אַנטלויפן מיט דער משפּחה. יעצט קאָן זײַן ס׳שוין שפּעט. דער חלף ליגט שוין אויפן האַלדז!!!״. צו שמעיהן האָט ער געשריגן: ,,נעם דײַנע קינדער מיטן ווײַב און אַנטלויפט. פרווט אייך ראַטעווען״ און ווידער צו אַברהמען: ,,די בעטלערס בײַ דער טיר שיק אַ היים. דינג אַ דראָזשקע און לאָמיר פאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן מבקר־חולה זײַן ס׳ווײַב״. דער רבי איז אַרויס. אויף די וואַרטנדיקע ייִדן בײַ זײַן טיר געקוקט

ביטולדיק, רחמנותדיק. אַברהמל האָט שמעיהן דערציילט, אַז די רביצין האָט אַ טיפּן לאָך אין שטערן; ליגט שוין צוויי וואָכן מיט היץ. אַ שייגעץ האָט איר געוואָרפן אַ שטיין, בעת זי איז אַרויס פון מקווה. אַ פאַרחלשטע האָט מען זי אָפּגעפירט אין טשיסטא-שפּיטאָל אַרײַן.

די ייִדענעס און די מענער מיט פדיונים און בקשות-קוויטלעך זענען פאַרזאָרגטע אַוועק.

דער רבי, אָנגעטאָן אין אַ זײַדן, זילבער-באַבלומטן שלאָפראָק, אין אַ סאַמעטן קאַפּעליוש, איז אַרײַן אין בית-המדרש. מיט גלאַנציק פאַר-טרערטע אויגן געקוקט אויף די תהילים-קלאָגערס. צוגעגאַנגען צום ארון-הקודש. געמורמלט: „רבונא דעלמא כולא. זיי זיך מרחם אויף דײַן פאָלק, וואָס טראָגט אַלע פּרעניותן פאַרלאָזט דיך נישט, איז שייד אויך דו זיך נישט אָפּ פון אונדז. פאָטער אין הימל" און איז אַרויס.

שמעיה האָט דעם רבין באַגלייט ביזן טויער. געוואָרט ביז ער וועט אָפּפאָרן. געוואָרט אויף אַ ברכהדיקע תשובה אויף זײַן פראַגע וועגן שידוך. און איז אַן אַנטוישטער אַ היים. ער האָט שרהן גאָרנישט ניט דערציילט, בלויז געזאָגט: „דער רבי איז אין אַן עת-צרה. מ'האָט ס'ווײַב צעשלאָגן. זי ליגט אין טשיסטער שפּיטאָל. זאָל זי האָבן אַ רפואה שלימה".

י

ס'איז געווען אַ זוניקער סעפּטעמבער-זונטיק, אין סוף-יאָר 1938.

אויסגעפּוצטע, עלעגאַנטע, צו דער באַשטימטער שעה, זענען רחל און זעליק זיך אָנטקעגן געקומען פון אַנדערע גאַס-זײַטן. רחלס זגראַבנע פיגורל, בייגעווודיק, גראַציעז, רייצנדיק גענגל האָט זעליקן איבערראַשט. האָט ער זי דאָך גוט געקענט. אָבער איר הסכמה מיט אים צו באַגעגענען, איר נאָענטקייט און די קאָסמעטישע דופטן האָבן צעטומלט זײַנע חושים. ר'האָט נישט געוווּסט, וואָס פריער צו באַוווּנדערן. אַ ביסל לעקישעוואַטע געקוקט אויף איר שיין, לײַכט-געפאַרבט פּנימל, אויף אירע רויטלעך-באַשמינקטע ליפּעלעך. איז געווען אַנטציקט. שטויִנענדיק געקוקט אויף אירע גלאַנציקע בעקעלעך. געגלאָצט אויף די זאָרגפול-גערעדלטע לאָקנדלעך, גלאַנציקע, אָנגעצויגענע בלאָנדע האָר, אויפן פינקטלעך גערונ-דיקטן קעפּל. ער האָט גאַפנדיק געקוקט אויף איר בלוי-זײַדן בלוזקעלע, וואָס איז געווען אָנגעצויגן אויף רײַפע, תאווה-וועקנדיקע בריסטלעך. אירע גלאַנציקע, דורכדרינגלעך-בליקנדיקע בלויע אויגן האָבן אים דורכגעגליט. צעצאָפּלט ס'האַרץ, ר'האָט זיך פאַרלוירן. נישט געקענט אָפּרײַסן פון איר

די בליקן. ר׳האָט זיך באַמיט צו באַהערשן, נישט אַרויסווייַזן זייַן אַנטציקונג.

רחל האָט לייַכט געשמייכלט. געווען צופרידן פון זייַן צעדולטקייט. מיט גרויס הנאה האָט זי איבערגעלעבט אויף דאָס נייַ די אַמאָליקע באַוווּנדערנדיקע חשק־בליקן פון פאַרערערס, וואָס זי האָט, לייַכטזיניק, אָפּגעשטויסן. זי האָט געקוואָלן אין זיך פון זעליקס דערשטוינטקייט, פון איר כּוח נאָך צו וועקן מענערישע תשוקותן. זי האָט אים דערלאַנגט אַ שמאָל, ווייך, קאַלט דלאַניעלע מיט שפּיציקע, ראָזלאַקירטע נעגל און אין פּויליש געזאָגט: „איך הייס רוזשקאַ״.

„רוזשקאַ קלינגט טאַקע שיין. אָבער מיר געפעלט בעסער רחל״, האָט איר זעליק געענטפערט אין יִידיש: „דאָס איז דאָך שענער, אַן עכט יִידישער נאָמען, וואָס דערמאָנט אונדזער די פון דורות־לאַנג פאַרערטע חומש־מוטער״.

רחל האָט געשאָקלט מיטן קעפּל. געוואָרן היימלעכער: „מייַן טאַטעשי און מאַמעשי רעדן טאַקע מיט מיר בלויז יִדיש. רופן מיך, ווי זיי ווילן, רחלע. כ׳האָב געהערט זי זינט אַ ציוניסט. ס׳איז אמת ?״

אין זעליקס אויגן האָט זיך געלאָשן דער פאַרוווּנדערונג־גלאַנץ. ער האָט צו רחלען גענעענטערט, געקוקט אויף איר פּנים. בליקן מיט בליקן האָבן זיך באַגעגנט און ער האָט באַמערקט: „כ׳האָב געענדיקט אַ פּוילישע שול. כ׳האָב באַקומען גוטע אויסצייכענונגען פאַר חיבורים אין פּויליש. ספּעציעל אויף ליטעראַרישע טעמעס. קען די פּוילישע ליטעראַטור, וועלכע כ׳שעץ. האָב אָבער ליב בלויז די וועלכע האָבן מיך געערן. כ׳בין אַ נאַציאָנאַלער ייִד. צוליב דעם רעד איך בלויז יִדיש. כ׳וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל. דאָרט העלפן אויפבויען אַן אייגענע היים פאַר יִדן. כ׳גלייב היטלערס דראָונגען, זייַנע פּלענער צו אָקופּירן גאַנץ אייראָפּע און פאַרניכטן אַלע יִדן״.

„כ׳בין מיט אייַך מסכּים. זאָל זייַן רחלע״, האָט ס׳מיידל געענטפערט.

ביידע זענען געגאַנגען פאַמעלעך. אָבער זייערע געדאַנקען זענען העט־ווייַט געפלויגן. רחל איז געווען דערשלאָגן, זי זאָל דאָס שפּאַצירן מיט אַזאַ מענטשל, וועמענס קאַפּעליוש גרייכט אַפילו נישט צו איר אַקסל. חרטה געהאַט אויף די אַוועקגעשטויסענע, שיינע, קלוגע, רייַכע פאַרטנערן. קומערדיק און ביטולדיק געקוקט אויף זעליקס נישט האַרמאָניש פיגורל, וואָס איז איר גוט באַקאַנט. פילנדיק זייַן נאָענטקייט איז ער איר געוואָרן נאָך מער אָפּשטויסנדיקער. זעליקס געפילן האָבן זיך געקילט, געשטילט,

באַרויקט. דאָך חידושדיק געכאַפּט הרף־עינדיקע בליקן אויפֿן עלעגאַנטן, שיין גופיק דאַמעלע. נישט געגלייבט, אַז די אויסגעפּוצטע גרויסהאַלטערין, שוין נישט קיין זייער יונגע, וועט מסכּים זייַן מיט אים צו טרעפֿן אַ צווייט מאָל. איר מוטלאָזיקייט, די שפּאַסיקע רייד אירע, האָבן געפּעסטיקט זייַן השערה, אַז די באַגעגעניש איז די ערשטע און די לעצטע. אַזוי זענען זיי צוגעקומען צו דער פֿילהאַרמאָניע אויף יאַסנע־גאַס. ביידנס טראַכטעניש זענען פֿאַרשווונדן. ער האָט געקויפֿט קאַרטן אויף דער ערשטער גאַלעריע, ערשטער ריי, אַנטקעגן דער בינע.

בייַ דער אַרייַנגאַנג־טיר האָט זעליק נישט באַמערקט און זיך אָנגעשטויסן אין אַ פֿעטער גויע, אַן אָנגעטוענע אין אַ שוואַרץ, אויסגעפּאַסט קלייד, וואָס האָט שטאַרק אַרויסגעבולט אירע דיקע היפּטן און די האַלב דעקאָלטירטע גראָבע ציצן, וואָס צווישן זיי האָט אויף אַ זילבערן קייטעלע זיך געבאַמבלט אַ צלמל. די גויע איז געוואָרן ווּיט, כּעסיק און זיך אויף אים צעשריגן: „זשיד!!! נאָך וואָס ביסטו צו אונדז דאָ געקומען? גיי אין דייַן בוזשניצע! גיי דיר צום טייוול!" און אויף אים אַ שפּײַ געטאָן. זעליק האָט שוין געוווסט פֿון ענלעכע, פּראָוואָצירנדיקע, אַנטי־ייִדישע אינצידענטן און נישט רעאַגירט. גוט געוווסט, אַז קיינער וועט אים נישט פֿאַרטיידיקן, האָט ער אָפּגעווישט דאָס שפּייַעכץ פֿונעם פּנים און פֿון קראַוואַט און זיך געלאָזט מיט דער אויסגעפּוצטער רחל צו די געקויפֿטע ערטער. רחלס פּנים איז געוואָרן רויט, ווי אירע געשמינקטע ליפּן. איצט מער נאָך ווי פֿריער האָט איר פֿאַרדראָסן, הלמאַי זי האָט מסכּים געווען מיט אים זיך צו טרעפֿן, און גיין אין פֿילהאַרמאָניע, הערן מוזיק, וואָס זי האָט נישט גערן געהאַט.

"פּאַניע זעליק, צוליב וואָס קריכט איר צו זיי נאָך דערצו אין זייער חגא־טאָג?"

„דאָס איז זייער ווילן: ייִדן זאָלן אויפֿהערן געניסן פֿון קלאַסישער מוזיק, פֿון קינסטלעריש טעאַטער. דווקא צו להכעיס די ענדעקעס, גיי איך אומעטום".

רחל האָט נישט רעאַגירט אויף זייַן באַמערקונג. געזעסן זייטיק, גלייַך זי קען אים נישט. געשטוינט אויף דעם פּראַכטפֿולן, גרויסן זאַל מיט אַרומיקע, איינס איבערן אַנדערע גאַלעריעס, באַליכטיקטע מיט פֿיל־לאַמפּיקע זשיראַנדאָלן. האָט אַראָפּגעקוקט אויף די אַזויפֿיל אין טירן אַרייַנגעפּירטע עלעגאַנטע, גראַציעז־האָפּסלדיקע, ליאַלקעלדיקע פּאַניענ־קעלעך, געאָרעמטע מיט צוגעטוליעטע, שטײַפֿע, אויסגעפּוצטע פּאַצעטלעך,

וואָס האָבן מיט די יונגע, אויסקאָסמעטירטע דאַמעלעך ערעפּול נאָכגעטריטלט די ווײַבלעכע קלאַפּנדיקע געגנלעך צו די געקויפטע פּלעצער. די קאַוואַלערן האָבן די ווײַבעלעך פּאַרזיכטיק, ווי ווערטפולע, ברעכנדיקע זאַכן, געהאָלפן זיך זעצן אויף געבעטעטע שטולן. פּאָר זיי זיך טיף פאַרנייגט. אַ ווײַלע צו זיי אײַנגעבויגן געשטאַנען, הכנעהדיק געשמייכלט און דערנאָך זיך געזעצט צוטולייענדיקע צו די נקבות. מיט זיי געשטיפט, מונטער זיך אונטערהאַלטן. רחל האָט זשעדנע געקוקט אויף די דאַמעלעך, אָנגעטוענע אין לעצט־מאָדישע קליידער, באַפּוצטע מיט גאָלדענע, בריליאַנטענע ביזשוטעריעס. די גויעס האָבן רעשיק געלאַכט, געפּלוידערט מיט זייערע פּאַרטנערן מיט שטאָלץ־געהויבענע קעפּ, פּעטע, רויטע פּנימער, לוסט־גאַרנדיקע אויגן.

זעליק, וואָס פּלעגט דאָ קומען יעדן זונטיק, געקענט דעם זאַל, דעם פּובליקומס אויפפירונג, האָט דאָס אַלץ אויף אים נישט געמאַכט קיין ספּעציעלן רושם. איז געזעסן שטיל, פאַרטראַכט. סתמיק געקוקט אויף רחלס איבערגעטריבן באַפּאַרבט פּנים און אויף אירע קנאָהדיקע בליקן.

בעת דער עלאַסטיש־בייגעוודיקער דיריגענט איז אַרײַנגעקומען אויף דער בינע, איז געוואָרן געשטילט דאָס שעפּטשנדיקע רעדן פון עולם, די מעלאָדישע שפּילערײַען פון די אין לעצטע רגעס אויסגעפּרוּווטע אָרקעסטער־כּלים: די תּמידיקע פידלער־קלאָגערס, די יאָמערדיקע קרעכצערס, וואָס האָבן ליב יחידיש־סאָליסטיש, יחסנדיק צו שפּילן, האָבן געהאַלטן די כּלים אַראָפּגעלאָזטע אויף די קניען. רויט־פּנימדיקע, באַוואָנצטע לײַט האָבן אויפגעהערט גאַוההדיק צו טראָמפּייטן, אויסצובלאָזן וואָרענדיקע מדבר־קולות. ס׳זענען געוואָרן אײַנגעשטילט רוישנדיקע פּויקן־טומלערס, וואָס טאַרעראַמעווען מיט באַמבלענדיקע, טומלענדיקע טאַצן. דער הויכער, דאַרער דיריגענט, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרצן סמאָקינג, אין אַ ווײַס שטײַף העמד, בײַם קאָלנער פאַרשלייפט מיט אַ ברייטן, שוואַרצן שניפּס, האָט זיך טיף פאַרנייגט פאַרן פּובליקום, זיך געבוקט אויף רעכטס, לינקס, צו אַלע גאַלעריעס. זיך אויסגעגלײַכט. מיט דער רעכטער האַנט געריבט אויפן האַרצזייט, געסימנט אַז זײַן האַרץ איז מיט די צוהערערס. זיך אויסגעדרייט צו די שפּילערס, געהויבן דיריגירטע הענט ,זיי צעשפּרייט, געהעכערט דעם לאַנגן, שוואַרצבאַהאָרטן קאָפּ. זיך אויסגעצויגן, געבליבן שטיין ווי אַ צלם־סטאַטוע. זיך לײַכט אײַנגעבויגן. צו די ערשטע פידלערס אויסגעשטרעקט ס׳שטעקעלע. דערמיט לײַכט באַוועגט דיריגיר־סמנים. ס׳האָבן זיך דערהערט רחמימפול־בעטנדיקע, דיבע מעלאָדיעס. באַלד האָט

דאָס שטעקעלע שנעל זיך געהויבן צו די געלע טראָמפּייטערס, און די באַסן האָבן אויפגעברויזט, געבלאָזן וואָרנדיקע קולות. פּויקן האָבן לײַכט צוגעבאָמבלט. אַלע אינסטרומענטן האָבן זיך שטורמיש צערעשט. אַ בלאָנד שיקסל, אין אַ שוואַרץ, לאַנג, טיפדעקאָלטירט קלייד, האָט אין אירע ראָזע, אַנטבלויזטע הענטלעך געהאַלטן אַ דין, גרויס, שוואַרצגעבונדן בוך. פון דאָרט סאָפּראַן־קלינגענדיק אַרויסגעזונגען אַ דײַטשיש ליד. אַלע ווײַלע געהויבן דעם קאָפּ. געבליקט צום פּובליקום, וואָס אין זאַל, אויף רעכטס און לינקס אויף די גאַלעריעס, קאָלאָראַטוראַרטיק געהעכערט, מינאָריזירט איר קלינגענדיק, אַמאָל פישטשענדיק קול. טייל מאָל צעשאָקלט דעם קאָפּ מיט די צעפלאָמטע, בלאָנדע געלאָקטע האָר אויף לינקס און אויף רעכטס, צעהוידעט ס׳זילבערנע צלמל אין שפּאַלט צווישן האַלב־דעקאָלטירטע ברוסטן. דער כאָר האָט זיך הילכיק צעזונגען. דער עולם איז געזעסן קאָנצענטרירט, פאַרכאַפּט פון סימפאָניש שפּילן און זינגען. טייל האָבן פון צײַט צו צײַט געעפנט אויגן און ערעפּול געקוקט אויפן דיריגענטס זיך שלענגלדיק בייגן, אויסגלייכן, אויסציען, העכערן, יעדעס מאָל מיטן שטעקעלע זיך ווענדן צו אַנדערע אינסטרומענטן־גרופּעס, צום כאָר, צו דער סאָליסטקע, אַנדײַטן זייער פּינקטלעך, מאָסיק שפּילן. פּאָקטיש האָט דער דיריגענט כסדר געמוזט צוימען די שפּילערס, די זינגערס, נישט לאָזן צופיל באַווײַזן, אַז נאָר זיי זענען ס׳אויבערשטע פון שטייסל. פּעסט זיי אײַנגעשרומפּן אין בלויז האַרמאָניש־צוגעטיילטע שפּיל־ראַמען. אַזוי אַרום געשאָפן אַנגענעמע, האַרמאָנישע מוזיק.

זעליקס פּנים איז געוואָרן לײַטזעליק געאַנדערשט. רחל האָט באַמערקט זײַן צעשײַנטע ענדערונג: די פאַרמאַכטע, נערוועז־ציטערנדיקע אויגן־דעקלעך, זײַן ערנסט אויסזען, יעדעס מאָל מאַכן אַנדערע העוויות: ווונדערנדיקע, שמייכלענדיקע, באַגײַסטערנדיקע, פאַרטרוימטע, אומעטיקע, אײַנגעזען, אַז ער איז פאַרדמיונט, קאָנצענטרירט אין דער מוזיק. זי האָט אים איצט געזען ענלעך צו איר פאָטער בשעתן דבקותדיק זינגען שלוש־סעודות־זמירות, ווי ער זיצט אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן פאַרקלערט, פאַרחלומט. זעליק האָט זי באַוווירקט: אויך ער פאַרמאַכט די אויגן, הערנדיק בענקענדיקע, ראָמאַנטישע, אויפּברויזנדיקע, מעלאָדיעס, באַגלייט פון כאָראַלע און סאָליסטינס געזאַנגען.

זעליקס לינקע האַנט האָט עטוואָס זיך געהויבן, אַנגערירט אַ שיקסלס רעכטן עלנבויגן, וואָס האָט זיך שרעקיק אָפּגעטרייסלט, אָפּגערוקט, ווי פון אַ באַרירטן שרץ. זי האָט פאַר איר פאַרטנער זיך באַקלאָגט: איז ער געוואָרן

כעסיק אָנגעצונדן. מיט אַ רוקן פון אַ טעסטאַמענט־ביכל זעליקן געגעבן אַ פּעסטן קלאַפּ אין שאַרבן. אַ צעטומלטער האָט ער זיך אױפגעכאַפּט. געגעבן אַ קרעכץ, בײזלעך געקוקט אויף רחלען. זי האָט אים אָנגעװיזן אױפן שײגעץ, װאָס האָט צאָרנדיק געמומרמלט: „זשידקו, ביסט דאָ געקומען שלאָפן? קריך נישט, װוּ מ׳דאַרף דיך נישט״.

רחל האָט פאַרשעמט אַװעקגעבױגן דעם קאָפּ. זעליקן געבעטן זײַן פאַרזיכטיק. שױן ס׳צװײטע מאָל טוט ער נישט אַכטונג. ס׳איז געװאָרן אַ שושקערײַ. די נעבן־זיצנדיקע האָבן בײז געקוקט אויפן ייִד, װאָס שטערט זײ געניסן פון סימפאָנישן שפּילן.

נאָכן אַרױסגײן פון קאָנצערט־זאַל, האָט זעליק רחלען דערצײלט, װער ס׳זענען די מוזיק־גאָונישע קאָמפּאָזיטאָרן, װאָס האָבן געשאַפן די געהערטע מוזיק: יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך און פראַנץ שובערט, װאָס איז יונגערהײט געשטאָרבן. בײדע האָבן אױך געשאַפן קריסטלעכע קאָמפּאָזיציעס: מיסעס, פאַסיאָנס, אָראַטאָריעס.

„כ׳האָב באַלד דערקענט, אַז די סאָליסטקע בלעקעכצט, װי אין אַ קאָשטשאָל״.

זעליק האָט נישט רעאַגירט אויף איר באַמערקונג. געזאָגט; אַז יעדן זונטיק פאַרמיטאָג אַרבעט ער נישט.

קומט דאָ הערן מוזיקאַלישע פּרימאָרגנס. האָט ליב קלאַסישע מוזיק: סימפאָניעס, אָראַטאָריעס, אָפּערעס. מיט װערטער, געלײענטע אין צײַטונגס־רעצענזיעס אויפגעקלערט די פּאָזיטיװ־גײַסטיקע װירקונגען פון מוזיק, פּאָעזיע, פּראָזע. איר דערצײלט אַ ייִדישן שרײַבערס דעפינירן קינסלערישע מוזיק: דער קאָמפּאָזיטאָר שאַפט האַרמאָניע. נעמט אַראָפּ איבעריקע טענער, גיט צו פעלנדיקע אַקאָרדן. אין לעבן זענען ס׳רוב מענטשנס מעשׂים פעלערהאַפטע, אַז ער הערט מוזיק, גוטע לידער, לעבט ער אין אַ שײן, האַרמאָנישער װעלט, אין דער פּערעקטיקער נאַטור״. ער, זעליק, גלײבט אין אַן אַמאָליקער עטיש־סאָציאַלער װעלט־אָרדענונג, װאָס װעט אױך פאַרזיכערן אַ גוט, רויִק לעבן פאַרן געפּלאָגטן, גערודפטן ייִדישן פאָלק. איבערהױפּט אין צוריק אױפגעבױטן אײגן ארץ־ישראל־לאַנד. גערעדט, גערעדט. אַרױס־געװיזן מעלאָמאַנישע באַהאַװנטקײט אין אינסטרומענטאַל שפּילן, װאָקאַלע קלאַנגען, סקולפּטאָריש־בילדערישע טאַנץ־באַװעגונגען. דערמאָנט נעמען פון באַרימטע קאָמפּאָזיטאָרן, פידלערס, פּיאַניסטן. זײַנע װערטער זענען איר געװוען פרעמד. כמעט אומפאַרשטענדלעך. ער איז געװאָרן זיכער, אַז זײ

וועלן זיך מער נישט זען און זײַן רעדן וועגן קונסט, אַנטעסעמיטיזם איז געוואָרן פרייער.

„פּאַניע זעליק, איר רעדט גאָר אינטערסאַנט, לאָמיר אַ ביסל שפּאַצירן. ס'איז אַ שיין וועטער".

אירע רייד זענען פאַר אים געווען אַן אָנגענעמער סורפּריז און האָט באַלד מסכּים געווען. געטראַכט: „מײַנע טראַכטענישן נאַרן מיך".

רחל האָט אין שוי־פענצטער מיט גלאָציקע אויגן געקוקט אויף נײַמאָדישע קליידלעך, אונטערוועש, פוטערנע מאַנטלען. זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויסער וויטראַוע מיט גאָלדענע, בריליאַנטענע ביזשוטעריעס. זעליקן האָט דאָס נישט אינטערעסירט. ער האָט בלויז איר נאָכגעשפּאַנט. אַלע מאָל געקוקט אויפן האַנט־זייגערל. זיך דענערווירט, ער פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט. איר געבעטן אַ היים פאָרן. זי האָט צו אים קאָקעטיש געשמייכלט און ווײַטער שפּאַצירט. דער מיטאָגדיקער סעפּטעמבער־דרויסן איז געווען לײַכט־ווינטלדיק, זוניק־מחיהדיק. רחל האָט נישט געקאָנט זיך זעטיקן מיטן תּאוהדיקן קוקן אויף די עלעגאַנטע קאָנפעקציע און צירונג־סחורות. זשעדנע געקוקט אויף די יונגע, שיינע, עלעגאַנטע, גוט־געשטימטע, לוסטיקע פּאָליאַקן. האָבן דערהערט דײַטשישע טאַנצמוזיק, באַגלייט מיט שטילע אויסשרײַענדיקע, ראָמאַנטישע ווערטער פון ליבע־שלאָגערן און אײַנגעשטילטע פּויזעס געגעבן אויסצוגן פון היטלערס מלחמה־דראָונגען, שנאָהדיקע זידלערײַען, בלבולים קעגן דער „פאַר־פלוכטער יודן־ראַסע", וועלכע ער וועט אויסראָטן אין אייראָפּע. ביידע זענען געווען געוווינט צו די פּילמאָליק־געהערטע אַנטי־יידישע אַרויס־טרעטונגען, וואָס זענען צענדליקער מאָל אין טאָג געוואָרן איבערגעגעבן פון ראַדיאָ־הילכערס, אַרויסגעשטעלטע פון פּוילישע געשעפטן. רחל האָט נישט געלייגט אַכט אויף די העצערישע געשרייען און געגאַנגען פאָרויס, פאָרויס. געגאַסן פון דער אַנגענעמער טעמפּעראַטור, עסטעטיש־אויס־געשטעלטע, לוקסוסדיקע, נײַ־מאָדישע סחורות און עלעגאַנטע פאַרבײַגייערס. ספּעציעל מקנא געווען די אויסגעפּיאָצקעטע דאַמעלעך, געפּיעשטשעטע, לוסטיק צעפּלירטעוועטע פון הויכע, שלאַנקע קאַוואַלערן.

זעליק איז נאָכגעקראָכן רחלען. ס'איז אים געווען דאָ אומהיימלעך. יעדעס מאָל נערוועז געקוקט אויפן האַנט־זייגערל. איר געבעטן אַ היים פאָרן און זי בײַ ס'איריקע: „נאָך אַ ווײַלע. ס'איז דאָך דאָ אַזוי אַנגענעם צו שפּאַצירן. פּאַניע זעליק, רעדן זי נישט ייִדיש. ס'איז דאָ נישט שיין".

זעליק האָט זי ביטולדיק אָנגעקוקט. אויסגעדרייט דעם קאָפּ. הינטער

זיי געזען גיין אויסגעפּוצטע פּאָרלעך מיט האַלטנדיקע פּראָגראַמען פון פּרימאָרגן־קאָנצערטן. פאַר זיי האָבן גענענט מאַסן פאַרשידנעלטערדיקע גויים מיט געבעט־ביכלעך, צלמלעך אין הענט. דער המון איז אַרויס פון אַ דערנעבנדיקן קאָשטשאָל. ער האָט מורא געהאַט צו זײַן צווישן ביידע זײַטן גויים. ער האָט געפאָדערט פון רחלען, וואָס שנעלער פון דאָרט אַוועקצופאָרן. „ס׳ברענט נישט”, האָט זי געחוזקט פון זײַן פּחדנישקייט און אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויס פענצטער מיט פּאָקענע, קאַראַקולענע, טוכענע מאַנטלען. פונדערווײַטנס האָט זעליק באַמערקט אַ גרויס פּלאַקאַטן־ברעט. איז צו. געלייענט: דעם נאָענטסטן זונטיק וועט מען אין דער פילהאַרמאָניע אויפפירן געאָרג פרידריך הענדעלס אָראַטאָריע „משיח”. זײַנע אויגן האָבן זיך צעגלאַנצט. ער האָט צוגערופן רחלען. איר געזאָגט, אַז די צווייטע וואָך מוז ער גיין הערן די וווּנדערבאַרע שאַפונג. זי האָט אים אָנגעקוקט איראָניש. נאָר דערזעענדיק זײַן פאַרדראָסיקייט, האָט זי זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרטושן אירע שפּאָטישע בליקן. געמאַכט אַן ערנסט מינעלע. געפרעגט: „ווער איז דאָס דער הענדלער?”

זעליק האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. געזען אירע לײַכט־שאָקלענדיקע פּיסלעך צום טאַקט פון אַ געהערט שלאַגערל. אָפּגעזיפצט. דערקלערט: דער געניאַלער הענדעל האָט געלעבט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, פאַרפאַסט אָפּערעס, אָראַטאָריעס אויף תנ״ך־טעמעס. באַמערקט: „אינטערסאַנט, טייל גויים לערנען, אַכטן מער אונדזער תורה, ווי געוויסע ייִדן”. פּלוצעם דערפילט אַ זעץ אין קאָפּ. אַ שיקסל האָט געכאַפּט זײַן קאַפּעליוש. אים אָנגעטאָן אויף איר קעפּל מיט לאַנגע, שוואַרצע צעפּ. צו זעליקן אַרויסגעשטעקט די צונג, געשריגן: „בייליס! זשיד!”, אָנגעוויזן אויפן קאַפּעליוש: „ווילסט אים צוריק?” און געוויזן אַ פײַג. זיך צוגעטוליעט צו אַ הויכן שייגעץ. אים עפּעס אײַנגערוימט אין אויער. זעליק איז צו זיי צו. געבעטן זײַן הוט. דערקענט דעם, וואָס האָט אים געגעבן אַ זעץ אין קאָפּ מיטן עוואַנגעליע־ביכל. ר׳האָט דערקענט, אַז דאָס שיקסל מיט זײַן קאַפּעליוש אויף איר קאָפּ איז די זעלבע, נעבן וועלכער ער איז געזעסן אין פילהאַרמאָניע. דאָס מיידל האָט פון קאָפּ אַראָפּגענומען דעם קאַפּעליוש, מכלומרשט זעליקן צוריק צו געבן. נאָר ווי זעליק האָט אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט איר באַגלייטער אים באַפאַלן מיט קלעפּ אין פּנים, אין ברוסט־קאַסטן, אים אומגעוואָרפן. פאַרבײַ־גייענדיקע שקצים האָבן אים געקאָפּעט. אויף אים געשפּיגן, געשריגן: „דאָ פאַלעסטינע, פאַרכוואַטער זשיד!” דאָס שיקסל האָט זיך צעכאָכאָטשעט. אָנגענומען איר פאַרטנער בײַ דער רעכטער

דלאָניע, אים דערוויַיטערט פון ליגנדיקן, וואָס האָט זיך קוים אויפגעהויבן. אומגעקוקט זיך שרעקיק. די אָנפאַלערס זענען פאַרשוווּנדן. אויך ניִשט באַמערקט רחלען. ער איז געווען דערשלאָגן. געזאָרגט צי מ׳האָט זי נישט פאַרכאַפּט. געפּרוּווט פאַרווישן פאַרשטויבטע שוכצייכנס אויף זײַן מאַרינאַרקע און הויזן. מיט אַ טיכל געווישט רינענדיק בלוט פוןביידע נאָזלעכער. עס נישט געקענט האַמעווען. איז אַריַין אין עטלעכע הייף, צו זוכן אַ קראַן מיט וואַסער, אָפּצוואַשן ס׳פּנים און האַמעווען ס׳בלוט. אין אַ קליין הייפל האָט ער גראָד באַמערקט אַ קראַן. אָבער פון אַ געעפנט פאַרטער־פענצטער האָט אַ יונגע פרוי אין אַ ראָז שלאָפהעמד צו אים געשריגן: „זשידקו!, וואָס זוכסטו? קויפן־פאַרקויפן? ער האָט איר געוויזן ס׳פאַרבלוטיקטע פּנים. צוריקגעשריגן: „כ׳וויל עס בלויז אָפּוואַשן!”. „גיי צום טײַוול!!!”, האָט זי געקוויטשעט. פון איר דירה אַרויסגעלאָזט אַ גרויסן, פעטן, געלן הונט, וואָס איז ווילד־בילנדיק צו אים צוגעלאָפן. מיט דער מאָרדע אָפּגעריסן אַ שטיק הויז פון לינקן פוס און אים אַ ביס געטאָן. זעליק האָט זיך נישט פאַרלוירן. מיטן רעכטן שפּיציקן לאַטש דעם הונט געגעבן אַ פעסטן קאָפּע אין פּיסק אַריַין און אין רעכטן אויג. דער הונט האָט זיך צעמרוטשעט. צוריק געלאָפן אין הויז־קאָרידאָרל. פון דאָרט פחדיק געקוקט. די קוויטשענדיקע גויע איז שנעל אַרויס מיט אַ שטעקן. אָבער דעם אַנטלאָפענעם זעליק שוין נישט געזען. ער איז אַריַין אין אַ דערנעבנדיקן טויער, אַראָפּ אין אַן אָפענעם קעלער. מורא געהאַט אַרויס־צוגיין די גויע וועט אים צעמימתן. קיינער וועט זיך פאַר אים נישט אָננעמען. דערבײַ געטראַכט: ווי גייט מען מיט באַשמוצטע, צעריסענע הויזן? דורכגייערס וועלן מיינען, אַז ער איז אַ משוגענער ייִד און מ׳קען אים אויף ס׳נײַ באַפאַלן. דאָך האָט ער ריזיקירט. איז אַרויס. זיך אומגעקוקט. אַלץ געמיינט, אַז די גויע זוכט אים. איז שנעל אַריַין אין אַ קאַוויאַרניע. אַרויסגענומען אַ הונדערט־זלאָטיקן באַנקנאָט, אים אַרויפגעלייגט אויפן בופעט־טיש. געבעטן אַ גלאָז סאָדע־וואַסער, די פאַרקויפערין האָט אים אָנגעקוקט רחמנותדיק. געהייסן אים אַריַינגיין אין טואַלעט זיך אַרומוואַשן. האָט ער דאָרט אָפּגערייניקט ס׳פּנים. אָפּגעפליקט אַ שטיק העמד און דערמיט פאַרבונדן דעם צעביסענעם פוס, מיט וואַסער פאַרווישט די שטויביקע צייכנס אויף דער מאַרינאַרקע און הויזן. מיטן קראַוואַט פאַרבונדן דעם צעפליקטן הויז. איז שעמעוודיק שנעל פאַרבײַ די טישלעך, באַזעצטע מיט פריילעך־אַמוזירנדיקע זיך פאַרלעך. איז צוגעגאַנגען צום בופעט. געדאַנקט דער יונגער קעלנערקע. אויסגעטרונקען אַ גלעזל לימאָניאַדע.

געבעטן אַ גלאָז טיי מיט קוכן. זיך געזעצט בײַ אַ טישל, נעבן אַ וואַנט, אין סוף רעסטאָראַן. דערשטוינט דערזען רחלס שנעל, צעשטרײַט אַרײַנקומען. זי האָט אים באַדויערט, געווישט באַטרערטע אויגן. זיך פּאַרענטפערט: מורא געהאַט די שקצים וועלן איר כאַפּן, זי פּאַרשלעפּן, פּאַרגוואַלדיקן, שלאָגן. איז קוים אַרײַנגעלאָפן אין אַ רעסטאָראַן. זי ווייסט פון קאָלעגן, וואָס זענען באַפאַלן געוואָרן פון ענדעקעס, זענען אַרײַן אין רעסטאָראַנען און אויסגעמיטן קלעפּ. די קאַוויאַרניע און רעסטאָראַן־אייגנטימער האָבן געפּועלט בײַ דער פּאָליציי צו אַרעסטירן יעדן כוליגאַן וואָס וועט אָנפאַלן אויף אַ קליענט. אַז ס׳האָט זיך אײַנגעשטילט, איז זי אַרויס אים זוכן. פּאַרשטאַנען, אַז אויך ער ווייסט, אַז מ׳דאַרף אין אַזעלכע פאַלן זיך אויסבאַהאַלטן אין קאַפעען. אים געזוכט אין שענקן, בופעטן רעסטאַראַציעס. אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענע, פּאַרזאָרגטע. „כ׳בין גליקלעך. וואָס כ׳האָב אײַך געטראָפן, אַנטשולדיקט, וואָס ס׳האָט מיט אײַך פּאַסירט צוליב מיר״.

נאָכן אויסטרינקען די טיי, האָט ער נאָכאַמאָל געדאַנקט דעם בופעטמיידל, וואָס האָט צו אים געזאָגט אויף ייִדיש: „פּאָרטס שנעל אַ היים״. זיי זענען אַרויס. אָפּגעזוכט אַ דראָזשקע. אַרײַנפּאָרנדיק אין די ייִדישע גאַסן, האָט זי אים גאָר פּאָרגעהאַלטן, אַז צוליב זײַן לייענען דעם פּלאַקאַט איז דאָס אַלץ געשען. „מער גיי איך נישט אויף זייערע קאָנצערטן״, האָט רחל קאַטעגאָריש געזאָגט.

„דאָס ווילן זיי דאָך. איך האָב גערן די אָראַטאָריע ,משיח׳ און וועל יאָ גיין. צו להכעיס זיי, וועל איך דווקא גיין״.

„משיח?״, האָט רחל זיך געוווּנדערט. אַ גוי שרײַבט מוזיק וועגן משיח?״

זעליק האָט לײַכט געשמייכלט. „פון זייער און אונדזער משיח איז אַ קאָלאָסאַלער אונטערשייד. לויט זייער אמונה, איז משיח שוין געקומען. בײַ אונדז איז נאָך זייער ווײַט צו דער גאולה. דורות וואַרטן מיר אויפן אויסלייזער, דרײַ מאָל אין טאָג בעטן ייִדן: ,ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים׳. מיר ווילן אַ לײַטזעליקע אויסלייזונג. בײַ זיי איז דער פון גויִים צום טויט־פּאַרפײַניקטער ייִד געזאַלבט געוואָרן אַלס משיח״. זיך געטאַפּט די לינקע זײַט, ווו ער האָט באַקומען אַ שטאַרקן קאָפּע מיט אַ שפּיציקן שטיוול. געקוקט אויפן צונויפגעבונדענעם, צעפליקטן הויז, נאָך אַלץ דורכגעבלוטיקט ס׳אָפּגעפליקטע שטיקל העמד, מיט וועלכן ער האָט באַנדאַזשירט די ווונד, צעגריזשעט פון דער גויעס אָנגערייצטן הונט. איר ממשיך געווען דערקלערן: „אַז ס׳וועט קומען דער גואל־צדק, גלייבן ייִדן, וועט זײַן

תחית־המתים. אַנדערש איז בײַ זיי, זינט ס'האָט זיך געיאָוועט זייער קריסטוס־משיח, האָבן זיי נאָך נישט אויפגעהערט צו טויטן לעבעדיקע, ספּעציעל ייִדן, צו ווּעמען דער יעזוס האָט געהערט. האָבן אויפגעבויט ריזיקע, שיינע קאַשטשאָלן, וואָס אין די זונטיקס און אין חגא־טעג זענען זיי אָנגעפּאַקט מיט בעטערס. זיי האָבן ליב די שיינע, קריסטלעכע צערעמאָניעס. אָרגל־שפּילן, כאָראַלע געזאַנגען, הערן גערן דרשות מיט ציטירטע לעגענדעס, עטישע רייד פון עוואַנגעלישע ביכלעך. אָבער האַלטן ווייניק פון יעזוסעס פּרעדיקערייַען. ווען די שקצים האָבן מיך געשלאָגן, געטרעטן, האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַרויסגייערס פון קאַשטשאָל. כ'האָב צו זיי אויסגעשטרעקט רחמימדיקע הענט, געבעטן מיך פּאַרטיידיקן. טייל האָבן געשפּאָט פון מײַן נעבעכדיק ליגן. אַנדערע זענען געשטאַנען פּאַסיוו, גלײַך זיי וואָלטן געקוקט אויף אַ באָקסן־פּאַרמעסט אין אַ צירק. זיי האָבן געגוי געוווסט, אַז מ'שלאָגט מיך אומזיסט. אָבער קיינער, קיין איינער פון די קריסטן האָט זיך פּאַר מיר, דעם צעשלאָגענעם, באַטרעטענעם באַשפּיגענעם ייִד נישט אָנגענומען און נישט באַזײַטיקט די שלעגערס. כ'האָב גוט געזען, אַז דער רוב פון זיי האָבן געהאַלטן שוואַרצע געבעט־און טעסטאַמענט־ביכלעך מיט צלמלעך. אין דער אָ אומגליקלעכער פּאָזע געוווסט, אַז כ'בין הפקר. דאָס האָט מיר מער ווייַ געטאָן ווי די קלעפּ. אויף מײַן אייגן לײַב זיך הײַנט ווידער איבערצייגט, אַז מיר זענען דאָ אומבאַהאָלפן, אומבאַשיצט. יאָ, מ'דאַרף זיך ראַטעווען. מ'דאַרף אַנטלויפן ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט".

אַז זיי זענען צוגעקומען צו רחלס טויער, האָט ער זי העפלעך אַראָפּגענומען פון דער דראָזשקע. איר געפרעגט: „פּאַני רחל, זי ווילן זיך באַגעגנען שבת נאָכן עסן? אַ זייגער איינס?"

זי האָט אים אָנגעקוקט איבערראַשט, צעטומלט. נישט געוווסט וואָס אים צו ענטפערן. שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז זי וויל אים מער נישט פּאַרדרייען דעם קאָפּ און דאָך געצווייפלט: אים אָפּזאָגן? האָט הײַנט צוליב מיר אַזוי פיל געליטן. מיר נישט פאַרגעהאַלטן, פאַרוואָס כ'בין אַנטלאָפן, פּאַרוואָס אים נישט געהאַרכט באַצײַטנס אַ היימצופאָרן. זעליק האָט באַמערקט, זי קווענקלט זיך. איז ער שטיין געבליבן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ געפּלעפּט, דערשלאָגן. רויִק געוואַרט אויף ענטפער. געקוקט אויפן האַנט־זייגערל, באַמערקט. ס'איז שוין דרײַ נאָך מיטאָג, איר געפרעגט: „נו?"

„זאָל זײַן", האָט זי לײַכט געשמייכלט: „וועל צוקומען צו אײַער הויז".

זעליק איז געפאָרן אין טשיסטאַ־שפּיטאָל, ווו מ׳האָט באַנדאַזשירט די וווּנד.

יא

רחל האָט דער מאַמען דערציילט, אַז דער זעליק איז געלערנט, איידל, קאָרעקט, אַן אמתער דזשענטלמען. זיסל האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט, נישט איבערגעטריבן. פון אינצידענט נישט דערמאָנט קיין איין וואָרט. באַמערקט דער מאַמעס אויגן ווערן פֿײַכטלעך, איז געריכט פון דער טאָכטערס פּאָזיטיוו רעדן וועגן געשדכנטן בחור. מיטן עק פאַרטוך געווישט אַ רינענדיקע טרער פון דער לינקער באַק.

„רחלע, ווייסט? אפשר איז דאָס דײַן גורל?". די אָ ווערטער האָבן זי אויפגעטרייסלט. איז צוגעגאַנגען צום שטייִשפּיגל. אויפמערקזאַם באַקוקט די שפּעלטלדיקע קנייטשלעך אַרום די אויגן־ווינקלען, צענומען די האָר, געזוכט גרויע. גענומען אין האַנט אַרײַן אַ ביכל און כאַטש ס׳איז געווען פון די לײַכטסטע, האָט זי נישט אויפגעכאַפּט קיין איין זאַץ. געדמיונט וועגן אַזויפיל שיינע, עלעגאַנטע, רײַכע יִינגלעך, וואָס האָבן זי געבעטן, „פשוט געהלשט" מיט איר חתונה צו האָבן און זי האָט אַלע אָפּגעשטויסן. אויף יעדן אויסגעזוכט חסרונות: „בעניעק איז שיין, ווי אַ מלאך. האָט אַלע מעלות: הויך מענעריש, קלוג, פאַרדינט גוט. איז אָבער נאָכאַלנע. קריכט ווו מ׳טאָר נישט. מיינט כ׳בין אַ ביליקע". „שלומקע איז צו כיטרע, איבערגעשפּיצט, אײַנגעבילדעט, ר׳איז דער גרעסטער חכם. זיכער קלערט מיך אָפּנאַרן, אויסניצן. צום סוף באַשמוצן, ווי ער האָט גערכילה׳וועט אויף מײַנע חברטעס, וואָס לייגן זיך מיט ווען ס׳לאָזט זיך". „בערעק גאָלדוואַסער איז טאַקע אַ שיינער, אָבער אַן אידיאָט. פאַרשטייט נישט, וואָס מ׳רעדט צו אים. האָט אַ קאָפּ, ווי אַ הייפּטל קרויט. פרעגט נאַרישע קשיות. אַ חרפּה מיט אים זיך צו ווײַזן אין אַ געזעלשאַפט". „משהלע גאָלדשמידט איז דער בעסטער: הויך, אײַזן־קלוג, קורח־רײַך, עלעגאַנט, קוקט אויף מיר ממזריש, ליב. אים באַזײַטיקט צוליב זײַן קאָרגשאַפט. איז פשוט געהרגעט געוואָרן פאַר אַ זלאָטע. מיט מיר געגאַנגען בלויז שפּאַצירן, תמיד אַרײַנגעפירט אין זאַקסישן גאָרטן. אויסגעזוכט זײַטיקע בענק אין טונקלע אַלייען. דערציילט סעקסישע וויצן, ניבול־פה־מעשׂלעך, זיכער געלייענטע אין „בלאַפער"־בלעטל. מיטן פּיסקל געוועזן אַ גאַנצער קנאַקער און זיך אויפגעפירט ווי אַ זקן. נאָך עטלעכע מאָל מיט אים זיך טרעפן,

אים דערקלערט: ‚מיר פּאַסן זיך נישט. זוכט אַ צווייטע פּאַננע׳. געטראַכט, געטראַכט: דער רוב פון זיי, אפשר אַלע האָבן שוין חתונה געהאַט. זענען גוט איינגעאָרדנט. מעגלעך לעבן ווייל און איך בין געבליבן ‚זיצן׳. וואָרט נאָך אַלץ אויף אַ לייטישן, פּאַסיקן בחור״. אַזוי געדמיונט. געוואָרן טרויעריק, דערמאָנענדיק, אַז זי דאַרף זיך טרעפן ס׳צווייטע מאָל מיטן קליינעם, עלטערן זעליק.

טעג, האַלבע נעכט האָבן זי געמאַטערט ספקות, חרטות. טרוימען, האַפענונגען, רעזיגנאַציעס האָבן זיך אין איר געראַנגלט: זעליק איז טאַקע קליגער פון אַלע אירע געוועזנע באַקאַנטע, געליבטע. איז אינטעליגענט לויט זיסלס רייד, אויך אַ גוטער פּאַרדינער. איז פּראַקטיש. איז טאַקע עלטער. דערפאַר אָבער דערפאַרן. ער וועט זיכער זיין אַ גוטער מאַן. אָבער זיין קאָמיש, האַרמאָניעלאָז־געבויט קערפּערל. זי וועט זיך שעמען מיט אים באַווייזן פאַר קאָלעגעס, קאָלעזשאַנקעס, מיאוסערע פון איר, וואָס האָבן געפּאַקט מענער, ריזיקע יאַטן. זיין נאַענטקייט האָט ביי איר נישט געוועקט קיין שום לוסט. בעתן שפּאַצירן מיט אים, איז זי געווען טרויעריק. נישט געוואָלט קיינעם באַגעגנען, וואָס זאָלן זען צו וואָס זי איז צוגעקומען. געספּקט צי זי דאַרף, צי זי מעג אים פּאַרדרייען דעם קאָפּ. ער איז שוין נישט קיין יונגער, דאַרף זיך רעדן אַן אַנדער פּאַסיק מיידל, וואָס וועט מסכים זיין מיט אים חתונה צו האָבן. געקלערט: „אפשר אים מעלדן, זי וועט שבת נישט קומען? נאָך אייניקע מינוט געטוישט די דעה: ניין. זי וועט אים נישט פאַרשעמען. ר׳איז דאָך אַזאַ געפּילפּולער. וועט אים נאָך באַגעגענען און מער נישט זיך אָפּשמועסן צו טרעפן. די אַ קעגנזעצלעכע געדאַנקען האָבן איר געפּייניקט. נעכט נישט געלאָזט צומאַכן אַן אויג. די מאַמע האָט ווידער דערהערט קרעכצערייען, משונהדיקע רייד: „בעניעקל, ליבער, פאַמעלעכער, אוי ווי גוט״. די מאַמע איז אַנטלאָפן, געקלאָגט: „ס׳איז אין קינד אַריין אַ דיבוק״.

נישט גערנדיק איז רחל שבת נאָכן עסן געגאַנגען צו זיין הויז. לויט איר געשמאַק זיך נישט ספּעציעל אויסגעפּוצט. אַנגעטאָן אַ ווייס, דורכזיכטיק בלוזקעלע. נעבן דער לינקער ברוסט צוגעשפּיליעט אַ רויטשטאָפיק רויזל. אַנגעמאָסטן עטלעכע ראָקן און באַשלאָסן אָנטאָן אַ גראַנאַטן, קלאָשאָווען ראָק, אַ לייכטשטאָפיק מאַנטל. אַ ביסל געאַנדערשט די פריזור. פונאַנדער־גענומען די צעפּ. זיי צעבערשטלט. פאַרוויקלט אין אַ גרעקל, צוגעקעמט. נעט צוגעשמינקט די ליפּן. מיט אַראָמאַטיש־פּאַרכאַפּנדיקן פּאַרפום באַשפּריצט די האָר, ס׳פּנים, דעם האַלדז. זי האָט אויסגעזען מלא־חן.

פאַרן אַרויסגיין זיך געדרייט פאַרן שפּיגל. קאָנטראָלירט יעדן קערפּער־טייל. אַרויסגעשטעקט אַ צו להכעיס־צונגל: „פּאַניע זעליקל, נישט פאַר אַ הינטל איז קעלבאַס". צופרידן געשמייכלט פון איר שיין אויסזען. אין איר האָבן זיך געוועקט האָפענונגען, אַז זי וועט נאָך באַקענען איר חלומדיק־באַשערטן.

רחל איז חשקלאָז געגאַנגען צו דער צווייטער ראַנדקע מיט זעליקן. אויפן וועג האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. פון זאַמשענעם געלן טאַש אַרויס־גענומען אַ שפּיגעלע, קאָנטראָלירט אירע געפאַרבטע וויעס, די ליפּן. פון זיך געקוואָלן און געטראַכט: „כ'בין אַ חסר־דעהניצע" מיט קנאה געקוקט אויף קלענערע, ווייניקער געראָטענע, פון איר עלטערע מיידלעך, מיט נישט סימעטרישע, קליינע פּיסלעך, כאַראַקטערלאָזע פּנימער, גלאָצישע אויגן שפּאַצירן מיט הויכע, שיינע פאַצעטלעך. איר האַרץ האָט געוויטיקט, ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי גייט צום אים אויף אַ ווײַלע. זי וועט אויסזוכן אַ תירוץ, אים געזעגענען און נישט צוזאָגן זיך מער באַגעגענען.

יב

זעליק האָט רחלען האַרציק באַגעגנט, זי ליבלעך גענומען אונטערן אָרעם. און כאָטש ס'איז איר געווען דערווידער, אָבער אים נישט געוואָלט פאַרשעמען, אַרויסנעמען איר האַנט פון זעליקס. מיט אים נערוועז געשפּאַנט. יאָ, זי וואָלט גערן ערגעץ־ווו אַרײַנגעגאַנגען. געשעמט זיך צו טרעפן מיט באַקאַנטע. זי האָט נישט אויפגעהערט צו קלערן תירוצים ווי אַזוי אים געזעגענען. זעליק גאָר האָט אָנגענעם געפילט ווי איר וואַרעמער קערפּער היצט, רייצט אים. ער איז געווען שטאָלץ צו גיין מיט אַזאַ עלעגאַנט, שיין פּאַניענקעלע. אַז ר'האָט אויף אַ רגע זי באַטראַכט, פונעם בלאָנד־באַהאָרטן קאָפּ ביז צו אירע חשק־וועקנדיקע פּיסלעך, האָט אים געוווּנ־דערט, וואָס אַזאַ פּראַכטפולע מויד עלטערט זיך. ווייסט ער דאָך, אַז זי האָט אַרומגעהוליעט מיט צענדליקער פאַצעטלעך און נאָך נישט געפונען קיין בעלן אויף חתונה צו האָבן. איר הסכמה צו וועלן מיט אים פאַרברענגען איז פאַר אים געווען אַ רעטעניש. ס'מוז זײַן אַ סיבה. ער האָט געטראַכט פאַרשידענע געדאַנקען און שפּאַצירט אין וואַרשעווער שבת־אײַנגעשטילטע גאַסן. אויך רחל האָט נישט משיג געווען, ווי אַזוי צוויי פאַרשידענע, קעגנזעצלעכע טיפּן, אין אויסזען און אין כאַראַקטער קאָנען זיך צופּאַסן, האַרמאָניזירן. זי פּטרט איר און זײַן צײַט. נאָרט ביידנס עלטערן. איר

הסכּמה אים צו טרעפן ס׳צווייטע מאָל שאַפּט בײַ דעם אַזוי עמפּינדלעכן זעליק פאַלשע אילוזיעס. ער קען זיך אײַנבילדן, אַז זי וויל אים און אין זײַן האַרץ וועקן ליבע־געפילן. בײַ זיך באַשלאָסן: ווײַל זי וויל אים נישט ווײ טאָן, איז גורם זײַן לײַדנדיקע אַנטוישונגען וועלן זײ צוגײן צום ראָג, אַרײַן גײן אין גערטנדל, אַ ביסל זיצן און אים זאָגן, אַז „מיר זענען נישט פּאַסיק". זי האָט נישט געאַנט, אַפילו אַז זעליק צווייפלט גאָר צי אַזאַ מײדל מיט אַזאַ זגראַבנע פיגורל, חנפול פּנימל, אַזאַ תּמיד אויס־געצאַצקעט דאַמעלע וועט מסכּים זײַן מיט אים סטאַביל צו גײן. פון חתונה האָבן האָט ער נישט געטראַכט קײן אײן רגע. אַפילו ס׳וועט אים ווער פרעגן אויף איר אַ מײנונג און וואָס ער דעצידירט, ספק ער צו געבן אַ פּאָזיטיווע תשובה. ער האָט שוין אײַנגעזען, אַז זי איז ווייניק באַגאַבט, קנאַפּ באַלעזן. וועט מיט איר נישט האָבן וועגן וואָס און פון וואָס צו שמועסן. אַ זאַך, וואָס ער האָט גאָר גערן. ער זעט אין איר בלויז אַ פּאַרפּוצט ליאַלקעלע, וואָס דאַרף אַ מאַן זיך מיט איר כּסדר שפּילן און דאָס איז נישט פאַר אים. און אַזוי גײענדיק איז אים אײַנגעפאַלן: מעגלעך, אַז דאָס האָט איר וועלכער ס׳איז יונג פאַרנאַרט, זי שוואַנגערט און אים אָפּגעזוכט אַלס פרײַער צו פאַרדעקן איר שאַנד. איר גלײַכגילטיקייט, איר באַזאַרגט־קייט, האָבן געפּעסטיקט זײַנע חשדות און מחשבות. נאָר דאָך הנאה געהאַט פון איר וואַרעמער, דופּטיקער קערפּערלעכער נאָענטקייט, געווען צופרידן צו באַווײַזן זיך מיט אַן עלעגאַנטער קראַסאַוויצע. ער האָט באַשלאָסן זי צו באַקענען מיט זײַנע קאָלעגן. דאָס וועט שטײַגערן זײַן אָנזען אין דער אינטעלעקטועלער חברה, לאָקנדיקע צו שײנע פרויען: געפילט ווייל — סתם אַזוי מיט איר אַ צײַט גײן איז אויך אַ דערגרייכונג, האָט ער צופרידן געטראַכט.

און מ׳איז געגאַנגען. דאָס זען די טומלענדיקע יוגנט, דאָס הערן ייִדישע פאָלקס־לידער פון טייל אָפענע באַלקאָנען, דאָס אָבסערווירן שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך, די אויסגעשטעלטע סחורות אין וויסטאַוועס, האָט באַווירקט די איןביידנס געמיטער פאַרשידנאַרטיקע, אַ ביסל ענלעכע מחשבות. זעליק האָט געקלערט ווי מיט איר גײן באַזוכן. חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט, בעתן פאַרשלאָגן די פרייע שעה, פאַרגעסן, אַז שבת נאָך מיטאָג זענען אַלע קולטור־און פאַרווײַלונגס־אַנשטאַלטן פאַרמאַכט. איר נישט געוואָלט פּראָפּאָנירן אַרײַנגײן אין אַ זעלטן אָפן קאַוויאַרניעלע. אפשר האָט זי מורא פאַר אירע פרומע עלטערן. אַזוי געקלערט, קאָמבינירט. דערטראַכט מיט איר גײן צו זײַן פרײַנד, נחום אייבעשיץ, אויף זאַמענהאָף־

גאַס. אויף זײַן פֿאָרשלאָג האָט זי באַלד מסכּים געװען. אַבי אַװעק פֿון גאַסגייערס.

אַרויפֿגייענדיקע אויף די טונקעלע שטיגן, געזען אַראָפּשטייגן צוויי מאָדנע לײַט: איינער גאָר אַ הויכער, דאַרער מאַן, אָנגעטאָן אין אַן אַלט רעקל, צעקנייטשטע הויזן, אַ ברייט־ראַנדיקן קאַפּעליוש, אַרויפֿגערוקט איבערן הויכן שטערן, באַלויכטן מיט פֿאַרחלומטע, פֿינקלענדיקע אויגן. דער צווייטער — אַ קליינטשיקער מיט אַ גרויסן קאָפּ, באַוואַקסן מיט אַ לאַנגער, שוואַרצהאָריקער פּאָלקע, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ, גלאַנציק בלוזקעלע איבער שמאָלע אויסגעריבענע הויזן. פֿון קורצן, דיגעם העלדזל ביזן בײַכל איז אַראָפּגעהאָנגען אַ לאַנגע, זילבערנע קייט מיט מעטאַלענע מעדאַליאָניקלעך.

„דאָס זענען שרײַבערס. פֿאַרעפֿנטלעכן לידער און דערציילונגען אין צײַטונגען. פֿאַרפֿאַסן אויך ביכער", איר שטאָלץ געזאָגט.

„פֿאַניע זעליק, זיי זעען אויס מאָדנע. האָבן אינטערסאַנטע פּנימער. אָבער זײַט מיר מוחל, זעען אויך אויס אַ ביסל טראַלאַלאַ".

„כ'זע זי האָבן אַ גוטן קוקער. אין דער טונקלקייט האָבן זי שוין באַמערקט, זייער מאָדנע אויסזען? בײַ מיר, איך קען זיי גוט, זענען זיי באַליבט, געשעצט, געאַכטעט".

נישט געוואָלט שמועסן וועגן אירע איראָנישע רייד. אויפֿגעקלערט, ווער עס זענען די צוויי באַגאַבטע קינסטלערס: איינער אַ טאַלאַנטפּולער פּאָעט און דער קליינוווקסיער אַ גאָר באַגאַבטער עקספּרעסיאָניסטישער מאָלער און דיכטער. זיי זענען אַרײַן אין אייבעשיצס שרײַבצימער.

רחל האָט מיט חידוש באַקוקט די גרויסע וואַנטשאַנק, אין איר גלײַכגעשטעלטע שורות ביכער. איבער זיי ליגנדיקע, גראָבבענדיקע נײַע, אַלטע ווערק, זשורנאַלן. צוליבן פֿאַרמאַכטן צימער איז די לופֿט געווען אַ ביסל דעמפּיק. אייבעשיץ איז דאַן, ווי אָפּטמאָל, געווען צוגעקילט. געלעגן אויף דער סאָפֿע, ביזן האַלדז פֿאַרדעקט מיט אַ דיקער פּוכקאָלדרע. זײַן קאָפּ מיט שוואַרצע, געלאָקטע האָר אויפֿן ווײַסן קישן, גרויסע, שמייכלענדיקע אויגן, אַ הויכן גלאַנציקן שטערן, געררויטלטע בעקעלעך דיקלעכע, חשק גאַרנדיקע ליפּן, האָבן בײַ רחלען געוועקט רעספּעקט. זי האָט זיך אָריענטירט: „דאָס איז זיכער אַ פּראָפֿעסאָר".

אייבעשיץ האָט די פֿריילײַן אָנגעקוקט צופֿרידן, שמייכלענדיק. באַמערקט רחלס עגמת־נפֿשדיק אויסזען. אייניקע מינוט רעטעניש־פֿול געקוקט אויףביידן.

„חבר זעליק, איר ווייסט, וואָס כ׳לייען היַינט?" אים געוויזן איציק מאַנגערס בוך באַלאַדן: „לאַמטערן אין ווינט". לויט מיַין מיינונג איז ער אונדזער גרעסטער פּאָעט. פאַראַן אַ דעה, איך בין מולקום דערמיט מסכּים, דער גרעסטער פון די לעצטע אייראָפּעיִשע דיכטערס".

„חבר נחום, כ׳באַשטעטיק איַיער מיינונג, אַז ער איז דער בעסטער ייִדישער באַלאַדן־מיַיסטער. אַז ער איז אויך דער גרעסטער פּאָעט אין אייראָפּע, קען איך נישט פעסטשטעלן. כ׳בין פּשוט, ווייניק באַקאַנט מיט די פּאָעזיע־ביכער אין פרעמדע שפּראַכן. מאַנגערן לייען איך גערן. מ׳פילט נשמה־דערהויבנקייט בעתן לייענען זיַינע ווּונדערבאַרע, געכישופטע באַלאַדן, לידער. זיי זענען פאַרפאַסט שפּראַכלעך־פּשוט, זינגעוודיק שיין, זאָגעוודיק־פול".

פון נעבן סאָפע־שטייענדיקן טישל, באַלייגט מיט גלעזלעך נאַזטראָפּנס, סיראָפּן, טאָרבעלעך מיט קאָליריקע טאַבלעטקעלעך, האָט נחום אייבעשיץ גענומען שמאָלע, לאַנגע פּאַפּיר־זיַיטלעך. אויף דער רויטלעכער נאַז אַרויפגעלייגט גאָלד־באַרעמטע בינאָקלען. די בלעטלעך געמישט. אַרויס־גענומען אייניקע. אויפן האַרצקאַסטן זיי געלייגט. אין זיי געקוקט פאַר־טראַכט און געמורמלט: „נו, דאָס וועל איך פאַרלייענען שפּעטער" גענומען דאָס בוך. באַלד אויפגעמישט מיט אַ רויט־בענדל־געסימנט־זיַיטל. באַזיניקט געלייענט:

„זיצט דער בעל שם טוב קעגן מיטן־נאַכט / אין זיַין חדר מיוחד און ער טראַכט: / „די נאַכט איז הייליק, טיף און שיין / אַז אַפילו דער מענטש, וואָס גייט אַליין / באַרוועס איבער אַ פרעמדן לאַנד, / פילט איבער זיך גאָטס בלאָע האַנט" (לאַמטערן אין ווינט).

אייבעשיצס ליפּן האָבן ליַיכט וויברירט. דאָס בוך אין זיַינע נערוועז־ציטערדיקע הענט האָט זיך געשאָקלט. דורך די בריל־גלעזלעך האָט ער סקעפּטיש געקוקט אויף דעם נישט־פּאַסיקן פּאָרל, רחלס טרויעריקע אויגן, איר האַרמאָניש, לוסטן־וועקנדיקן גוף און אויף זעליקס נישט אַזוי געראָטן קערפּערל, וואָס איז געזעסן פאַרטרוימט און זיך געשאָקלט, ווי אַ פרומער ייִד בשעת אַ תּפילה. ער האָט ביידן פאַרשנדיק אָנגעקוקט. נישט אויפ־געפּאַסט דעם סורפּריז און וויַיטער געלייענט:

„ער הויבט זיך אויף און בליַיבט פּלוצעם שטיין: / אין פענצטער ציטערט אַ דין געוויין. / ווער וויינט ביַינאַכט, ווער וויינט אַצינד, /

ווען ס׳שלאָפט דער פויגל און ס׳שלאָפט דער ווינט, / ווען ס׳שלאָפט די כאַטע, און ס׳שלאָפט דער וואַלד? / ווער טרײַבט פון זײַן חלום אַוועק דאָס גאָלד? / „הער — זאָגט ער צום פרעמדן געוויין געוועינדט — / קום און ווער אַנטשלאָפן אויף מײַנע הענט״ (דאָרט).

לייענט און לייענט:

„עפנט דער בעל שם די טיר און גייט / געוויר צו ווערן, ווער ס׳שטערט די פרייד, / די פרייד און דעם חלום פון אַ וועלט. / — — — הויבט דער בעל שם די אויגן אויף / די ליכטיקע אויגן צום הימל אַרויף / זעט ער אַ גראָע כמאַרע, וואָס ליגט / איבער אַ שטערן, וואָס ווערט צעדריקט. / בלײַבט דער בעל שם אַ רגע שטיין / און הערט זיך צו צום זילבערנעם געוויין. // דערנאָך הויבט ער אויף די ליכטיקע האַנט, / צום הימל אַרויף די ליכטיקע האַנט, / אוןווישט די גראָע כמאַרע אַוועק. / פלאַטערט דער שטערן באַפרײַט פון שרעק, / פלאַטערט און שימערט, בליצט און קלינגט / אַדורך דער לופט, ווי גינגאָלד קלינגט. / שמייכלט דער בעל שם: „דו שייגעץ, דו! / האָסט אויפגעטרייסלט אַ וועלט פון רו״ (דאָרט).

זעליק איז געזעסן פאַרטראַכט און פאַרדמיונט, אַרײַנגעקוקט אין אַנטקעגנדיקן שטיי־שפּיגל. באַמערקט רחלס פאַרמרה־שחורהקייט, און דערזען זײַן קאָפּ איז פיל גרעסער פון איר בלאָנד־באַהאָרט קעפּל, רחל האָט אָפּגענייגט אירע בליקן. רגעדיק געקוקט אין שפּיגל. ביידנס בליקן האָבן זיך געקרייצט. זי האָט אויף ס׳נײַ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. נישט מער געוואָלט זען זײַן תאַווהדיק קוקן אויף איר און דערזען זײַן קני איז פון איר קני קלענער מיט אַ היפּש שטיק. זעליק האָט גראָד אין שפּיגל גוט באַטראַכט אירע גלײַכמעסיקע אַקסלען, דינע טאַליעלע, די פײַן־געטאָקטע פיסלעך אין שוואַרצלאַקירטע, שפּיציק־קנאָפּלדיקע לעטשלעך. האָט אויסגענוצט רחלס באַדויערנדיק באַטראַכטן זײַנע קורצע פיסלעך, נישט הארמאָניש אויסגעפאָרעמטן קערפּער און אין שפּיגל באַטראַכט איר פײַן־פאַרקעמט קעפּל. ס׳צוגעפאַרבטע פּנימל. לענגער געבליקט אויף דער רויטשטאָפּיקער רויז, צוגעשפּיליעט צום ענגן בלוזקעלע, נעבן דער געבולטער ברוסט. טיף געזיפצט און געטראַכט: „בין איך איר פּאַסיקער פאַרטנער? אויך רחל האָט געהאַט ענלעכע מחשבות.

אייבעשיך האָט, ווײַזט אויס, עטוואָס געאַנט, אַז די באַלאַדע האָט

גורם געווען צו אַ געשפּאַנטער שטימונג און רעזיגנירט צו באַהאַנדלען די וווּנדערבאַרע שאַפונג. צוריק געמישט אַ צוויי דריי בלעטלעך, געלייענט די „באַלאַדע אין צע־דור" ווו עס ווערט דערציילט, אַז שפּעט ביינאַכט באַגעגנט אַ לאַבוס אַ וואַנדערנדיקן ייִד. און פרעגט אים: „וואָהין אַזוי שפּעט ביינאַכט, רב ייִד?" דער בלאָנקענדיקער ייִד שטאַמלט: „אַט אַזוי, מען גייט אין דער וועלט אַריין". „מען גייט, אפשר מוז מען גיין, / און אפשר אַ רגע פאַרן שלאָף / וועל איך אויף די וועגן מיין גאָט דערזן. / אפשר, ווער ווייסט?" „לייגט דער לאַבוס צוויי פינגער אין מויל / און גיט אַ רויטן פייף צו דער נאַכט". ס'באַווייזן זיך „זילבערנע שיפלעך" „און אין יעדן זילבערנעם שיפל זיצט / אַ נאַקעטע פרוי און ווינקט מיט דער האַנט". און עס שטאַמלט דער ייִד: „ס'איז זנות און געוויין, / וואָס האָבן מיינע אַלטע אויגן פאַרבלענדט" (דאָרט).

אייבעשיץ האָט געווישט אַ רינענדיקע טרער אויף זיין רעכטער, פון היץ־געררויטלטער באַק, און שטיל־ניגונדיק געשעפּטשעט:

אוי דער ייִד, דער ייִד „איצט זיצט ער ביים לעמפּל און מיט געלע הענט / פלעכט ער אַ שטריק. מאָרגן ביינאַכט / וועט ער הענגען מיט דעם פּנים צו דעם ווינט — / בעת די שטערן וועלן סווישטשען אויף זיין דאַך. / פּשיאַ קרעוו, רב ייִד!" (דאָרט).

זעליקס פּנים איז געוואָרן געאַבלט. אַפילו רחל, וואָס האָט קנאַפּ פאַרשטאַנען דעם רמזדיקן תוכן איז געזעסן אומעטיק, פאַרטראַכט. וועגן וואָס?

זעליק האָט איבערגעריסן די שטילקייט. „חבר נחום, איר ווייסט דאָך, נביאים זענען פעיקע רעטאָרן, מוסר־פרעדיקערס. הויפּטזאַכלעך זענען זיי עטישע מענטשן, טאַלאַנטירטע פּאָעטן. יעדער אמתער דיכטער איז נביאיש געאייגנט. אַז כ'לייען איציק מאַנגערס דיכטונגען, ווער איך באַזאָרגט וועגן אונדזער קיום. היטלערס דראָונגען, די לעצטע ענדעקישע אָנפאַלן אויף ייִדן. דער זיך פאַרשפּרייטנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן. כ'האָב מורא דאָ צו פאַרבלייבן". ער האָט געעפנט דאָס בוך „שטערן אויפן דאַך". געבלעטערט. פאַרגעלייענט באַלאַדע־שטעלן: אונטער יאַנקעלעס וויגעלע, / ליגט געקוילעט דאָס גאָלדענע ציגעלע — / ס'איז די שעה פון בלוט און געשפּענסטער"...

זעליק האָט געקוקט צו אייבעשיצן. צו אים אויסגעשטרעקט אַן אָפענע דלאָניע. אים געפרעגט: „נו?" געזוכט אין בוך: „לאָמטערן אין ווינט"

און זיפצנדיק געלײענט: „גאָט! דײַנע שטערן האָבן מיך גענאַרט, / און דײַן װעג, דײַן שטעג, דײַן סטעפּ אין פרעמד! (דאָרט).

געמישט און געלײענט:

„שטאָט און דאָרף צעשאָסן, שפּינגעװעב און טרויער, / רויטע שרפֿות, בלאָע גאַזן, שרעק־סיגנאַלן. / אויף װײַסע גײַסטער־פֿערד רײַטן גענעראַלן / אַלטע גענעראַלן — געבױגענע אין דרײַען / איבערן טויטן גוף פֿון ריזיקע אַרמײען" (דאָרט).

אײבעשיץ האָט טיף געזיפצט. געקוקט אויף זעליקן. הנאה געהאַט פֿון זײַן תּלמידס יראת־הכּבֿודיק פֿאַרלײענען איציק מאַנגערס נבֿיאישע פּערזן. זעליק האָט װידער געמישט. נערװעז געבלעטערט דאָס בוך „שטערן אויפֿן דאַך". דעם האַלדז גענעצט מיט עטלעכע זופּלעך קאַלטע טײ און געפֿרעגט: „צ'הערט? ,װי קלאָר ס'איז דער שליאַך, װאָס פֿירט / צום טונקלען טויער פֿונעם טויט. / דער װעג איז װײַט. דאָס בלוט איז רויט / װאָס נאָך, צו אַלדי שװאַרצע יאָר...". זעליקס אויגן זענען פֿון טרערן געװאָרן געטונקלט. ר'האָט אַװעקגעלײגט דאָס בוך אויפֿן טיש'ל. זיך אויסגעגלײַכט און מאָנענדיק געפֿרעגט: „איר אינטעלעקטואַלן, שרײַבערס, װאָס טראַכט איר צו טאָן? איר זײַט דאָך אויסערן טעגלעכן הו־האַ־לעבן און זעט מער, פֿאַרשטענדלעכער אונדזער לאַגע. װאָס רעכנט איר צו טאָן? די אָ פֿראַגע איבערגעחזרט. זיך אויפֿגעשטעלט. זיך בײזערנדיק מוסיף געװען: „װאָרנט איר דאָס פֿאָלק? קלערט איר אויף מיר זאָלן זיך אויסניכטערן פֿון שיכּורדיקע געניסן־פֿאַרמעסטונגען? עצהט איר אויס־נוצן די לעצטע, מעגלעך שוין פֿאַרשפּעטיקטע, עמיגראַציע־מעגלעכקײטן און אַנטלויפֿן פֿון סכּנותפֿולן פּוילן?"

נחום אײבערשיץ, דער איבערזעצער פֿון דײַטש אויף ייִדיש פֿרידריך ניטשעס „עקצע האָמאָ" און דיאָניזס „דיפּיראַמבן", דער לײטער פֿון „טורעם"־פֿאַרלאַג, האָט אַ װײַלע געשװיגן. דערנאָך זיך אָנגעהויבן פֿאַרקלאָגן קעגן דער גרינגשעצנדיקער באַציִונג פֿון ייִדישן שרײַבער־פֿאַראײן צו זײַן פֿאַרלעגערישער טעטיקײט. ער װײסט נישט װי אַזוי פֿינאַנסירן דאָס אַרויסגעבן יחיאל לערערס אַ בוך לידער, צװײ בענדער דערצײלונגען פֿון איטשע מאיר װײַסנבערג און פֿון יונגן ש. בערלינסקי. ער האָט נאָך דערצײלט ליטעראַרישע רכילותן, װאָס האָבן זעליקן קנאַפּ אינטערעסירט, אויפֿגערעגט. „זי װילן גײן?", האָט זעליק געפֿרעגט רחלען, װאָס האָט געװאַרט אויף אָט דער פֿראַגע. בײדע האָבן זיך אויפֿגעשטעלט און זענען אַװעק.

די נאַלעווקי־גאַס האָט אויסגעזען שבתדיק. ווי די מאה־שערים־שכונה אין ירושלים. ייִדן אין שטריימלעך, שוואַרצע, סאַמעטנע קאַפּעליושן, זײַדענע און סאַמעטענע היטלען, אַטלעסענע קאַפּאָטעס, טונקעלע, העל־געבלומטע שלאַפראָקן, די בײַכער אַרומגעבונדענע מיט גראָבע, געפלאָכטענע, זײַדענע גאַרטלען, ווײַסע זאָקן, האַלבע לעטשלעך, האָבן געאײַלט צו רבישע שלוש־סעודתן, אין בתי־מדרשים און שולן. זיי האָבן די בליקן גענייגט פון די אַפּיקורסישע שפּאַצירערס, מיט די פאַרביק־געקליידערטע, באַשמעקטע „חצופות". פון פענצטערס האָט זיך געהערט ווײַבערישע „ברכי־נפשי"־זיפצערײַען, בני־הכלאָדיקע קרעכצערײַען און מוטיק־יוגנטלעך זינגען ייִדישע פאָלקס־לידער. פאַר געשלאָסענע דעליקאַטעסן־געשעפטן, פאַר שענקן, גאַסן־בודקעלעך האָבן האַנדל־גיריקע סוחרים, יעדעס מאָל נערוועז, אומגעדולדיק געקוקט אויף זייגערלעך אָדער אויפן אַלע מאָל מער זיך טונקלענדיקן הימל, וווּ אַ האַלבע בלאַסע לבנה, ווי אַן אָפּגעבראָכן שטיקל טעלערל, האָט זיי באַרויִקט, מבשר געווען, אַז דער שבת־קודש גייט אַוועק. באַלד, באַלד, וועלן זיי אָנהייבן משא ומתנען, מסחרן, פאַרדינען געלט. פאַר וועמען? — דאָס האָבן זיי אַפילו נישט געטראַכט.

יג

שבת אָוונט. נאָך דער הבדלה האָט שרה דער טאָכטער אויסגעפרעגט, ווו זיי זענען דאָס געווען ביז פאַרנאַכט. „אָן אײַנפאַל, אין מיטן העלן שבת, ווען אַלע דאַרפן שלאָפן נאָכן עסן, גייט מען זיך אַוועק?" רחל איז געוואָרן מלא התפעלות. גערעדט פונעם „פּראָפעסאָרס" שיין פּנים, גרויסע אויגן, זײַן קאָפּ מיט דער פעך־שוואַרצער טשופּרינע אויפן ווײַסן קישן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ געמאָלן בילד. אַ שאָד, וואָס זי האָט נישט געהאַט אַ פאָטאָ־אַפּאַראַט, און ס'איז דאָך שבת. זי וואָלט פאָטאָגראַפירט דעם שיינעם מאַן. ער איז געוויס אַ הויכער, ברייט־ביינערדיקער. גערימט זײַן שיין פאַרלייענען פּרעכטיקע, „וויערשעס" וועגן הייליקן בעל שם טובס העלפן אַ קלאָגנדיק שטערנדל זיך באַפרײַען פון אַ צוגעדריקט וואָלקנדל און וועגן אַ וואָנדערנדיקן ייִד, וואָס האָט בײַנאַכט געבלאָנקעט, געזוכט גאָט. געטראָפן גאָר אַ לאָבוס, וואָס האָטן אויסגעלאַכט. „דאָס, מאַמעשי, האָב עך נישט פאַרשטאַנען. אַ היים־גייענדיק האָט זעליק מיר געגוי אויפּ־געקלערט" דער מוטער דערציילט זעליקס אויסטײַטשן דאָס ליד.

„רחל, כ'וועל דיר זאָגן דעם ריינעס אמת. כ'פאַרשטיי אויך נישט.

וועלכער ייִד זוכט דאָס גאָט? ס׳מוז שוין זײַן יענער וואָזשנער צדיק אין פּעלץ. מן הסתּם עפּעס אַ צעחושטער״.

„אוי, מאַמעשי. ס׳איז דאָך בלויז אַזאַ ווערטל. פאַרשטייסט ניט?״

„איז וואָס זשע האָט דיר זעליק אויפגעקלערט? אפשר וועט אויך מײַן קאָפּ עפּעס פאַרשטיין?״

„הער זשע. דער ייִד האָט בײַנאַכט געטראָפן אַ גוי, אַ לאָבוס, וועמען ער האָט געזאָגט אַז ער זוכט גאָט. דער ייִד האָט געזוכט גאָט און דער לאָבוס מן הסתּם געמיינט זאַכן, זיכער מיידן״.

„רחל, ווייסט וואָס? אויך איצט פאַרשטיי איך ניט די גאַנצע מעשׂה. מילא דעם גויס אויפפירן האָב איך אַ ביסל אויפגעכאַפּט. כ׳קען זיי. פאַרלאָזן ווײַבער מיט הונגעריקע קינדער, זינדיקן מיט פּריצות. פאַר זיי גנבֿענען רצחענען. אָבער אַ ייִד זאָל זוכן גאָט אויף וועגן? און דאָס בײַנאַכט? דער עיקר: דער סוף פון דער, זיכער אויסגעטראַכטער מעשׂה, איז געווען, אַז דער צדיק אין פּעלץ, האָט זיך, לאַ עלינו אויפגעהאָנגען. זעסט ס׳איז דאָ אַ גאָט אין הימל!״

„מאַמעשי, זעליק זאָגט דאָס איז אַ משל. אונדזער לאַגע איז דאָ שלעכט. ער גלייבט אין היטלערס סטראַשונקעס, אַז ער וועט אויסשעכטן אַלע ייִדן אין פּוילן, און מיר פאַרנעמען זיך גאָר מיט געשמאַקער עסן, שענער זיך קליידן, פאַרווײַלן, ארומקריגן זיך אין די קהילות, פאַרטייען, וואָס יעדער טענהט, נאָר זי קאָן פאַרבעסערן, פאַרשענערן ס׳לעבן, אויס־קעמפן בעסערע רעכטן פאַר ייִדן. לויט אים נאָך דאַרף מען אַלץ ליקווידירן, באַצײַטנס זיך ראַטעווען, פאָרן קיין ארץ־ישׂראל״.

„אָט האָסטו דיר אַ נײַעם קהלישן פאַרזאָרגער. רחלע, זיי דו נאָר ניט צווישן די, וואָס ווילן פאַרבעסערן די וועלט, דערנענטערן דעם קץ. אויף דעם איז דאָ אַ גאָט אין הימל. נעם זיך בעסער אַ שטיקל שטרודל מיט אַ באַרנע. לען זיך אונטער ס׳האַרץ. דער אַ שיינער פּראָפעסאָר האָט כאָטש אײַך מיט עפּעס־וואָס מכבד געווען? פון לידער ווערט מען ניט זאַט. זאָלסט ניט וואָגן דעם טאַטן דערציילן, אַז זעליק איז אַ פאַרברענטער ציוניסט. הער ליבערשט וואָס דײַן מאַמע פאַרשטייט: דער לאָבוס האָט געהאָנגען דעם ייִד, וואָס איז נעבעך געוואָרן חסר־דעה, געגאַנגען זוכן גאָט״.

יד

רחל האָט באַשלאָסן איבעררײַסן מיט זעליקן. איר נעגאַטיווע מיינונג וועגן זײַן נידעריקן וווקס, נישט האַרמאָנישן קערפּערלעכן געבוי, האָט זיך נישט געענדערט. דאָך האָט איר אַ ביסעלע געצויגן צו אים צוליב זײַנע פײַנע, הויכע, סימפּאַטישע קאָלעגן. דערפֿאַר האָט זי זיך אָנגעהויבן מיט אים אָפּטער צו טרעפֿן, טראָץ איר באַשלוס. זי האָט געהאָפֿט, אַז אַ דאַנק אים וועט זי זיך באַקענען מיט אַ פּאַסיקן בחור לויט איר געשמאַק. אויך זעליק האָט גוט געוווּסט, אַז פֿון דעם קאָרן וועט קיין ברויט נישט זײַן. רחל וועט מיט אים נישט חתונה האָבן. יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאַנגען צו איר, האָט ער „געוווּסט", ס'איז ס'לעצטע מאָל. ר'האָט פּשוט נישט געגלייבט, אַז דאָס פּראָסטע, אויסגעפּוצטע קאָקעטקעלע וועט מסכּים זײַן מיט אים צו גיין אַ לענגערע צײַט. יעדעס מאָל נאָכן געזעגענען האָט ער זי געפּרעגט: „זי ווילן זיך טרעפֿן?" אַז ר'האָט געהערט איר הסכּמה, פֿלעגט ער אָוועק אַ צופֿרידענער: ר'וועט זיך באַווײַזן מיט אַ שיין, עלעגאַנט מיידל. ר'האָט געהאַט הנאה פֿון אירע אין אים צערייצטע לוסטן בעת לײַכטע קערפּערלעכע באַרירונגען. ער פֿלעגט אַפֿילו אין שלאָפֿלאָזע נאַכט־שעהען חלומען וועגן נאָענטע פֿאַרבינדונגען, געשלעכטלעכע באַפֿרידיקונגען מיט דער ראָזער, גלאַטיק־גופּיקער פֿריילין.

ער האָט רחלען באַקענט מיט זײַנע חברים, שרײַבער־אָנפֿאַנגער. האָט זי באַווירקט זי זאָל לייענען ביכער, בעיקר פֿון ייִדישע מחברים. רחלס פֿאָטער האָט זיך אַפֿילו געבייזערט, די ביכער געשלײַדערט אויפֿן דיל. געשריגן: „טרפֿה־פּסולים! אַ חטא דאָס צו האַלטן אין שטוב!" אָבער שרה האָט אים אײַנגעשטילט: „זעליק באַרגט עס דאָך איר. מיר גראַדע געפֿעלט בעסער, זי זאָל זיך פֿאַרנעמען מיט די פּוסטע מעשׂיות אין ביכלעך איידער מיט די פֿריערדיקע לײַדאַקעס. שמעיה, זיי גייען דאָך צו וויכטיקע מענטשן. מ'שמועסט דאָרט פּאָליטיקע, פֿאַרשידענע וועלט־זאַכן. ס'קינד קאָן דאָך נישט זיצן ווי אַ מומיע. דאַרף אויך עפּעס־וואָס זיך אָנרופֿן, מוז זי לייענען. חכם איינער, איז דאָס נישט בעסער, ווי אַרומשלעפּן זיך מיט יונגען? מיט זיי קריכן אין פֿינצטערע אַלייען? וואָס האָט זי דאָס געהאַט דערפֿון? סתּם געפּטרט די בעסטע, ייִנגסטע יאָרן". זי האָט אַ וויש געטאָן די פֿייכטע אויגן און צוגעגעבן. „נעבעך פֿאַרשפּילט די בליענדיקסטע יוגנט. וואָס ווילסטו נאָך?"

שמעיה האָט נערוועז גערוקט ס'קאַפּל אויף דער לינקער זײַט קאָפּ.

געביסן אַן עק פון בערדל. און צו זיך געזאָגט: „אַ ייִדענע, רעדט אָבער צו דער זאַך. מער מיש איך זיך נישט".

רחל האָט „דעצידירט": אַ היימגייענדיק פון „נאָוואָשטשי"־טעאַטער מיט אים זיך נישט מער אָפּשמועסן צו טרעפן.

אָבער נאָך אַ לאַנגן איבערריַיס ווידער זיך באַגעגנט.

טו

ווי יעדעס מאָל, צופרידנדיק, דזשענטלמעניש זי באַגריסט. ליַיכט געגלעט איר לינקן אַקסל. זענען געגאַנגען אויף ביזקע־גאַס צום פּראָפעסאָר גראָס. זי האָט זיך ס'ערשטע מאָל דאָרט געפילט היימיש. באַקענט יונגע קאַוואַלערן, סטודענטן, אקאַדעמיקער, וואָס האָבן אויף איר גוט געווירקט מיט זייער הויכן וווקס, סימפּאַטישע פּנימער, קליידונג, עלטער, רויִק, אײדעלע האַלטונג. האָבן געשמועסט וועגן עטישן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם. רחל האָט שוין דאַן זיך אַ ביסל אָריענטירט אין אָט די רייד. איר אַמאָליקער געשמאַק וועגן בחורים איז שוין געווען געענדערט. ס'האָט זי שוין מער נישט געצויגן צו פּראָסטע, אויסגעפּוצטע פּראַנטלעך, וואָס האָבן זי גענאַרט, אַנטוישט און צוליב זיי געבליבן זיצן. געהאַט רעספּעקט פאַר די ביַים גרויסן טיש־זיצנדיקע יונגעליַיטלעך, וואָס האָבן לעבהאַפט און מיט גרויס דרך־ארץ דיספּוטירט מיטן גרוי־האָריקן, דאַרן פּראָפעסאָר גראָס. אויך גראָס מיט דער וויַיסער טשופּרינע איבערן הויכן שטערן מיט גלאַנציקע, קנייטשלדיקע, ראָזע בעקעלעך, גרינע, לעבנגאַרנדיקע, פינקלענדיקע אויגן, האָט אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איַינדרוק. ער האָט פון אַ דיק בוך אַרויסגעלייענט שטעלן פון פּיאָטר קראָפּאָטקינס „זכרונות פון אַ רעוואָ־לוציאָנער" און פון צווייטן בוך: „די מאָדערנע וויסנשאַפט און אַנאַרכיזם". אויפגעקלערט אַז דער באַפריַיטער מענטש וועט לעבן עטיש. גערעדט פּאַמעלעך. מיט פּשוטע פאָלקס־ווערטער, ווי אַן אמתער פּעדאַגאָג, אַנאַליזירט די אַנאַרכיסטישע אידעע. ציטירט דענקערס, דעם תנ"ך און „הברית־החדשה". גערעדט אַנאַליטיש, אַנאַלאָגיש. אויפגעוויזן, אַז די מענטשלעכע, פּערמאַנענטע דעגענעראַציע־איַינגעבילדעטע זינד־בייגונגען זענען אַ פּועל יוצא צוליבן דורות־לאַנג זיַין געפּענטעט מיט מלוכיש־הערשערישע צוואַנג־געזעצן, רעליגיעזע מנהגים. איַיפעריק גערעדט, אַז דער מענטש איז פון דער נאַטור געאייגנט צו פריַיהייט. דעריבער זענען פאָרגעקומען באַפריַיונגס־אויפשטאַנדן פון פאַרשקלאַפטע, וואָס זענען געוואָרן בלוטיק דערשטיקט, פאַרטיליקט. דאָס ליקווידירן אָרעמקייט און

דאָס געבן די מענטשן פרייַהייט, וועט דערמעגלעכן צו לעבן גליקלעך. אָבער אַן קאַמף וועלן מענטשן דאָס נישט דערגרייכן. אַז גראָס האָט רעזומירט זייַנע געדאַנקען מיט וויסנשאַפטלעכע אַקסיאָמעס איז רחל געבליבן זיצן געפּלעפּט. זי האָט בלויז פאַרשטאַנען גראָסס פּשוטע ווערטער. דאָך געקוקט אויפן הדרת־פּנימדיקן זקן מיט פאַרווּנדערונג. אים מקנא געווען: כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס׳זענען בייַ ייִדן פאַראַן אַזעלכע געלערנטע. געטראַכט, כּסדר געגלאָצט אויף אַ יונגן בחור מיט געקרייַזלטע, בלאָנדע האָר, בלויע, גרויסע אויגן, ראָזלעכע בעקעלעך, פאַרריסן נעזל און מיט בלוט־שפּראַצנדיקע, דיקע ליפּן. אויך דער יונג האָט באַמערקט אירע גאָרנדיקע בליקן. יעדעס מאָל, חשקדיק געקוקט אויף רחלען, גראָסן געפרעגט: „די אידעע איז גוט. ווי אַזוי קאָן זי ווערן רעאַליזירט?״

„מיט אויפקלערן און כּוח״, האָט גראָס דעצידירט געענטפערט: „ריכטיק, חבר האַלבערשטאַט?״ געפרעגט אַ זייַטיק זיצנדיקן, וואָס האָט געבלעטערט מיכאַל באַקונינס בוך: „גאָט און מדינה״.

„איך מיין״, האָט האַלבערשטאַט אַרויסגעבליקט פון בוך, „אַז די מאַסן זענען נאָך נישט מאַראַליש רייַף צום סאָציאַליזם, דערצו נאָך צום אַנאַרכיזם. כּוח וועט נישט העלפן. והא ראיה רוסלאַנד״.

„וואָס?״, האָט זיך צעבייזערט אַן עלטער ייִדל מיט אַ צוגעשוירן שפּיציק גרוילעך בערדל, „אין ראַטן־פאַרבאַנד ווערט פאַקטיש פאַרווירקלעכט דער סאָציאַליזם״. צו האַלבערשטאַטן געווענדט זייַנע בליקן „און די נישט מאָראַלישע קעגנערס ווערן באַזייַטיקט. דערווייַל איז רוסלאַנד איין לאַנד, ווו ס׳איז פון דער מלוכה געזעצלעך ליקווידירט געוואָרן דער אַנטי־סעמיטיזם״.

„איר זאָגט גוט״, האָט זעליק זיך אַרייַנגעמישט: „געזעצלעך בלויז אויפן פּאַפּיר און אין דערווירקלעכקייט ווערט דאָרט באַקעמפט די ייִדישע קולטור. טענהט דאָך דער קריסטלעכער קלער, אַז ייִדן וועלן אויפהערן זייַן ייִדן, זיך שמדן, אַסימילירן, וועט במילא זיך לעשן די שנאה צו זיי״ און צו גראָסן געזאָגט: „עטישער אַנאַרכיזם איז אַ ייִדישע אחרית־הימים־אידעע. אַלע שטרעבן צו דעם. אָבער מיט כּוח דאָס אייַנפירן איז נישט רעאַליזירבאַר. אויפגעצווּנגענע עקאָנאָמישע סיסטעמען וועלן באַקעמפט ווערן פון אַנדערע אינטערעסן־גייַציקע. לויט מיר דאַרפן ייִדן ווייניקער זאָרגן וועגן וועלט־אויסלייזונג. קודם דאַרפן מיר אַן אייגן לאַנד!״ און מיט עקסטאַז אויסגעשריגן: „איך פאַרלאָז זיך אויפן ייִדישן מוח. וואָס פאַר אַן עקאָנאָמישע אָרדענונג מיר וועלן דעמאָקראַטיש

באַשטעטיקן, וועלן מיר אײַנפירן: אַ סאָציאַליסטישע, קאָמוניסטישע, אַנאַרכיסטישע. אָבער אָן גוואַלט, אָן אַרעסטן, אָן פאַרשיקונגען אין קאַטאָרגע־לאַגערן, אָן גילאָטינעס. כ'חזר איבער: אַמערשטנס אָן אייגן לאַנד. פונקט ווי אַ מענטש דאַרף קודם כּל אַ דירה און שפּעטער ערשט אָרדנט ער זי אײַן. דערווײַל זענען מיר אומעטום סובלאָקאַטאָרן. ווי לאַנג דער באַלעבאָס נויטיקט זיך אין זייער געלט האַלט ער זיי. אַ בישט, הייסט ער זיך אַרויסציען".

זײַנע רייד האָבן איבערגעריסן אַ בראַזגעריי פון אין דרויסן צעהאַקטע שויבן און פוילישע און ייִדישע קולות. גראַס איז געוואָרן בלאַס. דערשראָקן. צוגעלאָפן צום באַלקאָן. אים שנעל פאַרמאַכט, פאַררוקט די לאָדנס, פאַרשלאָסן די טירן. זיי פאַרמאַכט מיט צוויי ספּעציעל־אײַנגעאָרדנטע, אײַזערנע פרעגנטן. די ביכער אַראָפּגענומען פון טיש, אין אַ זײַטיק קעמערל זיי פאַרשטעקט צווישן אָפּגענוצטע שיך, אַלטע מלבושים און ציטערנדיק געוואָרנט: „קינדערלעך, זײַטס שטיל. כ'ווייס, וואָס דאָס איז. די ענדעקעס זענען שוין ווידער באַפאַלן ייִדישע געשעפטן, ייִדישע וווינונגען. דאָס דויערט עטלעכע שעה".

זעליק איז פאַרזיכטיק צוגעגאַנגען צום באַלקאָן. עפּעס־וואָס אויפגערוקט דעם לאָדן. אַראָפּגעקוקט. גראַס האָט זיך אויף אים געבייזערט. זעליק איז געוואָרן באַליידיקט און שנעל אַרויס. גראַס איז געוואָרן אין כּעס. פאַרזיכטיק צוריק אין יידע פּוטרינע־אייזנדלעך אַרײַנגעלייגט די פרעגנטן. „אייער יונגערמאַן זוכט זיך צרות", געזאָגט צו רחלען, וואָס איז געבליבן פאַרזאָרגט. זיך דערמאָנט ווי ער האָט אויסגעזען נאָכן צעשלאָגן ווערן פון עטלעכע ענדעקעס און דאָס פאַרווונדעטע ווערן פון דער גויעס אָנגערייצטן הונט. אַלע זענען געזעסן שטיל. מורא געהאַט רעדן אַ וואָרט. אַז זיי האָבן דערהערט טריט אויף די שטיגן, זענען זיי געוואָרן אַנגסטיק צעציטערט. געמיינט: אָט־אָט וועלן די גויִים אויפרײַסן די טיר. זיי באַפאַלן. פון גאַס האָט זיך דערהערט געשרייען: „אַלאַ באַגאַ!", „וואַצקו, ראַטוי מניע!" די זיצנדיקע זענען געוואָרן טשיקאַווע: „גויִים רופן הילף?", האָט גראַס זיך אַ ביסל באַרויקנדיק שטיל זיך געוווּנדערט. דער מיטן צוגעשווירענעם בערדל איז געוואָרן מוטיקער און געשעפּטשעט: „דאָס זענען זיכער אונדזערע יאַטן פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. איך ווייס גענוי. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן צו קעמפן קעגן ענדעקישע אָנפאַלערס".

דאָס קלאַפּן אין טיר איז געוואָרן שטאַרקער. אַלע זענען געזעסן

דערשראָקן, בלאַס. באַלד געוואָרן באַרויקט. געהערט זעליקס קול: „עפנטס!"

אַ גליקלעך־צעשטראַלטער איז ער אַריַין. מער נישט געהייסן פאַרפּרעפּנטעוועט די טיר. געבעטן עפענען דעם באַלקאָן־לאָדן. זײַנע הענט און פּנים אָפּגעוואַשן פון שטויב, פון בלוט און דערציילט: דורכן עטוואָס געעפנטן לאָדן האָב איך באַמערקט ווי יִידישע יאַטן צעטרייבערן די שקצים, די גויעס, בין איך אַראָפּ. ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך דערקען יענעם שייגעץ, וואָס האָט מיך באַפאַלן, געשלאָגן, נאָכן אַרויסגיין פון דער פילהאַרמאָניע. בין איך שנעל אַראָפּ. כ'האָב געהאָלפן צעקײַלן עטלעכע שקצים". ר'האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער און בפרטיות דערציילט: אַ כאָפּטע גויִים זענען אַרײַן אין גאַס. ווילד געריעוועט „ביי זשידאָוו!" אויפגעריסן געוועלבלעך. פון דאָרט אַרויסגעשלעפט, אַרויסגעשלײַדערט סחורות, וואָס זענען צערויבט געוואָרן דורך שיקסלעך, און פון הייף אַרויסגעלאָפענע אַלטע גויִים. טייל האָבן אויף באַלקאָנען געוואָרפן ציגל, שטיינער, בלוטיק צעשלאָגן יִידישע פאַרבײַגייערס. און פּלוצים זענען פון אַ שטוב אַרויס אַן ערך דרײַסיק יִידישע טרעגערס פון אײַזערנעם טויער און אַרבעטער, וואָס זענען געוועזן בײַ אַ חבר. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג. מ'האָט צעמימתט די שקצים, די שיקסלעך, אַן אַלטן פויער. ס'רוב פון דער באַנדע האָבן אַוועקגעוואָרפן די גערויבטע סחורות און אַנטלאָפן. אייניקע איז געלונגען אויפרײַסן טעקסיס, אין זיי אַרײַנגעלייגט די צעשלאָגענע און אָפּגעפאָרן. „נו?", האָט ער געפרעגט גראָסן „אין מיטן העלן טאָג שלאָגט מען יִידן. נישטאָ קיין פּאָליציי, נישטאָ קיין שטראָפן. כ'מיין דאָס איז אַנאַרכיע. לגבי יִידן איז די אַנאַרכיסטישע „אידעע" שוין פון לאַנג פאַרווירקלעכט".

די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די בענקלעך און זענען אַוועק.

זעליק איז פאַרבליבן, ווײַל רחל האָט דאָרט באַקענט גראָס'ס צוויי טעכטער: אַ ברונעט מיידל, וואָס האָט זיך פאַרגעשטעלט: אסתר, אַ סטודענטקע, לערנט מאָלעריי, און אַ בלאָנדע שייגהייט אידע, וואָס האָט דעם לעצטן חודש געענדיקט גימנאַזיע, וויל לערנען ליטעראַטור.ביידע מיידלעך האָבן דרך־ארצדיק געליובט זעליקן. אידע האָט אייניקע מאָל מיט אים געשטיפּט, אײַנגערוימט, ער זאָל אָפּטער קומען צו זיי. קאָמפּלימענטירט אַז ער האָט אַמלאָגישסטן אַנאַליזירט זײַנע אָנשויונגען און איז אַן אַמתער יאַט. זעליק האָט זיך גערויטלט. מיטן קאָפּ געשאָקלט

הסכּמהדיק. זיך באַרימט, אַז היינט האָט ער זיך באַרויִקט. נקמהדיק צעבלוטיקט אַ צווײ דרײַ כוליגאַנעס. ער האָט פאַרזיכערט, אַז מאָרגן, זונטיק, שליסט ער זיך אָן אין דער זעלבער זעלבסט פאַרטיידיקונג־גרופּע, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף די אַנטיסעמיטן. זײַן מוטיקייט, אידעס סודלען זיך מיט אים, האָבן בײַ רחלען געוועקט שעצונג צו איר פאַרטנער.

נאָכן אַרויסגיין פון גראָס׳ס וווינונג, האָט רחל אים נישט געוואָלט איבערפרעגן די פּאָר איר אומפאַרשטענדלעכע שמועסן. געשעמט אַרויס־צוווײַזן, אַז זי אָריענטירט זיך נישט אין די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און אין די וויסנשאַפטלעכע דעבאַטן. אויך זעליק האָט זי נישט געפרעגט, נישט איבערגעשמועסט די באַהאַנדלטע מיינונגען פון זײַנע באַקאַנטע, ווײַל ער האָט געוווּסט רחלס אויפפאַסונג־מעגלעכקייטן און וויפל און וואָס פאַר אַ ביכער זי האָט געערן. — נישט געוואָלט איר גורם זײַן אומאָנגענעמלעכ־קייט. ווי יעדעס מאָל נאָכן געזעגענען זי געפרעגט: „ווען טרעפן מיר זיך?״

„ווען און ווו איר ווילט״, איז געווען איר סורפּריזנדיקער ענטפער. דערבײַ האָבן זיך אירע באַקן בושהדיק געראויטלט. זי האָט געמיינט, אַז די בלאָנדע, קאָקעטישע אידע האָט אים פראָפּאָנירט אַ ראַדנקע. האָט זי אים אַ פרעג געטאָן: „איר קומט דאָרט אָפט? כ׳זע איר זענט גוט באַפרײַנדעט מיטן פּראָפעסאָר און ספּעציעל מיט זײַנע טעכטער״.

„געוויס. ס׳איז מיר דאָרט אָנגענעם. די אסתר איז אַ באַגאַבטע מאָלערין. אין איר אוניווערסיטעט־קרײַז איז זי פון די פעיקסטע. אידע פאַרמאָגט אַ פילבאַרע, נאָבעלע נשמה, אַ פרעכטיקן גוף, אַ געטאָקט פּנימל, וווּנדער־באַר שיינע, גאָלדיק־בלאָנדע, נאַטירלעך־געלאָקטע האָר. גרויסע, תּמיד האַרציק־שמייכלענדיקע הימליש־בלויע אויגן. זי קאָן דאָך ווערן אַ שיינהייט־קעניגין. זעט אויס ווי אַ מלאך. איצט אַ מוח! באַקומען די בעסטע מאַטורע. זי וויל פרווון שרײַבן דערציילונגען. כ׳האָב געלייענט אירע עטלעכע בילדער, סקיצן, מיניאַטורן. כ׳מיין זי וועט האָבן דערפאָלג, דערגרייכן אַ שרײַבערישע קאַריערע״. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין לוחל. געבלעטערט. געקוקט. „נאָך שבת פאַר איך מיט דער מאַמע קיין אָטוואָצק. מירן דאָרט זײַן אַ צווײ וואָכן. מירן זיך זען דעם 15טן יולי״.

„זאָל זײַן״, האָט זי באַשטעטיקט און אים מקנא געווען. ער פאָרט מאַכן אַ לעבן אין אַ פּענסיאָנאַט. זיך געפילט באַליידיקט. ס׳ערשטע מאָל לייגט ער גאָר אָפּ אַ באַגעגעניש אַזש אויף גאַנצע דרײַ וואָכן. זי איז געווען זיכער, אַז די פּײַערדיקע אידע, האָט אים עפּעס פאַרגעשלאָגן און

זײַן אַטוואַצק־מעשׂה איז בלויז אַ תּירוץ. אים חידושדיק אָנגעקוקט. זיך דערמאָנט: ער איז דאָך געוואָרן רויט, ווי אַ בוריק. זײַנע אייגעלעך האָבן געפינקלט, ווען די שוויצערין, אידע האָט גענעבנטערט איר פּנים צו זײַנע באַקן. ער איז געוואָרן צעגאָסן, צעשמאָלצן, ווען ר׳האָט דערפילט אירע ליפּן בײַ זײַנע אויערן. זי האָט אים זיכער אײַנגערוימט אַן אָנגענעמען, מיידלערישן סוד. נאָר זי האָט זיך באַהערשט און אים געפרעגט: „ווו?״. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט. געזאָגט: פאַרן ייִדישן שרײַבער־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע נומער 7,30,13 אין אָוונט. צום ווידערזען״.

טז

די הויכע, יונגע, בלאָנדע אידע איז רחלען נישט אַרויס פון זינען. בלויז זי איין מאָל געזען און געדענקט אירע לאַנגע, זײַדענע, ווי געגאָלדטע האָר, דעם אַנטוויקלטן ביוסט, די זגראַבנע פּיסלעך. זי האָט שוין לאַנג נישט געזען אַזאַ האַרמאָנישע שיינקייט. דערמאָנט אין אידעס פּשוטקייט, לוסטיקייט. מיט אַלע פאַרברענגט זי היימישלעך. איר ספּעציעל לויבן זעליקס אַרויסגעזאָגטע, איבערצײַגנדיקע מיינונגען איז רחלען געווען פאַרדעכטיקט, ספּעציעל איר פראַוואָצירן זעליקן: בשעתן דערלאַנגען טיי מיט קוכן, האָט זי אים געשטופּט מיטן אַנטבלויזטן עלנבויגן, צו אים ווילעריש געוווּנקען און בעתן שעפּטשען דעם סוד, האָט זי אירע ברוסטלעך צוגעדריקט צו אים. אַפילו בײַם געזעגענען זיך צו אים ליבלעך, פאַרפירעריש געשמייכלט. אַרײַנגעקלערט און דערטראַכט: אויך אין דער אינטעליגענטער וועלט איז אויסערלעכע שיינקייט וויכטיק. קערפּערלעכע גראַטנקייט רייצט, לאָקט אויך די געלערנטע. זי געדענקט גוט ווי דער אַלטער גראָס און דער גרוי־באַהאָרטער האַלבערשטאַט האָבן אויף איר כּסדר געקוקט, ממש זי „געגעסן״ מיט זייערע גלוסטנדיקע אייגעלעך. דאָך זײַן אינטעליגענט איז בײַ אַ טייל פרויען דעצידירנדיקער. זיי שטרעבן צו לעבן מיט אַ מאַן, מיט וועמען מ׳קאָן זיך טיילן אין פאַר־שידנאַרטיקע פּראָבלעמען, אַ מאַן, וואָס קאָן נעמען אָנטייל אין פאַר־שידנאַרטיקע דיסקוסיעס. זעליקס פּיסקל האָט אומעטום דערפאָלג. מ׳אַכטעט זײַנע קלוגע, קלאָרע און לאָגיש־איבערצײַגנדיקע רייד. אידעס אײַנרוימען אַ סוד אין זעליקס אויערן, האָט רחלען אָנגעדײַט, אַז ער וועט פון איר אַוועק און וועט זיך חברען מיט אידען. זי איז שוין געווען צו אים צוגעוווינט. אמת, נישט אים שטאַרק באַגערט. אָבער אויך נישט געוואָלט אים פאַרלירן. ס׳איז איר דערעסן דאָס ווידער בלײַבן זיצן אין שטוב,

לייענען די זעלבע ביכלעך, דענערווירן זיך מיט טאַטע־מאַמע. דערמאָנט: יעדעס מאָל בײַם געזעגענען זיך איז ער געשטאַנען פֿאַר איר נישט זיכער, פֿאַרכטיק, בעטלענדיק אַ ראַנדקעלע. געווען גליקלעך פֿון איר הסכּמה. און איצט גאָר די באַגעגעניש אָפּגעלייגט אויף וואָכן. יאָ, ער וויל זיכער זײַן מזל אויספּרוּוון בײַ דער יונגער, שיינער אידע. אין די אַ טעג איז רחל אין ערגעץ נישט געגאַנגען. אָפּט מאָל, ביז די שפּעטע נאַכט־שעהען געלייענט ראָמאַנען אָדער היסטאָרישע ביכער. געוואָלט ווערן באַלעזן, קאָנען אָנטייל נעמען אין געשפּרעכן מיט געלערנטע מענטשן.

און אין אָט די טעג האָט זעליק נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פֿון רחלען. ס'האָט אים געלאָקט איר ווײַבלעכקייט. אַ סך נעכט געחלומט, אַז ער באַגעגנט זי. אין טרוים געפּילט זיך פרײַער. זי געגלעט, געקושט, פעסט אַרומגענומען און אַפילו מיט איר געלעגן.

יז

פֿאַר דער באַגעגעניש מיט זעליקן האָט רחל זיך גאָר פֿײַן אויסגעפּוצט. זי האָט געוווּסט, אַז זי וועט הײַנט אין שרײַבער־פֿאַראיין באַקענען יונגע אַרטיסטן, זשורנאַליסטן, עלעגאַנטע, שיינע אַרטיסטקעס. האָט זי אָנגעטאָן אַ ברוין אויסגעפּאַסט קליידל, ברוינע זאַמש־לעטשלעך, ס'פּנים זאָרגפעלטיק באַזאַלבט, געפאַרבט, אָנגעטאָן גרויסע, קאַרשן־פֿאַרמיקע אוירינגלעך און אַ בײַטש העל־רויטלעכע קרעלן. זיך באַמיט אויסזען שענער פון אידען. זיך באַשפּריצט מיט ספּעציעל געקויפטן, אויסלענדישן פּאַרפום. און אַזוי קאָנטראָלירנדיק יעדן פּנים־טייל באַמערקט אַ גרויע האָר נעבן לינקן אויער. געוואָרן צעצאַפּלט. נערוועז די האָר אויסגעריסן. אָנגעצונדן אַלע זשיראַנדאָל־לעמפּ. געקוקט, באַטראַכט. די האָר אַרויפגעלייגט אויף אַ שוואַרץ שטיקל שטאָף. זי׳ אײַנגעטונקען אין אַ פלעשעלע ספּירט. שמייכלענדיק באַרויִקט, אײַנזעענדיק ווי די האָר האָט צוריק באַקומען איר נאַטירלעכן, בלאָנדן קאָליר. אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרץ. זי האָט אַרײַנגעטראַכט: פון וואַנען איז די גרויע האָר? פֿאַרוואָס איז בלויז די האָר געוואָרן באַפלעקט מיט ווײַסן פּאָקאָסט, בשעתן נעכטיקן העלפן דער מוטער פֿאַרבן ס'קיך־קרעדענסל? זי איז ווידער צו צום שפּיגל און דערזען די קנײטשלעך אַרום די אויגן־ווינקלען טיפן זיך. זײ מיט זאַלב פאַרשמירט, מאַסאַזשירט.

✶

דער אָוונט איז געווען אַ טונקעלער, אַ פֿאַרוואָלקנטער. ווען זי איז צוגעקומען צום טויער, האָט זעליק שוין געוואַרט. זי האָט זיך אַנטשולדיקט,

געזאָגט אַן אויסגעטראַכטן תירוץ, אים דערלאַנגט אַ וואַרעם דלאָניעלע. ס׳ערשטע מאָל געגנעטערט איר פּנימל מיט די רויטע ליפּעלעך צו זײַן אַ ביסל געעפנט מויל. ער האָט געגאַרט איר געבן אַ קוש און מורא געהאַט. זיך מאָמענטאַל צוריקגעצויגן.

זענען אַרײַן אין אַ דעמפּיקער, אנגערויכערטער שטוב. געהערט זשומערײַ, טומלענדיקע רייד, רעציטירטע, שטיל־געזונגענע פערזן. רחל האָט זיך פאַרהוסט. באַמערקט מאָדנע לײַט. די מערהייט אין פּשוטע מאַרינאַרקעס מיט וואַטע־געפּילטע, געברייטערטע אַקסלען, בולט־אויס־געבעטע, מער מענערישע ברוסטקאַסטנס. טייל מיט פאַלקעס, אויף זיי ברייטע קאַפּעליושן האָבן זיך געשאַרט, היִן און צוריק. זיך געדרייט צווישן טישלעך, באַזעצטע מיט צופרידענע, יחסנדיקע, כּבֿוד־און געלט־זאַטע, אויסגעפּראַנטעוועטע צײַטונגס־שרײַבער. די אָ האָבן זיך לוסטיק אמוזירט מיט רעשיק פאַרביק געקליידעטע, יונגע און זיך יונג־געמאַכטע אַרטיסטקעלעך, טענצערינס, וואָס האָבן בלויז אייניקע מאָל אויפגעטרעטן אויף געזעלשאַפטלעכע אָוונטן און געגאַרט זיך צו חבֿרן מיט די ראָמאַנען־פּראָדוצענטן און רעצענזיע־רעקלאַמירערס. זיי האָבן געהאַפּט, אַז פאַר אָנגעבאָטענע, קערפּערלעכע באַרירונגען, אַפילו לעשן די לוסטן פון די וואָס וועלן זיי באַלוינען מיט עטלעכע לויב שורות אין די נאָך מיטאָג־בלעטלעך וועלן זיי דערגרייכן קאַריערעס. בײַ זײַטיקע, נעבן ווענט־שטייענדיקע טישלעך און געדיכטע רויך־קנוילן זענען געזעסן פאַרקלערטע דיכטערס, דערציילערס און געשוויגן. זעלטן ווען האָט ווער פון זיי פאַר־געלייענט קורצע פערזן. אַנדערע האָבן מיט קאַרגע ווערטער אַ ביסל געשאַצט נײַע ביכער. די צווישן טישלעך־קריכערס האָבן יראת־הכּבֿודיק געקוקט אויף די אין זײַטן־זיצנדיקע קינסטלערס. געפּילט זיך שטאָלץ, אויב זיי האָבן זוכה געווען באַמערקן פּנים־שמייכלענדיקע צוריק־גרוסן פון די עלטערע באַזאַכטע שרייבערס, לײַכטע קעפּ־בייגונגען אָדער שמייכלען.

דער פּאַפּיראָס און ציגאַרן־רויך, די טומלענדיקע רייד פון די צו מענער־געבויגענע, קאָקעטישע, באַמאַלעוועטע, עלעגאַנטע דאַמען האָבן רחלען שאָקירט. זי האָט געבעטן זעליקן אַרויסגיין. „כ׳פיל זיך דאָ נישט גוט”. ער האָט בײַ איר קוים געפּועלט בלײַבן אויף אַ גאַר אינטערעסאַנטן רעפעראַט. זיי זענען אַרײַן אין אַ גרויסן זאַל, באַזעצטן מיט יונגע מיידלעך, פאַבריק־אַרבעטער און צוהערערס. אויף דער בינע זענען אַרויף דרײַ מאַן: צוויי גרויסע, עלעגאַנטע מענער מיט לאַנגע, גרוילעכע האָר און אַ קורצוווק־

סיקער מיט אַ גרויסן קאָפּ, אין בײדע זײַטן װײסע, געקרײזלטע האָר. בײדע גרויסע האָבן זיך ברײטלעך געזעצט פאַרן טישל מיט דרײַ גלעזלעך טיי. אײנער פון די גרויסע איז צוגעגאַנגען צו אַן עמודל, באַגריסט דעם ארץ־ישראל־גאַסט, שרײַבער יואל בוים און דעם ליטעראַטור־קריטיקער ד. ב. מ., װאָס װעט רעפערירן א. ד. ט. „שלום עליכמס אוניװערסאַלע װערק". דער שײנפּנימדיקער קריטיקער מיט אַ צוגעשוירן, שפּיציק, שװאַרץ בערדל האָט גערעדט לאַנגזאַם, הויך, זיכער און טעאַטראַל־רעטאָריש. ער האָט זײַנע הענט געהויבן, צו זיך, צום ברוסט־קאַסטן געגעענט, זײ געװאָנדן צום פּובליקום. געװאָרן ערנסט, געשמײכלט, געשאָקלט מיט װײַזפינגער, געװאָרנט: „די פּאַרטײיִשע מחלוקתן קענען אונדז צוריק פירן קײן קאַסרילעװקע". אויפגעװיזן אַנאַלאָגישע אויפפירונגען פון אַמאָליקע טאַקסע־תקיפים און יעצטיקע פּאַרטײפירערס, קהילה־מאַכערס. צום סוף געלאָזט הערן עטלעכע פּאַרעװע זאַצן געװידמעט דעם גאַסטס פּראָזע־װערק.

יואל בוימס אויגן האָבן ביטולדיק אָנגעקוקט דעם הויכן קריטיקער. זײַן צעפלאַטשעטע טשופּרינע האָט זיך שטײַפלעכער צעשפּיצלט. ער איז שטאָלץ און זיכער צוגעגאַנגען צום רעדנער־עמודל. עס געהאַלטן בײַ בײדע זײַטן און דערמיט באַרויִקט זײַנע ציטערדיקע הענט. ר׳האָט צעהילכט זײַן שטים: „מיר הערן ראַדיאָ, לײענען צײַטונגען און איר גלײבט נאָך אַלץ נישט היטלערס דראָונגען? אין היגע גערטנער װערן ייִדן באַפאַלן. די פּוילישע פּרעסע פאַרעפּטנלעכט גיפטיקע, ייִדן־שנאָהדיקע שרײַבערײַען, העצן ס׳פּוילישע פאָלק קעגן אײַך. איז דאָס אַלץ נאָך װײניק? איר פילט נישט, אַז דער חלף ליגט שוין אויף אײַערע העלדזער? פּאַרטײיִשע װיכּוחים אין אַזאַ סכּנותדיקער צײַט? איך װעל זיך נישט באַציען צום רעדנערס רײד. נישטאָ קײן צײַט פאַר ליטעראַרישע סימפּאָזיומס. מ׳דאַרף זיך ראַטעװען!" גערעדט װעגן דער שנעלער, אינטענסיװער אַנטװיקלונג פון אַגרי־קולטור און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין ארץ־ישראל, װעגן קולטורעלן אויפשטײַג אין פאַרשידענע געביטן: מוזיק, מאָלערײַ, פּאָעזיע, פּראָזע, עסײיִסטיק, זשורנאַליסטיק און פאַרענדיקט: „מיר זענען דאָרט אַ קלײנער ישוב און שאַפן װוּנדער! שטעלט אײַך פאָר, װען נאָך הונדערטער טױזנטער ייִדן װאָלטן עולה געװען. מיר װאָלטן דאָרט געװאָרן אַ זעלבסטשטענדיקע מדינה. איר װאַרט? הלװאי איר זאָלט, חס ושלום, נישט האָבן פאַרשפּעטיקט. װער ס׳קאָן, װער עס װיל זאָל ראַטעװען זײַן לעבן, זײַן האָב און גוטס. אַנטלויפט!!!"

יואל בוימס רײד זענען זעליקן גאָר געפעלן. ער האָט געשײַנט פאַר

נחת. בײַם אַרויסגיין האָט רחל אים געבעטן, ער זאָל איר אויפקלערן אייניקע שטעלן פון קריטיקערס רייד און די אויפגאַבן פון שרײַבער־פאַראיין.

אין הויז איז זעליק געבליבן שטיין אויף צוויי שטיגן העכער. דאָס מאָל צו איר אַראָפּגעקוקט, האָט זשעסטיקולירט מיט די הענט, ווי פאַר אַ פּובליקום און געזאָגט:

„חברטע רחל, פּוילן איז דער גרעסטער ייִדישער צענטער אין אייראָפּע. וואַרשע איז דער גרעסטער ייִדישער צענטער אין פּוילן. טלאָמאַצקע 13 איז דער גרעסטער ייִדישער מרכּז־רוחני אין פּוילן. אַפילו אין אייראָפּע. דער פאַראיין איז די נשמה, דער מוח, דאָס הארץ פון פּוילישן, קולטורעלן ייִדנטום".

„פאַניע זעליק, אין וואָס דריקט זיך דאָס פּראַקטיש אויס?"

„פּראַקטיש?", האָט זעליק איראָניזירט. געקלערט ממשיך זײַן רעדן. אַראָפּגעקוקט. ס'ערשטע מאָל זי געזען נידעריקער. „הערכט אויס. מיר, דאָס ייִדישע פאָלק פאַרמאָגן בלויז 22 אותיות. דער וועלט האָבן מיר געגעבן צוויי שטיינער, אויף זיי צען סאָציאַל־עטישע געבאָטן. פון דעם האָבן ייִדישע גאונישע מוחות און גײַסטרײַכע נשמות געשאַפן אַזויפיל ווערטפולע ספרים, וואָס ווען מ'לייגט זיי איינס אויפן אַנדערן, דערגרייכן זיי ביזן זיבעטן הימל. טלאָמאַצקע 13 איז אַ סטאַבילער צוזאַמענטרעף־פּונקט פון שאַרפזיניקע פּאָעטן, דערציילערס, עסייִסטן, פּובליציסטן, זשורנאַליסטן — טיפע דענקערס, מחברים פון ווערטפולע ווערק. פאַר יעדעס מאָל אַרויפגיין אַהער, פיל איך, כ'שטײַגער אין אונדזער צײַטווייליקן בית־המקדש. איך האָב גרויס יראת־הכּבוד פאַר די אַהער־קומענדיקע קונסט־באַגאַבטע, פילאָסאָפישע און אַלערליי פענמענטשן. האָב אָבער צו זיי שאַרפע טענות: די אַ דענקערס, וואָרט זאָגערס, געדאַנקען־פאַרשפּרייטערס, ווייסן דאָך געענוי, אַז מיר געפינען זיך אויף אַ ווולקאַן, אַז אונדזער קיום דאָ ווערט פון טאָג צו טאָג, מסוכּנדיקער. אַ טייל פון זיי האָבן דאָך דירעקטע קאָנטאַקטן מיט אויסלענדישע אינפאָרמאַציע־ביוראָען. אַפילו דײַטשישע. זיי ווייסן דאָך, וואָס עס דראָט אונדז. פאַר וואָס רופן זיי נישט צו עמיגרירן כּל זמן מ'קאָן? אַנטלויפן פון פאַשיסטישן, אַנטי־ייִדישן פּוילן? זיי ווייסן דאָך געענוי, אַז דאָ וויל מען אונדז נישט און מיר האָבן געהערט ווי דער יישוב גאַרט מיר זאָלן צו זיי קומען, העלפן אויפבויען אַ ייִדישע, פאַר־זיכערטע, לעצטע היים פאַר גלות־ייִדן. פאַר וואָס שווײַגן זיי?"

רחל האָט ס'ערשטע מאָל צו אים אַרויפגעקוקט. טראָץ די קנאַפּ־

באַלויכטענע שטיגן, האָט זי געזען זײַן אײדל פּנים, די צעליכטיקטע אויגן זײַנע. זיך רגעס געפּילט נישט אַנגענעם, צוליבן איראַנישן בליקן פון די אַראָפּגייענדיקע מענטשן, וואָס האָבן חוזקדיק געשמייכלט פון זעליקס „דרשענען" אויף די טונקעלע שטיגן.

זיי זענען אַרויס אויף דער גאַס, אַ באַליכטיקטע פון ברענענדיקע גאַזלעמפּ און מיט נעאָן־באַלויכטענע רייצנדיקע וויסטאַוועס. זייערע אויגן האָבן פאַרכאַפּט די אַהין־ און אַהער־אײַלנדיקע אויטאָס, טעקסיס, טראַמווייען, דראָזשקעס, אײַנגעשפּאַנטע מיט געפלעגטע, אויסגעפּאַשעטע פערד, וואָס האָבן גאַווהדיק געשאָקלט מיט די געהעכערטע קעפּ. אויף קוואַדראַט־שטיינדלעכדיקן שאָסיי עלאַסטיש געהאָפּסלט מיט אײַזן־געקאָוועטע פיס. זעליק איז אַלץ געווען פאַרטראַכט וועגן די געהערטע רעדעס, וואָס זענען אָן שום ממשותדיקע, פּראַקטישע רעטונגס־מעשׂים. פון ראַדיאָס, פּליטן, געהערטע פון געשעפטן האָבן זינגעריגס געקולותט דײַטשישע שלאַגערן, פּוילישע פּאָלקס־לידלעך. אין הפסקות ציטירט שטעלן פון היטלערס שרײַענדיקע וואָרענונגען, אַז ער וועט פאַרניכטן ס׳ייִדנטום אין איירעפּע. זיי זענען פאַרבײַ דעם קלוב „פּאַלעי דע־דאַנס". געזען ייִדישע יוגנט, געקליידט אין לעצט־שרײַענדיקע מאָדעס, גייען מאַסנווייז אַרײַן זיך פאַרווײַלן. האָט זי זעליקן געבעטן, ער זאָל כאָטש איין מאָל מיט איר אַרײַנגיין טאַנצן. ער האָט זי אַנגעקוקט פאַרוואונדערט, „ווי פּאַלט איר אײַן אַזאַ זאַך? זי האָט זיך צו אים געגענט, צו זיך צוגעדריקט מיט די ברוסטלעך. זײַנע צעחשקטע בלוטן האָבן זיך צעהיצט. זי לוסטנדיק אָנגעקוקט. געספּקט. דאָך דעצידירט: „אין מיר טאַנצט היטלערס שדים־טאַנץ. איך גיי אַ היים". זי איז מיט אים געגאַנגען אַ שטיקל וועג און אַז זיי האָבן זיך צעשיידט, געזעגנט, האָט רחל געוואַרט ביז ער וועט זיך דערווײַטערן. דערנאָך צוגעאײַלט צום טאַנצזאַל און איז דאָרט אַרײַן.

נאָכן געפינען אַן אָרט בײַ אַ זײַטן־טישל נעבן אַ וואַנט, ווו ס׳איז אויסגעמאָלן אַ האַלב־שיכורער פּראַנט, וואָס האַלט אַ באַקעט „מיידל" אויף די קני. גאַרנדיק געהערט די שפּילנדיקע קאַפּעליע באַגלייט מיט צוויי כמעט נאַקעטע זינגערינס, צוגעטוליעטע צו אַ זינגער, אַנגעטאָן אין שמאָלע, ווײַסע הויזן און אין אַ רויט־אויסגעפּאַסט העמדל. די זינגערינס אַרום מאַנס שלענגלדיק בייגן, באַרירן און מיט שאָקלענדיקע ברוסטלעך, שטופּן אים מיט די הינטנס און זינגען זינד־וועקנדיקע, מאַנענדיקע קולות, האָט רחלען צעטומלט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אין האַלב־פאַרטונקלטן זאַל, וואָס איז געווען פול מיט ליבע־גאַרנדיקע, זיצנדיקע און טאַנצנדיקע

פאַרלעך: ס׳רוב יידישע. איר פּנים האָט אויפגעשיינט. געגאַרט, געוואָרט מ׳זאָל זי בעטן טאַנצן. געוואַרט אומגעדולדיק. צום סוף האָט זי אַליין געוווּנקען צו אַ באַיאַרטן יונג, אין שמאָלע הויזן, רויטן העמדל, גלאַנציקע, בריליאַנטירטע, שוואַרצע האָר, שמאָלע, קאַנטיקע פּיאות אויף ראַזירטע, רויטלעכע באַקן. ער איז גערן צו צו איר. מיט איר אַריינגעטאַנצט אין ענגן קרייז צעהוליעטע לייט. זי איז געוואָרן ווילד. מיטן פאַרטנער געמאַכט פאַרשידענע באַוועגלעכע פּאָזעס. ער האָט זי ליידנשאַפטלעך געקושט. לסוף האָבן זיי זיך ביי אַ טונקל זייטן־טישל צוזאַמענגעזעצט. געטרונקען שנאַפּס. זענען געוואָרן בגילופינדיק. נאָך חצות איז דער יונג מיט דער האַלב שיכורער רחל אַוועק אין זאַקסישן גאַרטן. מיט אים פאַרבראַכט ביז דריי פאַרטאָג.

יח

רחל האָט שטיליטשקע געעפנט די טיר. אויף דער שוועל אויסגעטאָן די לעטשלעך. אַריין באַרוועס אין איר צימערל. געלייגט זיך אין בעט. געטראַכט וועגן זעליקן דעם טשודאַק. זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע פריילעכע, פאַרוויילערישע, לוסטיקע אָוונטן מיט יונגע, פריילעכע יאַטן און קאָלעזשאַנקעס. זיך דערמאָנט אין וועלכע קינאָס, רעווי־טעאַטערס, טאַנצזאַלן זיי האָבן אַזוי פריי, האַפּעדיק, פאַרגעניגנדיק פאַרברענגט און דאָס אַלץ איז פאַרשוווּנדן. געטראַכט: אָט איז זי אַ געעלטערט מיידל אָן אַ חתן, פטרט צייט מיט דעם קליינעם, מאָדנעם זעליק, וואָס ווייסט אַפילו נישט וואָס צו טאָן מיט אַ מיידל. אמת, ער האָט איר באַקענט מיט געלערנטע מענטשן און זי האָט טיפע אַכטונג פאַר זיין דזשענטלעמענישקייט, באַהאַוונטקייט אין ביכער, פּאָליטיק, ליבט מוזיק, טעאַטער. זי הערט גערן זיינע רייד. שאַצט זיין קולטורעלע האַלטונג. איז טייל מאָל אויך אַנטציקט פון זיין שיין רעדן יידיש, פּויליש. אין זיין געזעלשאַפט גרויסט זי זיך צו האָבן אַזאַ קלוגן, געלערנטן חבר. שעפּט נחת פון זיינע טרעפלעכע, אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען וועגן ביכער, קונסט־בילדער, מוזיק. נישט אַלע זיינע רייד פאַרשטייט זי. אָבער פון פריינדינס הערט זי פּאָזיטיווע מיינונגען וועגן זיינע אָפּשאַצונגען אויף פאַרשידנאַרטיקע טעמעס. ער איז אויך אַן איבערגעגעבנער ייד. האָט בלב ובנפש ליב ארץ־ישראל. האָפט דאָרט אַהין צו פאָרן און ער וועט זיכער דאָס רעאַליזירן. אָבער דאָך ווייסט ער נישט, אפשר האָט נישט קיין מוט זיך אומצוגיין בשעת ער איז מיט אַ מיידל אַליין. זי האָט נישט געקאָנט איינדרימלען. זיך דערמאָנט זעליקס רעדן, גלייך זי הערט אים איצט נעבן זיך. זיין קאָפּ איז פאַרנומען

בלויז מיט פילאָסאָפישע, קינסטלערישע ביכער. לויט אים פאַרנעמט היטלער טשיק־טשאַק פוילן און הרגעט אויס אַלע ייִדן. מ׳דאַרף זיך ראַטעווען און שנעל אַנטלויפן, איז געוואָרן קהל׳ס פאַרזאָרגער. זי האָט באַרעכטיקט איר טאַנצן מיטן פראַנט אין רויטן העמדל: „דאָס איז אַ חברה מאַן, וואָס ווייסט אַ פרויס באַדערפעניש. אמת, ר׳ איז אַ פּראָסטאַק, האָט גערעדט געמיינע רייד. געמיינט כ׳בין אַ ביליקע. און איז איינגעשלאָפן.

אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי געהערט דעם טאַטנס קולות: „נישט ביַי מיַין לעבן וועט זי זיך מיט דעם זעליקן ביז האַלבע נעכט אַרומשלעפן! שרה!, כ׳האָב דיך געוואָרנט, אַז אַ ציגיסט איז אַ הפקר־מענטש!!!"

שרה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. געשוויגן. אַז שמעיה איז אוועק אַרבעטן, איז זי אַריַין צו דער טאָכטער. אויף איר געקוקט מיט רחמנות און זיך צעוויינט.

„מאַמעשי, באַשולדיק נישט זעליקן. מיט אים בין איך געווען אין אַזאַ מין אָרגאַניזאַציע פון מענטשן וואָס מאַכן בלעטער און טעאַטער־שפּילערס. מירן זיך געזעגנט פרי. אָבער ס׳איז געשען אַן אומגליק. צוויי יונגען האָבן מיך געכאַפּט. אַרויפגעלייגט אויף אַ דראָזשקע, מיך פאַרשלעפּט אַזש קיין פּראַגע. מיר געוואָלט שלעכטס טאָן. כ׳האָב זיך מיט זיי געאַמפּערט ביז פאַרטאָג".

„אוי, ווינד צו מיַינע יאָרן. רחלע, אַ מאַמע מיז מע זאָגן דעם אמת. אפשר האָבן זיי דיך געמאַכט אומגליקלעך?"

„מאַמע, כ׳בין נאָך אַ מיידל. האָב נישט קיין מורא. כ׳ווייס וואָס דו מיינסט. נישט מיַין אָמפּערן האָט געפּועלט. ס׳וויַיזט אויס, אַז זיי זענען אַזעלכע מאַניאַקעס. מיט מיר זיך בלויז געשפּילט און מער נישט געקאָנט. יאָ, יאָ. מאַמע, ווייסט? פאַראַן אַזעלכע מענער, וואָס קאָנען נישט".

אַ פאַרוויינטע איז שרה אַרויס. רחל איז געלעגן פאַרדעקט ביז איבערן קאָפּ. פאַר זיך געזען בילדער פון נעכטיקן טאָג. געקלערט. דערמאָנט: זעליקס קערפּערל, דעם גרויסן קאָפּ מיט די תמיד צעפּלאָשעטע האָר, זיַינע בלאַסע, אַראָפּוּירנדיקע באַקן, דאָס גרעבלעך נעזל, די דינע, בלוילעכע ליפּן. ס׳האָט איר אָפּגעשטויסן. זיך אָפּגעדעקט, געקוקט אויפן סופיט. געטראַכט: יאָ, זי פילט נישט צו אים קיין שום לוסט. דאָך חרטה געהאַט, פאַרוואָס זי איז געגאַנגען אין טאַנצזאַל און מיט אויגן־צייכנס זיך אַליין אָנגעבאָטן צו טאַנצן מיט דעם אין רויטן העמדל. אין איר געמיט האָבן

זיך ווידער געראַנגלט פּראַקטישע פּלענער, גוט איינאָרדענען זיך מיט זעליקן, דעם גוטן פאַרדינער קעגן ראָמאַנטישע טרוימען פון פרילינגדיקע יאָרן און נאָך־נישט־רעזיגנירטע באַגערן צו באַקענען אַ הויכן, שיינעם, ברונעטן בחור, אַ פריילעכן, וואָס וויסט ווי אַזוי פאַרווײַלן אַ ווײַב, צו באַפרידיקן אַלע אירע געברויכן. אויך פּחדדיק דערמאָנט אין דער מאַמעס רייד: „רחלע, די צײַט שטייט נישט״. געטראַכט וועגן אירע קנייטשלעך אַרום די אויגן, וועגן די טליענדיקע האָפענונגען און אַנטוישטע זכרונות, פּחד אַז דער מיטן רויטן העמדל וועט זי אָפּזוכן, וועלן מיט איר ווידער פאַרברענגען. אויב זי וועט אים אָפּזאָגן, וועט ער קומען אין שטוב: מאַכן סקאַנדאַלן און די מאַמע וועט זיך דערוויסן, אַז זי האָט זי אָפּגענאַרט, אַז נאָך דער נאַכט איז זי נאָך אַלץ אַ מיידל. די אַ געדאַנקען האָבן זי געפּײַניקט און איז אײַנגעשלאָפן. געחלומט:

איז אָנגעטאָן אין אַ לאַנג, ברייט, געקלאָשט, ווײַס קלייד. אויפן אָנדולירט־געלאָקטן קאָפּ טראָגט זי אַ לאַנגן וואַל, באַקריינט מיט אַ קרענצל רויטע רויזלעך. איר מאַמע און זעליקס שטיפמוטער האַלטן אין געהויבענע הענט צוויי געפלאָכטענע ליכט. פירן זי צו דער הויכער, ווײַס־איבערגעדעקטער, מיט בלומען־באַפּוצטער שטול. באַזעצן זי. אַרום פּאָטעל צעשפּרייטן איר קליידס קלאָשן. די מוזיק שפּילט טרויעריקע, חסידישע ניגונים, וואָס דערמאָנען איר אין נעילה־געזאַנגען. איז אַרום־געקרײַזט צווישן ווײַבער מיט קופּקעס, גלאַנציקע שייטלען, לאַנגע שוואַרצע קליידער. אַלע האַלטן נאָך נישט אָנגעצונדענע ליכט, אנטקעגן איר קומען צוויי אַלטע, געבויגענע ייִדן מיט שנײַ־ווײַסע בערד. אָנגעטאָן אין ווײַסע קיטלען. זי קוקט, קוקט. דערקענט דעם טאַטן. זײַן פּלוצימדיקע גרויקייט, ס׳קיטל וווּנדערט איר. זיי פירן זעליקן, געקליידט אין אַ לאַנגער, שוואַרצער מאַרינאַרקע ביז די קניען, גרויסן קאַפּעליוש, אַראָפּגערוקט ביז די אויגן. אַז זיי דערנענטערן זיך, באַמערקט זי פון חתנס אויגן רינען טרערן. מיט ציטערדיקע, בלאַסע הענט נעמט ער דעם שלייער, באַדעקט איר אויפ־געצאַפּלט פּנים. ביידע מאַמעס אײַז־קאַלטע הענט נעמען זי אונטער די אָרעמס, האַלטנדיק הויך אָנגעצונדענע ליכט. מ׳פירט זי צו דער חופּה. די לאַנג־באַבערדטע, באַפּאַהטע כּליזמרים אין זײַדענע, שוואַרצע קאַפּאָטעס שפּילן מאַנאָטאָנע מעלאָדיעס. דער עולם חסידים זינגט, שאָקלט זיך, אונטער דער חופּה דרייט מען זי אַרום דעם פאַרזאָרגטן, זיפצנדיקן חתן. אַזוי אַרום קריכנדיק, דערזעט זי דעם מיטן רויטן העמדל. ער שפּיזט זי מיט פינקלענדיקע אויגן. בעת זעליק רוקט אַרויף ס׳קידושין־רינגל אויף

איר פינגער, מורמלט: „הרי אַת", קוקט זי אויפן יונג מיט די שוואַרצע, גלאַנציקע האָר. ער חוזקט פון איר.

נאָך דער סעודה האָט דער יונג זי פאַרבעטן טאַנצן. מיט רוזשקען גאַרנישט געדרעדט. אירע ברוסטלעך צוגעדריקט צום רויטן העמדל. ס'פּנים דערנעענטערט צו אירע פלאַמיקע באַקן, זי לײַדנשאַפטלעך געקושט אויף אירע פאַרמאַכטע אויגן־לעפלעך, ציטערדיקע הייסע ליפּן. מיט איר געטאַנצט, קאַראַהאָדמעסיק גערדרייט, אַוועקגעדרייט מיט איר שוועבנדיק פיגורל. אויף ס'נײַ איר צוגעדריקט צו זיך מיט זײַנע לײַדנשאַפטלעכע ליפּן געקושט אירע לוסט־צעפלאַמטע לעפצן. אין זיך אַרײַנגעזויגן רחלס אים באַקאַנטן, טעמפּולן, תּאַוההדיקן זאַפּט. אַן אויפגעצאַפּלטע האָט רחל דערזען די מאַמעס צעכעסטע אויגן. דעם יונג אָפּגעשטופּט: „צום ווידערזען" און איז פון אים אַוועק. די כּלה מיט זעליקן פירט מען אין יחוד־שטיבל. זי ציטערט קאָנוווּלסיוו. איר לײַב ווערט גערינצלט. האָט מורא, זעליק וועט זיך דערוויסן זי איז נישט קיין בתולה. ער וועט זי גטן. איר באַשמוצן. פאַראַכטן אויך. זײַן פּיזישע באַרירונג וועט זי אָפּשטויסן. הייסט אים פאַרמאַכן די אויגן. טוט זיך אויס. אין בעט פאַרדעקט איר קאָנוווּלסיוו לײַב ביזן האַלדז. נעבן איר מיט דער קאָלדרע אַרומגעוויקלטן קערפּער ליגט זעליק מיט קרעכצנדיקע, וויינענדיקע קולות. דער יונג קומט אַרײַן. זי ווערט צעצאַפּלט און וועקט זיך אויף. ס'איז שוין געווען מיטאָגצײַט. געטענהט, אַז זי פילט זיך שלעכט. די מאַמע האָט איר געגלייבט. דער טאַטע האָט געזיפצט, געשוויגן. ליגנדיק אין בעט אַ וואָכע, האָט זי נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן זעליגס אָפּזאָג מיט איר צו גיין אין טאַנצזאַל. דאָס אַליין דאָרט אַרײַנגיין, דאָס זיצן בײַ אַ זײַטיק טישל, דאָס פאַרווײַלן זיך מיט דעם פרעכטיקן טענצער אין רויטן העמדל און אין גאָרטן. מעדיטירט וועגן נאַרישן חלום, מוטערס עצות, אַז „מ'קען נישט אַריבער מוז מען אַרונטער", „געדענק, אויב מ'ציט צו שטאַרק ס'שטריקל פּלאַצט עס" — „רחלע, מן הסתּם איז דיר אַזוי באַשערט פון הימל, אַז זעליק איז דײַן ריכטיקער זיווג און צוליב דעם האָבן זיך פון אַלע דײַנע פאַלשע ליבעס אויסגעלאָזט אַ בוידעם". די נאַכטיקע טראַכטונגען, דער מאָדנער חלום, די דערמאָנונגען, די מאַמעס רייד האָבן זי אויף ס'נײַ געמוטשעט, צעשטרייט.

זי האָט זיך אָנגעטאָן. זיך געזעצט צום טיש עסן. נישט געפילט קיין שום טעם אין געפּרעגלטן איי, אין די פרישע זעמל מיט פּוטער און שווייצער־קעז, אין די גוט זיסע קאַקאַאָ. פון זעמעלע געצופּט שטיקלעך,

גערשוגייעט. מער ווי אַ העלפּט איבערגעלאָזט און איז אַוועק. זיך אַרומ־געדרייט ווי אַ שיכּורע, צענדליקער מאָל זיך געפרעגט: מסכּים זײַן מיט דער מאַמעס צורעדן? טאַטנס, זיסלס אײַנרעדן? זאָל מען שרײַבן תּנאים מיט זעליקן? באַלד זיך אָפּגעשראָקן: תּמיד לעבן מיט אַ מאַן, צו וועמען האָסט בלויז רעספּעקט פאַר זײַן דערפאָלג אין דיסקוסיעס? אַנגסטיק אויפגעציטערט, דערמאָנענדיק, אַז זי וועט דאַרפן מיט אים לעבן געשלעכטלעך, בשעת זײַן זעלטן־ווען קערפּערלעכע נאָענטקייט, וועקט נישט ביי איר קיין שום עראָטישע געפילן? געחשבון־הנפש: אויב זי וועט שוין פאָלגן די עלטערנס עצות, קאָן איר גורל זײַן אַזוי טראַגיש, ווי אַ סך ענלעכע פינצטערע מזלות. וועגן אַזעלכע האָט זי זיך אַזוי פיל אָנגעלייענט אין ראָמאַנען, געזען אויף קינאָ־עקראַנען. אויך יענע שיינקייטן האָבן אין יונגע, פרילינג־יאָרן אַרומגעבאַלעוועט. קיינער איז זיי נישט געפעלן. אַלע מאָל געטווישט פאַרטנערן, ווי קליידלעך, אין די דרײַסיקער יאָרן געבליבן „אויף דער פלייש־באַנק", געמוזט זיך פאַרקויפן פאַר געלט און געהאַט אָפּגעהאַקטע יאָרן. געליטן געברענטע צרות. אייביק געווען מרה־שחורהדיק. אַ טייל האָבן זייערע ווייטיקן, נישט באַפרידיקטע עראָטישע געברויכן געמוזט לינדערן מיט פאַרראַטן זייערע נישט־געליבטע, עלטערע מענער. דער גרעסטער טייל האָט דערפון געליטן. ס׳געוויסן האָט זיי געמאַטערט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן פון די אָפּגענאַרטע מענער. אַנדערע גאָר פוילן אין תּפיסות פאַר בלוטיק צעשלאָגן זייערע געהאַסטע, פון זיך אָפּשטויסנדיקע מענער.

די אַ געדאַנקען האָבן זי געפּײַניקט. בײַ זיך אָפּגעמאַכט איבערצורײַסן מיט זעליקן. געקלערט ווי אַזוי. אויך דאָס נישט געקאָנט דעצידירן. נישט געוואָלט ווייטאָן דעם אַזוי איידעלן, עמפּינדלעכן בחור, וואָס באַהאַנדלט זי גוט, אַזוי שלאַכטענע.

די אין איר ראַנגלענדיקע צווייפלען, דאָס יעדעס מאָל טראַכטן אַנדערע „באַשלוסן", האָבן רחלען נישט געגעבן קיין רו. האָט ווייניק געגעסן. געליטן פון שלאָפלאָזיקייט. אירע רויטע בעקעלעך, די תּמיד שפּראָצנדיקע מיט חשקפול בלוט האָבן זיך געבלאַסט, די גלאַנציקע, פריילעכע אויגן, וואָס האָבן מיט ווילערישע בליקן געפאַנגען די קלוגסטע חברהלייט, זיי געכישופט, האָבן זיך געלאָשן, געקוקט טרויעריק, מאַט. זי האָט ווייניקער געפלעגט אירע האָר. מער זיי נישט ליבלעך, פאַרגעניגנדיק צעקעמט, צעפּלדיק געפלאָכטן. געוויקלט אין גרעקלעך, געלאָקט. זעלטן ווען צו געטונקלט די ברעמען. נישט אַזויפיל געלייגט אַכט, אַז די רונדיקייט

זאָל זײַן פֿינקטלעך האַלב־לבנה־פּאַרמיק. אויפֿגעהערט עטלעכע מאָל אין טאָג צו שמינקען די תּמיד־לײַכט־אָפֿענע ליפּעלעך, די באַגערנדיקע צו ווערן לײַדנשאַפֿטלעך געקושט פֿון אירע צעגליטע געליבטע בחורים. אויפֿגעהערט אייניקע מאָל אין טאָג איבערטאָן בלוזקעס, ראָקן, קליידלעך, ביוסטן־האַלטערס, לעטשלעך, צוגעפּאַסטע צו קאָלירן פֿון דער גאַרדעראָבע, צום וועטער, צו פֿאַרווײַלונגס־ערטער. ווינציקער באַניצט איר באַליבטן שטיי־שפּיגל, אין וועלכן זי פֿלעגט הנאהדיק קוקן אויף איר שיינעם גוף. פֿאַר דאָס מער אַרײַנגעטראַכט אין איר ביטערן גורל, וואָס זי האָט מיט איר אײַנגעבילדעטקייט, מיט צופֿיל אײַנרעדעניש זיך אַליין געשאַפֿן. זי האָט, לײַכטזיניק, אָפּגעשטויסן שיינע, לײַטישע יינגלעך און איז געבליבן מיטן קליינעם זעליק. און דאָך פֿאַרגעזעצט מיט אים זיך צו באַגעגענען. געוואָלט פֿאַרטרײַבן די צײַט. וואָס אַמאָל מער האָבן די ספֿקות נישט אויפֿגעהערט זי צו פּײַניקן.

איינמאָל איז איר אײַנגעפֿאַלן: אויב זי וועט, בלית־ברירה, אַנטגילטיק דעצידירן מיט אים חתונה צו האָבן, וועט זי אויך, ווי ענלעכע צו איר, מוזן לעשן אירע ווײַבלעכע תּשוקותן און אים פֿאַרראַטן. דאָך האָט זי פֿאַר דעם מורא געהאַט. צו זיך געזאָגט: „אַזאַ קלוגער, אַזאַ פֿיינער. קיין איין מאָל פֿון אים נישט געהערט קיין הויך וואָרט. גיט אויף איר אויס אַ סך געלט. גייט מיט איר אויף די טײַערסטע מוזיק־קאָנצערטן, בעסטע טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען, שענסטע קינאָס, רעציטאַציע־אָוונטן, רעפֿעראַטן. קיין איין מאָל נאָך נישט אַהיים געפֿירט צו פֿוס. רופֿט דראָזשקעס, טעקסיס. באַצאָלט, וויפֿל די שאָפֿערן אָדער בעלי־עגלות פֿאַרלאַנגען. איז נישט קאַרג. אַ דאַנק אים איז זי געוואָרן אַ ביסל באַוווסטזיניקער. געניסנדיק פֿון הערן קלאַסישע מוזיק, בעסער אויפֿפּאַסן קינסטלערישע ביכער, טיפֿער פֿאַרשטיין גוטע פּיעסן, ליטעראַרישע רעפֿעראַטן און הויפּטזאַכלעך פֿון אים באַקומען ווערטפֿולע מתּנות. זײַן אויפֿפֿירונג אין דער געזעלשאַפֿט פֿאַרשאַפֿט איר כּבֿוד. ניין! „באַשלאָסן": פֿאַרראַטן אַזאַ טייערן מאַן, וועט זי פּײַניקן ס׳געוויסן. אַזוי טראַכטנדיק זיך דערמאָנט: די חבֿרטעס זענען איר מקנא אין אויסקלויבן זיך אַזאַ אינטעלעקטועלן חבֿר. דערמאָנט, ער האָט זי צוגערעדט פֿאַרשרײַבן אויף אָוונט־קורסן אין דער „קולטור־ליגע", בכּדי זי זאָל נישט זײַן הינטערשטעליק אין זעליקס ערודיציע אין היסטאָריע, ליטעראַטור. זי זאָל מיט אים האָבן קעגנזײַטיקע פֿאַרשטענדעניש. דערינערט: די חבֿרטעס רעספּעקטפֿול רעדן וועגן שאַרפֿזיניקן, שלאַנקעם זעליק און דערמאָנענדיק דעם מיטן רויטן העמדלס מענעריש אויפֿפֿירן

זיך, צו זיך גערעדט: „וועל נישט האָבן קיין ברירה. מסתּמא מוזן מיט אים איבררײַסן. אָבער דערווײַל נאָך נישט".

יט

דאָס אָפטע טרעפן רחלען, אירע פאַרזיכערונגען, אַז זי גייט נישט מיט קיינעם, האָבן אים איבערצײַגט, אַז זי איז מסכּים מיט אים חתונה צו האָבן. ער האָט געטראַכט, אַז ער וועט זי איבערדערבערן, זיי זאָלן עולה זײַן קיין ארץ־ישראל. באַשלאָסן וועגן דעם מיט איר צו שמועסן.

רחל מיט זעליקן זענען אַרויס פון קאַמינסקי־טעאַטער. דער דרויסן איז געווען רעגנדיק. ווינטלדיק, פינצטערלעך. ביידע האָבן געשוויגן. נעבן איר טויער האָט ער זי ליבלעך אַרומגענומען. געגלעט אירע הענטלעך, די געלאָקטע האָר. ווי תּמיד געפילט רייץ. רחל האָט דערפון געהאַט קנאַפּ פאַרגעניגן. דאָך געווען צופרידן, זי וועקט אין אים חשק. ער האָט שטיל געזונגען מרדכי געבירטיגס נביאיש ליד: „ס׳ברענט, ברידערלעך. ס׳ברענט / אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט! — בייזע ווינטן מיט ירגזון / רײַסן, ברעכן און צעבלאָזן / שטאַרקער נאָך די ווילדע פלאַמען" און זיך צעזיפצט: „רחלע, דער אַ מחבר איז אַ פּשוטער ייִד. אָבער פאַרמאָגט אַ גרויסע, פּאָעטישע נשמה. דיכטן אמתע לידער לערנט מען נישט אין אוניווערסיטעטן. מיט באַגאַבטקייט ווערט מען באַוויליקט פון גאָט אַליין. די אַ פּשוטע דאָך אמת נביאישע פערזן דאַרפן אויפגעקלערט ווערן אין גאַנץ אייראָפּע. ספּעציעל אין פּוילן. מ׳טאָר נישט שטיין מיט פאַרלייגטע הענט, בשעת אַ שׂרפה צעברענט זיך. אויך נישט וואַרטן, אַז די פלאַמען זאָלן נעענטערן, פאַרלענדן אונדזערע היימען. דער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן צעפלאַקערט זיך. היטלער דראָט אָנצופאַלן פּוילן. זײַן אויסגעשולטע, מעכטיקע אַרמיי קען פּוילנס זעלנערלעך באַקעמפן אין אייניקע טעג. דאַן זענען מיר פאַרלוירן, פאַראורטיילט צום פאַרניכטן. קיינער, קיין איין גוי וועט אונדז נישט ראַטעווען, פאַרטיידיקן". אין דער טונקלקייט איר געפרעגט, צי זי איז מסכּים מיט אים חתונה צו האָבן און צוזאַמען פאָרן קיין ארץ־ישראל.

די פאַר איר אומגעריכטע פראַגן האָבן זי צעמישט. אַ ווײַלע געשוויגן. אים צווײדײַטיק געענטפערט: „מ׳וועט זען". זעליק, געאייגנט לאָגיש, קלאָר, האָט איבערגעחזרט די פראַגן. ס׳איז רחלען געוואָרן נישט אָנגענעם. זי האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמלט, צוגעזאָגט ענטפערן בײַ דער צווייטער באַגעגעניש. „נאָך עטלעכע טעג".

די „עטלעכע טעג" זענען פאַר איר געווען מנוחהלאָזע. איין מאָל כמעט אַ גאַנצע נאַכט געמחשבותט, ווי אַזוי אים געבן אַ נעגאַטיווע תשובה, נישט חלילה באַליידיקן, נישט ווייטאָן. אויסגעטראַכט משפּחה און פּערזענלעכע מאָטיוון, סיבות, וואָס דערמעגלעכן נישט דערווײַל חתונה צו האָבן און פאַרלאָזן די עלטערן און מיט אים פאָרן אין אַ פרעמד לאַנד. אַז די תּירוצים זענען שוין געווען פאַרטיק, האָט זי געספּקט צי אירע ענטפערס וועלן אים איבערצײַגן. מורא געהאַט מיט דער צײַט וועט זי בלײַבן אַ ליגנערין. ווײַל זי האָט אַלץ נאָך געהאָפט אַ דאַנק זײַן געזעלשאַפט צו באַקענען אַ שענערן מאַן, מיט וועלכן זי וועט שנעל חתונה האָבן. מיט אַזעלכן וועט זי אַפילו נישט זײַן קעגן פאָרן מיט אים קיין פּאַלעסטינע. זי וועט זיך נישט רעכענען מיטן פאָטערס קעגנערשאַפט צום אַפּיקורסיש־ציוניסטישן הפקר־יישוב, ווו מ׳פרעסט טרפות, מ׳איז מחלל־שבת בפרהסיא און יונגען מיט מיידן לעבן אָן חופּה וקדושין. אַממייסטנס האָבן די ענטפערס זי געמאַטערט אין שלאָפלאָזע נעכט. דאַן געצווייפלט, צי זי איז בכלל פאַרפּליכטעט געבן תשובות. וועט אים הייסן נאָך וואַרטן. וועט זיך פּשוט מיט אים געזעגענען און מער נישט אָפּשמועסן. דעם אַ „באַשלוס" האָבן אָפּגעלייקנט דערמאָנטע מאַמעס רייד: „רחלע, האָב אויך געהאַט חלומות. זיך אײַנגערעדט בין ווערט מי יודע אַ רײַכן, שיינעם, מיוחסדיקן חתן. אַלע שיינע מיידלעך האָבן אײַנרעדעניש, פאַנטאַזיעס. אַז מ׳האָט חתונה, ווערן אַלע חלומות אויסגעוועפּט. דער עול־פּרנסה, האַדעווען קינדער איז נישט פּשוט. דער עיקר: פּרנסה. זעליק איז אַ גוטער פאַרדינער, אָן איידעלער, האָט דיך ליב, איז זיץ אָפּ". נאָכן דערמאָנען די אַ מאַמעס רייד, פול מיט זאָרג און ליבע, האָט זי קוים אײַנגעדרימלט. אַז זי האָט זיך אויפגעוועקט, ווידער געטראַכט און נישט געאַנדערשט איר נעגאַטיון באַשלוס. אים מער נישט געוואָלט נאַרן, אויסנוצן און... איז ממשיך געווען מיט אים גיין אין פאַרווײַלנדיקע ערטער, צו באַקאַנטע, און נישט געגעבן קיין שום ענטפער. זעליק האָט מער זי נישט געמאַטערט מיט פראַגן. זײַנע עלטערן אויפגעקלערט: „די צײַט וועט שוין ברענגען אַ תשובה". זיי געראָטן האָבן געדולד: „מ׳טרעפט זיך? דאָס איז שוין אַ פּאָזיטיווער ענטפער".

זעליקס נישט אַרויסווײַזן פאַרדראָס פאַר די אַזוי פיל „עטלעכע טעג", האָט אויף רחלען געווירקט פּאָזיטיווער צו טראַכטן וועגן איידעלן זעליק. זײַן ליבלעך רעדן און דער מאַמעס כּסדרדיק צורעדן, האָבן אינטויִטיוו געווירקט, זי זאָל וועגן אים מער טראַכטן אַנטשיידנדיקער, סימפּאַטישער.

אין אַ געוויסן דאָנערשטיק אָוונט, בשעת די מאַמע האָט פון אַן אויס־געוועלגערט האַניק טייגל מיטן זילבערנעם קידוש־בעכערל אויסגעקוועטשט קיכלעך און דערבײַ דער טאָכטער ווידער אײַנגערעדט: „רחלע, די צײַט שטייט נישט. געדענקסט? דעם תשעה באָב ווערסטו שוין 27 יאָר. כ׳האָב מורא. וויל נישט פאַרן שטן אַרויסרעדן, זאָלסט, חס ושלום — און דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן — נישט בלײַבן פאַרזיצן״. די אָ ווערטער האָבן רחלען געשפּיזלט אין האַרץ. זי צעטרייסלט. האָט זיך אַרויסגעכאַפּט: מאַמעשי, כ׳בין מסכּים. כ׳וועל דיך פאָלגן. כ׳האָב טאַקע נישט קיין ברירה״. דאַן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. טרויעריק געקוקט אויפן שוואַרצן קאָטער, וואָס האָט זיך געטוליעט צו אירע פיס. רחל האָט כּעסיק אים אָפּגעשטופּט. „גיי צום טײַוול!״ און איז אַרויסגעלאָפן. סתּם אַזוי געאײַלט אין צערוישטע, טומלענדיקע גאַסן, באַלויכטענע מיט בלוילעכע גאַזלעמפּ, צעליכטיקטע וויסטאַוועס. אָן שום ציל געאײַלט אויף טראָטואַרן צווישן שפּאַצירנדיקע, יונגע, צו זיך צוגעטוליעטע פּאָרלעך. זיך נישט אומגעקוקט. אין קאָפּ האָבן געמישט קעגנזעצלעכע געדאַנקען וועגן זעליקן און מיטן רויטן העמדל. און דערמאַנט דעם געשעצטן בעניעק, וואָס האָט זיך שוין געגעט. איר פאָרגעשלאָגן אַ באַגעגעניש. טראָץ איר נאָר וואָס הסכּמה־ענטפער, איז זי נאָך אַלץ נישט פולקום איינשטימיק חתונה צו האָבן מיט אַזאַ פּיצלדיקן, ברייט־ברוסטיקן, קורצפּיסלדיקן מאַן, וואָס וועקט נישט בײַ איר קיין שום חשק. דאָס אינטועסיווע, פאַרשידנאַרטיקע טראַכטן האָט איר געווייטיקט אין האַרצגריבל. ס׳ערשטע מאָל געפילט עס פעלט איר אָטעם. געבליבן שטיין. זיך אָנגעלענט אויף אַן אײַזערנעם טויער. באַמיט טיף עטעמען. אָפּגערוט און ווידער געגאַנגען. פּלוצעם אויפגעהערט אַרײַנקלערן. די געדאַנקען, די קאָמבינירטע פּלענער, די מאַמעס ווערטער זענען פאַרשוווּנדן. זי האָט באַמערקט אויטאָס, טעקסיס, קלינגענדיקע טראַמווײַען, אָנגעפּאַקטע מיט מענטשן, וואָס פאָרן צו געוויע צילן. זיך אומגעקוקט. באַאָבאַכטעט שרײַענדיקע בעלי־עגלות אויף זיך וואַקלענדיקע דראָזשקעס, געשפּאַנטע אין עלאָסטישע זיך אײַלנדיקע פערד מיט שאָקלענדיקע, געהויבענע קעפּ און וואַרפנדיקע ווײַדלעך. פאַרדראָסיק, אײַפעריק געבליקט אין די דראָזשקעס אויף געמיטלעך, פריילעך־זיצנדיקע, צוגעטוליעטע יִנגלעך מיט מיידלעך, פאָרנדיקע צו פאַרווײַלונגען. געקוקט אין באַלויכטענע שוי־פענצטער. געזען אויסגעשטעלטע, קאָליריקע דאַמען־קליידער, רייצנדיקע אונטערוועש, פוטערנע מאַנטלען, צוקערוואַרג, קוכנס. אין וויסטאַוועס מיט צירונג לאַנג געקוקט אויף גאָלדענע קידושין־רינגלעך. אַלע געדאַנקען האָבן זיך סדרלאָז

דערוועקט. האָט קנאָהדיק געקוקט אויף די ייִדישע קויפּעריגס, פּאַרוויילעריגס מיט זייערע שיינע, סימפּאַטישע פּאַרטנערן, וואָס האָבן גאָרנישט געאַנט, אַז דער היטלערישער מלאך המוות גרייט פאַר זיי אַ טאָטאַלע, גרויזאַמע פאַרניכטונג. רחלס טראַכטונגען האָבן זיך סדרלאָז דערוועקט. מער נישט אייפעריק געקוקט אויף די אויסגעפוצטע פּאָרלעך, וואָס האָבן לוסטיק באַרוישט די גאַס. מער נישט גאַרנדיק געקוקט אין די באַלויכטענע געשעפט־פענצטערס מיטן לאָקנדיקן כל־טוב. געאײַלט. צוגעקומען צום קראַשינסקי גאָרטן. זיך געזעצט אויף אַ ליידיקער באַנק, אונטער אַ ברייטן קאַשטאַנבוים. געטראַכט. געדמיונט. נישט געוואָלט גיין אַ היים. אַ יונגער שייגעץ איז צוגעקומען. נעבן איר זיך געזעצט. זי האָט דערפילט דעם ריח פון בראָנפן און געוואָלט אוועקגיין. האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט איר נאָכגיין. ער האָט זיך צו איר צענטימעטערוויז צוגערוקט. געפּרוווט אויף איר לייגן אַ האַנט. זי איז, אַ דערשראָקענע אַנטלאָפן.

אַ מידע איז זי אַרײַן אין איר צימערל. זיך געלייגט אויף דער סאָפע. ווידער זענען איר, ווי זלידנע פליגן, באַפאַלן די עלטערנס עצות, די צווייפלען, די טרוימישע פּלענער, די מאַטערנדיקע טראַכטענישן.

כ

נאָך רחלס נערוועז אַרויסלויפן פון קיך, האַסטיק אונטער זיך פאַרהאַקן די טיר, האָבן זיך אויך שרהס מאַמע־געפילן גערעאַגעלט. געווען באַזאָרגט: כ׳האָב דאָס קינד צוגערעדט חתונה צו האָבן מיט אַ בחור, וואָס געפעלט נישט מיר און נישט איר. זי האָט בייזלעך געשניטן די קיכלעך. שנעל פאַרענדיקט. געגאַנגען אין מאַנס ביורא. אים זאָגן רחלס הסכמה און ענדלעך פרעגן זײַן מיינונג, צי מ׳זאָל ס׳קינד גייטן שרײַבן תנאים מיט זעליקן. האָט געקוקט אין שפּיגל. פאַרקעמט ס׳שייטל. געביסן די ליפּן, זיי זאָלן באקומען אַ ביסל רויטקייט. געפילט אַ לײַכטע צופרידנקייט, אַז פון איר יוגנט איז נאָך געבליבן חנעוודיקייט. דערמאָנט זיך זעליקס אויסזען און אָפּגעווישט אַ טרער פון דער לינקער באַק. געאײַלט צום מאַן. געמורמלט: „כ׳וויל נישט זײַן אַליין פאַראַנטוואָרטלעך״.

אין קאַנטאָר האָט זי געטענהט צום מאַן: ס׳איז שוין באַלד ניין און דו זיצסט נאָך אַלץ פאַרקאָכט אין דײַנע חשבונות. שמעיה, מ׳דאַרף באַשטימען: יאָ אָדער נישט שרײַבן תנאים. אויב ביסט מסכים דאַרף מען באַשליסן אַ טערמין. מ׳עט נישט דאַרפן מאַכן קיין גרויסן טראַסק. בלויז בעטן משפחה, אַ פּאָר שכנים. כ׳מיין אַן ערך 50 לײַט״.

שמעיה האָט מיט לינקע האַנט־פינגער זיך געקראַצט דעם קאָפּ אונטער דער סאַמעטענער יאַרמולקע. מיט דער רעכטער, שוואַרצהאָריקער דלאָניע ס'קאַפּל אַראָפּגערוקט אַזש ביזן האַלבן שטערן און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף דער אָ האַנט מיט אַ געהאַלטענער, שפּיציקער בלייַפעדער. שרהן אָנגעקוקט פאַרשעריש. שטיל זי געפרעגט: „האָסט געמיינט, כ'וועל דאָ נעכטיקן? צוליב וואָס ביסטו אַ הער געקומען?" צונויפגעלייגט די פּאַפּירן, די בלאָקן. זיי פאַרשלאָסן אין שופלאַד. די הענט אַרויפגעלייגט אויפן שרייַבטישל. געברומט אַ ניגונדל. „שרה, מ'גייט אַ היים".

נאָכן עסן, בענטשן, האָט ער צום ווייַב בנעימות גערעדט: „שרה, לאָמיר די זאַך גוט צעקייַען. ס'איז נישט קיין לאָקשן פון רבינס שיריים. דו ווייסט דאָך, אַז כ'האָב ליב אַן ענין גוט צו באַטראַכטן".

„האָסט אפשר אַ צווייטע דעה?" אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

„שרה, מ'מוז פריער איבערשמועסן מיט רחלען. דעם ווייַב דערציילט: „מיט אַ פּאָר טעג צוריק נאָך מנחה ומעריב איז ער געבליבן אין שטיבל, לערנען דעם דף־היומא. האָט ער פון שלמה יצחקן געהערט, אַז אהרונדל גאָלדפינגערס מיידל האָט מען אויך צוגערעדט צו אַ שידוך מיט אַ רייַכן בחור, וואָס פאַרדינט שטיקער גאָלד און אויך דער חתן איז דער כלה נישט געוועזן צום האַרצן. מ'האָט איר אייַנגערעדט, צוגערעדט. נאָך דער חתונה האָבן ביידע, נישט פאַר אונדז געדאַכט, זיך בשום אופן נישט געקענט צונויפפּאַסן און זיי מוזן זיך נעבעך גטן. כ'האָב געהערט שמועסן, אַז דאָס יונגע, שיינע ווייַבל האָט בייגונגען צו פרעמדע מענער. איז דאָך אהרונדל אַ געפּעפערט יידל מיט אַ פייַערדיק עילוי־קעפּל, האָט ער זיך גוט פאַרלייגט, דעם ענין חוקר ודורש געווען און זיך דערוווּסט, אַז מהאָט טאַקע די חצופה געפּאַקט אויפן הייסן מיט אַ שייגעץ. נו?!!!

אויך חיים בערישס בעניאַק האַלט זיך בייַ גטן. זייַן טאַטע האָט פאַרן רב, רבי חיים גאָלדשמידט, אויסגעגאָסן זייַן ביטער האַרץ: זייַן שנור איז צום זון געוואָרן קאַלט, ווי אַ מומיע. די ערשטע צייַט האָט ער נאָך געפּילט, אַז ר'האָט אַ ווייַב. ביסלעכווייז האָט זי אים אָפּגעשטויסן ביז ס'האָט זיך אין אים אָפּגעקילט דער חשק און געפילט אַ ווידערווילן צו איר. מ'רכילותט, אַז ער קאָן זיך מער נישט מתיחד זייַן מיטן פייגעלע. אפילו געהערט, אַז זי ליבט גאָר אַ טאַרטשינער אַלמן. אונדזער רחלע איז שענער, ייִנגער און לייַכטזיניקער פון זעליקן. כ'קען מייַן סחורה. מ'דאַרף גוט, גוט באַטראַכטן צי מ'מעג ס'קינד צופיל צורעדן, איר פאַרדרייען דעם קאָפּ". ער האָט געשאָקלט מיטן רעכטן ווייַזפינגער און געוואָרנט: „געניייטע זאַכן טרענען

זיך. כ׳מיין, מ׳האָט זיך צופיל אַרײַנגעמישט. זיסל מיינט זיכער, זי וועט אָפּלעקן אַ פּעט ביינדל. זעליקס פאָטער וועט איר געבן אַ זשמאַניע שדכנות־געלט. פּאָלג מיך, ברען נישט״.

שרה איז געוואָרן נערוועז: „חכם פון דער מה נשתנה. די וועלט זאָגט: ,קלאַפּ ס׳אײַזן, ווי לאַנג ס׳גליט. נאָך מײַן בײַ איר פועלן, ווילסטו אַלץ צעדרייען? מיך מאַכן צו נאַר? כ׳קען דאָך דיך. אַז איך זאָג בוידעם, זאָגסטו קלאָץ. אַז איך האָב נישט געוואָלט (אים נישט געזאָגט, אַז זי ספּקט אויך) האָסטו זי דווקא צוגערעדט און אַז איך האָב די זאַך גוט צעקײַט, אײַנגעזען רחל האָט נישט צו וואַרטן אויף בעסערע גליקן, שדכנים שטייען נישט הינטער דער טיר, מ׳צערײַסט זי נישט מער. ס׳קינד דרייט זיך אין שטוב ווי אַ קאָלעק. צו איר גערעדט ווי אַ מאַמע און מיר ביידע זענען שוין מסכים מיט זעליקן שרײַבן תנאים, הייבסטו אָן מיט דײַנע פּשטלעך, מיט דײַנע מעשׂיות פון שטיבל. ווילסט אַלץ צעדרייען? לויט מײַן שכל איז נישטאָ מער וואָס אַרײַנצוקלערן. מ׳וועט וואַרטן נאָך אַ יאָר, ווידער אַ יאָר און מ׳קאָן, חלילה, נאָך חרטה האָבן״.

נערוועז האָט שמעיה הין און צוריק געדרוקט ס׳קאָפּל. געריבן דעם שטערן, געביסן אַן עק וואָנצע, געבייזערט: „בעסער אונדזער חרטה איידער רחל זאָל לײַדן אַ טראַגעדיע. נאָך דער התונה אָנהייבן דרייען מיטן נעזל. חכמה מײַנע, ווייסט כאָטש, אַז זעליק איז אַ פאַרברענטער ציניסטל? קאָן נאָך ס׳קינד פאַרשלעפּן קיין ארץ־ישראל. דאָרט זיך מאַטערן אין אַ קיבוץ אָדער אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף. האָרעווען, ווי אַן אייזל און עסן קרענק, קדחת״. — פון דרויסן האָט זיך געהערט אַ דײַטשיש לידל און היטלערס דראָונגען.

אַז רחל האָט זיך דערוווסט דער טאַטע־מאַמעס מיינונגען, האָט זי גאָר פאַרטיידיקט דער מאַמען. צומאָרגנס פאַרן פאָטערס גיין צו דער אַרבעט, אים דערקלערט איר הסכמה חתונה צו האָבן מיט זעליקן און צוגעגעבן: „איך דאַרף מיט אים לעבן, איז דאָס הויפּטזאַכלעך מײַן זאַך״.

„אַזוי מיינסטו?!״ האָט שמעיה בייזלעך געענטפערט און איז אַוועק אָן אַ „גוטן טאָג״.

*

דב האָט זיך אָפּגערוט. געבליקט אין טאָגצײַטונג „מאָמענט״. דעם ברודער געזאָגט: „ווייסט דעם סוף? געדענקסטו, וואָס אונדזער מאַמע פלעגט זאָגן? ,דער מענטש טראַכט און גאָט לאַכט׳. אַ וואָך פאַרן שרײַבן

תנאים, האָט שרה געמאָלדן רחלען, אַז מ׳מוז אָפּלייגן די שמחה. אין גאַס איז חושך-מצרים. יונגע מענער ווערן מאָביליזירט. דײַטשלאַנד גרייט אַ מלחמה קעגן פּוילן. מ׳האָט אויך זעליקן גענומען צום מיליטער.

נאָך אייניקע שעה איז זעליק געקומען צו די פּײַנשיינס. געהאַט אַ גרויסן, פּולן פּלעצאַק אויף די פּלייצעס. רחלען, שרהן געקושט, געהאַלדזט שמעיהן צוגעדריקט צום ברוסטקאַסטן. אויף זיי טרויעריק געקוקט. מיט אַלע זיך געזעגנט. און איז אויך אַ צײַט געוואָרן פאַרפאַלן, ווי אַ שטיין אין וואַסער״.

צווייטער טייל

א

ס׳יידישע „לעבן״ אין ווארשע, ווי אין די פּראָווינצן, האָבן די דײַטשן פּלאַנמעסיק, שטופּנווייז באַשרענקט. יידן זענען געוואָרן רעכטלאָז, הפקר, אויסגעהונגערט, דערנידעריקט, אויסגערויבט, געכאַפּט צו נוצלאָזע, שקלאַפישע שאַנד-אַרבעטן. עס-עס-לײַט האָבן, טאָג-טעגלעך, פון שטובן אַרויסגעיאָגט מענער. זיי צעשלאָגן. פאַרבלוטיקטע אַרויפגעשטופּט און אַרײַנגעשלײַדערט אין לאַסט-אויטאָס. מיט זיי געפאָרן אין וועלדער. דאָרט אַלע אויסגעשאָסן. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער זענען געוואָרן צוגעפירט צו פעלדער. די יידן באַפוילן אויסצוגראָבן קברים פאַר זיך אַליין. אַ קליינער טייל פון זיי איז באַלד געוואָרן דערשאָסן און דער רוב האָבן זיי דאָרט אַרײַנגעשלײַדערט איינעם אויפן אַנדערן און לעבעדיקערהייט באַגראָבן. די גריבער האָבן טראַקטאָרן פאַרגלייכט, אויסגעגלייכט. דאָס אַלץ איז פאַר דער דײַטשישער ווערמאַכט געווען ווייניק, צו לעשן זייער שנאה קעגן יידן. האָבן זיי באַשלאָסן טאָטאַל צו ליקווידירן אַלע יידישע ישובים אין אייראָפּע.

פון די ערשטע אָקופּאַציע-טעג ביז דער ענדגילטיקער פאַרטיליקונג, איז ווארשע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטראַלן גיהנום פאַר אָרטיקע און אַרײַנגעטריבענע יידן-רעשטלעך, איבערגעבליבענע פון אויסגעראָטענע פּראָווינצן. דײַטשישע סאָלדאַטן און פּאָליאַקן האָבן געווילדעוועט אין יידישע קוואַרטאַלן. גערויבט, געשלאָגן גערצחנט. יונגע פרויען, מינדעריעריקע שול-מיידלעך פאַרגוואַלטיקט. די שענסטע געצוונגען צו ווערן

פּראָסטיטוטקעס אין מיליטערישע באָרדעלן. װעלכעס מײדל ס׳האָט זיך קעגנגעשטעלט די װילדע אױפֿפּירונגען פֿון די שיכּורע זעלנער אָדער נישט פֿרײלעך זיך איבערגעגעבן די צעלוסטיקטע, הױכראַנגיקע געסטאַפּאָװצעס, האָט דער „באַלײדיקטער”, „אַדל־ראַסישער” אַריער זי אױסגענוצט און צום סוף זי בעסטיאַליש דערמאָרדעט.

רחלס אַ ביסל אַריש אױסזען האָבן די עלטערן אױסגענוצט, זי זאָל זײַן די אײַנקױפֿערין פֿון עסנװאַרג. אַ מאָל איז זי צוגעקומען צום טױער מיט אַ טאָרבעלע געפּרוּװירענע קאַרטאָפֿל און גרינצײַג און זיך דערװוּסט, מ׳האָט אירע עלטערן אַרױסגעװאָרפֿן פֿון דער דירה. זײ גאָרנישט געלאָזט מיטנעמען. דער פֿאָטער געפֿינט זיך אין בית־המדרש׳ל אױף מוראַנאָװסקע־גאַס. ס׳זענען דאָרט דאָ אַ סך משפּחות, אַרױסגעװאָרפֿענע פֿון דירות. „װוּ איז די מאַמע!!!?” זיך צעשריגן. קײנער האָט איר נישט געענטפֿערט. בלױז געשאָקלט מיט קעפּ, אַז זײ װײסן נישט. אין דער פּײַנלעכער ידיעה אַ ביסל געספּקט. איז זי אַרײַן אין הױף און דערזען, װי זײער טיר־בײ־טיר־שכן, יאָסעלע גאָלדמאַן דער שוחט, ליגט אױפֿן הױף, אָנגעטאָן אין זײַן שבתדיקער קאַפּאָטע, װײַסע זאָקן. ס׳בלױע פּנים איז אַ ביסל פֿאַרדעקט מיט זײַן פֿאַרבלוטיקטן טלית־קטן. נעבן אים ליגן צװײ טױטע קינדער מיט צעשמעטערטע קעפּלעך: ס׳אַכט־יעריקע רבקהלע, צװעלף יאָריק שײַנדעלע. אַז רחל האָט דערזען די דערמאָרדעטע אין אַזאַ פֿאַרגליװערטער קאַלוזשע בלוט, איז איר נישט גוט געװאָרן. זי איז געפֿאַלן. זיך אױפֿגעװעקט אױף אַ פֿינצטערן בוידעם, אַ ביסל באַליכטיקט פֿון אַ שטיקל אױסגעהאַקטן ציגל. איר קאָפּ האָט געװײטיקט. די שלײפֿן נערװעז געהאַקט. זי האָט נישט געװוּסט, װאָס ס׳האָט מיט איר פּאַסירט. זי האָט געהערט טריט. איר לײַב איז געװאָרן געראַנצלט. נעבן זיך דערזען אַ יונגן פּאָליאַק מיט אַ ברענענדיק ליכט אין האַנט. פֿאַר שרעק געחלשט אױפֿן שטרױענעם שעניק. ער האָט זי באַשפּריצט מיט קאַלט װאַסער, אױפֿגעריסן ס׳מױל. אַרײַנגעהױכט. זי דערמינטערט. זי האָט שטיל געיאָמערט, געכליפּעט. קאָנװולסיװ געציטערט, מורא געהאַט קוקן אױפֿן פֿון ליכט־באַליכטענעם פּנים מיט שװאַרצע, צו נאָז־לעכלעך אַרױפֿגעדרײטע װאָנצעס. ער האָט זי נישט אָנגערירט. שטיל גערעדט: „טאָװאַרזשישקאַ רוזשקאַ, שרעק זיך נישט. איך הײס סטעפֿאַן שימאַנאָװסקי. בין אַ זשורנאַליסט”. איר געגעבן אַ גלאָז װאַסער. דערנאָך אַ גלאָז געצוקערטע מילך מיט אַ שטיק ראַזעװע ברױט. צוגעזאָגט, אַז ער װעט איר נישט טאָן קײן שום שלעכטס. איר דערצײלט, אַז ר׳איז אַ לינקער פּעפּעסאָװיעץ. זײַן אױפֿגאַבע איז העלפֿן ייִדן אין זײער נױט.

ער האָט זי געפונען אַ פאַרחלשטע אויפן הויף און זי באַהאַלטן אויף דעם בוידעם פון אַ ליידיק, באַמבאַדירט, פאַרברענט הויז. ער האָט זי באַרויקט, געזאָגט, ווען נישט ער, לעבט זי שוין נישט. אין דער זעלבער צײַט האָבן דײַטשן געכאַפּט יונגע, שיינע מיידלעך, זיי גענומען אין דער מקווה אויף די נאַלעווקעס. זיי געצווונגען זיך אויסטאָן און זיי פאַר־גוואַלדיקט. דערנאָך אין מקוה־וואַסער אַלע דערטרונקען. ער האָט איר איבערגעלאָזט אַ האַלב ראַזעווע ברויט, אַ שטיקל פּוטער, אַ שיסל מיט פּעטע קלוסקעס, אַ שטיק קעלבאַס און איז אַוועק. ער האָט איר געבעטן זי זאָל זײַן רויִק, ער פּלאַנירט איר פון בוידעם איבערצופירן קיין ביאַליסטאָק צו די רוסן.

און ער האָט טאַקע פאַר איר געזאָרגט. געבראַכט עסן, געהיטן מ׳זאָל זי נישט כאַפּן.

מיט אַ מעסער האָט רחל אַליין אויסגעברייטעראַט ס׳לעכל אין שטיקל אויסגעהאַקטן ציגל. געזען דײַטשן שלאָגן געטריבענע ייִדן. אַ געפאַלענער ווערט אויפגעהויבן דורך צוויי דײַטשן: איינער בײַ די פיס, דער צווייטער בײַם ייִדס האַלדז און זיי שלײַדערן אים אַרײַן אין אַ לאַסט־אויטאָ, אָנגעפּאַקט מיט יאָמערדיקע מענער און פרויען. זי האָט געזען כאַפּן קינדער מיט ביסלעך פּראָוויאַנט, זיי געשלאָגן, געפּײַניקט, זייערע קעפּלעך געטרעטן מיט באַטשוועקעטע, גלאַנציקע שטיוול. גאַנצע טעג געזען די פאַרנדיקע אויטאָס מיט מעבל, סחורות, מיט געכאַפּטע ייִדן. געהערט זיי וויינען, קרעכצן און קנאַלנדיק מאַשין־געווער. ליגט זי אויפן שעניקל. קאָן נישט עסן ובפרט דאָס טריפהנע געקעכטס, צו ווען זי איז נישט געווינט. כסדר געטראַכט, נישט תּופס געווען די פּלוצים־געאַנדערשטע לאַגע. אין דער פינצטערקייט און ביטערקייט דערמאָנט זי זיך זעליקס וואָרענונגען. „ער איז געווען מײַן ריכטיקסטער פרײַנד. מיך און זיך געוואָלט ראַטעווען. פאַרויסגעזען אַז די פּוילישע אַרמיי וועט צעשמעטערט ווערן. הונדערטער טויזנטער וועלן ווערן געהרגעט פאַרוווּנדעט, גענומען אין פּלען. געקלערט וועגן זעליקס גורל. חרטה געהאַט, וואָס צוליב איר האָט ער נישט רעאַליזירט זײַן פּלאַן, עולה צו זײַן קיין ארץ־ישראל. יאָ דער פאָטער האָט נישט מסכּים געווען, זי זאָל חתונה האָבן מיטן ציוניסטל, וואָס וועט זי „שלעפּן קיין פּאַלעסטינע דאָרט זיך מאַטערן״ איז יעצט טאָר זי זיך נישט ווײַזן אויף דער ליכטיקער שײַן, ווי אַ צום־טויט־פאַרמשפּטע. ווער ווייסט, וואָס עס דערוואַרט איר. טראַכט וועגן די עלטערן, ברודער, שוועסטער, ווערט אויפגעצאַפּלט בעתן הערן שיסערײַען,

יאָמערײַען, „שמע־ישראל״־אויסרופֿן. זיך דערמאָנט דעם פּאָטערס גלויבן, אַז „אַלץ איז אַ גאָט־זאַך״. האָט זי יאָמערדיק געפֿרעגט: „פֿאַרוואָס קומט אונדז אַזאַ גרויזאַמע שטראָף? איז אויך גאָט אַן אַכזר?!!!״

כּמעט צוויי חדשים דאָרט אַזוי געלעבט. סוף פֿעברואַר 1940, האָט שימאַנאָווסקי רחלען דערקלערט, אַז ער האָט מורא זי דאָרט צו האַלטן. אים דוכט זיך, אַז שכנישע פּאָליאַקן ווייסן שוין. זיי קאָנען אים מסרן. ער האָפֿט אַז אין קורצן וועט ער זי איבערפֿירן קיין ביאַליסטאָק. רחל האָט געהאַט ווייניק צוטרוי צו זײַנע צוזאָגן מיט איר אַנטלויפֿן. פֿאַרקערט געוואָלט שוין דאָרט בלײַבן ביז ס׳וועט נעמען אַ סוף צו דעם גיהנום. וועט צוריק אַ היים גיין. חרטהדיק געטראַכט: „בישט געוואָלט מיט זעליקן פֿאָרן קיין ארץ־ישראל, דאָרט לעבן רויִק. וועט זי מוזן אַנטלויפֿן מיט אַ פֿרעמדן גוי. וואוהין?״

די זעלבע נאַכט זענען אויפֿן בוידעם אַרויפֿגעקומען זעליק מיט שימאַנאָווסקין. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. זעליקן געהאַלדזט, געקושט. ער האָט זי באַרויִקט, צוגערעדט אַנטלויפֿן. ער וועט זי באַגלייטן ביז צו דער גרענעץ. זיי זענען מיט איר געווען אַ גאַנצע נאַכט. אין קורצן האָט זעליק איר דערציילט, אַז ער מיט אַ גרופּע פּוילישע געפֿאַנגענע סאָלדאַטן זענען אַנטלאָפֿן פֿון אַ דאָרפֿישער סטאָדאָלע, געהיטן פֿון צוויי דײַטשישע זעלנער. בײַנאַכט באַמערקט די זשאַנדאַרן פֿאַפֿן, האָבן זיי בײַ די היטערס צוגענומען ס׳געווער. זיי צעשטאָכן צום טויט. געמאַכט פּליטה. אין וואַלד געפּאַקט נאָך יִדישע יאַטן, אַנטלאָפֿענע פֿון געטאָס, אַרבעטס־לאַגערן. האָבן אָרגאַניזירט אַ דיווערסאַנטן־גרופּע. פּלאַנירן אויסצופֿירן נקמה, סאַבאָטאַזשן קעגן דײַטשישן אָקופּאַנט. ער קען גוט אַלע וועגן קיין ביאַליסטאָק. שימאַנאָווסקין האָט ער גוט־ברודעריש געקלאַפּט אין פּלייצע, אים אַרומגענומען: „דאָס איז מײַן בעסטער חבר נאָך פֿון פֿאַר דער מלחמה, האָסט מזל, רחלע, וואָס ער האָט דיך געראַטעוועט. האָב צוטרוי צו זײַן יעדעס וואָרט״. אַז ס׳האָט אָנגעהויבן בלויען, האָט זי באַמערקט, אַז זעליק איז אָנגעטאָן אין אַ דײַטשיש מיליטעריש רעקל. אויפֿן ברוסט־קאַסטן צוויי מעדאַליאָניקלעך. זי האָט אים געפֿרעגט טשיקאַווע פּרטים. „רחלע, אַז מ׳וועט דערלעבן היטלערס מיאוסן סוף, וועל איך דיר אַלץ דערציילן״, נישט געוואָלט זאָגן, אַז איר פֿאָטער, ברודער זענען געהרגעט געוואָרן דעם זעלבן טאָג וואָס שימאַנאָווסקי האָט זי אַ פֿאַרחלשטע, באַהאַלטן אויפֿן בוידעם. די מאַמע איז, פֿון בית־המדרש געגאַנגען אַהיים, נעמען אַ ביסל פּראָוויאַנט, האָבן דײַטשן זי

אַראָפּגעוואָרפן דורכן פענצטער. אַ טויטע איז זי אַרויפגעשליידערט געוואָרן אויף אַ האַנט־וועגעלע מיט מיסט, וואָס איז פונקט אַדורך געפאָרן. אויפן וועג זענען אַרויפגעוואָרפן געוואָרן נאָך געהרגעטע.

זעליק, רחל, שימאַנאָווסקי זענען, פאַרטאָג, פאַרזיכטיק, שטיל אַראָפּ פון בוידעם. שנעל אַריין אין אַ טעקסי אין וועלכער ס'איז געזעסן אַן איבערגעטוענער עס־עס־שאָפער. „גוט, וואָס דו ביסט דאָ. אַ נישט, וואָלט איך געשטאָרבן פאַר פחד" האָט זי זעליקן איינגערוימט אין אויער. זיי זענען צוגעפאָרן צו אַ וואַלד. זעליק און שימאַנאָווסקי האָבן זי צוגעפירט ביז עטלעכע מעטער פאַר דער רוסיש־דייטשישער גרענעץ. זיך צעקושט. „זעליק־קרוין, ראַטעווע אויך מיינע עלטערן, ברודער, שוועסטערס". „אויב כ'וועל נאָר קאָנען" האָט ער איר געענטפערט. איר געגעבן עטלעכע טויזנט זלאָטעס. „כ'וואָלט דיך אַריינגעפירט ביז ביאַליסטאָק. אָבער כ'מוז זיך צושטעלן צו אונדזער איינהייט, וואָס טוישט באַלד דעם פונקט. זייַ געזונט".

זעליק איז אַרויף אויף אַ יאָלקע־בוים. אָבסערווירט, זי גייט בשלום אַריבער. די סאָוויעטישע מאַכט, האָט דאָן געהאַט אַ באַפעל נישט שטערן די יידישע פליטים שמוקלען די שוין פאַרמאַכטע גרענעץ. זעליק מיטן חבר שימאַנאָווסקי האָבן זיך צעקושט. יעדער איז אַוועק אין פאַרשידענע פונקטן.

ב

אין ביאַליסטאָק האָט רחל באַקומען אַרבעט אין אַ ברעטער־סקאַלד צוזאַמען מיט אַ קריסטלעך מיידל, וועמענס עלטערן די דייטשן האָבן דערשאָסן אין מאַלקין. האָבן גלייכגעמאַכט צעוואָרפענע ברעטער, לייסטן, דיקטן. ביידע אַרבעטערינס האָבן באַקומען אַן אָרדער צו וווינען אין אַ לעצט צימער ביי אַ יידישער, רייכער משפּחה. זיך געפילט גליקלעך. געוואָרן אָפּגעראַטעוועט פון היטלערישן גיהנום. געפונען אַ נייַע היים. רחל האָט געזאָרגט וועגן גורל פון איר משפּחה; באַדויערט זעליקן, וואָס מוז זיך וואַלגערן אין וועלדער בעת אַנדערע געוועזענע יידישע סאָלדאַטן אין פּוילישן מיליטער, דרייען זיך אַרום פרייַ, מאַכן אַ לעבן. זי האָט געבענקט נאָך אים. געדענקט זיין איבערגעגעבנקייט זי אויסצוגעפינען און אָפּצוראַטעווען. יעדן טאָג האָט זי אומגעדולדיק געוואַרט אויף ידיעות וועגן די עלטערן, ברודער, שוועסטער און זעליקן. אַלע זענען פאַרשוווּנדן, ווי אין אַ טיפן תהום.

רחל האָט זיך קיינמאָל נישט געמישט אין פּאָליטיק. דאָך זענען ערב

פסח געקומען רוסישע פּאָליציי אין סקלאַד און זי אַרעסטירט. מיט אַ סך ייִדן אין טאָוואַראָווע וואַגאָנען אָפּגעשיקט קיין וואָלאָגאָדסקער אָבלאַסט. דאָרט, אויף גרויסע הילצערנע וואָגנס מיט ביסלעך שטרוי, אויפגעלאָדנט די ייִדישע משפּחות מיט קליינע קינדער. זענען אַרייַנגעפאָרן אין וועלדער. געפאָרן, געפאָרן. געזען בלויז אָן אַ סוף הויכע, נאָדלדיק־באַצווייַגטע סאָסנעס, יאָלקעס, באַבלעטערטע דעמבעס, איבערגעדעקטע מיט שטיקלעך פאַרוואָלקנטן הימל. „וואַהין?”, געפרעגט די באַגלייטערס, די בעלי־עגלות: רויט־פּנימדיקע רוסן, גראָבע שיקסעס, וואָס האָבן געטריבן געבויגענע, דאַרע פערדלעך. „ביע זנאַיו” — כ׳ווייס נישט”, איז געווען אַלעמענס ענטפער. נאָך עטלעכע טעג פאָרן זענען די וועגעלעך אַרויס פון וואַלד. איצט געפאָרן אויף זאַמדיקע וועגן. אַלע מאָל אַרייַנגעפאַרן אין שטיינדלדיקע זייַטיקע שטעגלעך. די אָ שורה וואָגנס איז יעדעס מאָל געוואָרן ווייניקער. צו צען, צוואַנציק וועגעלעך זענען געוואָרן אָפּגעשיידט פונעם עשאַלאָן, אַרייַנגעפאָרן אין באַוואַלדיקטע וועגלעך. דער וואָגן, אָנגעפּראָפּט מיט פאַרשידנעלטערדיקע ייִדן, ווו ס׳איז געלעגן די פּאַרקילטע, הוסטנדיקע, מידע רחל איז אויך צווישן אַ לאַנגע שורה וועגעלעך געוואָרן אָפּגעטיילט, אַרייַנגעפאָרן אין אַ זאַמדיק, שטויביק סטעזשקעלע, צווישן הויכע יאָלקעס. געפאָרן שעהן און אַרייַן אין אַ שטיק אויסגעהאַקטן וואַלד, ווו ס׳זענען געשטאַנען עטלעכע גרויסע באַראַקן, צוויי הייַזקעס מיט קלעצלדיקע ווענט, רויכערדיקע, רויט־ציגלדיקע קוימנס. פון פענצטערס האָבן אַרויסגעקוקט אַלטע גויעס, שיקסלעך, די אַרייַנפאָרנדיקע באַגריסט מיט שאָקלענדיקע הענט און זיך געצלמט, געשעפּשטעט תפילות. פון אַ קאַבינעטל איז אַרויס אַ נידעריק, דיק סאָלדאַטל, אָנגעטאָן אין אַ שאַרע בלוזקע איבער גאַליפע־הויזן. געשפּאַנט אַרום די וואָגנס. מיט קליינע, פינקלענדיקע, קעצישע אייגעלעך באַקוקט די „סחורה”. הויך געראָפן: „סטעפּאַנאָווע!!!” פון אַ כאַטקע איז אַרויס אַ הויכע, שלאַנקע, בלאָנדע פרוי מיט פאַפּירן אין הענט און אַ בלייַפעדער צווישן דיקע, רויטע ליפּן. דאָס זעלנערל האָט זיך פאָרגעשטעלט, ר׳איז נאַטשאַלניק פון דעם „פּאָשאָלעק” און פאַראָדנט: משפּחות מיט קינדער זאָלן זיך זעצן רעכטס. אָן קינדער, קאַוואַלערן, מיידלעך — לינקס. דער פרוי געהייסן נאָטירן די משפּחות. זיי צעשיקן אין צימערלעך, פאַמילעס אָן קינדער, נאָך נישט חתונה געהאַטע זאָלן אַרייַנגיין אין די באַראַקן, אָנגעשטעלטע מיט אייַזערנע בעטלעך, אויף זיי גרויע קאָצן, קליינע קישעלעך.

נאָך דער פּראָצעדור האָט זיך צעקלונגען ס׳גלעקל. די הויכע פרוי האָט

אומעטום מיטגעטיילט, אַז דאָס רופט מען גיין אין דער סטאַלאָווע אַרייַן עסן. יעדער האָט באַקומען 600 גראַם ברויט. אַ שיסל גרויפּן־זופּ, אַ טעלערל ווייצענע קאַשע, פון אויבן באַשיט מיט פּיצלעך טונקעלע פלייש. דער קאָמענדאַנט האָט דאָרט געמאָלדן: 6 אָוונט וועט פאַרקומען אַ פאַרזאַמלונג אין גרעסטן באַראַק, וואָס דינט ווי אַ קולטור־הויז.

די אַ ביסל אויסגערוטע, זאַטלעכע האָבן זיך געפרייט. ניצול געוואָרן פון די דייַטשישע מערדערס. געהאָפט: דאָרט זיכער איבערלעבן די מלחמה און אַ היים פאָרן.

אויף דער פאַרזאַמלונג האָט דער נאַטשאַלניק געזאָגט: „מ'רופט מיך אַלעקסעי סמירנאָוו. פרייטיק, שבת און זונטיק וועט איר רוען פון לאַנגן, שווערן וועג. מאָנטיק אין דער פרי מוזן אַלע גיין אַרבעטן. אין וואַלד. מענער וועלן אונטערהאַקן, זעגן די ביימער. פון זיי אָפּהאַקן צווייגן. לויט סאָרטן צעשנייַדן, פאַכלייט וועלן זיי אויסלערנען די מלאָכה. פרויען וועלן צונויפקלייַבן דעם אָפּפאַל. אים פאַרברענען. אַרבעטער באַקומען אַ טאָג 800 גראַם ברויט, מיטאָג אין דער סטאַלאָווע. פאַרן עסן וועט יעדער באַצאָלן פון פאַרדינטן געלט. סטאַכאַנאָוועצעס וועלן באַקומען טאָפּלט פאַר די קובאַמעטערס האָלץ, וואָס וועלן זייַן מער פון דער טאָגנאָרמע. אַלטע און קראַנקע זענען באַפרייַט פון אַרבעט. איר געפינט זיך דאָ, ווייַל איר האָט נישט געוואָלט ווערן קיין רוסישע בירגער. געדענקט: „פּאָליטישע טעטיקייט און אַנטי־מלוכישע שמועסן זענען דאָ פאַרבאָטן. ווער ס'קאָן לייענען רוסיש האָט אַ מעגלעכקייט אין אָוונט קומען אין קולטורזאַל, לייענען צייַטונגען, ביכער. אין די זונטיקס שפּילן דאָרט פילמען".

צוויי וואָכן איז רחל געלעגן קראַנק אין אַ ספּעציעלן „שפּיטאָל"־באַראַקל. אַז ס'איז איר געוואָרן בעסער, האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן. איר פלייַסיקייט, שיינקייט און אַ ביסל באַהאַוונטקייט אין דער האָלץ־בראַנזשע האָט נושא חן געווען בייַם נאַטשאַלניק, ער האָט זי געמאַכט פאַר אַן אויפזעערין פון אַ פרויען־בריגאַדע. זי איבערגעפירט אין אַ צימערל, צוזאַמען מיט אַ פאַרשיקט גוייִש מיידל, וואָס האָט געאַרבעט אין דער סטאַלאָווע. ביידע האָבן ס'שטיבל אויסגעפוצט מיט פּאַפּירענע און פון קאָרע אויסגעשניטענע פיגורלעך, געגעסן צו דער זעט. רחל האָט זיך דאָרט סטאַביל אייַנגעאָרדנט. ביסלעכווייז געגלייבט דעם סימפּאַטישן אַלעקסעי, אַז דאָרט אין דעם פּאָשאָלעק, וועלן זיי שוין אייביק בלייַבן. מיט דער צייַט וועלן זיי אין אויסגעהאַקטע וואַלד־שטחים זיך אויפבויען הייזער. ס'וועלן אָנקומען נאָך אַרבעטער. דאָ וועט נאָך ווערן אַ שטאָט

מיט שולן, געוועלבער, אינסטיטוציעס, טעאַטערס, קינאָס, טאַנצזאַלן. רחל איז געוואָרן איינגעבילדעט, אַז דאָרט וועט זיין איר דריטע היים.

דער נאַטשאַלניק, אַ געוועזענער אַרעסטאַנט, האָט געגעבן אויסגעפירט די מלוכהשע פאַראָרדענונגען: דאָס עסן, דעם דאָך איבערן קאָפּ, די אַרבעטס־קליידער אויסגענוצט אויף רעגירונג־צילן. די וואָס האָבן זיך באַמיט אינטענסיווער צו אַרבעטן, און מוסרים האָבן באַקומען בעסערע לעבנס־באַדינגונגען.

אין אַ געוויסער נאַכט זענען אין באַראַק אַריין צוויי ענקאַווועדע־לייט. אַרעסטירט צוויי יידן, וואָס האָבן, אין זעלבן אָוונט זיך באַרימט, אַז זיי זענען געווען אַקטיווע „השומר־הצעיר“־חברים. דער נאַטשאַלניק האָט געמאָלדן, אַז זיי וועלן ווערן געמשפּט ווי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. נאָך זייער אַרעסט האָבן באַקאַנטע, באַפריינדעטע מורא געהאַט איינער מיטן צווייטן צו רעדן, זיך אויפגעפירט, ווי ברוגזע. קעגנזייטיק זיך חושד געווען אין מסירה. אין באַראַק נומער דריי האָט געוווינט אַ הויכער, אַ ביסל געבויגענער, פעסטער מאַן, שמואל פליישמאַן. ער פלעגט אַרומגיין טרויעריק, שווייגנדיק, זייטיק. אַלע האָבן אים חושד געווען, אַז ער איז אַ מוסר. ער האָט דאָס געוווּסט. זיך נישט פאַרענטפערט, געשוויגן. נאָכן אַרעסטירן די צוויי יידן, זענען אַלע געזעסן טרויעריקע. מיט אַ מאָל האָט זיך דערפילט אַ שטינקענדיקער ריח. שמואל האָט זיך אויפגעשטעלט. אַ צעצאָרנטער זיך געדרייט צווישןביידע שורות בעטלעך, באַזעצטע מיט אָפּרוענדיקע, פאַרדאגהטע אַרבעטער. אין מיט זאָל זיך אָפּגעשטעלט און הויך אויסגעשריגן: „ברידער, מ׳ווייסט, אַז ס׳ברויט איז ווי ליים. צוליב דעם די עיפּושדיקייטן. בעט עך אַך, ווער ס׳דאַרף געבן אַ נפיחה, זאָל אַראָסגיין. ס׳איז דאָ אַזוי אַך דעמפּיק. הערטס: פון האַנט אַן, ווער ס׳וועט שטילערהייט שטינקען, ווייסט עטץ דעך גיט, כ׳הייס שמואליק, בין געווען אַ קצב באַם אייזערנעם טויער אין וואַרשע. כעל שוין וויסן, ווער ס׳מאַכט דאָס. כ׳בין ניש מקנא יענעם תחת. כ׳גאַראַנטיר אַך, אַז אַ חודש־צאַט וועט ער ניש קענען זיצן. ס׳איז אָבער דאָ אַן ערגערע זאַך. יאַטן האָבן זעך פאַקויפט. געוואָרן שטילע מוסרים־שטינקערס. נישט בחינם האָט מע אַרעסטירט צוויי טייערע חברים. כעל זעך מיט די פאַרעטער אַך אַן עצה געבן. וועלן שוין ניש דערלעבן אַ היים צי פאָרן. אויב יאָ, וועלן זיי זאַן אייביקע קאַליקעס. כ׳וואָרן אַך“.

ס׳איז געוואָרן שטיל. קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן. שמואל האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעטל. כראָפּענדיק איינגעשלאָפן. צומאָרגנס האָט

ער באַגעגנט רחלען. איר געוואָרנט: „די שיין פּאַניענקעלע, חנדלסט ציפּיל מיטן נאַטשאַלניק. געדענק, האַלטן ס'פּיסקל. אויב ניש, וועל עך עס אַזוי צעטרייבערן, אַז וועסט אָסזען, ווי אַ צעדראַפּעטע מאַלפּע".

אין דער זעלבער נאַכט זענען אויף ס'נײַ געקומען די זעלבע צוויי ענקאַוועדע־לייט און שמואלן מיט נאָך דרײַ ייִדן אַרעסטירט. פון דעמאָלט אָן האָט קיינער מיט קיינעם מער ניש גערעדט.

רחל האָט מורא געקריגן, אַז מ'וועט זי חושד זײַן אין חנדלען זיך צום קאָמענדאַנט, האָט זי זיך ספּעציעל צעקריגט מיטן שיקסל. צוריק געגאַנגען וווינען אין באַראַק. זיך באַפרײַנדעט מיט ייִדישע ייִנגעלייט. נישט מורא געהאַט רעדן, שטיפן. טייל פון זיי האָבן איר פאָרגעשלאָגן צו לעבן בשותּפות. די לאָקנדיקע פּראָפּאָזיציעס האָט זי אָפּגעזאָגט. טיף אין האַרצן האָט געפּלעמלט אַ האָפענונג, אַז זי וועט אַ היים פאָרן, טרעפן אַלע לעבעדיקע, געזונטע אין זייער דירה. אין אַלעקסעיס אײַנרעדענישן אַז זיי וועלן דאָרט פאַרבלײַבן, האָט זי אַ ביסל געגלייבט, און לויט איר נאַטור, געספּקט אין ביידע האָפענונגען.

און טאָקע אין אַ געוויסן זומער־טאָג איז אין וואַלד אַלעקסעי געקומען מיט זײַן געהילפין. געגאַנגען פון דיעלאָנקע צו דיעלאָנקע און געמאָלדן: „איר זענט דאָך ייִדן. אָבער פּוילישע בירגער. אײַער רעגירונג אין לאָנדאָן האָט מיט אונדזער „פּראַוויטעלסטוואָ" געחתמעט אַן אָפּמאַך צו שאַפן אַ פּוילישן לעגיאָן, וואָס וועט צוזאַמען מיט אונדזער העלדישער רויטער אַרמיי, צעשמעטערן די דײַטשישע אָקופּאַנטן. אין אָפּמאַך זענען פאַראַן אַ סך פּאַראַגראַפן. פאַר אײַך דער וויכטיקסטער: איר זענט באַפרײַט. ווער ס'וויל קאָן דאָ בלײַבן, ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטער בירגער. קאָן זיך אויך אײַנאָר־דענען אין ראַיאָן. אויב נישט — פאָרט איר אָפּ קיין אוקראַיִנע, נענטער צו פּוילן, וואָס וועט אין קורצן ווערן באַפרײַט פון די פאַרשאָלטענע נאַציס".

די אָנגענעמע, פריילעכע מעלדונג האָט אַלעמען צעטומלט, געוועקט פאַרדרימלטע בענקשאַפטן, האָפענונגען אַהיים פאָרן צו משפּחות.

נאָך עטלעכע טעג זענען אַלע דאָרטיקע ייִדן אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין סומסקער אָבלאַסט. דאָרט זענען געווען בעסערע לעבנס־באַדינגונגען. מ'האָט געלעבט פרײַ. זיך אײַנגעאָרדנט בײַ לײַכטערע אַרבעטן, לויט אַמאָליקע ספּעציאַליטעטן. אויף די מערק איז מעגלעך געווען בײַ פּויערים צו קויפן עסנוואַרג בשפע. דער עיקר: פון אַרויס־געשטעלטע ראַדיאָ הילכערס פריידיק געהערט וועגן די דײַטשישע מפּלות

אויף די פראָנטן, ס׳האָבן זיך געקרעפּטיקט האָפענונגען, אַז היטלערס סוף נעגטערט זיך. ייִדן וועלן קאָנען לעבן אין פּוילן, ווי פאַר דער מלחמה.

און ס׳זענען אַוועק חדשים און דער געגאַרטער מלחמה־סוף איז אַלץ נישט געקומען. ייִדן האָבן אָנגעהויבן דינגען דירות, געקויפט מעבל, זיך איינאָרדענען סטאַביל. מ׳האָט געלעבט. געהאָפט זען דעם היטלערישן סוף.

אין דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן שטעטל סמיעלע האָט רחל באַקומען אַ גוטן פּאָסטן אין אַ קליידער־מאַגאַזין. גוט פאַרדינט. אַ העלפט געזאַמלט אויף אַ „צוועק״. זי האָט געדונגען אַ צימער ביי אַ יונגער אַלמנה, וועמענס מאַן איז אומגעקומען אויפן מינסקער פראָנט. מיט דער אַ פרוי זיך באַפריינדעט, זיך אויסגעקליידט, זיך צוריק קאָסמעטירט, געפּאַרבט. באַגערט צו באַקענען אַ בחור און סוף כּל סוף חתונה האָבן. געמיינט, אַז סמיעלע וועט זיין איר פּערטע היים.

ג

און ייִדנס האָפענונגען זענען געוואָרן רעאַליזירט. לסוף זיך דערוואַרט צו דער פריידיקער בשורה. ראַדיאָ־הילכערס האָבן יעדע שעה מיטגעטיילט: די דייטשישע פאַשיסטן האָבן קאַפּיטולירט. די סמיעלער געסלעך זענען געוואָרן פאַררוישט פון הילכיקע מוזיק־פּלאַטן, באַגלייט מיט מוטיק־געזונגענע פאָלקס־לידער. שיקסלעך, אויסגעפּוצטע אין אוקראַיִניש נאַציאָנאַלע, קאָליריקע קליידלעך, ביי לענגדן רויטע טאַשמעס, האָבן לוסטיק און פריידיק געטאַנצט, געזונגען אין מאַרק און אין אַלע געסלעך. גאָר שמחהדיק זענען ייִדן געווען. האָבן זוכה געווען צו דערלעבן דעם מיאוסן סוף פון דער רוצחישער דייטשישער אַרמיי, דעם סוף פון דער גרויזאַמער מלחמה.

אין שטעטל אַריין האָבן אָנגעהויבן אַ היים קומען באַפרייטע סאָלדאַטן. זיי האָבן דערציילט וועגן העראָישע קאַמפן אויף די פראָנטן, וועגן העלדישע דיוועריסיעס פון פּאַרטיזאַנער, אין וועלכע ס׳האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט ייִדישע אייגנהייטן. זיי האָבן אויך דערציילט וועגן די שוידערלעכע מערדערייען פון די דייטשן אין די אָקופּירטע לענדער, ספּעציעל אין פּוילן, ווייס־רוסלאַנד און אוקראַיִנע. אין די באַפרייטע געביטן זענען כּמעט נישטאָ מער קיין ייִדן. אַלע פאַרגאַזט, פאַרברענט אין ספּעציעל־איינגעאָרדנטע טויט־לאַגערן. אוממעגלעך געווען צו גלייבן די אַ גרוילעכע דערציילונגען. ייִדן האָבן געצווייפלט אין דער מעגלעכקייט אויסצומאָרדן מיליאָנען מענטשן. יעדער איינער האָט געהאָפט, אַז זיין משפּחה האָט

אויסגעמיטן דאָס אומגליק, געבליבן לעבן. אין קורצן וועלן זיי זיך אומקערן צו זייערע משפחות, צו זייערע היימען.

רחל האָט געיובלט פון פרייד. זי האָט געהאָפט אַז אַלע לעבן. קיין איין וואָרט נישט געגלייבט די אוקראַיִנישע שונאי־ישראלדיקע זעלנערס. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט צוריק קומען צו טאַטע־מאַמע. פּלאַנירט חתונה צו האָבן. זי וועט זיך מער נישט באַנאַרישן, נישט מער זײַן איבער־קלויבעריש, וועט פאָלגן די עלטערנס עצות. און אירע האָפענונגען האָבן זיך טיילוויַיז רעאַליזירט. צוזאַמען מיט ייִדן, פּוילישע בירגער געפאָרן „אַהיים" און גאָר געקומען קיין שטשעטשין. — אַ דײַטשישע שטאָט, וואָס נאָכן קריג, האָט רוסלאַנד צוגעטיילט פּוילן. דאָרט זיך דערוווּסט, אַז אין סמיעלע האָבן די סאָלדאַטן בלויז דערציילט עפּעס פון די דײַטשישע מערדערײַען, אַ גאָר, גאָר קליינעם פּראָצענט פון דעם גרויזאַמסטן ייִדישן חורבן. זי האָט זיך דערוווּסט, אַז אירע עלטערן, די גאַנצע משפּחה אירע און כּמעט אַלע ייִדן פון זייער גאַס זענען אין וואַרשע ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן. די מערהייט ייִדן זענען אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין טויט־לאַגערן.דאָרט אומגעקומען מיט מיתות־משונות. זי האָט געוויינט, געקלאָגט, געטרויערט. געוואָרן מרה־שחורהדיק. זיך פאַרנאַכלעסיקט. געטראַכט באַגיין זעלבסטמאָרד. אָבער דער לעבנסווילן האָט אין איר גובר געווען. אין דער גרויסער שטאָט זיך אײַנגעאָרדנט מיט נאָך דרײַ מיידלעך יתומות ווי זי, האָט באַקומען אַן אָרדער אין אַ פּירצימערדיקער וווינונג פון אַן אַרויסגעטריבענעם עסעסאָוויעץ, ווען די פּאָליאַקן האָבן דערשאָסן און די אָרטיקע מאַכט האָט זײַן משפּחה פאַרשיקט קיין סיביר. צוזאַמען מיט די מיידלעך איז רחלען געווען לײַכטער איבערצולעבן די פּײַנפולע ווייטיקן, די דערשלאָגנקייט, פאַרביטערטקייט. דאָס דערוויסן זיך, אַז זי איז געבליבן לעבן איינע אַליין פון דער גאַנצער, גרויסער משפּחה האָט זי געמאַכט אַפּאַטיש צו אַלץ. האָט קנאַפּ געגעסן. ווייניק געשלאָפן. תּמיד געווען פאַראָבלט. אַלע אירע טרוימען, פּלענער זענען צעשוווּמען, צערונען. די מיידלעך האָבן איר צוגערעדט מסחרן, וואָס וועט אַ ביסל פאַרטושן איר טרויער. זי האָט זיך געלאָזט צורעדן. זיי האָבן אויפן טאָלטשאָק גוט פאַרדינט. אין שטוב געבראַכט דעליקאַטעסנס, מאָדערנע קליידלעך, ביזשוטעריעס. דאָס האָט רחלען גראָד געלאָקט.

האָט פּאַסירט, אַז אויפן טאָלטשאָק האָט איר דערוואַרט אַן איבער־ראַשנדיקער סורפּריז: זי האָט באַגעגנט זעליקן. גרויס איז געווען זייער פרייד. האָבן זיך אַרומגענומען, געקושט. זעליק האָט דערשטוינט זי

געפרעגט: „דאָס איז דײַן לעצטע באַשעפטיקונג? קום מירן מאַכן אַ לחיים. ס'זאָל כאָטש אונדז זײַן צום לעבן. כ'וועל דיר דערציילן מײַנע איבער־לעבענישן. דער עיקר אָבער בין גאָר טשיקאַווע צו וויסן ווי אַזוי האָט זיך דיר געלעבט אין רוסלאַנד". ער האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און זיי זענען אַוועק.

ד

רחל און זעליק האָבן אויפגעלעבט. יעדער פון זיי האָט געפונען כאָטש איין באַענטן פון ביידנס משפחות. זעליק האָט אויסגעזען געעלטערט, געזונטער, מענגלעכער, האָפערדיקער. האָבן זיי זיך אָפטער באַגעגנט, געגעסן צוזאַמען אין רעסטאָראַציעס, שעהן געזעסן בײַ אים אין צימערל.

איינמאָל אַ היימפירנדיק זי פון קינאָ, האָט ער דרײַסט זי געפרעגט: „רחלע, דו ביסט מיר שולדיק אַן ענטפער. געדענקסט דײַנע ,עטלעכע טעג?' זיי זענען שוין פון לאַנג פאַרבײַ".

„כ'געדענק. דיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זעליק, דו ביסט דאָך דער איינציקער פריינד מײַנער. כ'בין מסכּים מיט דיר חתונה צו האָבן. זעליק האָט זי ליבלעך אַרומגענומען. געקושט. ביידע האָבן זיך געפילט גליקלעך. זיי וועלן מער נישט זײַן איינזאַם. זיי וועלן בויען אַ נײַע פאַמיליע, וואָס וועט ממשיך זײַן זייערע אומגעקומענע משפחות.

זיי האָבן זיך פאַרשריבן ווי אַ פאָרפאָלק. באַקומען אַ דרײַצימערדיקע וווינונג פון אַן אַרויסגעטריבן דײַטשיש פאָרפאָלק. באַלד נאָכן אַרײַנציען זיך געזען אַז די דירה איז אײַנגעאָרדנט מיט נײַ, לוקסוס־מעבל, וואָס האָט געשטאַמט פון פאַרשידענע לענדער. די קרעדענסלעך, שענק זענען געווען אָנגעפילט מיט זילבערנע, פאָרצעלאַנענע געפעסן. אין פוילישע, טשעכישע, יוגאָסלאַווישע פירמע־פודלעס האָבן זיך דאָרט געפונען פרויען און מענער־וועש, ווינטער־זומער־קליידונג, שוכוואַרג. די לופט־שענק אין צוויי ווערענדעס זענען געווען פול מיט שפּײַז־פּראָדוקטן, קאָנסערוון, סלאָיען מאַרמאַלאַדעס, פלעשער שנאַפּסן, ווײַנען מיט „כּשר־לפּסח"־סטעמפּלען, שינקעס, פיש. דער גרויסער אײַזקאַסטן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט געפרוירענע רינד און עוף־פליישׁ, לעבער, פיש, מילכוואַרג, גרינוואַרג. אויפן קיך־טישל איז געלעגן צעשניטן פריש ברויט, זעמל, האַלבע גלעזער באַנען־קאַפע. דאָס האָט זיי איבערצײַגט, אַז מ'האָט די דאָרטיקע אײַנוווינער מיט שעהן צוריק אַרויסגעוואָרפן. רחל האָט געשײַנט פאַר גליק. נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזאַ שפע פון פּראָוויאַנט, קליידונג, מעבל, קיך און וווינונג־אויסשטאַט. געזוכט באַהאַלטן גאָלד, געלט. געלאָפן פון איין שאַנק

צו דער צווייטער. געגישטערט. געפונען אַ באַהאַלטן פּעקל מיט טויזנטער מאַרקן, ברילִיאַנטענע פינגערלעך, אַ גאָלדענע קייט. אַ דיקע גאָלדענע בראַנסאַלעט, פּאַרשידנפאַרמיקע אוירינגלעך. די בּיזשוטעריעס געמאָסטן. טריומפירנדיק געקוקט אין שפּיגל. גליקלעך, פריידיק אויסגעזען אין די זיך־אויסגעפּוצטע צירונגען. ס׳געלט דערלאַנגט זעליקן. „דו ווייסט, ווי מײַן טאַטע, זײַן דער ווירטשאַפטסלייטער״ זעליק האָט איר צוריקגעגעבן ס׳געלט. אָנגעזאָגט נישט רירן די פּראָדוקטן. „מעגלעך זיי זענען פאַרסמט״. צוגע־גאַנגען צו דער ביכער־שאַנק. געבליקט, באַמערקט אַ דיק, ברוין, לעדער־געבונדן בוך. עס געעפנט. דערשטוינט געזען ס׳איז אַ לשון־קודשער תנ״ך. פאַר דער ערשטער שורה איז מיט לאַטײַנישע אותיות אָפּגעדרוקט: „גענעסיס קאַפּיטל״. געבלעטערט. פאַר דער אָנהייב פּרשה „ואתחנן״ געפונען אַ בר־מצווה אײַנלאַדונג פון רבקה און שלמה פּערלמוטערס בכור יצחקל. די אײַנלאַדונג איז געווען אין העברעיִש און פּויליש. זעליק האָט זיך, ס׳ערשטע מאָל אין לעבן, צעוויינט: „רחלע״, געכליפּעט: „אַלץ איז דאָ געגזלט. מ׳טאָר דערפון גאָר נישט קיין הנאה האָבן״.

„זעליק!״, האָט רחל פון שלאָפצימער געשריגן: „כ׳האָב געפונען אַ פּיסטאָלעט! קום שנעל אַרײַן!״

„דאָס גראָדע וועט יאָ צונוץ קומען״. אים אָוועקגעלייגט אויפן קלאַוויר באַלייגט מיט נאָטן פון באַך און וואַגנער. אויפן רעוואָלווער געקוקט, באַטראַכט אײַנגעזען, אַז ער איז געלאָדנט.

זעליק האָט אײַנגעקויפט פּראָדוקטן. נישט געלאָזט אָנרירן די „כּל־טוביקע״ דעליקאַטעסן אין אייזקאַסטן און אין די לופט־שענק. „דאָס אַלץ איז בײַ מיר טרפה, ווי חזיר בײַ אַ פרומען ייִד״. אין זעק אַרײַנגעוואָרפן די פּראָדוקטן און אָוועקגעשליידערט. מיט רחלען זיך אײַנגעאָרדנט אויף אָרבעטן. געלעבט רויִק. פאַר חברטעס האָט רחל איראָניזירט פון זעליקס אײַנרעדעניש, איבערגעטריבענע אָבערגלויבנס: „זיי האָבן געמעגט גזלען? וואָס אינטערעסירט מיך פון וואַנען די זאַכן שטאַמען? ווו איז אונדזער דירה מיטן מעבל, קליידער, וועש? ער רעדט כּסדר פון אָוועקפאָרן. לויט מיר איז דאָ אַ גרויסע שטאָט. מיר פאַרדינען. האָבן אַ פײַנע, אײַנגעאָרדנטע דירה. אין וואַרשע האָט מען געמוזט האָרעווען יאָרן דאָס אַלץ צו דערגרייכן. כ׳האָף, ער וועט זיך, ביסלעכווייז, צוגעוווינען. לויט מיר איז אונדזער גורל, אַז דאָ זאָל זײַן אונדזער נײַע היים״. זי האָט אויך זעליקן געפּרוווט איבערצײַגן. מיט אים אָפט גערעדט, אַז זי וועט זיך נישט רירן פון אַזאַ „פּאַלאַץ״. ער האָט נישט רעאַגירט.

אַמאָל אין אַזאַ זונטיקדיקן פרימאָרגן האָט זיך זעליק אויפגעכאַפּט מיט אַ געשריי. רחל איז אויפגעקומען. דערשראָקן געפרעגט: „זעליק, וואָס איז דיר?"

„כ'האָב געחלומט כ'ליג אין בעט וואַך און דערזען אַ דײַטש קומט צו אונדז מיט אַן אויסגעשטרעקטן פּיסטאָלעט. אַזעלכן, ווי דו האָסט געפונען. דער דײַטשישער סאָלדאַט מיטן דזשאַבאַטן פּנים איז געווען אײַנגאַנצן ענלעך צום עס־עס־סאָלדאַט, וואָס האָט מיט אַזאַ זעלבן רעוואָלווער דערשאָסן מײַן טאַטן און מײַן מאַמען און דאָס האָבן מײַנע אויגן געזען".

„אוי, דײַנע חלומות. בײַטאָג חלומסט דו נישט? האָסט עס כסדר אין זינען. זעסטו דאָס אויך אין שלאָף".

„אמת, איצט האָסטו טרעפלעך גערעדט. דער דײַטש, וואָס האָט געמאָרדעט מײַנע עלטערן, צוגערויבט אונדזער דירה — „זע" איך אים כסדר. כ'וועל נאָך אפשר אים פּאַקן און אין אים זיך נוקם זײַן. כ'האָף צוריק באַקומען מײַן וווינונג און זי פֿאַרקויפֿן".

„אַ, נאַרישע פֿאַנטאַזיעס. הער אויף טרוימען. מיר האָבן נישט מער קיין היים אין וואַרשע. פֿאַר אונדזער געגזלט האָב, האָבן מיר באַקומען אַ רוצחישע היים. מײַן טאַטעשי פֿלעגט זאָגן: „די תורה לערנט, ווער ס'גנבעט פֿון אַ גנב איז פּטור". מיר האָבן דאָך דאָס אַלץ געזעצלעך באַקומען".

„רחל, איך פֿאַרשטיי אַנדערש. שטשעטשין איז נאָך נישט אונדזער לעצטע היים. ייִדן דאַרפֿן האָבן אַן אייגענע, נאַציאָנאַלע היים, פֿאַרשטייסט?! אַן אייגן לאַנד! כ'וויל מער נישט קעמפֿן פֿאַר פֿרעמדע פֿעלקער! מיר דאַרפֿן אַ פֿאָטערלאַנד! איך טויש נישט מײַנע געדאַנקען ווי העמדער. מיר איז עקלהאַפֿט צו שלאָפֿן אין אַ בעט, וווּ ס'איז געלעגן אַ דײַטשישער רוצח, רויבער מיט זײַן ווײַבערשן שותּף. מיר דוכט, אַז פּונקט ווי מיר וווינען איצט אין אַ דירה פֿון אַ פֿאַרטעריבענער פֿאַמיליע, אַפֿילו פֿון אַן עסעסמאַן, אַזוי אויך בײַ אונדז אין שטוב וווינט יעצט אַ גױיִש געזינדל. איך וויל אַוועק! כ'וויל זײַן אין ארץ־ישׂראל!"

רחל האָט געשוויגן. געקענט זעליקס לאָגיש טראַכטן. זיך דערמאָנט זײַנע פֿאַרויסזעונגען, אַז ייִדן אין פּוילן לעבן אויף אַ ווולקאַן, די דײַטשן וועלן פּינקטלעך רעאַליזירן זייערע דראָענדיקע פּלענער: אָנפֿאַלן אויף פּוילן, עס אָקופּירן, פֿאַרניכטן ס'פּוילישע ייִדנטום. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז לויט אים האָט מען זיך געדאַרפֿט באַצײַטנס ראַטעווען, עולה זײַן קיין

ארץ־ישׂראל. געטראַכט: אַלע זײַנע דאַמאַלסדיקע ווייד זענען אמתע. דאָך נישט געוואָלט מסכּים זײַן צוריק געבן די אַזוי שיינע, לוקסוס־אײַנגעאָרדנטע דירה. — איר לאַנגיעריקער חלום, וואָס איז געוואָרן פֿאַרווירקלעכט.

זי האָט אויפֿגעהערט אַרבעטן. אָנגעהויבן האַנדלען בשותּפֿות מיט נאָך צוויי יונגע, שיינע ווײַבלעך. זעליק איז געווען קעגן לאַקנדיקע, לײַכטע פֿאַרדינסטן, וואָס קענען ביידן אַמאָל טײַער קאָסטן: „מיט נסים האָסטו איבערגעלעבט די שווערע מלחמה. זיך אָפּ־געראַטעוועט פֿון היטלערישן גהינום און קענסט אַרײַנפֿאַלן אין טורמע פֿאַר ספּעקולירן, וואָס איז לויטן רוסישן געזעץ, שטרענג פֿאַר־באָטן". נישט אויפֿגעהערט רחלען איבערצײַגן, זי זאָל רעזיגנירן פֿון די „גליקן", נישט זײַן אָנציקט פֿון „ווילשטענדיקן לעבן", מיט אים מסכּים זײַן פֿאַרלאָזן די דײַטשישע ערד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט ייִדיש בלוט און איז פֿול מיט אָנגעגזלט ייִדיש פֿאַרמעגן. כּסדר אין איר אַרײַנגערעדט זיך פֿאַרשרײַבן עולה צו זײַן קיין ארץ־ישׂראל. זײַנע רייד האָבן אַ ביסל זי איבערצײַגט. האָט אַ מאָל מסכּים געווען און אָפּטער געטראַכט: „מ'דאַרף זײַן משוגע זיך צו שיידן פֿון אַזאַ לײַכט, גוט לעבן. נאָר: איבערצײַגט האָט זי אַ פֿאַל: פּוילישע פּאָליציסטן האָבן אַרומגערינגלט דעם טאָלטשאָק, בײַ די הענדלערס צוגענומען די סחורות, אַ סך אַרעסטירט און רחלען האָט געראַטעוועט איר פֿלינקייט, זי האָט אַוועקגעשלײַדערט איר קרעמל, וואָס איז געהאַנגען אויף אירע הענט און אַקסלען. איז שנעל, דורך הינטערגעסלעך, אַנטלאָפֿן. אַ פֿאַרסאַפּעטע, אַ רויטע אַ דערשראָקענע אַ היים געקומען. זי איז געבליבן טעג אין שטוב. נישט געהאַט קיין געדולד עפּעס וואָס צו טאָן. זי האָט זיך אַרומגעדרייט נערוועז, פֿאַרכטיק. די פּאָליציי, האָט זי געמיינט, ווייסט ווו זי וווינט. זיי וועלן קומען, נישטערן, רעווידירן, געפֿינען ס'אויסלענדישע געלט, דאָס גאָלד, ווערטפֿולע זאַכן. זיי וועלן ביידן אַרעסטירן. נאָך וואָכן מוראַדיק טראַכטן, אַז מ'שפּיאָנירט זי נאָך, פֿלעגט אויפֿציטערן בײַם הערן קלינגען אין טירגלעקל. אַז זי האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, האָט זי צו זעליקן געזאָגט: „ביסט גערעכט. דאָס האַנדלען איז סכּנותדיק". אים דערציילט, וואָס ס'איז געשען אויפֿן מאַרק און אַז צוליב דעם וויל זי מער נישט האַנדלען.

צווישן ביידן זענען פֿאָרגעקומען ראַנגלענדיקע ווערטער־אויסטוישן. זעליקס אַנטשלאָסנקייט. דראָען, ער וועט אַליין אַוועקפֿאָרן און דאָס מוראַדיקע זיצן אין שטוב האָבן זי געצוווּנגען מסכּים צו זײַן זיך פֿאַרשרײַבן צו עליה און מ'האָט זיי גאָר אַוועקגעפֿירט קיין אולם, אין אַ דיפּי־קעמפּ,

אין בליידאָרן קאַסערנע. מיט זעליקן דאָרט געלעבט אין איר זעקסטער אייַנגעאָרדנטער היים.

ה

„רחלע, מיר שטאַמען פון פרומע משפחות. כ׳וויל נישט פאַרשעמען אונדזערע אומגעקומענע אָבות אין די קברים, אויב זיי האָבן בכלל זוכה געווען צו קומען צו קבר־ישראל. כ׳האָב צו דיר אַ בקשה: לאָמיר חתונה האָבן כּדת וכדין, ווי ס׳פּירט זיך ביַי ייִדן״.

די ווערטער האָבן זי צעטרייסלט. זי האָט מיט אים טאָקע געלעבט צופרידן. אָבער זיך געפילט פריַי. אין איר האָט נאָך אַלץ געטליעט אַ האָפענונג, אַז ס׳וועלן נאָך זיַין ענדערונגען אין איר לעבן. ס׳מזל שפּילט איר צו. זעליק איז אַ ווילער מאַן. אָבער אַן עקשן. זי מוז אים אַלץ נאָכגעבן. זי איז נאָך יונג, שיין, עלעגאַנט. די מענער „קריכן״ אַרויס די שליפיעס, נאָכקוקנדיק איר. קאָן זיַין, אַז זי וועט זיך פאַרליבן אין אַ הויכן, סימפּאַטישן, סוחרישן בחור. נאָר זעליק האָט מיט איר טעג און נעכט גערעדט וועגן חתונה האָבן ביז ר׳האָט זי איבערגעדברט.

אין חופּה־טאָג האָט זי מיט זעליקן שפּאַצירט אין אולמער באַזוניקטע געסעלעך. די אין־איר־אָפּשטויסנדיקע־געפילן צום קליינעם זעליק, האָבן זיך פּלוצעם דערוועקט. איראָניש, הרף־עינדיק געבליקט אויפן ניִדעריקן, פאַרעלטערטן ייִדל, אַן אָנגעטוענער אין אַ ניַיער, לענגלעכער מאַרינאַרקע, וואָס האָט זיַין דיק קערפּערל מיטן גראָבן ביַיכל געברייטערט, געשפּיצלט, געקאָמישט. אין אירע אויגן האָט ער אויסגעזען מאָדנע מיט זיַין גרויסן קאָפּ, אויף אים אַ ברייט־ראַנדיקן קאַפּעליוש, אַראָפּגערוקט כּמעט ביז די ברייטע ברעמען, געטונקלט די ביַי אים איינציק געראָטענע, גלאַנציקע, העל־ביר־קאָליריקע אויגן.

איבער רחלס לינקער באַק האָט זיך געקיַיקלט אַ טרער.

„רחל, וויינסט ?״

„כ׳בין היַינט גליקלעך. כ׳האָב פאָרמעל חתונה, ווי אַלע כשרע ייִדישע טעכטער״.

זעליק האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. אינטויטיוו געאַנט, אַז זי נאַרט אים. געספּקט צי ער טוט גוט, יורידיש, לויטן תורה־דין, זיך פאַרבינדן מיט דעם פון אים ייִנגערן, שענערן וויַיבעלע, וואָס איז געבליבן פאַריתומט, עלנט. מעגלעך, אַז זי זוכט אַ שטיקל, ציַיטוויַיליקן משפּחה־אָנלען, היימיש־קייט. אפשר וועט זי דאָך מסכּים זיַין מיט אים צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. ער וועט איר דאָרט העלפן איַינאָרדענען און ביַי דער ערשטער געלעגנהייט

אים פאַרלאָזן. וועט נאָך האָבן צו זינגען און צו זאָגן ביז ער וועט איר גטן און אפשר קאָן זײַן, אַז פון גרויסן זאַל, ווו זיי ווינען מיט נאָך אַ צענדליק נישט־פאַרהייראַטע וויל זי אַרויס אין אַ משפחה־דירה. זעליק איז שוין געוואָרן פראַקטישער. געוווסט פאַלן פון אַזעלכע ליאַלקעלעך, וואָס האָבן אויסגענוצט בחורים. מיט זיי געהייראַט. צוזאַמען אויסגעוואַנדערט קיין ארץ־ישראל, קאַנאַדע, אַמעריקע און דאָרט האָבן זיי זיך פאַרליבט אין אַנדערע. אַ טייל פרווון האָבן גאָר די מענער פאַרראַטן און געבוירן ממזרים. אין שטיבער איז געוואָרן גיהנומדיקע קריגערייען, סקאַנדאַלן, געשלעגן. צום סוף זיך געמוזט גטן. „די מלחמה האָט זי נישט געאַנדערשט".

ביידע האָבן שווײַגנדיק שפּאַצירט און יעדער איינער פון זיי האָט קאָמבינירט. זעליק האָט איר דרײַסט געזאָגט, אַז ער פילט איר גלײַכגילטיקייט. „דאַרפסט נישט וויינען. קיינער צווינגט דיך נישט. אַ שאָד דײַנע אויגן. איך באַשטיי ס׳זאָל בלײַבן בײַם אַלטן. זאָל איך אָפּרופן די חופה?" זי האָט געשוויגן.

רחל פון דער נאַטור אַ פאָרזיכטיקע, אַן אומגלויביקע, האָבן די מלחמה־יאָרן זי נאָך מער אָנגעשטעקט מיט פחד־געפילן, אומצוטרוי צו מענטשן. זעליקן האָט זי יעדעס וואָרט געגלייבט. פאַקטיש זיך איבערצײַגט, אַז אַלץ, וואָס ער טראַכט, רעדט ער. דרייט קיינמאָל נישט מיטן צינגל. איז אויפריכטיק, ערלעך. זײַנע ווערטער „ס׳זאָל בלײַבן בײַם אַלטן" האָבן דווקא בײַ איר געוועקט סימפּאַטיע. איז זי מיט אים געגאַנגען שעהן און אַרײַנגעטראַכט: זעליק איז טאַקע נישט אַזוי געראָטן פיזיש. שטאַמט אָבער פון אַ גוטער משפחה. זי קען אים. קען זײַנע עלטערן גאָר גוט. האָט צו אים פולקום צוטרוי. ר׳וועט זי קיינמאָל נישט אָפּנאַרן, וועט מיט איר לעבן טרײַ. ער איז אַ געזונטער, אַ לוסטיקער מאַן. האָט זי זיך קעציש צום אים געטוליעט. ער האָט זי פאָרשעריש אָבסערווירט. כאָטש זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פּראָסט ראָזע בלוזקעלע און אין אַ קלאָשאָוון באָרדאָ ראָק, האָט זיך גוט אַרויסגעמערקט איר זגראַבנע פיגורל. ער האָט סקעפּטיש געטראַכט און געקוקט אויף איר שיין פּנימל, צעליכטיקטע אויגן, וואָס האָבן אים מאַגנעטיש געצויגן, כּישופֿדיק גערייצט. ער האָט איר אַ פרעג געטאָן: „רחלע, זאָל זײַן אין אַ מזלדיקער שעה?" זי האָט אירע קאַלטע, לײַכט־וויברירנדיקע, בלאַס־געשמינקטע ליפּעלעך דערנענטערט צו זײַן מויל. אים געשענקט אַ קוש.

זיי האָבן חתונה געהאַט אין אַ דיפּי־לאַגערס בית־המדרשל. ס׳רבל האָט געמאַכט אַ קורץ צערמאָניעלע. ס׳שמשל מיט אַ מנין אָפּיציעלע,

באַצאָלטע חתונה־גייערס, האָבן געטומלט: „מזל־טוב! מזל־טוב!" געטרונ־קען לחיים, פאַרביסן קיכלעך. זיך צעגאַנגען.

אין בליידאָרן־קאַסערנע האָבן זיי זיך גוט איינגעאָרדנט, אַריינגעצויגן אין אַ דירהלע. זעליק האָט גוט פאַרדינט ביי זיין פאַך. זיי האָבן איינגעקויפט נייע כּלים, אַ ביסל מעבל, דיוואַנדלעך, בלומען־טעפּלעך. רחלס זאָרגעוודיקע באַלעבאַטישקייט האָט זיך אַרויסגעוויזן אין יעדן ווינקל. זי האָט געקאָכט געשמאַקע עסנס. ער האָט זיך באַמיט צו באַפרידיקן אירע אָפטע פּרוויזשע געברויכן. דאָך איז צווישן זיי נישט געווען קיין האַרמאָניע. אין שטוב איז רחל געווען פאַרטרויערט און אין געזעלשאַפט — אויפגעלעבט, לוסטיק, פאַרוויילנדיק. זעליקן האָט אָנגעהויבן דוכטן, ס'וועקן זיך אין איר סימפּאַטיע־נייגונגען צו זייערע חברים. וואָס אַ מאָל מער באַמערקט איר רעשיק אָנטאָן זיך, דאָס פאַרבן די ווייעס, די באַקן, די ליפּן, פאַרן גיין באַזוכן יונגע פריינד אָדער פאַר צו זיי געקומענע פאַרפעלקער. צו די מענער וויליונגעריש געוווּנקען. מיט זיי לוסטיק געשטיפט, געטאַנצט, ענטוזיאַסטיש נאָכגעזונגען יעדעס וואָרט פון איר אַלע מאָל געקויפטע נייע פּאַטעפאָן־פּליטעס. זעליק האָט דאָס גוט געזען און געטראַכט: „מ'קאָן אַ נאַטור נישט איבערמאַכן. כ'בין אַריינגעפאַלן. זי האָט גאָרנישט געלערנט פון דער מלחמה". זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטער צו ווערטלען, דע־נערווירן. זעליקס געדאַנקען זענען ס'רוב טאָג־שעהען געווען פאַרנומען וועגן רחלס פאַרשייט טיילמאָל אויך פרעך אויפפירן זיך צווישן חברים. דאָס האָט אים קאָמפּראָמיטירט. האָט חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער איז געווען לייכטזיניק און באַמערקנדיק איר אויסנאַמלעכע טרויעריקע האַלטונג, וויינען אין חופּה־טאָג און דאָך נישט רעזיגנירט. דאָך זיך געלאָזט לייכטזיניק צורעדן פון אירע פאַלשע ריידעלעך. ער האָט באַדויערט: „האָב אַלץ געוווּסט. אָבער נישט געווען גענוג דרייסט צו דעצידירן". ס'האָבן זיך געמערט קריגערייען און מ'האָט „געלעבט" צוזאַמען. און ווייל ר'האָט וועגן איר תּמיד געקלערט, האָט ער אויפגעהערט לייענען קינסטלערישע ווערק. קוים, קוים איבערגעבליקט נייעס־קעפּלעך אין טאָג־צייטונגען. געהערט רכילותן וועגן אַריינגעפאַלענע מענער מיט אַזעלכע לעב־ווייבעלעך. אין זיך געגריזשעט. אָנגעהויבן ליידן אויף פאַרשידענע מיחושן.

אין יאָר 1947 האָט אים רחל געבוירן אַ בכור, שמעיה, אויף איר פאָטערס נאָמען. זי איז געווען פאַרנומען מיט האָדעווען ס'קינד, פירן די הויז־ווירטשאַפט און אויפגעהערט צו מינעווען צו חברים. זעליק איז געוואָרן באַרויִקט. זיך אויפגעפירט ווי אַ טרייער מאַן, איבערגעגעבענער פאָטער.

מ׳איז געווען צופרידן, געלעבט שלום־ביתדיק. סוף 1948, איז געבוירן געוואָרן דבורה. אַז רחל מיטן מאַן זענען צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, האָט ער נאָך אַמאָל גוט באַקוקט ס׳קינד. איינגעזען, אַז די טאָכטער איז ענלעך צו אים און זיך געפילט גליקלעך. רחלען געקושט, געצערטלט, אויסגעדריקט באַדויערן פאַר אומזיסט זי חושד זיין. באַשלאָסן מער זי נישט אויספרעגן ווו זי גייט, פאַרוואָס זוימט זי זיך שעהען אין גאַס, צוליב וואָס זי פאַרבט זיך, באַשמעקט זיך פאַרן אַרויסגיין. איז געוואָרן געאַנדערשט, מונטערער, דינאַמישער, אינציאַטיווער. פאַרדינט דאָפּלט. צוריק אָנגעהויבן לייענען קלאַסישע, יידישע ביכער, רחלען פאַרגעלייענט, איר אויסגעטייטשט די קינסטלעריש־געמשלטע שטעלן. געפּלאַנט אָנצושרייבן די געשיכטע פון פאַרן מלחמה־פּעריאָד; די ערשטע חדשים פון דער דייטשישער אָקופּאַציע און די העראָישע קאַמפּן פון די יידישע פאַרטיזאַנער. אין שטוב געבראַכט מכּל טוב: עסנוואַרג, בלומען, פאַרפומען. צום ווייבל גערעדט אײדל, ליבלעך, געגעבן אַכטונג ס׳זאָל די קינדער און דער מוטער גאָרנישט פעלן. רחלס יעדע געפּאַדערטע באַדערפעניש תּיכּף באַפרידיקט. זי האָט געמיינט, אַז זיי וועלן שוין פאַרבלייבן אין אולם, אין דער באַקוועמער, אָנגענעמער „היים״.

ו

די דיפּי־יידן אין די אולמער איירא־לאַגערן זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַן עליה־און עמיגראַציע־פּסיכאָז. מיט וועמען מ׳האָט געשמועסט האָט מען געהערט, ער גרייט זיך פאָרן קיין ארץ־ישראל, קיין אַמעריקע. די נאָר־וואָס פון אונא־באַשטעטיקטע ישראל־מדינה האָט געלאָקט, געכישופט, ווי מיט אַ מאַגנעט געצויגן עולה צו זיין אין אייגענער היים. טראָץ די שפּעקייט, באַקוועם לעבן אין אולם, איז געוואָרן אַ דראַנג, צו פאַרלאָזן דאָס דייטשיש שנעל אויפגעלעבט לאַנד מיט אוקראַיִנישע, ווייס־רוסישע, נאַצישע אַנטיסעמיטן, וואָס אין די אָוונטן זענען באַפאַלן יידן, ווי אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן.

זעליק, אַן אַקטיווער לינקער פּועלי־ציוניסט, האָט רחלען אויף ס׳ניי אָנגעהויבן דולן וועגן עולה זיין. אין שטוב האָבן זיך באַנייט דיסקוסיעס: „שוין גענוג אַרומגעפאָרן אַ האַלבע וועלט. לאָז מיך אַ ביסל אָפּרוען. ווו נאָך וועלן מיר זיך אַרומוואַלגערן מיט צוויי שוועלבעלעך?״, האָט רחל געטענהט. „רחלע, פאַרשטיי. אומעטום זענען מיר געווען אומ־געוואונטשענע געסט. איצט, אַז יידן האָבן זוכה געווען, „זוכה געווען״, האָט

ער געשמייכלט: „דערפאַר באַצאָלט מיט זעקס מיליאָן קרבנות". געזיפצט, געווישט באַטרערטע אויגן: „באַקומען אַן אייגן מדינהלע, דאַרפן מיר דאָרט זײַן צווישן די לאַנד־אויפבויערס, גרענעץ־פאַרטיידיקערס. אין ישראל וועט שוין זײַן אונדזער אייגענע, לעצטע היים".

עס איז נישט לײַכט געווען זי איבערצײַגן, אָבער ווי תּמיד האָט זײַן עקשנות זי איבערגעדברט.

אין יאָר 1951 זענען זיי מיט ביידע קינדערלעך אָנגעקומען אין „קיבוץ־גלויות"־מעברה. באַקומען אַ קליין, נידעריק צימערל אין אַ בלעכן צריפל.

ז

זעליקן איז נאָך שווער געווען צו רעדן אַ ביסל עברית־לשון מיט די וותיקים און באַזונדערס שווער געווען זיך שפּראַכלעך צו פאַרשטענדיקן מיט פילשפּראַכיקע עולים פון מצרים, תימן, מאַראָקאָ. די עולים פון די מזרח־לענדער האָבן אויף די „ווײַסע" אייראָפּעער געקוקט וווּנדערנדיק: „וואָס פאַר אַ ייִדן זענען דאָס?", האָבן זיך די ווײַסע און טונקעלע קעגנזײַטיק געפרעגט און נישט געגלייבט אַז זיי זענען ייִדן. בלית־ברירה האָט מען זיך צוגעוווינט צו מזרחדיקע און מערבדיקע מנהגים. צו די עסנס וואָס מ'האָט באַקומען אין קיך. אַז זעליק האָט אַמאָל אַהיים געבראַכט אין איין בלעכערנעם טעלער צונויפגעמישטע שוואַרצע זיתים, געלע, געזויערטע פעפערלעך, מאַרמאַלאַדע, הערינג און שיטערן ווײַסן קעז, האָט רחל אַלץ אויסגעגאָסן. בײַם נאָענטן מאָל גיין, אים געהייסן בעטן עטלעכע טעלערלעך פאַר יעדער שפּייז באַזונדער. די גראָבע, ברייטע קעכין אין אַ פאַרפעצטן, פאַרפלעקטן גומיפאַרטעך האָט זעליקן אָנגעקוקט מיט וווּנדער. נישט גערן אָנטקעגן געקומען זײַן ביטע. אָבער בייזלעך צוגעזאָגט: „חבר, איר דאַרפט זיך צוגעוווינען". ער האָט צו איר גערעדט פײַן. דערקלערט: יעדע אייער שפּייז איז טעם־גנעדנדיק. אָבער הערינג מיט מאַרמאַלאַדע צונויפגעמישט עסט מען אין ערגעץ נישט און ס'איז גאָרנישט לײַכט זיך צו דעם צו געוווינען עסן". דערווײַל איז ער אַ נייער אין לאַנד. מעגלעך מיט דער צײַט וועט ער אײַנזען, אַז דאָס איז אויך געשמאַק „אַזאַ מין פאַרשידנטעמיקער צוזאַמענמיש". ס'רוב עולים האָבן זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַסט. די ייִדן פון די מזרח־לענדער, אין ווײַסע כאַלאַטן, הילצערנע שטעק־שיך, האָבן געשפּילט אין שעש־בעש. זיך אָפט קולותדיק געבייזערט אויף די אַ סך זייערע קינדער און גראָבע ווײַבער. די געקומענע פון פּוילן, רומעניע האָבן זיך נערוועיש געדרייט

אויף די זאַמדיקע סטעזשקעלעך, צווישן בײַדלעך און צריפּלעך. געשמועסט פּאָליטיק, געזוכט אַרבעט און געשפּילט אין קאָרטן. דערבײַ דיסקוטירט, פּלאַנירט ווי אַזוי די רעגירונג דאַרף ריכטיק צעטיילן די מלוכהשע פינאַנסן, זײַן נייטראַל, נישט מישן זיך אין די פּאָליטישע געראַנגלען צווישן מערב און מזרח־רעזשימען; געלויבט די דערפּאָלגרײַכע אָרדענונגען פון דער הערשנדיקער פּאַרטיי אין מלוכהשע, אין אַדמיניסטראַטיווע און אין שטאַטישע ראַטן. טייל האָבן געוויזן זייערע נײַע רויטע ביכלעך, אויסגעדריקט האָפענונגען, אַ דאַנק דעם צו באַקומען אַרבעט און דירות. דאָרע, טונקלהויטיקע תּימנער, מיט געקרײַזלטע, שוואַרצע פּיאָהלעך און בערדלעך זענען געזעסן אויף בוי־בלאָקן פאַר די בײַדלעך און אַ טייל אויף אײַזערנע בעטלעך אינעווייניק און האָבן הויכזינגענדיק געחזנט תּהילים. מיט קינדער געלערנט וואָך־פּרשיות אין איבערגעדרייטע חומשלעך. פאַר בײַדלעך, צריפּלעך האָבן פאַרשידנשפּראַכיקע ווײַבער אין לאַנגע העמדער, קאָליריקע, אויסגעפּאַסטע, דעקאָלטירטע, קורצע קליידלעך געקאָכט געריכטסן אין טעפּ, אין דיניצעס, האָבן אָלעמאָל צוגעפּאָמפּעט די פּרימוסן און אויפגעבלאָזן פײַערלעך פון קוים־ברענענדיקע שטיקלעך צווײַגלעך, צווישן שטיינער און צעבראָכענע בוי־בלאָקן. לויט גערוכן האָט מען דערקענט פון וואָס פאַר אַ לאַנד די נעבן טעפּ־זיצנדיקע באַלעבאָסטעס זענען געקומען.

פאַר זעליקס צריפּל האָט זיך באַוויזן אַ הויכער, ברוינפּנימדיקער מאַן, אָנגעטאָן אין קורצע כאַקי־הייזלעך, איבער זיי אַ סיטקע העמדל מיט קורצע אַרבעלעך. זעליקן מיטן שכן אַ ייִד פון מאַראָקאָ, געפרעגט:
„איר ווילט אַרבעטן אויפן בנין?"

„זעליקס פּנים איז געוואָרן צעשטראַלט. „געוויס. מיט צוויי טעג צוריק געוואָרן באַפרייט פון דער אַרמיי. אָבער וואָס פאַר אַ פראַגע? כ'האָב אַ ווײַב מיט צוויי קינדער. כ'מוז אַרבעטן". די פראַגע פון מאַן און זעליקס ענטפער, האָט דער הויכער פאַרטײַטשט מיט שטום־לשון דעם שכן, וואָס האָט אויך באַלד מסכּים געווען צו זײַן באַשעפטיקט. דער אין קורצע הייזלעך האָט ביידען געגעבן באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. זיי געהייסן קומען, צומאָרגנס 6.45 פרי, אויף הערבערט סמואל־גאַס. האָבן דאָרט געאַרבעט אַלס געהילפן צו מויערער. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, נישט צוגעוווינטע, מאַטערנדיקע. זענען זיי אַ היים געקומען גאָר מידע, געפּילט ווײַטאָגן אין די הענט און אין די פיס. אָבער געווען צופרידן, שטאָלץ, צווישן די ליידיק־גייענדיקע פּילדערערס.

„זעליק, דער מנהל פון דער מעברה רופט דיך קומען אין זײַן משרד", האָט רחל צופרידן אים געזאָגט, קומענדיק פון דער אַרבעט.

„זאָרג נישט, רחלע", איר געגעבן אַ קוש אין שטערן. אַ צעמענט־באַשטויבטער, זיך נישט איבערגעטאָן און אַ טשיקאָווער געאײַלט צום מנהל.

„חבר זעליק", האָט ער צו אים געזאָגט אין אַ פאַרגרײַזטן ייִדיש: „אין וואַרשע געווען פעיל אין דער תנועה?".

„אַ פּועלי־ציון־חבר. יאָ. זיכער. פון וואַנען ווייסט איר דאָס?"

פון איבער גאָלדיק־באַרעמטע ברילן, האָט דער רויטפּנימדיקער, דיקער מנהל אים אָנגעקוקט איראָניש. נישט געענטפערט. אים דערלאַנגט אַן אײַנלאַדונג אויף אַ חברים־פאַרזאַמלונג, דעם נאָענטסטן שבת, 6 אָוונט, אין פּאַרטיי־זאַל, אויף א. ד. גאָרדאָן־גאַס. „דאָס איז אַלץ", צו זעליקן געזאָגט און אַרײַנגערופן אַן אַנדערן עולה, לויט דער ריי פון שוין אַ צענדליק וואַרטנדיקע.

„האָסט נישט אַמאָל צופיל געפּלאַפּלט, אַז דו ביסט אַ לינקער?", האָט רחל אים געפרעגט, צוריק־קומענדיק פון מנהל.

„כ'בין אַזוי פאַרזיכטיק ווי דו. אין צבא האָב איך זיך אַלץ דערוווּסט, אַז אַן פּראָטעקציע ליגט מען דאָ נײַן איילן אין דער אדמה. כ'האָב אָבער נישט געגאַרט, געזאָגט: ,פּועלי־ציון' מער נישט".

נאָך פאַר דער באַשטימטער צײַט איז דאָס קליינע, נידעריקע זאַלעכל געווען פאַרפולט מיט עולים פון אייראָפּעישע לענדער. בײַ אַ טישל, איבערגעדעקט מיט אַ גרינעם טאָוול, זענען געזעסן פיר ברוינהויטיקע מענער מיט גרוילעכע האָר און געקנייטשטע פּנימער.

דער פאָרזיצער פון דער פאַרזאַמלונג, יהודה וואַסער, האָט גערעדט אין ייִדיש וועגן אַמאָליקע קליטה־שוועריקייטן, קיינער האָט פאַר זיי נישט געזאָרגט צו האָבן אַרבעט און אַ דאַך איבער'ן קאָפּ. פון דעסטוועגן האָבן אַלע זיך אײַנגעאָרדנט. ארץ־ישראל פאָדערט סבלנות, אידעישקייט, האָפענונג, אמונה אין ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן ציל, פאַרווירקלעכן אַן אייביקע רויִקע, סאָציאַל־עטישע היים פאַר ייִדן פון אַלע גלותן. האָט אָנגעגריפן די בירגערלעכע באַלעבאַטים, וואָס פאַר ביליקע אַרבעטס־לוינען, אָן שום סאָציאַלע פאַרזיכערונגען קויפן זיי גויטלײַדנדיקע, אַרבעטסלאָזע עולים. עקספּלאָאַטירן זיי פיזיש, צווינגען זיי ווערן מיטגלידער אין די רעכטע, רעאַקציאָנערע פּאַרטייען. דערציילט די אויפטוען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד אויף די געביטן: לאַנדווירטשאַפט, בוי,

אינדוסטריע און קולטור. צוגעזאָגט, אויב אונדזערע אַרבעטער־פּאַרטייען וועלן ווידער זיגן בײַ די נאָענטסטע וואַלן צום אָרטס־ראַט, וועלן די עולים שנעלער באַקומען אַרבעט אין הסתדרות־אַנשטאַלטן, ווו מען באַקומט בעסערע געהאַלטן, איבערהויפּט סאָציאַלע פאַרזיכערונגען. יעדן פרעמדן באַגריף אין העברעיִשע ווערטער האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, געגעבן צו פאַרשטיין. אויך די אַנדערע דרײַ רעדנערס האָבן גערעדט וועגן „מיר" און „איר" און אויסגערופן: „איר אַרבעטער, דאַרפט, צוליב אײַערע אינטערעסן, שטימען פאַר דער אַרבעטער־ליסטע. בלויז אונדזערע פאַרשטייערס וועלן זאָרגן פאַר אײַך".

נאָך דער פאַרזאַמלונג איז יהודה וואַסער צוגעגאַנגען צו זעליקן. אים געהייסן קומען אין נ—ר סניף, „מאָרגן 5 נאָכמיטאָג".

גלײַך פון דער אַרבעט איז זעליק געקומען נאָך פאַר דער אײַנגעלאַדענער צײַט.

„מיר האָבן ידיעות, אַז איר זײַט געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. וואָס פאַר אַ פאַך האָט איר?", האָט דער סעקרעטאַר יהודה וואַסער אים שמייכלענדיק געפרעגט.

„דאַמען־שניידער", האָט זעליק געמורמלט. האָב שוין געהערט, אַז דאָ איז עס נישט גאַנגבאַר".

„עברית קענט איר אַ ביסל כאָטש?"

„כ'רעד שוואַך. לייען אַ ביסל".

„אַ ביסל טויג נישט. דערווײַל אַרבעט אויפן בנין. אָבער בײַ אונדז, אין דער הסתדרות. אים געגעבן אַ פאַרשריבן צעטל. געהייסן גיין אין לשכת העבודה (אַרבעטס־אַמט). דאָס בריוועלע איבערגעבן בלויז דעם חבר ייִדל רעפאָרמער. געשאָקלט מיטן קאָפּ. מיטן ווײַזפינגער געוואָרנט: „נאָר אים איבערגעבן. ער וועט דיר געבן אַ צעטל צום דעם דירעקטאָר פון סולל־בונה, חבר דוד באַריכט און ער וועט דיך שיקן צו אַ לײַכטער אַרבעט בײַ בנין. חבר זעליק, געדענקט, די צעטלעך קיינעם נישט ווײַזן. זיך מיט זיי נישט באַרימען".

צומאָרגנס פרי איז זעליק געלאָפן צום חבר ייִדל רעפאָרמער, וואָס האָט זעליקן אויפגענומען סימפּאַטיש. אויף אים געקוקט פאַרשעריש. אים געפרעגט: „איר זײַט דאָס דער חבר זעליק טראַכטמאַן?". געקוקט אין וואַסערס צעטל און דורכדרינגלעך געבליקט אויף זעליקן. אויף ס'בײַ געלייענט די עטלעכע שורות אין קוויטעלע. געספּקט. זיך פאַרטראַכט. געפּרוּווט טעלעפאָנירן. אָוועקגעלייגט ס'טרײַבל, אַרויסגענומען פון בוזעם־

קעשענע אַ זײַטל פּאַפּיר, אַ פאַרשריבנס מיט נעמען. געלייענט, געקוקט אויף זעליקן. ווידער געפרעגט: „איר הייסט עס, זענט דאָס דער זעליק טראַכטמאַן. פֿײַן, פֿײַן. איר וועט דאַרפן זײַן אַקטיוו בײַ די וואַלן. ייִדיש קענט איר דאָך. איר וועט זײַן טעטיק בײַ די עולים פון פּוילן און רומעניע, אונגאַרן און טשעכן. אָנגעשריבן אַ צעטעלע, געהייסן אים גיין אין סולל־בונה צום חבר דוד באַריכט, וואָס וועט שוין זאָרגן פאַר אים. חבר דוד באַריכט האָט זעליקן אויסגעפרעגט ווו ער איז געווען אין די מלחמה־יאָרן. אין מיטן זעליקס דערציילן האָט דער טעלעפאָן געקלונגען. דוד האָט רויִק אויסגעהערט און געענטפערט: „חבר יהודה, ער איז ביי מיר. כ׳האָף אַז עס וועט אַלץ זײַן בסדר. ער קאָן גוט ייִדיש. דאָס איז וויכטיק. וועט העלפן אויפקלערן די עולים פון אייראָפּע, וואָס זענען מערסטנס סאָציאַליסטיש געשטימט״.

„דאָס רעדט ער זיכער מיטן חבר יהודה וואַסער, דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר״, האָט זעליק צופרידן אין זיך געטראַכט.

„חבר זעליק, אויב דער חבר וואַסער זאָרגט פאַר אײַך, וועט איר זיך אײַנגיכן גוט אײַנאָרדענען. מירן אויך זאָרגן איר זאָלט באַקומען אַ שיכון. אַנטשולדיקט, גייט אַרויס. כ׳וועל אײַך רופן. וואַרט אין קאָרידאָר״.

זעליק איז אַרויס. דוד באַריכט האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. געזעסן מיט דער פּלייצע צו דער טיר און נישט באַמערקט, אַז זי איז געבליבן אַ ביסל אָפן. זעליק האָט אויסגעהערט דעם טעלעפאָנישן געשפּרעך: „כ׳הער. פאַרשטיי אַלץ. יהודה, מיך הערסטו? כ׳רעד ספּעציעל שטיל. ווי געפעלט דיר דעם גאַליציאַנער דאָקטאָרס רעדע אויף דער נעכטיקער מזכירות־זיצונג? אַ פּיסק דאָס האָט! רעדט שיין, זאַכלעך. זײַנע פאַר־שלאָגן באַגרינדעט ער איבערצײַגנדיק. הער זשע גוט אויס. פאַרן קומען פון דעם עולה, וואָס דו האָסט מיר געשיקט האָט ד״ר רורמאַן צו מיר געקלונגען, געבעטן דעם עולה אײַנצואָרדענען אויף אַ לײַכטער אַרבעט. ער האָט געהערט, אַז דער זעליק איז אַ בעל־תּורה, אַ באַוווסטזיניקער אַרבעטער־אַקטיוויסט און מ׳דאַרף דורך אים צוציען אינטעליגענטע עולים. ער איז קעגן דײַן שיטה: העלפן בלויז פּראָסטע עמכה׳ס. יהודה, ס׳הערט נישט קיינער? הער גוט. דער דאָקטאָר, וואָס מיינט, אַז כ׳בין זײַן פאַרטרוילעכסטער פרײַנד אין מזכירות זאָגט מיר יעדעס מאָל, אַז דו ווילסט דערמיט פאַרפעסטיקן דײַן לײַטנדיקע פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי און אין דער הסתדרות. דו, דער נישט אַזוי געבילדערטער, האָסט מורא פאַר געלערנטערע פון דיר. צוליב דעם באַגרענצסטו אויך אים. נאָך אַ זאַך:

שבת בין איך געווען ביַים חבר ראובן קריפּל, דעם דאָקטאָר רורמאַנס נאָענטסטער פריַינד און אויך ער האָט דיך קריטיקירט, באַרעכטיקט רורמאַנס מיינונג, אַז דו פּירסט זיך אויף, ווי אַ דיקטאַטאָרל. ער איז פולקאָם מסכים מיטן דאָקטאָרס נעגאַטיווע מיינונגען וועגן דיַין נישט הצלחהדיק לייטן מיט דער באַוועגונג. ער טענהט, אַז דו האָסט איַינגעאָרדנט קאָמוניסטישע שפּיאָנאַזש־שיטות. פאַר דיַינע רעקאָמענדאַציעס צו באַקומען ליַיכטע אַרבעטן אין הסתדרות־מוסדות, פאָדערסטו, זיי זאָלן דיך שטיצן אויף פאַרזאַמלונגען, פאַר דיר אַגיטירן. אַמערגסטנס, טענהט ער, דו האָסט פיַינט געלערנטע. יהודה ס׳הערט נישט קיינער? כ׳מיין, אַז דאָס דאָקטערל, דב רורמאַן איז געפערלעך. ער קאָן נאָך אונדז אַלעמען באַדראָען. כ׳פאַרלאָז זיך אויף דיר. וועסט שוין עפּעס וואָס אויסקלערן אים צו מאַכן פלאַטשיקער. נעם דעם ענין ערנסט. ווייסט דאָך קיין נאָענטערן פון מיר האָסטו נישט אין גאַנצן סניף. געדענק מיַין וואָרענונג״.

חבר דוד באַריכט האָט זעליקן אַריַינגערופן. „מיר האָבן צו איַיך אַ ביטע: זיַיט אַקטיוו אין דער באַוועגונג. פאַר פּרנסה זאָרגט מער נישט. חבר וואָסער וועט איַיך נישט לאָזן זיַין אַרבעטסלאָז און אָן אַ דאָך איבערן קאָפּ. כ׳וועל איַיך געבן אַ צעטל צום חבר דותן ,מנהל פון שיכּונים־בויען און ער וועט איַיך שיקן צו אַ ליַיכטער אַרבעט.

זעליק האָט ס׳צעטל אַריַינגעלייגט אין דעם לינקן העמדל־קעשענע און איז אַרויס.

*

דער פּרימאָרגן־דרויסן איז שוין געווען זוניק־וואַרעם און גאָלדיק־באַליכטיקט. פאַר זעליקס אויגן האָט זיך דער גאַנצער אַרום געטונקלט, מטושטש געוואָרן. אין קאָפּ האָבן געראַיעט מאַטערדיקע מחשבות: ער האָט נישט געוווּסט איצט וווּ צו גיין. זיך צוגעשלעפּט צום שטאָטישן גערטנדל, זיך געזעצט אויף אַ באַנק, אונטער אַ קרום, שיטער־נאָדלדיק סאָסנע־ביימל. זיך געפילט שפּלדיק, אַנטוישט. דער טעלעפאָן־געשפּרעך פון באַריכט מיט וואָסערן האָבן אים געמאַטערט. נישט געגלייבט, ער לעבט אין זיַין אידעאַל־אויסגעטרוימטער מדינה. די ווערטער, אַז רורמאַן איז געפערלעך, וויַיל ר׳איז אינטעלעקטועל און מ׳דאַרף אים מאַכן פלאַטשיקער האָבן אים געשפּיזלט אין מוח. געפילט ס׳צעטל בריט, גליט זיַין ברוסטקאַסטן. גליַיך ער וואָלט דאָרט געהאַלטן אַ שלאַנג. מורא געהאַט, אַז מ׳וועט פון אים דערפאַר אויך פאָדערן אַכטונג געבן אויף פּאָליטישע קעגנערס, וועלכע קאָנען פאַרלירן די אַרבעטס־פּלעצער און נישט קאָנען

באַשפּײַזן זײערע משפּחות. ער האָט דערפילט אַ האַרצקלאַפּונג, אַ שוואַכ־קייט, אַ קאָפּמישעניש. איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שווייס. אַז ס׳איז אים געוואָרן לײַכטער, האָט ער באַשלאָסן צו צערײַסן ס׳צעטל, אויף ס׳בײַ זיך מאַטערן אויף פּריוואַטע אַרבעט־פּלעצער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ קראַן, געוואַשן זיך ס׳פּנים און צוריק געזעצט אויף דער באַנק. איצט איז שוין דאָרט געזעסן אַ מיטליעריקער מאַן, אַ דזשינדזשי. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט טרויעריק, באַדויערנדיק. נאָך קעגנזײַטיקע פראַגן: „אַרבעטס־לאָז?" — „פונוואַנען?" — „ווו געאַרבעט?" — „באַקומען אַ שיכון?" האָט דער צוגעקומענער זעליקן דערציילט: מיט אַן אײנהייט פון דער רויטער אַרמיי האָט ער געשטורעמט בערלין. נאָכן באַזיגן די דײַטשן, איז ער נישט צוריק אַ היים קיין מינסק, נאָר געוואָרן אַ דיפּי־מענטש אין פעלדאַפינגער לאַגער. נישט געוואָלט צוריק פאָרן קיין ראַטן־רוסלאַנד, ווו מ׳האָט מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט, ווײַל מ׳האָט יעדן באַקאַנטן, אַפילו פרײַנד, חברים חושד געווען, אַז ער קאָן צוטראָגן צו דער ענקאַווע־דע. געקומען אין לאַנד. באַקומען אַרבעט אין אַ בירגערלעכער אינסטיטוציע: ארגון הקבלנים. דאָרט געאַרבעט, שיין פאַרדינט. חתונה געהאַט מיט אַ יונגער, שיינער פרוי. האָבן שוין אַ קינד. איז אים געשען אַן אומגליק: דער קאַסירער פון דעם ארגון, אַ געוועלבניק פון שרײַבגעצייג, וואָס פאַרקויפט מאַטעריאַלן דער היגער הסתדרות, האָט דאָרט געלייענט אויף אַ רשימה, אַז ער האָט געשפּענדעט פאַרן וואַל־פאָנד פון דער אַרבעטער־רשימה און דאָס באַלד איבערגעגעבן דעם פאָרזיצער פון דעם ארגון. ער האָט גערופן אַ דרינגענדע פאַרוואַלטונג־זיצונג, וואָס האָט באַשלאָסן אים אָפּצוזאָגן פון דער שטעלע. זיך פאַרקלאָגט, אַז ער דרייט זיך שוין אַרום לאַנג ליידיק. די זיך באַרעכטנדיקע רייד פון די רעכטע סוחרים, אַז ער איז אַ לינקער נישט־פאַרטרוילעכער, האָבן געווירקט אַפילו אויף זײַנע פאַרטיי־חברים, אויף די פאַרוואַלטערס פון הסתדרות־אינסטיטוציעס. וואַרשײַנלעך האָבן זיי נישט צו אים קיין צוטרוי און ער באַקומט נישט קיין אַרבעט. ער מאַטערט זיך. כאַפּט דאָ אַ טאָג־אַרבעט, דאָרט אַ טאָג. איז פאַרצווייפלט. אַזוי פיל יאָר געחלומט, אַז אין אַן אייגן לאַנד וועט ער זײַן פרײַ. געהערן ווו ער וועט וועלן, מיט יעדן רעדן אָפן, וואָס ער טראַכט, לויט זײַנע אָנשויונגען — און זיך אַנטוישט. גאָרנישט געוווסט אַז אויך דאָ איז געוווּנטשענער צו שווײַגן. אַפילו דו רעדסט שוין לויט די פאַרטייישע ליניעס, קאָן מען אויך דײַנע ווערטער איבערדרייען. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

זעליקן האָט דעם מאַנס דערציילן ווידער צעשטרייט. נאָך אַמאָל דערמאָנט דעם דוד באַריכטס טעלעפאָן־געשפּרעך, אַז מ׳דאַרף דעם דאָקטאָר רורמאַן ליקווידירן, ווייל ר׳איז צופּיל געלערנט, קאָן שיין רעדן און באַדראָט די גוטע פּאָסטנס פון די ווייניק־געלערנטע מאַכערס.

זעליק איז אַ היימגעקומען אַן אַנטוישטער. אויף רחלס פראַגן נישט געענטפערט. ער האָט זיך פאַרקלאַגט אויף קאָפּ־ווייטיק. אין צימערל זיך געדרייט פאַרטרויערט. געקלערט. געספּקט וואָס צו באַשטימען. נאָר נאָך רחלס אַ סקאַנדאַליעזער דראָונג, אַז זי וועט פאַרלאָזן ס׳לאַנד. אים איבערלאָזן מיט די קינדער, וואָס ווערן נישט דערנערט גוט, האָט זעליק באַשלאָסן אויסצוניצן ס׳צעטל. מ׳האָט אים געגעבן אַן אַרבעט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער פון אַ בריגאַדע מויערער. ווי נאָר ער איז ס׳ערשטע מאָל געגאַנגען צו דער אַרבעט, אָנגעטאָן אין ריינע מלבושים, איז די מאַראָקאַנער שכנטע, ווען זי האָט נאָך אַלץ געאַרבעט ביים בוי־קבלן, אַרויס מיט לשון: „גברת רחל, נעמען זי צו די פאַרשטונקענע וועש. אויב נישט, באַגיס איך זיי מיט שמוציק וואַסער״. צו די שכנים, פאַר־בייגייערס געשריגן: „אַלץ איז דאָ פּראָטעקציע! מיין מאַן האָרעוועט ווי אַ חמור, באַקומט געציילטע פּיאַסטערס אַ טאָג און דער אַ ווזווווז האָט שוין באַקומען אַ דזשאָב! וואָס איז? מיר זענען נישט די זעלבע יידן?!!! נעמען זי צו די שמאַטעס! אָבער שנעל!״

זעליק איז אַהיים געקומען אַ צופרידענער. רחלען געהייסן פאַרשווייגן דער שכנטעס פאַרדראָסן. „מיין מצב האָט זיך טאַקע פאַרבעסערט. אָבער זי איז גערעכט, דאָ קאָן מען דערגרייכן בלויז מיט פּראָטעקציע״. ער האָט געאַרבעט פאַראַנטוואָרטלעך, פאַרדינט בריווח אויסצוהאַלטן די משפחה. זיי האָבן געלעבט רויק, צופרידן. נאָך דער אַרבעט האָט ער געלייענט אַרטיקע צייטונגען, ביכער. נאָך דריי חדשים וווינען אין בית־עולים־צריפל האָבן זיי זיך איבערגעצויגן אין אַ צווייצימערדיקן שיכּון. ביים אַרויסציען זיך, האָבן די קנאָהדיקע שכנים פון מזרח־לענדער זיי נאָכגעשריגן, געזידלט אויף אַראַביש.

אָבער זעליק האָט פאַרגעסן דעם מנהלס עצה: זיין אַקטיוו אין דער באַוועגונג. ביי דער אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן פילן, אַז געוויסע אַרבעטער קוקן אויף אים ברוגזדיק. זיין נאָענטער שכן, לייזער לופּטשיק, האָט אַמאָל ביים עסן די מיטאָג־סענדוויטשן אים געפרעגט: „ס׳איז אמת, זעליק, אַז לייענסט די לינקע פּועלי־ציון־צייטונג?״

„מ׳דאַרף וויסן אַלע אידעען און אַלע מיינונגען״.

„אָבער די לינקע פּועלי־ציון זענען דאָך קאָמוניסטישע אָנהענגערס! וואָס דאַרפסטו דאָס? דאַרפסט צרות? די אַרבעט און די דירה האָבן מיר דאָך דיר געגעבן”.

לייזער לופּטשיקס ווערטער האָט ער ריכטיק פאַרשטאַנען, ווען אַ וואָך נאָך דעם געשפּרעך האָט מען אים מער נישט געהייסן קומען צו דער אַרבעט.

טעג, וואָכן איז זעליק געגאַנגען צום חבר יהודה וואַסער. פאַר אים אויסגעווייַנט זיין ביטער האַרץ. ר׳איז דאָך אַ בעל־מטופּל מיט אַ פרוי, מיט צוויי קינדער. האָט נישט פון וואָס צו לעבן. שוין כמעט אַלץ אויספאַרקויפט. וואַסער האָט אים אָנגעקוקט מיטפילנדיק. פון שופלאָד אַרויס גענומען אַ באַשרייבן בלעטל מיט נעמען. דאָרט לאַנג געקוקט. אים געהייסן פאַרשרייבן בייַ זיין סעקרעטאַרקע, וואָס האָט אים געגעבן אַ צעטל צום אַרבעטס־אַמט־לייַטער ברוך קליינמאַן, פאַראַנטוואָרטלעכער צו שיקן טאָג־אַרבעטער אויף לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. טאָג־טעגלעך געשטאַנען אונטער קליינמאַנס טירל, געוואַרט אויף אַ צעטל צו גיין אַרבעטן. קוים נאָך סוכּות האָט ער באַקומען ס׳אויסגעטרוימטע צעטל צו אַ מנהל אין אַ פּרדס. בייַם קטיף איז ער געווען באַשעפטיקט ביז פּסח און אויף ס׳נייַ געוואָרן אַרבעטסלאָז.

ח

זעליקס מצב איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. דאָס לײדיקגיין האָט אים נידערגעשלאָגן. ר׳האָט ווייניק געגעסן. אויפגעוועקט האַלבע נעכט. געליטן קאָפּ־ווייטיק, אָפטע פאַרקילונגען. נישט געהאַט קיין געדולד צו לייענען זייַנע באַליבטע פּאָעזיע און פּראָזע־ביכער. פּוסט און פּאַסט זיך אַרומגעדרייט אין די שטעטלדיקע גאַסן. שעהען געזעסן אין גאָרטן און פּאַרן גזוז־קיאָסקל אין בית־עולים. צוגעזען די נויט, שמוץ, נידער־שלאָגנקייט פון די מזרח־ייִדן, וואָס זענען פאַרבליבן אין צעלטן, צריפלעך. געלעבט פּרימיטיוו, האָפענונגסלאָז. ר׳האָט מיטגעפילט מיט די געהערטע, צאָרנדיקע רייד פון די אַרבעטסלאָזע. אַלע האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן פאַרלאָזט גוט־אייַנגעאָרדנטע וווינונגען, זיכערע פּרנסות. ער האָט באַרעכטיקט די כּסדרדיקע באַשולדיקונגען, פאַרוואָס אַשכּנזים, ווייניקער פעיקע פון אַ טייל מזרח־ייִדן, ווערן גוט אייַנגעאָרדנט בייַ סטאַבילע אַרבעטן, פּאָסטנס אין מלוכהשע, מוניציפּאַלע און הסתדרות־אַנשטאַלטן, וווינען שוין אין אויסגעפּאַרטיקטע שיכּונים און זיי, די מזרח־ייִדן, מאַטערן זיך בייַ צייַטווייַליקע, שווערע אַרבעטן, ס׳רוב פון זיי בייַ פּריוואַטע פעלד

און פּרדס־אייגנטימער, ווינען אין די בייטאָג דעמפּיקע הייסע ביַידלעך און אין די פּיצלדיקע צריפים־צימערלעך.

דאָס קריטיקירן, אַז וואָסער טיילט בלויז צעטעלעך די וויַיסע עולים פון אייראָפּעיִשע לענדער, דאָס זיך בונטעווען האָט נאָך מער פאַרשאַרפט זעליקס לאַגע. רהאָט באַקומען אַ נאָמען אַלס לינקער. געמוזט אַרבעטן ביַי פּריוואַטע קבלנים, אין בירגעלעכע אינסטיטוציעס. דאָרט ווייניק פאַרדינט; חדשים געווען אַרבעטסלאָז. רחל האָט געמוזט האָדעווען די קליינע קינדער. נישט געקאָנט צוהעלפן פאַרדינען אויף די קאַרגע שפּיַיז־ און קליידונג־געברויכן, וואָס זענען כּסדר געוואָרן טיַיערער.

אָבער נישט דאָס צמצומדיקע באַלעבאַטישקייט איז געווען דער הויפּט־ גורם צו צעשטערן דעם שלום־בית. רחל האָט אין שיכון־גערטנדל באַגעגנט אירן אַ שול־חבר פון וואַרשע, דעם ברייט־ברוסטיקן, הויכן, ראָז־פּנימדיקן, בלאָנדן אלי פלוימאַן, וואָס האָט דאָ געאַרבעט אין אָרטיקן שטאָטראָט. פון דעמאָלט אָן איז זי שעהען לאַנג געווען אינדרויסן.

ווי נאָר זעליק איז געקומען, אַ פאַרשמוצטער, אַ מידער פון דער אַרבעט, אָדער אַן אָנגעווייטיקטער פון שעהען לאַנג אַרומזוכן אַן אַרבעטס־ שטעלע, האָט זי אים געהייסן אַכטונג געבן אויף די קינדער און איז אוועק „דערלעדיקן" פאַרשידענע שטוב־ענינים. דאָס אַלץ מער אָפּטערע „דערלעדיקן" איז אים געוואָרן פאַרדעכטיקט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז די „ענינים" דאַרפן נישט דויערן אַזויפיל שעהען און אָנגעהויבן אַליין גיין קויפן אַלע שטוב־זאַכן. רחל האָט אויסגעזוכט אַנדערע תירוצים אין אירע געזוימטע שעהען האָבן זיך פאַרדאָפּלט. זיַינע אַמאָליקע, ציַיטוויַיליק איַינגעשטילטע פאַרדאַכטן, האָבן זיך צוריק דערוועקט. אים נישט געגעבן קיין רו. טיילמאָל זיך געפּרוווט באַרויקן: אַ יונגע פרוי קאָן דאָך נישט תמיד זיצן אין שטוב, ווי אין אַ טורמע. גייט זי אַ ביסל שפּאַצירן, פלוידערט מיט די וויַיבלעך, איז וואָס? איז געקומען אַ שכנטע, רבקהלע די מכלתניצע, אַ יונג, בלאָנד, בלוי־אויגיק, באַחנט וויַיבעלע און האָט אים, בעתן קויפן שפּיַיז, פאַרטרויט אַ סוד, ווו רחל גייט. זעליק האָט זי געבעטן שיקן איר מיידל היטן די קינדער. צוגעאיַילט צו איר וואַרשאָווער חברס שיכון־צימערל. דורך די לאָדן־שפּאַרעס באַמערקט זיַין רחלען מיטן יונג אין אַ ליבע־פּאָזע. אין שטוב האָבן זיך באַניַיט די בייזע ווערטער־ אויסטוישונגען, דיסקוסיעס, שטריַיטערייען, אַמפּערייען, טיילמאָל אויך סקאַנדאַלן. רחל האָט זיך געשעמט, אים געפּרוווט באַרויקן: „זעליק, כ'לייקן גאָרנישט. אָבער פילאָסאָף מיַינער, פאַרשטיי, אלי איז מיַינס אַ שול־חבר.

ריכטיק, מיר האָבן זיך געקושט אָבער כ׳האָב נאָך נישט פאַרלוירן דעם שכל. כ׳זאָל דיך, דעם פאָטער פון אונדזערע קינדער, פאַרראַטן. הער אויף צו קוויטשען. די שכנים הערן. פאַרשמוצסט זיך אַליין״.

אירע ווערטער האָבן אים אַ ביסל באַרויקט. אָבער האָבן געלעבט ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז: ,,די זופּ האָט נישט קיין יידישן טעם״. — ,,אין שטוב דרייסטו זיך אַרום אין שמאַטעס און פאַרן אַרויסגיין פּוצסטו זיך אויס אין פאַרביקע, רייצנדיקע קליידלעך, באַמאַלעוועסט זיך ס׳פּנימל ווי אַ פאַרטענצערין אין אַ יפוער קאַבאַרעטל״. רחל האָט געשוויגן. אים נישט געוואָלט אויפרייצן נאָכמער. זיינע צעשטרייטע נערוון — האָט זי געטראַכט — זענען צוליבן נישט מצליח זיין זיך האַלטן אויף איין אַרבעטס־שטעלע און דאָס, צוליב זיין מיילעכל. געוואָרן אַ צדיק אין פּעלץ, וויל פאַרזאָרגן אַלע. נעמט זיך אָן די קריוודעס פון די באַוועלטע. זי האָט זיך צוגעוווינט צו זיינע פאַרוואורפן און געטאָן, וואָס זי האָט געוואָלט.

זעליק האָט אָנגעהויבן טראַכטן און פּלאַנירן, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון דעם שיינעם, לייכטזיניקן ווייבל, וואָס האָט אים פאַקטיש קיינמאָל נישט געוואָלט. תּמיד געזוכט צו פאַרברענגען מיט אַנדערע מענער. ער האָט גוט געוווּסט, אַז ר׳איז מיט איר פאַרפלאָנטערט. האָט צוויי קינדער און זי שוואַנגערט מיטן דריטן. אָן פאַקטישע באַווייזן וועט ער זי נישט פּטרן. געטראַכט, מעדיטירט. איין געדאַנק האָט אָפּגעלייקנט דעם צווייטן. און אַז ס׳איז אים שוין איינגעפאַלן אַ גוטער פּלאַן, איז ער, מגיה וביה, פאַריאָגט געוואָרן פון אַ צווייטן, אַ ,,בעסערן״. דאָס האָט אים געפּייניקט אין די טעג און איך די שלאָפלאָזע נעכט.

דאָס דריטע קינד, אורה האָט אים באַרויִקט. אין שפּיטאָל האָט ער עס גוט אָנגעקוקט. געפונען, אַז עס איז ענלעך צו אַלין, ס׳זעלבע דיקע נעזל, ס׳שפּיצלדיקע גאָמבעלע, העלע הערלעך, בלויע אייגעלעך. איז ער אָוועק אין ראַבינאַט. דעם סעקרעטאַר, זיין פּריינט בערל גאָטהעלף, פאַרטרויט זיינע פאַרדאַכטן און געפרעגט צי ער קאָן באַקומען אַ גט.

דער קליינער, ביי׳כלדיקער סעקרעטאַר האָט אים אויסגעלאַכט: ,,מר זעליק, אייערע חשדות זענען נאָך נישט קיין קאָנקרעטע באַווייזן אויף צו גטן אַ פרוי מיט דריי קינדער. איר האָט עדות ?״

בלית־ברירה האָט ער געמוזט לעבן אין דעם וווינונגל מיט רחלען, וואָס איז נאָך דער קימפּעט געוואָרן פאַרמיקער, שענער, חנעוודיקער. זי האָט אויפגעהערט לייגן אַכט אויף די כּסדרדיקע, צוגעוווינטע פאַרוואורפן, גט־דראָונגען. און די מחלוקתן האָבן זיך פאַרדאָפּלט. ער פלעגט זי באַליי־

דיקן, זידלען. רחל האָט זעלטן־ווען אָפּגעענטפערט. קיין אויסזיכט אויף אַ גט האָט ער נישט געהאַט און דאָס פּײַנלעכע לעבן איז אָנגעגאַנגען.

וואָס מער רחל האָט זיך געפּוצט, באַמיט אויסזען שענער, האָט איר זגראַבנע קערפּערל, פּיסלעך, פּנימל, די רייצנדיקע אייגעלעך אירע אים אויפגעהערט צו רייצן. ער איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, געליטן פון שלאָפ־לאָזיקייט, פון קאָפּ־ווייטאָגן. איז געוואָרן גלײַכגילטיק צו איר פּוצן זיך, צו איר זוימען זיך אין גאַס, ביסלעכווייז זיך אָפּגעוווינט פון באַציונגען מיט איר. ס׳האָבן זיך אין אים געוועקט נייגונגען צו פרעמדע פרויען. ער האָט זיך באַפריינדעט מיט דער רבקהלע, די מכולתניצע, די גרושה פון צוויי מענער. נאָענטע פרײַנד האָבן אים געוואָרנט נישט צו פאַרפּלאָנטערן זיך מיט אַ נײַער צרה. אָבער רבקהלעס גראַציעז קערפּערל, די בלאָנדע, לאַנגע האָר אירע, אַזש ביז אַ העלפט פון איר פּלייצע, די דעקאָלטירטע קליידלעך, דאָס געטאָקטע פּנימל, די גרויסע, תּמיד פריידיקע אויגן, די תּמיד־בלוט־רויט־געשמינקטע ליפּן, אירע מוטיקע רייד צו זעליקן, דאָס פאַרבעטן אים צו זיך האָבן צוריק אויפגעלעבט זעליקס מענלעכע געפילן. שכנים האָבן אָנגעהויבן רכילותן אויף ביידען: „די אַ ריוואַשעלע איז יענער פויגל — זעליק קאָן נאָך בײַ איר ביטער אַרײַנפאַלן. צוליב זײַן ווײַבעלע זוכט ער נעבעך אַ פרײַנדין, צו קילן זײַנע אײַפערזוכטן. רבקהלע וועט אים פאַרפירן, אויסניצן און ווי יענע אירע מענער אויך אים אַוועקשלײַדערן. אַ רחמנות אויף אים, אַ טײַערע נשמה."

רחל האָט פון זעליקס אָפּטע באַזוכן די „פרעכע רבקה" געליטן. מ׳האָט זי באַרעדט, אויסגעמיטן. זי איז געוואָרן פאַרדאַרט, פאַרקוואַרט, בלאַס. זי האָט חרטה געהאַט, פאַרוואָס זי האָט זיך פאַרבונדן מיט אַזאַ טשודאַק, וואָס לעבט תּמיד אין פאַנטאַסטישע וועלטן. איז פאַרקאָכט אין לידלעך, אין באָבע־מעשׂיות וועגן פאַלשע ליבעס, מחלוקתן, גטן אָדער הרגענען. זייער מוטשענדיק צוזאַמענלעבן איז פאַר ביידן געוואָרן אומדערטרעגלעכער, פּײַנלעכער ווי אַ גיהנום. און פון זיך אַליין האָבן זיך די קריגערײַען אײַנגעשטילט. אין דער רויקער צײַט האָט רחל פאַרשוואַנגערט און געבוירן ס׳פּערטע קינד: שולמית.

ט

דב האָט זיך אָפּגערוט. איז אַוועק. אין צוויי טעג אַרום איז ער ווידער געקומען און פאַרגעזעצט לייענען די מעשׂה:

זיי האָבן זיך ביידע ווידער אָנגעהויבן קעגנזײַטיק באַשולדיקן אין

פאַרראַט. געוואָרן ברוגז, זיך איבערגעבעטן און געסקאַנדאַלעוועט. קיינער פון זיי האָט נישט קיין שום פּאַקטישע באַווייַזן, קיין יורידישע מעגלעכקייטן זיך צו גטן. האָבן אויך מורא געהאַט צוריק צו ווערן איינזאַם. הויפּטזאַכלעך האָבן זיי געבונדן די קינדער. ער וואָלט געדאַרפט צאָלן אַלימענטן פאַר די קינדער. דאָס וואָלט באַטראָפן מער ווי זייַנע קאַרגע פאַרדינסטן. רחל ווידער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זי באַשמוצן. אַפילו באַשרייַבן זייער אומגליקלעך צוזאַמענלעבן. דאָס וועט רויִנירן די קינדערס צוקונפט אויך. נישט געגלייבט, אַז ער וועט האָבן די מעגלעכקייטן צו העלפן באַשפייַזן די קינדער. האָבן ביידע געמוזט פייַנפול לעבן אין איין דירה, ווו ס׳האָט רוב צייַט געהערשט טרויער, פאַרדאַכט, אָמפּערייַען.

דאָס אָפטע זייַן אויפגערעגט, געשפּאַנט, אַרייַנטראַכטן אין פאַררעטע־רישע פאַרדאַכטן, האָט זעליקן מער געשאַדט ווי רחל׳ען, וואָס האָט געהאַט דערפאָלג, געהערט קאָמפּלימענטן פון יונגעלייט, מיט אַלין זיך אָפט געטראָפן. זעליק האָט אָנגעהויבן לייַדן פון הארצשוואַכקייטן און איינמאָל קומענדיק פון אַרבעט אין אַ פּרדס, האָט ער זיך געלייגט אויף דער סאָפע. געשעפּטשעט, אַז ס׳האַרץ טוט אים וויי. ער פילט אַ פּרעסונג אין ברוסטקאַסטן, ווייטיקן אין לינקן אָרעם. איז געוועזן בלאַס ווי קרייַד. דער גערופענער קופּת־חולים־דאָקטאָר האָט באַפוילן אים תיכף אָפּפירן אין שפּיטאָל אַרייַן. איז אַ היים געקומען אַ קראַנקער. מער נישט געקענט אַרבעטן שווער און קיין לייַכטע אַרבעט האָט ער נישט באַקומען. די געברויכן אין שטוב זענען געוואַקסן. ער האָט אויסגעזוכט לייַכטערע, פיזישע אַרבעטן, בייַ וועלכע ר׳האָט קנאַפּ פאַרדינט. זייַן האַרץ האָט געצערט פון דעם שווערן, פינאַנסיעלן מצב אין שטוב. געלעבט איינזאַם. נישט מער געהאַט קיין געדולד צו לייענען. קוים פון ראַדיאָ געהערט די טרויעריקע טאָג־נייעסן, וואָס האָבן אים, דעם טרייַען, אידעיִש־סאָציאַליס־טישן ציוניסט, פאַרדאַגהט, פאַרזאָרגט. און אין איינעם אַ פרייטיק־צו נאַכט, ווידער באַקומען אַ האַרץ־אָנגריף, אין שפּיטאָל אָפּגעלעגן אַ וואָך־צוויי און אויסגעהויכט זייַן לייַדנדיקע נשמה.

*

צוליב די פיר קינדער האָט רחל מער נישט געקאָנט, אויך נישט געוואָלט חתונה האָבן. שווער געאַרבעט בייַ הויז־ווירטשאַפט אין פאַרשידענע שטובן. זיך געמאַטערט און אויסגעהאָדעוועט אַלע קינדער. זיי חתונה געמאַכט און געבליבן אַליין. די קינדער האָבן געוווּסט, אַז די מאַמע איז שולדיק אין טאַטנס קראַנקייט און אין זייַן פריצייטיקן טויט. נישט געוואָלט

זי נעמען צו זיך. מורא געהאַט פאַר אינטריגעס. זי וועט זיך מישן אין זייער משפחה־לעבן, פאַראורזאַכן מחלוקתן.

רחלס זײַן שטענדיק אַליין האָט צעשטרײַט אירע נערוון. זי האָט כסדר געלעבט אין שרעק, אַז מ׳וועט זי באַפאַלן, דערהרגענען, דערפון אָפט געשמועסט מיט איר נאָענטסטער חברטע, גיטל וואַסערמאַן, וואָס זי האָט לעצטנס באַקענט. אויך זי איז געוואָרן אַן אַלמנה און געליטן פון ענלעכע צרות. האָבן ביידע באַשלאָסן זיך פאַרשרײַבן אין דעם אַלטנהיים: „שערי מנשה״.

★

דב האָט צוזאַמענגעלייגט די בלעטלעך און צום ברודער געזאָגט:

„אויב ס׳אינטערעסירט דיך דער סוף פון דער מעשׂה, קאָן איך מאָרגן קומען און דיר איבערלייענען רחלס טראַגישן סוף״.

י. זקון האָט אַרײַנגעקוקט אין דבס איבערגעלאָזטע בלעטלעך. ביז צווי בײַנאַכט זיי געלייענט. ער איז געוואָרן באַטריבט און זייער מיד. טראָץ די שפעטע נאַכט־שעהען און זײַן אויסגעשעפטקייט, האָט ער אַראָפּגענומען די כלים מיט עסן־שיריים. זיי געשטעלט אין אײַזקעסטל, ס׳ליידיקע געשיר: טעלערס, לעפל, גאָפל, מעסערס געשטעלט אין קרעדענסל. זיך אָנגעלענט. געלעגן וואָך ביז דער פאַר באַגינען האָט געגרויט און באַלד זוניק אַרײַנגעגאָלדיקט דורך די לעכלעך פון די פאַרמאַכטע פענצטער־לאָדנס. דאַן האָט ער אײַנגעדרימלט. ער האָט איבערגעחלומט די פּאַסירונגען פון דער געהערטער און טיילווײַז געלייענטער מעשׂה. די עפּיזאָדן האָט ער איבערגעלעבט, גלײַך ס׳וואָלט מיט אים אַליין דאָס אַלץ געשען.

דריטער טייל

א

אין געציילטע טעג אַרום, האָט י. זקון דערזען דבן זיצן בײַם שרײַבטיש. ער איז געווען אויפגעלייגט. אַפילו געלאַכט. זקון האָט אין שפּיגל געזען ווי דב איז אָנגעטאָן פונקט ווי ער: אין אַ טונקל טוכענעם אָנצוג, אין אַ שוואַרצן, ברייט־ראַנדיקן קאַפעליוש, אַ ווײַס העמד, אַ שוואַרץ שניפּסל. זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט די בליקן. ביידע האָבן אויסגעטאָן די הוטן, זיך אויסגעדרייט.

„דוביק, ווילסט פאַרזעצן לייענען, איז אָן צערמאָניעס און אָן שאלות ותשובות. נעם די בלעטלעך און יאַללאַ!"

ער האָט דעם המשך פון דער מעשה „די לעצטע היים" פאַמעלעך געלייענט: „ערב ראש השנה, תשמ"ג. דער צעגליטער סוף־טאָג האָט קוים, קוים געאָטעמט. דער חמסינדיקער דרויסן האָט לײַכטווינטלדיק צעבלאָזן פאַרשטויבטע גרעזלעך, געטריקנטע צווײַגלעך מיט נאָך פײַכטקייט־גאַרנדיקע, זאַמדיק־פאַרקאַרזשעטע בלעטלעך. מאַטקאַלירנדיקע, אָפּ־געבליאַקעוועטע בלימעלעך מיט פאַרחלשט־געבויגענע קעפּלעך צו דער אויסגעטרוקנטער, צעשפּאָלטענער חמרה־ערד, האָבן קוים־קוים וויברירט, אויסגעשטרעקט אָפענע, דאַרשטיקע מײַלעכלעך, גאַרנדיקע נאָך אַ טראָפּן וואַסער. זיי האָבן אויסגעזען, בעטנדיקע בײַ זייערע נאָך עטוואָס־באַנעצטע וואָרצלען, זיי זאָלן כאָטש לײַכט פײַכטלען זײַערע פאַרשמאַכטע, לעכצנדיקע שטענגלעך. דער אַרומיקער האָריזאָנט איז געווען גרוי־רויכיק, נעפּלדיק, צעפּאַרעט פון דעם געטרוקנטן באָדן, צעגליט פון דער לײַכט־פאַרשטעלטער זון, פון פאַרוואָלקנטן הימל. אין דעם יאָר זענען די סעפּטעמבער־טעג און נעכט געווען אויסנעמלעך הייסע, דעמפּיקע, שטיקנדיקע. מענטשן זענען שעהען לאַנג געווען אין שטובן, חיות און שרצים — אונטער ביימער. זייערע צעהיצטע, שווייסיקע קערפּערס געקילט אין טײַכלעך און אין ים. די לופט איז ממש געווען פײַערדיק, גלײַך די וועלט ווערט ווידער שרפהדיק געמבולט.

אין רחל פיינשטיינס דרײַ פאַרטער־צימערלעך זענען די טירן און די לאָדנס געווען פאַרמאַכט. אַ פאַרמאַטערטע, אָפּגעשוואַכטע פון היץ, אַ ביסל אַרבעטן בײַם צורוימען, קאָכן, באַקן, איז זי געלעגן אויף דער רויטער, פליושענער סאָפע, נעבן דער צפונדיקער סאַלאָן־וואַנט, וואָס אַ העלפט אירע איז געווען אַרומגעקלאָפּט מיט געלע, ברוינלעך־געשפּריצטע, פלאַסטיק־לײַסטלעך אין די אויבערשטע טייל — בעזש־קאַליריק געגיפּסט. די וואַנט זענען געווען באַהאַנגען מיט פאָטאָס פון יונגע, שיינע, פריילעכע טעכטער, בן־יחיד, אייניקלעך, אַ פאַרשטויבט חתונה־בילדל מיטן געשטאָרבענעם זעליק טראַכטמאַן, און גרויסע רעפּראָדוקציע בילדער: אויף אַ פּוסט פעלד צוויי געבויגענע, בלעטערלאָזע, שיטער־באַצווײַגטע ביימעלעך, איבער זיי אַ שנייִק־וואָלקנדיקער הימל. אַ ביסל ווײַטלעך טונקעלע פעלדזן, שטעטלדיקע הײַזלעך מיט אָפּגעבראָכענע פענצטערלעך, קרום־הענגענדיקע טירלעך, לאָדנלעך. דערנעבן איז געהאָנגען אַ קליין פאַרביק געמעלעכל מיט אַ באַזוניקט, גרין פאַרביק באַבלומטער לאַנדשאַפט.

אויף אַן אויסלייג־שטול זיצט אַ יונג, בלאָנד, שמייכלענדיק מיידל און אירע נאַקעטע, פאַרטונקלטע גלידער ברוינען אין זון־שטראַלן. ס׳זענען אויך געהאָנגען צייכענונגען פון בעטהאָוון, שעקספּיר, שלום עליכם, י. ל. פּרץ, שלום אַש, און איציק מאַנגער. די פּאַטאָס און נאַכקאָפּירטע בילדער זענען געווען געראַמלט אין ברוינע, אין שוואַרצע, באַגאָלדיקטע לייסטלעך.

רחל האָט מיט דער רעכטער האַנט לייכט באַוועגט אַ רויטן פּעכער. עטוואָס געקילט איר געל, טיף געפאַלדעוועט, שווייסיק פּנים. אין דער לינקער, ציטערדיקער דלאָניע האָט זי געהאַלטן אַן אויפגעמישט, האַלב־צעשיטן, געל־בלעטערדיקן ראש־השנה־מחזור. דורך פאַרגרעסער־ברילן אַרײַנגעבליקט. שטיל, קרעכצנדיק, ניגונדיק, צום צווייטן מאָל געלייענט די „דינים פון ליכטצינדן בשבת וביום־טוב, אין וועמענס זכות, מ׳ועט זוכה זײַן צו האָבן בנים״, האָט צוגעזאָגט: „אויך בני־בנים״, „תלמידי חכמים, וואָס וועלן גיין אין גאָטס וועגן, זייערע אויגן זאָלן לײַכטן אין דער ליבער, הייליקער תּורה״. נאָך יעדן פּסוק געזיפצט. געווישט פאַרטרערטע אויגן, זיך אָפּגערוט. געהויבן דעם קאָפּ, פאַרבונדן מיט אַ ווײַס טיכל. זי האָט נערוועז געבלעטערט, געזוכט דעם הונדערט דאָלאַר־באַנקנאָט. אים באַטאַפּט — זיך באַרויקט. באַמערקט אויפן האַנט־זייגערל, אַז ס׳איז שוין צווי נאָכמיטאָג, איז אַראָפּ. אַ געבויגענע צוגעקראָכן צום וואַנט־לוח נעבן זעליקס בילד, אין עסווינקל. געמורמלט: „אַהאַ, מ׳צינדט ליכט 5.18״.

זי האָט די הענט פאַרלייגט אויפן רוקן. געטריטלט אין די צוגערייניקטע חדרים. נאָך עטלעכע שריט געמוזט זיך אָפּשטעלן. דאָס צוגרייטן געבעקסן, געריכטן און דאָס פּוצן האָבן פאַרמאַטערט איר דיק לייב, מיט די אַראָפּגעהאָנגענע שטיקער פלייש, וואָס האָבן מער נישט געהאַט קיין כּוח זיך צו האַלטן אויף אירע שוואַכע ביינער. זי האָט שווערלעך געאָטעמט, געהוסט און אַ צופרידענע צו זיך געזאָגט: „אין בית־זקנים איז דער טאָג ווי אַ יאָר. נאָר הײַנט איז די צײַט שנעל פאַרבײַ. אין אַלטנהיים איז מיר טאָקע לײַכטער, כ׳באַקום אַלץ גרייט. אָבער די לאַנגווײַליקייט, דאָס פּוסט און פּאַסטעווען איז גאָר נישט קיין וואָזשנע מציאה״. צוליב וואָס איז זי אַהיים געקומען?

רחל לעבט שוין אין בית־אבות נײַן חדשים און קאָן זיך אַלץ נישט צופּאַסן צו די מאָדנע פאַראָרדענונגען, צו די סטאַנדאַרטע עסנס. צום אַרומדרייען זיך לײדיק. אין די ערשטע וואָכן איז זי געווען אַ ביסל צופרידן צוליבן איבערגיין פון איינזאַמקייט צו זײַן תּמיד אין געזעלשאַפט. אייניקע שעה אין טאָג איז זי געווען באַשעפטיקט בײַם נייען, שטריקן,

שפילן אין קאָרטן, בינגאָ, לערנען תנ״ך, הערן רעפעראַטן וועגן פאַרשידענע טעמעס. כאָטש זי האָט זייער ווייניק פאַרשטאַנען די פירושים פון לעקטאָר, ברוך בערקאָוויטש. איז זי דאָך יעדעס מאָל געקומען אין לערן־צימערל. אויפמערקזאַם, קאָנצענטרירט געזעסן אין דער ערשטער ריי. מיט דרך־ארץ, הנאהדיק געקוקט אויפן רעדנערס ראָזלעכע בעקלעך, פינקלענדיקע, בלויע אויגן. שנייווייַסער פאָלקע. אויך אירע אַ ביסל טויבלעכע אויערן האָבן איר געשטערט פאַרשטיין ס׳רוב קנאָפּ־געהערטע ווערטער. האָט זי די געהערטע טייל אומלאָגישע זאַצן, פאַר איר פרעמדע פאַרצייכנט אין אַ העפטל. אָפטמאָל האָט זיך איר געדאַכט: ס׳איז שבת, זי הערט זעליקס פאַרטייַטשן איר איציק מאַנגערס אַ באַלאַדע אָדער י. ל. פרץ׳ס אַ „פאָלקסטימלעך מעשׂהלע״. די אָ באַשעפטיקונגען האָבן זי עטוואָס געמונטערט. דאָס האָט אָבער געדויערט בלויז אַ קורצע צייַט. ביסלעכווייַז האָט זי אויפגעהערט קומען אויף די קולטור און שפּיל־צוזאַמענטרעפונגען. זיך נישט געפילט גוט, בעת די שמועסן נאָך די רעפעראַטן, אין וועלכע זי האָט נישט געקענט אָנטייל נעמען. אויך נישט געליטן צו הערן רכילותן פון לעבעדיקע און טויטע, מעגלעך גאָר מורא געהאַט, אַז די פליאַטקע־מאַכערינס וועלן אויך זי נעמען אין די מייַלער. ביסלעווייז אויפגעהערט אָנטייל נעמען אין די צייַט־פאַרטרייַבערישע לעקציעס, שפּילערייען, מלאָכהס. די טאָגטעגלעכע לײדיק־גייערייַ, די כמעט אָפּגעזונדערטקייט איז איר געוואָרן באַלעסטנדיק, מיאוס און אומדערטרעגלעך. אין שעהען פון צווישן די מאָלצייטן פלעגט זי שפּאַצירן אין גערנטדל. געשטריקט, געלייענט צייַטונגען, געבליקט אויף ראָמאַנטישע פאָטאָס אין „לאשה״־זשורנאַל. אין שידוכים־אַנאָנסן געזוכט אַ „פאַסיקן מאַן״. פאַרצייכנט פראָדוקטן צו קוכנס, שפּייַזן, קאָפּירט מאָדעלן אויסצושטריקן טישטעכלעך. אַממייַנסטנס קנאהדיק געקוקט אויף פאָטאָגראַפירטע, רייצנדיקע יונגע מאָדעל־מיידלעך, קאַנדידאַטקעס צו שיינהייט־קעניגינס. גאָר גערן געקוקט אויף מאָדערנע קליידלעך, אויסגעפּאַסטע אויף עלאַסטיש־בייגעוודיקע, זוניק־פאַרברוינטע דעקאָלטירטע פרויען־קערפּערס. דערבייַ טיף געזיפצט, באַדויערט, וואָס איר אַמאָליק, יונג, פרעכטיק לייַב איז אַזוי ווייניק געוואָרן געשאַצט און אויסגענוצט. איר יוגנט האָט זי סתם געפּטרט אויף אַ זעליק. דעם תמידיקן טרוימער און טראַכטער. מיט אים זעלטן פאַרברענגט, ס׳רוב צייַט אַרומגעקריגט. דאָס האָט איןביידע אָפּגעטעמפּט די לוסטן.

איר ווערן אָפּגעזונדערט פון דער אַלטער געזעלשאַפט, האָט גורם געווען, אַז די זקנטעס זאָלן אָנהייבן זי „באַאַרבעטן״. זי האָט דאָס געפילט

און כּמעט אויפגעהערט מיט ווען צו שמועסן. אַפילו אין עסזאַל געזוכט ערטער ביי זייטיקע, קליינע טישלעך תּמיד מיט מענער. דאָרט געזעסן שטיל. איילעוודיק אָפּגעגעסן, געזאָגט „שלום" און איז אַוועק.

פאַר די קלוגעטשקע איז רחלס אויפפירונג געוואָרן פּאַרדעכטיקט. מ׳האָט זי באַרעדט: „קוקטס זי נאָר אָן, ווי דאָס פּגרט נאָך אַ שטיקל מאַן" — „איז כּסדר אַנדולירט, באַמאָלעוועט, באַשמינקט, באַשמעקט, פּוצט זיך אויס אין רעשיק-פאַרביקע קליידער, ווי אַ בחורטע, צום האָבן" — „האָט נאָך חשק אַריינצוכאַפּן אַ שטיקל מאַן און מיט אים חתונה האָבן" — „אוי, כ׳לעבן נישטאָ פון וועמען צו רעדן" — „מ׳רעדט, אַז זי איז געוועזן יענע נקבה. אַרומגערודערט און דעם מאַן, אַן איידל מענטשל, געמאַכט יונגערהייט דעם טויט".

נישט אַלע שטעכווערטלעך האָט רחל זיך דערוווּסט פון עצה-געבערס און פון עפּעס וואָס, דרך־אַגבדיק געהערטע שטיקלעך זאַצן, וואָס די ווייבער האָבן הויך גערעדט בעת זי איז זיי פאַרביי־געגאַנגען. זעלטן ווען באַמערקט שפּאָטישע מינעס, נאָכקרימערייען, בעת די כאַכאָטנשדיקע זקנטעס האָבן זיך דווקא געזעצט אויף אַ באַנק אַנטקעגן איר. זי האָט זיך באַרויקנדיק געטרייסט, אַז מען מיינט נישט זי. אַז זי האָט בפירוש געהערט אַ שטאָכווערטל, האָט זי געטראַכט: „וואָס, אַ שטייגער, ווייסן זיי פון מיר?" ס׳רוב האָט זי, אויבנאויפיק זיך נישט געמאַכט ווויסנדיק, האָט די פליאָטקערינס אויסגעמיטן. אין גאָרטן, אין לייענזאַל, קאָרידאָרן, עסזאַל און אומעטום פלעגט זי זוכן זייטיקע ערטער. איז גליַיכגילטיק פאַרביי די לשון הרעניצעס. אַז ווייבער האָבן דווקא זיך געזעצט נאָענט צו איר, האָט זי מכלומרשט מיטגעשמייכלט, גלייך מ׳רעדט גאָרנישט פון איר. אַז פריינדינס האָבן רחלען דערציילט מ׳באַפּלאַקעוועט זי, האָט רחל די רכילותניצעס מבטל געמאַכט און נאָכמער באַמיט זיי אויסצומיידן. אין זוניקע ווינטער־טעג איז זי שעהען געזעסן אין גאָרטן, אויף די גרינבאַמאָלעוועטע בענק, הנאָהדיק געוואָרעמט די ביינער, געלינדערט אירע רעוומאַטישע און סינאָסיטישע נאָז־און שטערן־מאַטערנישן. אין זומערטעג שוין געהאַט איר חזקה־אָרט, אונטער אַ ברייט־צעצווייגטן, געדיכט־באַבלעטערטן בוים. דאָרט פלעגט זי שטריקן, לייענען אילוסטרירטע מאָדע־זשורנאַלן. געקוקט אויף פאָטאָגראַפירטע פאַרליבטע פּאָרלעך. אַז ס׳איז איר געוואָרן דערעסן, איז זי צוריק אַריין אין שמאָלן קאָרידאָרל, איילִיק פאַרביי, נישט געקוקט אויף די כּמעט סטאַבילע, דאָרט זיצנדיקע, קוים־באַוועגלעכע ווייבער מיט די וויַיס-באַהאָרטע קעפּ, מאַטע אויגן, סתּמיקע בליקן. זיי האָבן

ביַי איר אויסגעזען, ווי אַ געמאָלן בילד, וואָס האָט דערגענצט דעם איבער זיי אויפֿן שאָרע ווענטל, הענגענדיקן פּייזאַזש. דאָרט איז געווען פּאַרביק־קינסטלעריש געצייכנט אַ סתמיקע לאַנדשאַפֿט, אַן איַינגעבויגן סאָסנע־ביימל מיט אויסגעקרומטע, פֿאַרשנייטע צווײַגן. פֿון מערבֿ־ווינקל האָט פֿון פֿאַרכמאַרעטן הימל זיך אַרויסגעזען אַ שטיקל געל־אונטערגייענדיקע זון, וואָס האָט נאָך עפּעס געליכטיקט דעם פֿאַרגייענדיקן טאָג. אַז זי איז געווען זיכער, אַז זיי קוקן אויף איר שפּאָטיש, פֿלעגט זי שעפּטשען: „רבונו של עולם, כ׳בין זיי מוחל. זיי האָבן דאָך שוין נישט קיין שכל. די גאַנצע שטאָט אויף זייערע פּוסטע קעפּ”.

רחל האָט אומגעדולדיק געוואָרט אויף די יומטובֿים. פּלאַנירט אַ היים גיין פֿאַר ראש השנה. נישט זײַן מיט די רכילותניצעס.

און אין דעם ערבֿ יומטובֿ זיך אין שטוב אָפּגעמאַטערט. אַ מידע געלעגן, זיך געדרייט אין אירע צימערלעך. איז אַרײַן אין סאַלאָן. צום מאַנס בילד געשאָקלט מיטן קאָפּ באַדויערנדיק. צו אים געטענהט: „זיך און מיך תּמיד געיאָדעט. צוליב דעם קראַנק געוואָרן. בין איך אַן אַלמנה. אַלע באַרעדן מיך. קיינער נעמט זיך נישט אָן פֿאַר מיר. כ׳האָב שטענדיק געמיינט, אַז דו ביסט אַ גרויסער חכם, האָסטו מיך גאָר באַרעדט פֿאַר די קינדער, פֿאַר די חבֿרים, פֿרײַנט. זענען זיך די קינדער צעפֿאָרן אין אַלע עקן לאַנד. קיינער עפֿנט נישט די טיר און איך מוז דאָ סטענקען אַליין, ווי אַ שטיין”.

איז צוגעקראָכן צום בעטל. זיך אָנגעלענט. געגנענטערט אַן אַלטן, אילוסטרירטן זשורנאַל. שוין צום ווילפֿסטן מאָל באַקוקט, באַקאַנטע קליידלעך, פֿאַרביקע אונטערוועש, לעטשלעך, באָד־קאָסטיומען אויף יונגע, שלאַנקע, צעשטראַלטע פֿרויען. געלייענט וועגן זינד־רכילותן אין אַרטיסטישן שפּיל־וועלטל, פֿון מיליאָנערישע שווינדלערס, קבלנים, אינדוסטריעלער, אויסגעוויילטע פֿאַרשטייערס אין די באַרימטע אינסטיטוציעס. איז געלעגן פֿאַרוועבט אין פֿאַנטאַזיעס. בעתן הערן דעם זייגער קלינגען דרײַ, האָט זי אָוועקגעלייגט די אַ אַלע אַלטע בלעטלעך און זיך ווידער געדרייט אין די אַ ביסל צוגערוימטע צימערלעך. צופֿרידן געקוקט אויף דער כמעט נײַער סאָפֿע מיט די קאָלירקע קישעלעך; אויף די אין ווינקלעך־צעשטעלטע בלומענטעפּ מיט צוואָקסענע, גרינע בלעטער, וועלכע זי איז צווימאָל אין וואָך געקומען זיי באַוואַסערן. הנאהדיק געקוקט אויף די אויסגעפּוצטע זשיראַנדאָלן מיט באָרדאָ און גרינע אַבאַזשורן, אויף דער קאָלירקער

טעלעוויזיע, אויפֿן גרויסן בופֿעט, באַשטעלט מיט סערוויזן, פֿלעשלעך, פּודעלעך מיט קאָסמעטישע זאַלבן, זייפֿן, ספּרעי, שמינקעס, פּאַרפֿומען. איז אַרײַן אין קיך. פֿאַרגעניגנדיק געקוקט אויף גלעזערנע טרונק־סערוויסלעך, עסטעטיש־צעשטעלטע אויפֿן ראָזן פֿאָרמײַקע־קרעדענסל.

זי איז צוגעגאַנגען צום קיכל. אויפֿגעדעקט די רויט־ווײַס־געבלומטע טעפּ, פּאָטעלנעס. אין זיך אַרײַנגעאָטעמט די אַפּעטיט־רייצנדיקע ריחות פֿון געקאָכטע, געדעמפּטע, געפּרעגלטע מאַכלים. „גאָט צו דאַנקען ווי אַלע באַלעבאָסטעס, ווי יעדעס יאָר, אַליין געקויפֿט פּראָדוקטן, אַליין געבאָקן, געקאָכט, געבראָטן. אַפֿילו מיט די לעצטע כּוחות צוגערוימט די צימערן". האָט פֿאַרזוכט די טעמים פֿון דער פֿלײשזופּ, פֿון די צוקער־באָנען, פֿון די זיס־זויער געקאָכטע פֿיש, מייערן־צימעס מיט ראָזשינקעס, געבאַקענע קאַרטאָפֿל, אויף זיי פּענעצלעך פּאָמידאָרן צווישן פּערטלען געבראָטענע עופֿות, אײַנגעדעמפּט פּענעצן רינד־פֿלייש. געעפֿנט דעם אײַזקאַסטן, באַקוקט די רויטע עפּל, די זאַפֿטיקע באַרנעס די גרויסע ברוינע פֿלוימען, גרינע און טונקעלע ווײַנטרויבן, גרינוואַרג, אייער, האַרטע און ווייכע קעזן, מילכוואַרג און אַ בעקן מיט עפּלקוכן, באַשיט מיט שומשום. „אַזוי פֿיל אָנגעגרייט. די אויגן זענען גרויס. פֿאַר וועמען? די קינדער זענען דאָך ברוגז. זיי גליבן, אַז כ'בין שולדיק אין טאַטנס טויט", געטראַכט. דאָך האָט אין איר געטליעט אַ האָפֿענונגל: אפֿשר וועט אורה זיך מרחם זײַן, קומען מיט די קינדער זיך איבערבעטן מיט דער איינזאַמער נידערגעשלאָגענער מאַמע. צוליב דעם אָ פּונק בטחון האָט זי אָנגעגרייט אַזויפֿיל שפּײַזן און באַלד געצווייפֿלט: „היינטיקע קינדער זענען עגאָיִסטן. גיב זיי כּסדר, וועלן זיי קומען. ווילן דאָך די דירה מיט די אָפּשפּאָרונגען אין די בענק". די ספֿקות אויסגעטײַטשט: זינט אורה מיט דער שנור, שושנה, האָבן אין דריטן חנוכּהטאָג, זי באַזוכט אין אַלטנהיים, געגעבן איר צו פֿאַרשטיין, אַז די דירה מיטן געלט געהערן טאַקע צו איר, ווי לאַנג זי לעבט. נאָר זיי ווילן בלויז, אַז נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר, און קיין מענטש לעבט דאָך נישט אייביק, זאָל זי פֿריער בײַ אַן אַדוואָקאַט איבערשרײַבן די דירה אויף די קינדערס נאָמען. רחלס אויפֿקלערן, אַז ס'געלט דאַרף זי אויף אַ קרקע מיט אַ מצבה און די דירה וועט זי אפֿשר דאַרפֿן פֿאַרקויפֿן צו באַצאָלן אין בית־אָבות, האָבן זיי זי אויסגעלאַכט. איר געעצהט: „פֿאַר אַזעלכע נאַרישקייטן דאַרף מען נישט זאָרגן". דאָס איז זייער זאַך. צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן אַלץ באַצאָלן. דערווײַל דאַרף זי נישט די דירה און נישט דאָס געלט. איר געווונטשן, זי זאָל זײַן געזונט און לאַנג לעבן. רחלס

דאַמאָלסדיקער קאַטעגאָרישער אָפּזאָג איז דער גורם פון זייער ברוגז. פון דאַמאָלס אָן זעט זי נישט די קינדער מיט די אייניקלעך.

איז זי געקראָכן פון איין צימערל אין צווייטן. געטראַכט וועגן איר אַלמנהשער איינזאַמקייט. האָט דערפילט אַ לײַכטע קלעמונג אין האַרצגריבל, געעפנט ס׳קיך־פענצטער, אַרײַנגעאָטעמט גלײַכע אָבער דאָך פרישע לופט, וואָס האָט געלינדערט די ווייטיקדיקע פרעסונג. איז אַרויס אויפן באַלקאָנדל. געפילט עטוואָס כּוחותדיקער. „געלויבט זײַן ליבן נאָמען, ס׳איז געווען אַ קליין אַטאַקעלע״, צופרידן געזאָגט. זיך געזעצט אויף דער לענשטול. נאָך אַ ביסל רוען איז זי אַרײַן אין שלאָפצימער. פון דער בעזש־פּאָרנירטער שאַנק אַרויסגענומען אַ בלוילעך, מיט באָרדאָ־בלומען־אויסגעהאָפטן טישטעך. דערמיט פאַרדעקט דעם העלן טיש אין עסווינקל, אַנטקעגן זעליקס בילד. אויבן אָן געלייגט צוויי אַלײנגעבאַקענע געפלאָכטענע חלות, איבער־געדעקט מיט אַ שטײַפקראָכמאַליעט טישטעכל, אין עקן אויסגעהאָפטענע גרינע שטענגעלעך, ראָזע, רויטלעכע בלימעלעך. אין מיטן רויטפּאָדעמדיקע ווערטער: „שבת־קודש״. פאַר דעם געשטעלט צוויי זילבערנע לײַכטערס, אין זיי אַרײַנגעשטעלט רויטע, געפלאָכטענע ליכט. דערנעבן אַ פלאַש „יין נצחון״, גלעזלעך פאַר זיך, קינדער, אייניקלעך. זינט די קינדער זענען ברוגז איז רחל זיך אַזוי נוהג (אויב זי קומט אין שטוב) אין ערב שבתים, אין יומטובים צו האָפן, אַז זיי וועלן קומען. אַז קיינער קומט נישט, ווישט זי די באַטרערטע אויגן אירע און עסט טרויעריק אַליין. ס׳טרעפט אָפט, זי צעכליפּעט זיך. די ליידיקע טעלערס לייגט צונויף און איר טעלערל עסן מיט אין אים אַרײַנגטריפטע טרערן שטעלט זי צוריק אין אײַזקעסטל. פאַרדעקט די חלות און אַן אָנגעווייטיקטע דרייט זי זיך אין צימער אַ פאַרטראַכטע, אַ געפּײַניקטע פון חרטה־געדאַנקען.

בשעתן גרייטן איצט צום טיש, האָט זי זיך פאַרגאַפּיעט אין זעליקס פּנים. „זעליק, זאָלסט דאָרט זיך מיען פאַר די קינדער, פאַר די אייניקלעך. זיי האָבן מיך פאַרלאָזט. איך בין זיי מוחל. זיי זענען יונג, האָבן ווייניק שכל און נסיון. געראָטן נישט אַרײַן אין מײַן טאַטן. אין דער אמתן דאַרף איך שוין גאָרנישט. וועל נישט אויסגיין פאַר הונגער. וועל אַפילו נישט אויסנוצן אַ העלפט וואָס דו האָסט אָנגעטשילעט פון דײַנע קאַרגע פאַרדינסטן. האָסט זיך, נעבעך, קיינמאָל נישט געוואָלט קויפן קיין נײַ מלבוש. בלויז געזאָרגט די אָפּשפּאָרונגען זאָלן וואַקסן. אָבער ווייסט דאָך, די אויגן זענען גרויס, ווילן אײַנשלינגען די גאַנצע וועלט. אפשר געטאָן אַ פעלער. געדאַרפט חנוכּה זיך לאָזן צורעדן פון אורהן און שושנה,

איבערשרײַבן די דירה אויף די קינדערס נאָמען. כ׳בין דאָך סײַ ווי אין בית־זקנים. פאַרן געלט וויל איך מיר קויפן אַ קרקע מיט אַ מצבה, בעט, זעליק, זיי זאָלן האָבן אַ בעסער לעבן, ווי מיר. אין די יונגע יאָרן האָבן מיר ביידע נישט געהאַט קיין שכל, ווי אַזוי צו לעבן צופרידן. אפשר בין איך די שולדיקע. האָסט מיך אויפגערעגט. כ׳בין געוואָרן צעמישט. נישט געוווסט, וואָס כ׳טו. געמיינט ס׳וועט מיר זיין בעסער אָן דיר און איצט זע איך, אַז ס׳איז ביטער ווי דער טויט צו זײַן אַליין". רחל איז געוואָרן דערשראָקן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז ס׳בילד ברייטערט זיך, ווערט רירעוודיק. זעליק קוקט אויף איר צאָרנדיק. ווי תּמיד נאָכן פאַרענטפערן זיך, איז זי אויך דאָסמאָל אַרײַן אין קיך. נישט געוואָלט הערן זײַנע בעסיקע פאַרוואָרפן. האָט געמיינט זי הערט זײַנע געשרייען: „צבועק! וויפל פנימער האָסטו? ! האָסט מיך פאַרגיפט!". זי האָט מיט פינגער פאַרשטאָפּט די אויערן. געוויינט. געזיפצט: „דער קאָפּ וועט מיר נאָך ווערן צעפּלאַצט". קוים, קוים אַרײַנגעקראָכן אין עסווינקל. זיך באַמיט מער נישט צו קוקן אויפן בילד. זיך צעהעשעט: „אויף דער עלטער וועל איך נאָך דאַרפן פוילן אין תּפיסה". אַ קרעכצנדיקע געענדיקט סערווירן דעם טיש: גרעסערע, אויף זיי קלענערע טעלערלעך, דערנעבן גרעסערע און קלענערע לעפעלעך, גאָפּלען, מעסערס. זיי פּינקטלעך צעלייגט אויפן טישראַנד. אירע אויגן, געטיפטע אין אויפגעלאָפענע רויטלעך־בלווילעכע וויעס, האָבן זיך אויף ס׳נײַ פייכטלעך צעגלאַנצט. פון רעכטן אויג האָט זיך אַ טרער געקײַקלט איבערן געלן, צעקנייטשן פּנים, אַרײַנגעטריפט אין איר אויבערשטן טעלער. מיטן עק טישסערוועט געווישט די נאַסלעכע אויגן. איז אַרויס. זיך געדרייט אויפן הייפּל. געבורטשעט: האָב געלעבט ווי אַ נאַר. געלאָזט זיך אָנרעדן פון יצר־הרע. זעליקן גענאַרט. יאָ, בין געוועזן זײַן מלאך־המוות. וועל זיך דאָס קיינמאָל נישט שענקען. נישט געאַנט, אַז ס׳איז ביטער ווי גאַל אויף דער עלטער צו זײַן איינזאַם. דער שכל איז אַ קריכער. איצט פאַרשטיי איך אַ ביסל. אָבער ס׳איז שוין צו שפּעט".

די דעמפּיקע לופט האָט געהיצט איר דיקן, פעטן קערפּער. געשטיקט איר קורצן אָטעם. איבער די איבערגעוירענע באַקן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעגאָסן אויפן רויטלעכן, גווידערדיקן האַלדז און אויסגעזען, ווי געפּלאַצטע באַלאָנדלעך, זענען געגרונען שווייס, טרערן. האָט עטלעכע שריט געשפּאַנט צווישן ווילד־אָנגעוואַקסענע בלומען־שטענגלעך און פאַרטריקנטע גראָזן. כאָטש זי האָט געפּלעגט דעם גאָרטן, האָט זי מער קיין כּוח נישט

געהאַט, נאָר צו באַארבעטן עטלעכעביימלעך נעבן פענצטער. זי האָט דערפילט קאָפּ־ווייעניש, איבלדיקייט. זיך געזעצט אויף אַן אַלט בענקל מיט וואַקלדיקע פיסלעך. ווידער דערפילט אַ לײַכטערונג. טיף געאָטעמט. געדמיונט: „אַזוי איינע אַליין וועל איך אויסגיין, ווי אַן אויסגעברענט ליכט. קיינער וועט נישט וויסן" זי איז צוגעקראָכן צום שטעכיק־דראָטנדיק פּאַרקנדל, וואָס איר הייפל גרענעצט אָפּ פון אַ צעגרינט, דופּטיק־באַבלומט, מיט פלוימען, עפּל און גרעפּפרוכט באַביימערטן הויף. געקוקט אויף דער צווייִשטאָקיקער ווילע, אַרומגערינגלט מיט שמעקנדיקע, ווײַסע און רויטע רויזלעך, פינקלענדיק באַנעצטע פון דרייענדיקן וואַסער־שפּריצער. נישט פאַרגינענדיק געקוקט אויף די ווערענדעס, באַזעצטע מיט שמייכלענדיקע, יונגע מענער, עלעגאַנטע ווײַבער, פּילדערנדיקע קינדער. רחל האָט געבויגן דעם קאָפּ. באַמערקט אַ שלענגל נעענטערט זיך צו איר. אַ דערשראָקענע איז זי אײַליק, ווי מיט באַגײַסטע כּוחות, אַרײַן אין דער דירה. פאַרבײַ געגאַנגען זעליקס בילד. זיך געבייזערט: „חכם מיינער, וואָס האָסטו אויפ־געטאָן מיט דײַן תּמיד לייענען?"

ב

„חג שמח! שנה טובה! ס'זאָל שוין זײַן אַן אמת גוט יאָר. איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָל כאָטש אויך בײַ אונדז זײַן אַ ביסל שלום מיט די אַראַבער און צווישן פּאַרטייען, וואָס רײַסן זיך בײַ די קעפּ. רחל, צו וועמען האָבן זי גערעדט? כ'זע דאָך דאָ נישט קיינעם".

„צו וועמען? כ'רעד צו זיך, צו די ווענט".

„אוי, איר זענט נישט קיין איינציקע. עפּעס זעט איר אויס געמאַטערט, פאַרזאָרגט. ס'קומט אַ נײַ יאָר. ס'איז דאָך פאָרט יומטוב. מ'דאַרף זײַן צופרידן, אַז מ'האָט דערלעבט". זיך צעהוסט. קוים, קוים געאָטעמט.

„אַ וואָזשנע שמחה אויף מײַן קאָפּ" האָט זי געווישט נאַסלעכע אויגן.

„ס'איז דאָך מיר ווינד און וויי. מ'שטיינס געזאָגט אַזאַ געמוטשעטע לעבן. ס'רוב יאָרן אָפּגעפינצטערט, געלעבט אין דחקות. אַז דער גאָטזעליקער זעליק האָט שוין אַ ביסל פאַרדינט, אויך פון דײַטשלאַנד באַקומען אַ ביסל מאַרקן, אַ פּענסיעלע, איז ער מיר געוואָרן קראַנק, זיך און מיך אָפּגעמאַטערט אַ קנאַפּע דרײַ יאָר און מיך איבערגעלאָזט".

„גברת רחל, מיר איז בעסער? ווילער? כ'בין אויך עלנט, ווי אַ שטיין. זי האָבן כאָטש פיר קינדער, אייניקלעך, און איך? האָב די דאָקטוירים אַוועקגעגעבן אוצרות מיט געלט און נישט געקאָנט פאַרשוואַנגערן. אַזוי

איז מיין ביטערער גורל. מײַן מענדל זאָל זײַן אָפּגעשיידט, איז געווען אַ ווייל מענטשל, פּעיִק צו אַלץ אָבער צו דעם נישט געטויגט. געווען נעבעך אַ שוואַכער מאַן. כּסדר געטענהט ר׳איז מיד, ווייל שלאָפן. אַ טויטן מעג מען אויך זאָגן דעם אמת״.

„גראָדע צו די זאַכן איז זעליק געווען אַ מאַלאָדיעץ. מילא, מ׳איז דאָך שוין אויף דער עלטער, מעג איך אינעַן זאָגן דעם ריינעם אמת. כ׳האָב גאָרנישט געהאַט צו אים אַזויפיל חשק, וויפל ער האָט פאַרלאַנגט. הלוואי וואָלט ער געטויגט אַזוי צום פאַרדינען״.

„מילא, אַלץ אין איינעם איז נישטאָ בײַ קיינעם. נעכטן געהאַט אײַך אין זינען. פאַר די ימים־נוראים האָבן זי געטאָן ווי אַ חכמטע און איבער־געריסן מיטן לאַדזשער בלאָפער. זי געדענקען כ׳האָב אינען געוואָרנט נישט זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַזאַ קאָמבי׳נאַטער? אויך זייער גוט, וואָס זי זענען כאַטש אויף יומטוב אַרויס פון אַלטנהיים. זי האָבן זיכער אָנגעגרייט. קיין בייז אויג זאָל אינען נישט שאַטן, אָנגעקאָכט, געבאַקן פון כּל טוב, וואָס זי האָבן ליב. ווי זאָגט מען? „אַליין איז די נשמה ריין׳. וואָס האָט מען, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָרט? מ׳קאָכט נישט. די דינעריגס מאַכן ריין, וואַזשנע ריין. אַזאַ יאָר אויף אונדזערע שונאימס קעפּ. נו? האָבן די ווײַבער צײַט צו באַרעדן יעדן איינעם. אויף דער עלטער זוכה געווען צו עסן קעסט, און דאָס גאָר בײַ פרעמדע. נישט, חס ושלום, בחינם, פון מײַן ביטוח־לאומי־און מבטחים־פענסיע לעקן זיי נאָך אָפּ אַ פעט ביינדל. אַזוי גייען דאָרט אַוועק די טעג, וואָכן. וועל זיך שוין דאָרט אַזוי אַרומוואַלגערן ביז ס׳וועט קומען אויך מײַן צײַט״.

רחלס פּנים איז געוואָרן באַזאָרגט. גיטלען אָנגעקוקט פאַרדראָסיק.

„רעדן זי נישט קיין שטויות. דאָ ווייסט נישט קיינער, וועמנס מאָרגן ס׳איז. איר זענט נישט קיין היגע? אַלטע לעבן דאָך איבער יונגע, וואָס פאַלן נעבעך, ווי פליגן אויף די פראָנטן און פון די טעראָריסטן. מלחמות און מלחמות. איין באַגליקט פאָלק זענען מיר. מיר האָבן אָן אַן עק, אָן אַ סוף צרות און אומגליקן. גיטל, אין אַלטנהיים טויג אויף גוטע כּפּרות און אין שטוב איז נאָך ערגער. קיין לעבעדיק נפש מאַכט נישט אויף די טיר. און אַז ס׳קלאַפּט שוין ווער, איז זיך מן הסתּם טועה, ציטער איך, ווי אַ געכאַפּט פייגעלע. האָב מורא מ׳וועט מיך באַפאַלן, שלאָגן, טויטן און אַלץ צורויבן בײַ מיר. אַ קראַנקן ווו מ׳לייגט אים טוט אים וויי. זי האָבן כאָטש זיך דאָרט צוגעפּאַסט. איך לײַד נישט די באַרעדערינס. יעדן איינעם באַפליאַקעווען זיי. יאָ, יאָ, גיטל קרוין. דאָרט איז מיר שלעכט

און דאָ, אין פּוסטע שטובן אַרומדרייען זיך ווי אַ קאַלעק, איז זויער אויף דער נשמה. ווען זעליק וואָלט נישט געווען אַזאַ נערוועזער, וואָלט ער נאָך געקענט לעבן. ער האָט מיך און זיך גוט געגעסן ס׳האַרץ, און בחינם. ווי זאָגט מען ? „האָט געקרעכצט ביי אַ טאָפּ איינגעמאַכטס".

„רחל, וואָס האָבן זי צו רעדן פון נעכטיקע טעג. וואָס די ערד דעקט צו מוז מען פאַרגעסן. וואָס וועט דאָס אייך העלפן אייער גריזשעניש ? איך, זעען זי, גלייב אייער טריישאַפט. פאַראָן ווייבער, וואָס דערציילן אַנדערש".

„גיטל, פון וואַנען אַ שטייגער וויסן זיי דאָ ? און ווער, טייערנקע, האָט דאָס פאַר אייך אָנגעבלאָפּט ? האָב נאָך פאַר קיינעם זיך נישט פאַרקלאָגט. אַפילו די טעכטער וויסן אויך נישט אונדזערביידנס ביטערע גורלות. מיר זענען נישט געווען קיין פּאַסיק פּאָרל. ס׳טרעפט זיך. בין איך טאַקע טשיקאַווע, ווער האָט איבערן פאַרטרויט מיינע סודות ? די אַלטע האָבן דאָך דאָרט גאָרנישט וואָס צו מאַכן. טוען נישט די הענט אין קאַלטן וואַסער. רבקהלע זשמיע האָט דאָס זיכער איבערן אָנגעבלאָפּט".

„רחלע, כ׳זע איר זענט אויפגערעגט. היינט איז דאָך ראש השנה. לאָמיר נישט רעדן קיין נאַרישקייטן".

רחל האָט גיטלס צאָרנדיקע אויגן פאַרשעריש אָנגעקוקט. פון אייזקאַסטן אַרויסגענומען שטיקלעך עפּלקוכן, פלוימען, אַ פלאַש אשכּוליות־זאַפט. גיטלען דערלאַנגט.

„אוי, רחל, מיינען זי נישט, אַז מ׳האָט מיר וועגן אייך אָנדערציילט מי יודע וואָס. איר ווייסט דאָך, ווייבער באַטשקען. מ׳האָט אַמאָל אַזוי סתּם גערעדט וועגן אַלטע מענער, וואָס ווערן אָפּגעשוואַכט צו זייערע יינגערע ווייבער". זי האָט געטרונקען אַ ביסל זאַפט. געקוקט אויפן האַנט־זייגערל. „אוי, דער טאָג שטייט נישט. פּונקט ערב יומטוב פאַרנאַכט דערמאָנען מיר נעכטיקע טעג. וואָס עס איז געווען איז אַוועק. פאַרפאַלן, רחל, נעמען זי זיך נישט צום האַרצן. איר קענט דאָך פּויליש : ‚טי מאַוו און יאַ זדראָוו' דו רעדט און איך בין געזונט. פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן".

„גיטל, זי זינט מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט. ס׳איז טאַקע שפּעטלעך. אָבער אויב זי האָבן מיר וואָס צו דערציילן וועגן די רכילותן אויף מיר, בין איך גאָר טשיקאַווע צו הערן".

גיטל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „זיי דערציילן, אַז זי זענט געווען אַ הוליענדיקע. צו אַלע פאַרווייַלונגען געקויפט בילעטן. אַליין דאָרט אַרומגעהוליעט. איר האָט אייער מאַן אָנגעטאָן געברענטע צרות. ער האָט

געליטן בושות פון אײַער פרעך זיך אויפפירן. בײַ אײַך אין שטוב איז תּמיד געווען אַ לעבעדיק גיהנום. לויט די ווײַבער קומט אויס, אַז זי זענט שולדיק אין זײַן פריצײַטיקן טויט. איר האָט אים געצאַפּט ס׳בלוט, ווען ר׳האָט געהאַט צו אינען חשק, האָבן זי אים אָפּגעשטויסן. פאַר אײַערע געליבטע אים מבזה געמאַכט. פאַר אײַערע קאָלעזשאַנקעלעך זיך פאַר־טיידיקט, אַז זעליק איז מענערשוואַך. אײַערע בעסטע פרײַנד האָבן אים דאָס אַלץ פאַרטרויט. פאַר חרפּות, פון קרענקונג, אָפּטע אויפרעגונגען איז אים געוואָרן געשוואָלן די לעבער. אַז דאָקטוירים האָבן אים געהייסן עסן לויט אַ ספּעציעלע דיעטע, האָט איר דווקא געקאָכט פעטע, געזאַלצענע און שטאַרק־געפעפערטע מאכלים. איר האָט זיך כּסדר אַרומגעקריגט. צוליב דעם האָט ער געליטן פון שלאָפלאָזיקייט. באַקומען אַן אולקוס און האַרץ־שוואַכקייט. אַז ער האָט שוין נישט געקענט פאַרדײַען אַפילו לײַכטע עסנס, האָבן דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, ער מוז האָבן אַן אָפּעראַציע. נאָכן אָפּערירן זיך געמאַטערט אין שפּיטאָל און דאָרט האָט איר אים פאַרטיק געמאַכט״.

רחל איז געוואָרן בלאַס, צעטומלט, גלײַך מ׳וואָלט איר געגעבן אַ קלאַפּ איבערן קאָפּ. מיט פאַרגעלטע, שוואַרצגעפּינטלטע, דיקע דלאָניעס פאַרשטעלט ס׳פּנים. העשענדיק אין זיי אַרײַנגעכליפּעט. נאָכן אַ ביסל זיך באַהערשן, האָט זי קוים אַרויסגערעדט: „גיטל קרוין, ווענען, כ׳בעט אײַך, בין איך דאָס גרויס אין די שליפּיעס? כ׳טשעפּע דאָך קיינעם נישט, אַפילו נישט קיין פליג אויף דער וואַנט. גיי מיר מײַן וועג. פאַרוואָס? צוליב וואָס? וועלכע נוצן האָבן זיי פון נעמען זיך צו מיר? אויסטראַכטן בילבולים?״ נערוועז זיך געדרייט. אין די דלאָניעס אַרײַנגעקלאַגט: „כ׳הייב אָן עפּעס פאַרשטיין. שטענדיק געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דאָס דאַרע דרויבעלע, די אַ רבקהלע טשעפּעט זיך צו זעליקן. נישט איינמאָל האָבן שכנטעס מיר דערציילט, אַז ווי נאָר כ׳בין אַרויס עפּעס קויפן, איז זי אַרײַן צו אים. כ׳געדענק גוט, אַז צוויי מאָל ווען כ׳בין צוריקגעקומען איז רבקהלע בהלהדיק אַרויס. אירע באַקן האָבן געפלאַמט. לויפנדיק זיך צוגעגלעט די האָר. צוגעקנעפּלט ס׳ראָזע בלוזקעלע. אין שטוב האָט זעליק מיך אָנגעקוקט עפּעס לעקישעוואַטע, צעטומלט. גערעדט, ווי פון שלאָף. איין וואָרט האָט זיך נישט געקלעפּט צום צווייטן. אין דעם טאָג איז ער געווען צו מיר אַזוי גוט, ווי צוצולייגן צו אַ געשוויר. אויף מײַנע פראַגן, וואָס עפּעס האָט דאָ געטאָן די אַ נקבה, האָט ער אויסגעמיטן צו ענטפערן. אַז כ׳האָב געעפנט ס׳מויל, האָט ער, דער צדיק אין פּעלץ, אויסגעטראַכט פּוילע

תירוצים, אַז מ׳רעדט שוין, מוז איך אײנעם פאַרטרויען אַ סוד: דאָס קלײנע עופהלע, די רבקה מיט די געפאַרבטע, בלאָנדע האָר און פינקלענדיקע ממזרישע אײגעלעך, האָט זעליקן נישט אײנמאָל צוגערעדט זיך מיט מיר גטן. מיט איר אָװעקפאָרן װױנען אין רמת־גן. אויך דאָרט האָט זי געהאַט אַ דירה, בשותּפות מיט נאָך אַזעלכע צװײ נקבות. איך בין נישט געװען דערבײַ. אָבער מ׳האָט שטאַרק געשמועסט, אַז זײ האָבן אױפגענומען געסט און פאַרדינט שטיקער געלד. פּאָליצײ האָט דאָך זײ געכאַפּט אויפן הייסן און אײַנגעזעצט אין חד־גדיא. גיטל, היטן זי זיך פאַר דער שלאַנג. זי איז שוין מיאוס, װי אַן אױסגעקלאַפּטע הושענה און טשעפּעט זיך נאָך אַלץ צו אַלטע בעלי עברהניקעס. איצט בעט איך אײַנעז האָטס אויף מיר רחמנות און דערציילן זי נישט רבקהן, װאָס מיר האָבן דאָ גערעדט. מאַכן זי נישט אָן קײן פריש פײַער. זי באַרעדט אויך אײנעם״.

„רחל, אויב זי האָט אויך פון מיר געפּלאַפּלט, װעט זי שוין האָבן אַ װיסטן סוף. באַלד נאָך די ימים־טובים נעם איך זיך צו איר. װעט שוין האָבן מיט זיך צו טאָן. איך װעל נישט סתּם רעדן. כ׳װײס געגוי מיט װעלכע „שײנע ייִדן״ זי האָט געמאַכט אַ לעבן. אַהאַ, מיט גאַנצע צעליגערס, מיט װאַזשנע פּאַרטײ־קנאַקערס, רעגירונגס־פּקידים. אַפילו געהאַט אַ יונג רבל מיט אַ געל־קאַזשע־בערדל, װאָס האָט געמאַכט פאַלש־װײנענדיקע, „אל מלא רחמימס׳ אויף לװיות, אַזכּרות. זי איז דאָך מיט געסט געפאָרן קײן צפת, טבריה, רמת־גן, נתניה. דאָרט אין האָטעלן מיט זײ אַרומ־געבליאַדעװעט. פון װאַנען, מײנען זי, האָט זי געהאַט געלט צו קױפן דירות פאַר אירע דרײַ קינדער? כ׳װײס אויך װער ס׳האָט זי צוגערעדט, אַז זי זאָל אָפּסמען איר מאַן. רחל, װען מ׳צעשנײדט מײַן לײַב, װעל איך נישט גלייבן, אַז זעליק זאָל זיך האָבן פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַזאַ פראָסטער, געמײנער נקבה. דאָס זענען בלויז אײַערע פאַנטאַזיעס אָדער אַ פאַרשפּרייט רכילותל פון דער רבקה. יאָ. זי װייסן? זי האָט דאָך געלט אין אַלע בענק. אויסער אַ קרענק פעלט איר גאָרנישט״.

רחל האָט געזיפצט: „כ׳גיב אײַך נישט קײן עצות. אָבער זאָגן זי מיר, װאָס װילן זײ פון מיר? אַ לעבן זיך געמאַטערט. אין װאַרשעװער געטאָ געליטן הונגער, קעלט. חדשים געלעגן אויף ליסאַװוסקיס אָפּגעבערענט בוידעמל. אַ דאַנק זעליק און שימאַנאָװסקיס הילף זיך געראַטעװעט אין רוסלאַנד און אַ דאַנק זעליקן געקומען אין אײגענעם לאַנד. אויך דאָ זיך אָנגעמוטשעט. ער, זאָל זײַן אָפּגעשיידט, איז געװען אַ קנאַפּער פאַרדינער. יהודה װאַסער, דער פּאַרטײ־מאַכער האָט זיך אויף אים פאַרלײגט. גערודפט.

נישט צוגעלאָזט זעליק זאָל באַקומען אַ סטאַבילע אַרבעט. דאָן איז געווען אַזוי דאָ איינגעפירט, אַז אָן וואָסערס אַ רעקאָמענדאַציע־צעטעלע האָט דער מנהל פון לשכת העבודה, וואָסערס אַ קאָלעגעלע, קיינעם נישט געגעבן קיין צעטל צו באַקומען עפּעס אַ לייטישן פּאָסטן. געווען אַ סיסטעם פון גוט־ברודערישע צעטעלעך. דער אַ וואָסער האָט מען געשמועסט, איז געווען אַ שוואַכער למדן. דערפאַר פיינט געהאַט, און מיט פאַרשידענע מיטלען גערודפט, פון דעם שטעטל פאַרטריבן אינטעליגענטע מענטשן. ר׳האָט מורא געהאַט, זיי וועלן אַנטפּלעקן זיין עם־הארצות. נישט איינמאָל האָט זעליק געזאָגט, אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי איז אים ליב. אירע אי־דעאַליסטן האָבן אויפגעבויט קיבוצים, ישובים, שטעט, פאַבריקן. זיי פאַרטיידיקן די אַרבעטער קעגן אויסנוצערס. הויפּטזאַכלעך: די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אויפגעשטעלט אַזאַ וווּנדערבאַרע אַרמיי, וואָס היט אונדז די אַראַבער זאָלן אונדז נישט אויסשחטן. אָבער אין דער באַוועגונג האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אַזעלכע קליינקעפּלדיקע, האַרצלאָזע וואָסערס, וואָס פאַקטיש שטערן זיי דער פאַרטיי מיטן באַזייטיקן קולטורעלע און געלערנטע חברים. דאָס שטערט, אַז אין ערטער, ווו ס׳הערשן די אַ עגאָיסטן האָבן די ישובים נישט מיטגעמאַכט דעם קאָלאָסאַלן בוי און אַנטוויקלונגס־שווונג ווי אין ערטער, ווו די אַרבעטער־טוערס זענען ערלעכע, אידעאַליסטישע כלל־טוערס. ,די וואָסערס זענען שעדלעך׳, פלעגט זעליק אָפּט זאָגן. כ׳ווייס נישט צי דאָס איז אמת. אָבער פאַרטיי־אַקטיוויסטן, באַשטעטיקן אויך, אַז אַפילו זיינע נאָענטע חברים האָט דער אַ וואָסער גערודפט, אויף זיי אויסגעקלערט בילבולים, פאַרפאָלגט, אינטריגירט. אייניקע זענען קראַנק געוואָרן און יונג געשטאָרבן. זעליק האָט דעם אַ פּראָווינצער מאַכער נישט נושא־חן געווען. צוליב דעם האָבן מיר זיך געמאַטערט. זעליק האָט קוים קוים פאַרדינט ביי פּריוואַטע קבלנים און איך ביי שוואַרצע אַרבעטן. דאָך האָבן מיר אויסגעהאָדעוועט פיר קינדער. זיי אויסגעבילדעט און חתונה געמאַכט בכבוד. און אַז עס איז אונדז געוואָרן אַ ביסל לייכטער, האָט גאָט אונדז געשטראָפט און צוגענומען פון מיר דעם מאַן. כ׳לעב כסדר אין פחד, כ׳שלאָף ווייניק. כ׳האָב מורא מ׳וועט מיך באַפאַלן, צעמימתן צונעמען ס׳ביסל צירונג. כ׳בין דאָך שוין געווען אין אַזוי פיל לענדער און אין ערגעץ נישט געהערט, מ׳זאָל באַפאַלן אַלטע לייט, ביי זיי צורויבן ס׳לעצטע ביסל פאַרמעגן, זיי פייניקן און הרגענען. אין אַלטנהיים איז אויך מיר נישט גוט. דאָך פיל איך זיך זיכערער. אסרו־חג גיי איך צוריק. זאָלן די קלאַפּטעס שטשעקן. האָב נישט קיין ברירה. שוין געלעבט אין אַכט

‚היימען׳, אין בית־זקנים וועט שוין זײַן מײַן לעצטע היים, ערב דער אייביקער ‚היים׳ אויפֿן גוטן אָרט״.

רחלס איבערלעבונגען האָבן גיטלען גערירט: „באַרויִקן זי זיך כ׳בין בלויז געקומען אָנווינטשן און ס׳האָט זיך פֿאַרקאָכט אַ גאַנצע קאַשע. נעמען זי זיך נישט צום האַרצן פֿון די פּליאָטקע־מאַכערינס. אונדזערע צרות אויף זייערע קעפּ. האָבן זי אַ גוטן יום טוב. אַ גוט, געזונט יאָר״. דערציילט רכילותן פֿון שיינע ייִדן, געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, אויסגעוויילטע מאַכערס, וואָס מאַכן אַ פֿאַררעטעריש זינד־לעבן מיט נקבות אויפֿן אָרט און אין תּל־אַביבער קאַבאַרעטן, ווידער געזאָגט אַ „גוטן יומטוב״.

„גיטל, וואַרט אַ רגע, ס׳האַרץ זאָגט מיר אַז מאָרגן, אפשר נאָך הײַנט קומען מײַנע קינדער. יאָ, אייערע דערציילטע שטיקלעך באַרויִקן מיך. אַז מײַן געמיט וועט זײַן אַביסעלע בעסער, וועל איך אײַך דערציילן פּיקאַנטע מעשׂהלעך. טייל מאָל גיי איך אין פּענסיאָנערן־קלוב, כ׳שפּיל דאָרט אין קלעצלעך מיט געוועזענע קנאַקערס. אָהאָ. דאָרט הערט מען זיך אָן אומגלויבלעכע זאַכן. איך, זעען זי, דערצייל נישט נאָך קיין פּליאָטקעס. אָבער זייערע אמתע מעשׂיות פֿון לעבן מעגט איר הערן. איצט זייערע וויצן! סעקס און סעקס. מילא, ס׳קומען דאָרט ס׳רוב אַלמנס, גרושות, אלמנהס, אַלטע געוועזענע בעלי־עבֿירהניקעס, רעדט מען כאָטש. גיטעלע קרוין, כ׳דערמאָן אײַנען זי זאָלן זיך, חס ושלום, נישט אַרויסכאַפּן מיט קיין איין וואָרט פֿאַר דער רבקה, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעבאַטשקעט״.

גיטל האָט געשמייכלט. מיטן קעפּל געשאָקלט ניין־צייכנס: „איך? מיט איר? מיט אַזאַ נישט? אַ נײַע מעשׂה! וויל אַפילו נישט שטיין נעבן דעם אויסוואָרף. יאָ. אינגאַנצן פֿאַרגעסן. רחלע, זי האָבן עפּעס אַ ידיעה פֿון אייער לאָדזשער? אפשר האָט זיך די רבקה אַרײַנגעמישט? צוליב דעם איז ער נישט געקומען צום אָפּגעשמועסטן אָרט? שלום״.

„גיטל, זי וועלן הײַנט זײַן אין בית־המדרש?״

„איך? אין בית־זקנים האָבן מיר דאָך אַן אייגן שולעכל. אוי, כ׳לייד לעצטנס פֿון פֿאַרגעסן. האָב אַ קאָפּ ווי אַ קאַץ. די אָ רבקה רעדט כּסדר גאָר ליבלעך וועגן אײַער זעליק. זי טענהט, אַז איר האָט אים פֿאַרסמט. זי וועט אײַך מסרען אין דער פּאָליציי. מ׳וועט אײַך פֿאָרשן מיט אַזאַ אמת־מאַשין. איר ווייסט דאָך, וואָס דאָס איז. מ׳טשעפּעט צו אײַך צו עלעקטרישע דרעטלעך. זיי בריען נישט. נאָר איר וועט ווערן אַזוי צעציטערט און מוזן אויסלאַמורען אַלע סודות, די אַפילו באַהאַלטנסטע אונטערן האַרצגריבל. אויב זי וועלן זײַן אַ פּיפּיקע חברהמאַנטע און אַפילו ס׳מאַשינדל

אָנפּרייַערן, אָפּנאַרן די פּאָליציי און נישט מודה זייַן, וועט זי פּאָדערן זעליקן אויסגראָבן, מ׳זאָל אים אין שפּיטאָל געניוי נאָך אַמאָל אונטערזוכן, פֿאַרוואָס ער איז באמת געשטאָרבן. ,די סיבה פֿון אַ האַרצאַטאַק איז אַ בלאָף׳. חוזקט זי. נו, אויף הייַנט איז גענוג, רחל טראַכט ווייניקער. גלייבן זי נישט רבקהעס אייַן וואָרט. אַט שטשעקעט זי. אַ גוטן״.

„גיטל, יעצט גייען זי נישט. ס׳קלעמט מיך ביים האַרצן. כ׳האָב מורא צו בלייַבן אַליין״, ספּאַזמאַטיש געוויינט: „וואָס וויל מען פֿון מיר ? ווען בין איך דאָס אַזוי גרויס אין די אויגן ? !״

„אוי, טייערינקע. רחל, זי טרייַבן איבער. זי געדענקען נישט, וואָס דער רב האָט שבת־סליחות גערדשנט ? מ׳דאַרף מוחל זייַן. כעס פֿאַרטעמפּט דעם שכל. שוואַכט אָפּ ס׳האַרץ, אַלע אברים ווערן קראַנק נאָר צוליב אויפֿרעגן זיך. רבקה קאָן אייַך גאָרנישט טאָן. ,אַ הונט וואָס בילט, בייַסט נישט׳. צוריק גערעדט בין איך טשיקאַווע, פֿאַרוואָס האָבן זי, אַ שיינע, ליכטיקע מויד, מסכים געווען חתונה צו האָבן מיט אַזאַ קליינטשיק מאַנספּערשוינדל ? ער איז תּמיד געווען דענערווירט, פֿאַרקאָכט אין די ביכער. רחל, זי קאָנען דאָך מיך נישט פֿון היינט. זי ווייסן, אַז כ׳האָב נישט ליב אָפּצוריכטן. נאָך דערצו איבער פֿליאָטקעווען אויסגעטראַכטע רכילותן אויף אַנדערע. אַ גוט יאָר״.

„גיטל, אייַן רגע בלויז״. איר אַנגעקוקט פֿאַרטראַכט. געספּקט. מורא געהאַט אַנטפּלעקן איר פֿאַרגאַנגענהייט. דאָך האָט איר אַנגעהויבן רייצן אַ באַגער אירע איבערלעבונגען צו פֿאַרטרויען גיטלען, איר איינציקע „חברטע״. פֿון שופֿלאָד ארויסגענומען אַ דיקן העפט, באַשריבן מיט אירע זכרונות. גיטלען דערלאַנגט. „פּויליש קאָנען זי דאָך לייענען, דערבאַרעמען זי זיך. דאָס היטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. קיינער טאָר דאָס נישט זען. נאָכן לייענען גיבן זי מיר צוריק מייַן באַשריבענע טראַגעדיע״.

גיטל האָט גענומען דאָס העפטל. ווידער געווונטשן : „אַ גוט, געזונט יאָר״ און איז אַוועק.

דב האָט באַמערקט : „ברודערקע, גיטל האָט מיר פֿאַרטרויט דעם העפט מיט רחלס זכרונות, פֿון וועלכע כ׳האָב צוזאַמענגעשטעלט ס׳רוב טיילן פֿון אַט אָ דער מעשׂה. די רעשט ידיעות געהערט פֿון רחלען, איר זון און גיטלען״.

ג

אין עטלעכע טעג אַרום איז דב געקומען און ממשיך געווען :

„דער עטוואָס געקילטער פֿאַרנאַכט האָט זיך פּאַמעלעך געטונקלט.

גיטלס „סודות״ האָבן רחלען געוויייטיקט. זי איז געווען זיכער, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט מען זי אַרעסטירן און פּײַנלעך פאַרשן. זי וועט לײַדן, האָבן בושות און מיט אירע מחלות וועט זי נישט אויסהאַלטן דעם פּראָקוראָרס מוטשען און דאָס זיצן אין תּפיסה. ווי יעדעס מאָל האָט זי זיך עטוואָס באַרויקט: „גיטל באַטשקעט סתּם. נאָך אַזויפיל יאָרן וועט מען זעליקן אויסגראָבן און אונטערזוכן אין שפּיטאָל די סיבה פון זײַן טויט? ס׳איז דאָך שוין פון אים נישט געבליבן קיין זכר אַפילו. כ׳דאַרף מיט גיטלען אויך וואָס ווייניקער רעדן״. ס׳האָט איר פאַרדראָסן, הלמאי האָט זי איר פאַרטרויט דעם העפט. זי וועט דערפון מאַכן נײַע רייד. רחל איז אַרויס אין גערטנדל. געפילט אַ לײַכט קלעמעניש און ברוסטקאַסטן. קוים צוגעטריטלט צום בענקל מיטן זיך שאָקלענדיקן פּיסל. זיך געזעצט. זי האָט זיך פאַרקוקט אויפן מערב־האָריזאָנט, ווי דער שטיל־קריכנדיקער אָוונט פויזעט אַרויס פון די אַנטקעגנדיקע, פעלדזיקע שומרון־בערג. ביסלעכווײַז לעשט אויס די רויט־צעכעסטע, פּחדפולע זון, וואָס ווערט רגעס באַפרײַט פון די רויכערדיקע וואָלקנדלעך און באַלד אויף ס׳נײַ אַרומגערינגלט מיט צעפליקטע שטיקער כמאַרעס, וואָס פאַרשטעלן אירע לעצטע שטראַלן. און אַ וואָלקן, ווי אַ בער, איז צאַרנדיק אַרויף אויפן שטיקל פלאַמיקער זון. זי געשטופּט, געטונקט אין גרוי־בלויען מערב־ים. רחל האָט מיט האַרצוויי געקוקט אויפן רויט־צעפײַערטן, ווי פאַרבלוטיקטן הימלפּאַס פון נאָר־וואָס אומגעקומענעם טאָג.

„נאָך אַ יאָר אָוועק. נעענטער צום קבר״, האָט זי געזיפצט. אַ שוואַרצע, גרויסע פליג איז אַרומגעפלויגן אַרום איר פּנים. אָט איז זי אָוועק און באַלד זשומענדיק ווידער אַרומגעשוועבט אַרום איר פאַרשוויסטן שטערן און פּנים. מיטן געהויבענעם פאַרטעך האָט זי געפרוווט זי אָוועקטרײַבן. די זשוזשענדיקע פליג האָט אָוועקגעפלאַטערט און באַלד צוריק געפלויגן אַרום איר פּנים, ווי געוואָלט לעשן איר הונגער, איר דאָרשט, אין רחלס פלייש זיך אַרײַנשטעכן, אויסזויגן טראָפּנס בלוט און נקמהדיק אַרײַנטריפן גיפט. פאַר מורא האָט זי זיך אויפגעשטעלט. מיטן פאַרטעך פאַרשטעלט ס׳פּנים און איז אַרײַן אין שטוב. געבליבן שטיין בײַם שנעל־פאַרמאַכטן פענצטער. געקוקט אויף דער שוואַרצער, גרויסער פליג, וואָס האָט פאַר דער שויב אַרומגעשוועבט און מיט גליענדיקע צאָרנדיקע אייגעלעך געקוקט אויף רחלען. „אַ בייז אָנשיקעניש אויף דײַן קאָפּ!״, האָט זי צו דער פליג געשריגן, און איר פּנים איז געוואָרן אַנגסטיק פאַרענדערט. דער פליגס צאָרנדיקע אויגן האָבן איר דערמאָנט זעליקס צעפּיבערטע, כעסיקע

אויגן אין די לעצטע גסיסה־מינוטן. זייַנע דלאָניעס האָבן זיך געפּרווט פּויסטן. זיך אָנגעשטרענגט, ווי געוואָלט אַראָפּגיין פון בעט און זיך נוקם זייַן אין איר. אָבער דער טויט האָט אים פעסט געהאַלטן אין זייַנע קלאַמערן. ר׳איז געבליבן ליגן אָנמעכטיק, ווי אַ צוגעשמידטער צום בעט. אַ צעציטערטע, אַ פאַרכטיקע איז זי דעמאָלט שנעל אַוועק. די טראַכטעניש געוואָלט פאַרטרייַבן. איצט האָט זיך איר געדאַכט, אַז מ׳קלאַפּט אין דער טיר. זי איז שנעל צו. געמיינט, אַז אורה מיט די קינדער זענען געקומען. געשריגן: „ווער איז דאָס ?״ קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן, איז זי אַוועק אַנטוישט. פאַר די אויגן האָט זי אַלץ געזען זעליקס לעצטן רוגזהדיק קוקן אויף איר. זי האָט ווידער נעבן די פענצטער „געהערט״ טריט און צו זיך געזאָגט: „הייַנט איז מייַן סוף״. זי האָט געקוקט אויפן זייגערל: „ווינד און וויי צו מיר. ס׳ווערט דאָך שוין אַזוי שפּעט״ זיך אַ ביסל געשטאַרקט. אָנגעטאָן אַ שוואַרצן ראָק, אַ וויַיס ניילאָן־בלוזקעלע, טונקלע לאַטשן. צוגעגלעט די זילבער־געפאַרבטע האָר. איבער זיי אַ ווייס, זיידן, רויט־געבלומט טיכל. האָט אָנגעצונדן די צוויי געפלאָכטענע ליכט. זיך געזעצט נעבן די לייַכטערס. געעפנט דעם אַלטן מחזור מיט די טרערן־באַנעצטע, פאַרגעלטע און צעשיטע בלעטלעך. מיט ציטערדיקע הענט אים געגענט צו אירע באַברילטע אויגן. אַרייַנגעקלאָגט די ראש־השנה־תחינה מיט איבע אייגענע צוגעגעבענע געבעטן:

„מיט אַ צעבראָכן, אָנגעווייטיקט האַרץ און מיט אַ נידעריק פינצטער געמיט און מיט אַן אייַנגעבויגענעם שטאַנד שטיי איך פאַרן הייליקן יום הדין. דאָס מאָל האָב גאָר שטאַרק מורא. ווי אַ געכאַפּטער פיש אין דער נעץ, ציטער איך פאַר דיר, ליבער פאָטער אין הימל. האָב פאַרכט פאַר דייַן גערעכטן משפט. אין די ימים נוראים־טעג קומען פאַר דיר אַלע מענטשנס מעשים־טובים און רעים פון אַ גאַנץ פעליק יאָר. ווײ, ווײ צו מייַנע אַלטע יאָרן. צו וואָס, מ׳שטיינס געזאָגט, כ׳האָב דערלעבט. כ׳ווייס, הייַנט ווערן אַלע באַשעפעניש פון דער גאָרער וועלט פאַרשריבן צום לעבן אָדער, חס ושלום, צום טויט. שטיי איך פאַר דיר, מייַן ליבער גאָט, מיט אַ צעבראָכן, צעקאַליעטשעט, ביטער האַרץ. בין זיך מודה: כ׳האָב פאַרקערט, פאַרקרומט מייַנע וועגן. טיילמאָל געהערט דאָס קול פונעם יצר הרע, וואָס האָט מיך אָפטמאָל צוגערעדט צו חטאים. מיט דעם זיך געוואָלט נוקם זייַן אין זעליקן פאַר זייַן מיך שלעכט באַהאַנדלען. ער האָט אויף מיר כסדר געשריגן, געזידלט: „פאַררעטערין! און אַליין האָבן שכנטעס דערציילט, אַז ר׳איז געקראָכן צו רבקהלע די גרושה, וואָס האָט אים אָנגערייצט קעגן

מיר. גאָט אין הימל, פאַרגיב מיר. בין זיך מודה: כ׳האָב געזינדיקט קעגן מײַן מאַן. דעם מלאך־המוות צוגעהאָלפן אים יונגערהייט שטאַרבן. כ׳בין דאָך נישט מער ווי אַ בשר ודם, אַ פּראָסטע ייִדענע. כ׳מוז זיך אָראָפּ־רעדן פון האַרץ. אויך פאַר דיר זיך היטן? ווייסט דאָך סײַ ווי אַלץ. אַפילו כ׳בין שוין יאָ געווען מיט זעליקן צוזאַמען, געמוזט אין זינען האָבן העכערע, שענערע, שטאַרקערע. ביסט דאָך אַ יודע־מחשבות, בעט איך דיך, האָב רחמנות אויף מיר אַן אַלטע, איינזאַמע, פאַרשעמטע אַלמנה. ביסט דאָך אַ לײַטזעליקער, דערבאַרעמדיקער טאַטע. טאָ פאַרגיב מיר מײַנע זינד. פאַרנעם מײַנע תפילות אין די הייליקע טעג און מעק אָפּ מײַנע עבירות און די עבירות פון מײַנע קינדער, וואָס האָבן נישט קיין שכל. האָבן פאַרלאָזט די אַלטע, שוואַכע מאַמע. פאַרשרײַב זיי און מיינע אייניקלעך און דעם גאַנצן פאָלק ישראל, וואָס מ׳וויל כסדר אומברענגען און עס פאַרניכטן אויך אין דײַן צוגעזאָגט הייליק לאַנד. אַלע, אַלע זאָלסטו געדענקען בלויז צום גוטן. מ׳זאָל, חס ושלום, נישט דאַרפן אָנקומען צום גאָב פון שלעכטע לײַט, נייערט צו דײַן פולער, ברכהדיקער האַנט. איך, אַ צעבראָכענע, פאַרוואָרלאָזטע זקנטע, וואָס האָט אַזויפיל אומזיסטע שונאים. בעט בײַ דיר: מיינע קינדערס און קינדס קינדערס גורלות זאָלן זײַן בעסער ווי מיין ביטער, פאַרשפּילט לעבן. זייערע מזלות זאָלן אַזוי שיינען, ווי איך האָב אין שטוב באַלויכטן, באַשײַנט מיט יומטוב־ליכט, וואָס כ׳האָב געבענטשט לכבוד דיר, דײַן הייליקן ראש השנה. פאָטער אין הימל. כ׳האָב נישט צו דיר קיין שום טענות, פאַרוואָס די האָסט מיר צוגענומען די ריינע געדאַנקען און האָב פאַרבלאָנקעט אין נישט גערעכטע וועגן. דו ווייסט געוויס, אַז ער איז זיך אַליין שולדיק אין זײַנע קרענק. ער האָט דאָס מיך אָנגעשטעקט מיט זײַנע שלעכטע נערוון און דאָס איז געווען זײַן מלאך־המוות. איז פאַר יעדן געווען אײַזן־קלוג. געעצהט צום גוטן. בלויז לגבי מיר האָסטו אים באַשטראָפט מיט שלעכטע, פאַר־דעכטיקטע געדאַנקען. האָט מיר געגעסן ס׳האַרץ. אויב דו ווילסט, באַשטראָף מיך פאַר מײַן לײַכטזין, פאַרן לאָזן זיך אָנרעדן מיטן שטאָטישן קולטור־לייטער און מיט אים צוגעפאָרן קיין אילת. זיך מיט אים גוט פאַרווײַלט. און נאָך אַזעלכע איינצלנע לײַכטזיניקע פאַלן מיט פרעמדע מענער. פאַרגיב מיר פאַר די אַלע אָפּקערעונישן, ווײַל מײַן משוגענער קאָפּ האָט מיך געהייסן אים, זעליקן פײַניקן פאַר מוטשען מיך. כ׳בין אין דײַנע הענט. טו, וואָס דו פאַרשטייסט. אָבער מאַך עס שנעל, אָן בושות, וואָס זענען ערגער פון דעם טויט. זעליק ווייסט

שוין דאָרט זיכער, אַז רבקה האָט אים געגאַרט. געוואָלט אים פאַרפירן. אפשר אויסנאַרן ס'ביסל אָנגעטשילעט געלט. איז שוין זיכער, אַז ער איז אויך שולדיק אין אונדזערע קריגערייען. אונדזער חתונה האָבן איז געווען ביידנס אַ טעות. נו, זאָל שוין זײַן אַ לשנה טובה פאַר מיר, פאַר מײַנע קינדער און אייניקלעך, פאַר כל ישראל. אָמן".

האָט פאַרמאַכט ס'מחזורל. געקושט דעם טאָוול. עס אָוועקגעלייגט נעבן די ברענענדיקע ליכט. געקוקט אויף זעליקס בילד. אים געבעטן: „איך בין דיר מוחל פאַר אַלע סקאַנדאַלן. זײַ אויך מיר מוחל. מיר איז ערגער פון דיר. בין אַ וויסטע, הפקר־געוואָרענע אַלמנה. די קינדער וווינען ווײַט פון מיר און דאָס צוליב דײַנע גראַטשקעס. זיי האָבן נישט געוואָלט לעבן אין אַ גיהנום, קומען זיי איצטער זעלטן מיך זען. לעצטנס זענען זיי מיט מיר ברוגז. רעדן זיך אײַן, אפשר האָט זיי ווער אײַנגערעדט, אַז דו האָסט מיר איבערגעלאָזט אַן אוצר. בײַם לעבן ווילן זיי די ירושה, ווי ס'איז הײַנט אין דער מאָדע אין ישראל. אויף וואָס, מיינסטו, ברויכן זיי ס'געלט? קויפן לוקסוס־מעבל. טוישן די אויטאָס, הוליען אין אויסלאַנד. זיי ווייסן גאָרנישט, אַז פון דײַנע אָפּשפּאָרונגען און פונעם פאַרקויפן ס'הייזל וועלן זיי, נאָכן צעטיילן זיך, נישט האָבן אפילו אויף נײַ מעבל. ווען דו לאָזסט איבער הונדערט מאָל מער, וואָלט דאָס זיי אויך נישט באַפרידיקט. די יונגע מענטשן אין לאַנד האָבן דאָ נישט קיין אידעאַליזם. די מדינה איז אָרעם, אביון. מ'דאַרף האָבן אוצרות זיך צו פאַרטיידיקן, און זיי ווילן בלויז הולטייען. דײַן נאַרישע צונג האָט מיך געמאַכט אומגליקלעך. זיך פאַרגעשטעלט פאַר אַ נגיד. מיך באַשמוצט. דאָס וועט זײַן מײַן מלאך־המוות. מ'האָט זיך שוין גענומען צו מיר. בין שוין אין אַלע געמיינע מיילער. די פליאַקעס ווייסן שוין, אַז איך בין געווען דער גורם פון דײַן טויט. מיט דעם קלינגט ס'גאַנצע שטעטל. צוליב דײַן אָרומרודערן איז דאָך אורה אַנטלאָפן, זיך פאַרלאָבטשעט אין קליינעם אַראַבערל, חוסיין. אויך זי האָט מײַן גורל. לײַדט פון אים געברענטע צרות. מיט אַ חודש צוריק האָט ער מיר געמאַכט אַ וויסטן סקאַנדאַל. ער פאַרלאַנגט כ'זאָל די דירה איבערשרײַבן אויף זײַן נאָמען. ער טענהט אַז ער איז דער געזעצלעכסטער יורש, ווײַל ס'הײַזל איז געבויט אויף אַ מיגרש פון זײַן פעטער, וואָס איז נאָך דער מלחמה, אין יאָר 1948, אַנטלאָפן קיין לבנון. פאָדערט אויך זײַן חלק ירושה־געלט, וויל קויפן אַ נײַעם אויטאָ. נו? זעסט, וואָס דײַן גרויס מויל האָט מיר געמאַכט? דײַנע

הייסבלוטיקע געקוויטשערייען אַז אורה איז פון [illegible], האָט זי געצוווּנגען צו אַנטלויפן און חתונה האָבן מיט חוסיין. אפשר ביסטו גערעכט אין דעם. ווען ביסט געפאָרן אויף דער אַזכּרה, האָב איך מיט אים זיך גוט פאַרווײַלט, מעגלעך זיך פאַרגעסן. מ׳איז דאָך נאָר אַ בשר ודם, און אַלע מענער זענען חזירים. האָסט מיר דערפאַר גוט געגעסן ס׳האַרץ. אָבער דײַנע סקאַנדאַלן און דאָס מיך פאַרשעמען פאַר אַלע שכנים איז מיר געווען ווילער איידער זיך אַרומצודרייען אין די אויסגעפוצטע שטובן און מורא האָבן אַז מ׳וועט מיך באַפאַלן, צעשלאָגן און אַלץ צורויבן. אוי, ווי דער שכל איז אַ קריכער. געמיינט אַז אַן דיר וועל איך לעבן פרײַ, ווי אַ פייגעלע און בין גאָר אין צוויי טורמעס: אין אַלטנהיים און דער שטוב. איצט דראָט מיר אַרעסט, אויס־פאַרשונגען, משפּט און אויב ס׳וועט זיך נישט אַרויסווײַזן, אַז ס׳איז אַ בילבול, קאָן איך נאָך ענדיקן מיין לעבן אין תּפיסה. דאָס אַלץ האָט אָנגעמאַכט דײַן מײַלעכל. זעליק, כ׳בין דיר מוחל דײַנע וויסטע סקאַנדאַלן, אָנפאַלן, וואָס צוליב זיי האָב איך זיך אויפגעפירט ווי אַלע גענאַרטע ווײַבער. מילאַ, פאַר זיך, פאַר מיר וועסטו דאָך נישט בעטן. טאָ באַמי זיך כאָטש דאָרט פאַר מײַנע, אונדזערע קינדער, פאַר די אייניקלעך זיי זאָלן האָבן אַ גוט, לעבעדיק יאָר. האָב זיך שוין הײַנט גוט אויס־געוויינט. הלוואַי ס׳זאָל כאָטש אַ קליינער טייל פון מײַנע תּחינות און תּפילות אָנגענומען ווערן״.

ד

דורך שמאָלע, קוים־באַלויכטענע געסלעך איז רחל אײַליק געגאַנגען אין בית־הכּנסת. אין ביידע זײַטן אַרײַנגעקוקט אין צעליכטיקטע פאַרטער־פענצטער. קנאָהדיק באַמערקט ברענענדיקע ליכט. זיך דערמאָנט אַז אירע פענצטער זענען געבליבן אָפן. האָט מורא געהאַט אַז דער ווינט וועט פאַרלעשן די ליכט. פון תּמיד געווען אײַנגערעדט אַז אויב ראש־השנה־ליכט ווערן פאַרלאָשן איז אַ שלעכטער סימן. געטראַכט אַז גנבים קאָנען אַרײַן, זוכן, נישטערן, מאַכן פון אַלץ אַ חורבן. איז געבליבן שטיין. געספּקט: צוריקגיין? ריזיקירן? זיך דערמאָנט אַז שוין עטלעכע פרײַטיק־צונאַכטסן האָט זי איבערגעלאָזט אָפענע פענצטער און די ליכט האָבן אויסגעברענט. אויך די תּימנקע קוקט אַלע ווײַלע אַרויס. דרייט זיך אַרום פאַרן הײַזל און גנבים וועלן נישט וואָגן. געקוקט אויפן זייגערל. געמיינט ס׳איז שוין נאָכן דאַווענען. זי איז געגאַנגען שנעל און געטראַכט: פאַר יומטוב האָט זי פאַרגעסן צו באַצאָלן פאַרן אָרט אין דער ווײַבער־שול.

דער גבאי ווייסט גוט, אַז זי איז אין אַלטנהיים, ווּעט דאָרט דאַווענען און האָט פאַרקויפט איר „שטאָט". זי ווּעט מוזן זיצן אָדער גאָר שטיין ערגעץ נעבן דער וואַנט, נאָענט פון גיטלען; די קלאָפּערין וואָס דאַוונט טיילמאָל אין דער שטאָטישער שול, דערציילט מעשׂיות און ווּעט ווידער אין איר, מכלומרשט פרײַנטלעך, אַרײַנרעדן רבקהס „סודות", וואָס האָבן היינט איר געצאַפּט ס"בלוט. ווידער געבליקט אויפן זייגערל. געוואָרן זיכער, אַז זי האָט שוין פאַרשפּעטיקט און כאָטש זי האָט קיינעם נישט געזען גיין פון דאַוונען, האָט זי באַשלאָסן גיין אַהיים. אפילו מ'דאַוונט נאָך, וויל זי נישט באַגעגענען רבקהן, וואָס האָט שוין זיכער פון גיטלען זיך דערוווּסט אַלץ. מעגלעך אַז גיטל האָט נאָך עפּעס צוגעבראַקט. נאָך עטלעכע שריט זיך אָפּגעשטעלט. נישט געקאָנט בײַ זיך פועלן היזק צו האָבן ס'דאַווענען ראש־השנה־אָוונט. זיך אויסגעדרייט. געגאַנגען צו דער שול. נאָר ווי זי האָט זיך דערנעענטערט צום טויער, האָט זי צווישן די אַרויסגייענדיקע באַמערקט גיטלען מיט רבקהן רעדן הויך און כאַכאַטשען. ס'איז רחלען באַפאַלן אַ פּחד: „גיטל איז אויך מײַן שונא ?" חרטה געהאַט פאַר איר פאַרטרויען אירע אינטימע זכרונות. איז אַנטלאָפן, ווי פון אַ סכּנותדיק אָרט. אין שטוב דערזען פאַרלאָשענע ליכט. „אוי, דאָס איז אַ ביטערער סימן. מײַן גזר־דין איז פאַרטיק" געבליקט אויפן סערווירטן טיש, אויף דער פלאַש ווײַן נעבן די פאַרדעקטע חלות. „די קינדער זענען נישט געקומען. ווער ווּעט מאַכן קידוש ? זאָגן די ,שהחיינו' ? מאַכן אַ ברכה איבער די פּירות ? איז צוגעגאַנגען נאָענט צו זעליקס בילד. זיך געקלאָגט: „ווער קאָן דען עפּעס טועם זײַן ? דיך באַגראָבן יונגערהייט. פינצטערסט אין קבר אַליין און איך לעב עלנט. קאָן נישט געפינען קיין מנוחהדיק אָרט אין שטוב און נישט אין אַלטנהיים, ווּו מ'עסט מיר שטיקערווײַז מײַן שלאָף האַרץ. דאָרט איז מיר דערווידער די סטאַנדאַרטע עסנס, איבלדיק די כלאָריקע ריחות, ווי אין אַ מתים־שטיבל. בין איך אַ היים געקומען, זיך אָנגעהאַרעוועט. געמיינט אַז כאָטש אײן קינד מיט אייניקלעך וועלן קומען, דריי זיך פון איין צימער אין אַנדערן און האָב נישט מיט וועמען אַ וואָרט צו רעדן, אויסגיסן מײַן ביטער האַרץ. בײַנאַכט איז נאָך ערגער. כ'קאָן נישט אײַנשלאָפן. האָב מורא צו ליגן וואַכעדיק און אײַנ־דרימלען. אין ישראל זענען דאָך אַלטע מענטשן געוואָרן הפקר. מ'באַפאַלט זיי. מ'רויבט אַלץ אויס און מ'דערשטיקט זיי". טרערן האָבן איר געשטיקט אין האַלדז. זיך געדרייט, זיך געזעצט, אויפגעשטעלט, ווידער געזעצט צום טיש. עפּעס טועם געווען פונעם גלעזל ווײַן. אָפּגעשניטן אַ פּענעצל

חלה. עס אײַנגעטונקען אין האָניק. אָפּגעביסן אַ ברעקל. די רעשט אָוועק־געלייגט. זיך אויפגעהויבן. געשפּאַנט איבערן באַלקאָנדל. אַרויסגעקוקט אין פּינצטערן דרויסן. אַרײַנגעקלערט אין גיטלס מעשׂיות. פון טיש אַלץ אַראָפּגענומען. די נישט געגעסענע מאכלים צוריק אַרײַנגעשטעלט אין אײַזקעסטל. גענומען דעם מחזור. זיך אָנגעלענט אויף דער סאָפע. געלייענט, געוויינט און איינגעדרימלט.

ה

רחל חלומט:

„חג שמח!‟, האָבן אויסגעשריגן צוויי אַרײַנלויפנדיקע פריילעכע אייניקלעך, אָנגעטוענע אין נײַע, ווײַסע קליידלעך מיט רויטע פון שטאָף געמאַכטע בלימעלעך, רויטע לאַקירטע לעטשלעך, באַלד זענען אַרײַן זייערע עלטערן: רחלס יונגע, בלאָנדע שנור, שושנה מיטן הויכן, ברונעטן זון, שמעיה.

„אמאלע, פאַרוואָס ביסטו בלאַס? פילסט זיך נישט גוט? שימעק, כ׳מיין אַז מ׳דאַרף רופן אַ דאָקטאָר‟.

„שוש, טרײַב נישט איבער. כ׳בין געזונט. כ׳לײַד בלויז אויף איינ־זאַמקייט. אַז איר זענט געקומען איז מיר שוין ווויל‟.

שושנה האָט זיך געזעצט נעבן דער שוויגער. געגלעט אירע האָר. פון אַ רויט לעדערן בײַטעלע אַרויסגענומען אַ ראָז טיכעלע. זיך געווישט די פּײַכטע. צעגלאַנצטע אויגן: „אמא, אַזוי האָט געוואָלט דײַן גורל, וואָס מײַדט קיינעם נישט אויס. מיר ווינען צו ווײַט פון דיר. וואָס קאָן מען טון? אַ דירה, אַרבעט זענען אין לאַנד שווערער ווי קריעת ים־סוף. נישטאָ קיין ברירה. מ׳מוז משלים זײַן. הער אויף צו טרויערן. ווי געפעלט דיר מײַן נײַ קלייד? די הײַנט געקויפטע לאַטשן? זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן, געוויזן ס׳רויטלעכע סאַטינענע, אויסגעפּאַסטע מיני־קליידל מיט די אויסדעקאָלטירטע, פון זון־פאַרברוינטע, גלאַנציקע אַקסלען, האַלבע ברוסטן און אַ היפּש שטיק פּלייצע. געוויזן די פײַן־געפאַרעמטע פיסלעך אירע אין די שמאָלע, הויך־קנאָפּלדיקע, רויטע לעטשלעך.

„שושנהלע, וואָס זאָגט שמעיה? מ׳זעט דאָך דיר אַרויס אַ דריטל באַקעט לייב. לויט מיר איז עס אַ ביסל פאַרשײַט און ס׳פּאַסט נישט צו ראש־השנה. די לעטשלעך זענען עלעגאַנט. יונגע, שיינע פיס פּאַסן גוט צו מאָדערנע לאַטשן. ביסט שיין ווי די וועלט. אוי, ס׳מזל זאָל אײַך בעסער שײַנען ווי מײַנס. און וואָס פעלט דען שמעיהן? ער האָט אין וועמען אַרײַנצוגראַטן. אַלע זאָגן אַז ר׳איז ענלעך צו מיר‟ זיך צוגעגלעט די האָר

און אין שושנהס אויערן אַרײַנגעשעפּטשעט: „פֿאַרש מיך װײניקער. הײַנט געהאַט געגנוג מיט גיטלען. קענסט דאָך איר. מיר אַ סך בלוט געצאַפּט".

„פֿאַרוואָס טענהסטו אײַן מיט איר?", האָט די שנור זי ליבלעך געפּרעגט. האָט געוואָלט נאָך רעדן. אָבער ס'האָבן פֿאַרהילכט מונטערע אויסרופֿן: „חג שמח!" בײדע הויכוווּקסיקע טעכטער: דבורה און שולמית מיט זײערע מענער זענען פּלוצים אַרײַן. די אײדעמס: יורם שור אַ נידעריקער, טונקל־הויטיקער און דער הויכער, דיקער דזשינדזשי, יעקל תם וואָס האָט חכמהדיק געקוקט דורך ברוינע ברילען, ער האָט בײַ דער לינקער האַנט געפֿירט אַ קלײן, געל־האָריק ייִנגל, וואָס איז צוגעלאָפֿן צו דער באָבען: „סבתאלע, געקויפֿט מיר עפּעס אויף יומטוב?". ס'בלאָנדע מײדעלע פֿון זײַן רעכטער האַנט האָט ער געזעצט נעבן רחלען, דעם ווײַב, דבורהן, געהײסן אַכטונג געבן אויף די קינדער. מונטער גערעדט מיט שושנהן.

רחל האָט צו דער טאָכטער געוווּנקען זי זאָל אים נישט דענערווירן. און היטן די קינדער. זי באַדויערט: אויסגעוואָקסן אַ בילד־שײנע און האָט ס'זעלבע באַדאָסטע מזל ווי איך, זיך געגנוג אָנגעליטן פֿון טאַטעלע, וואָס האָט איר גערודפֿט, געמוזט חתונה האָבן מיט אַזאַ מיאוסן תם. און אַט איז אַרײַנגעקומען אורה, אַ בלאָנד ווײַבל, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסער, זײַדענער בלוזקע, באָרדן ראָק און רויטע, גלאַנציקע לאַטשן. זי האָט אויף דער לינקער האַנט געהאַלטן אַ קינד מיט אַ מאַמקעלע אין מויל. בײַ דער רעכטער האַנט געפֿירט אַ טונקל־הויטיק מײדעלע מיט שוואַרצע, לאַנגע האָר. איר מאַן, דער ברוינפּנימדיקער, קלײנוווּקסיקער ראַשיד חוסײן אין אַ רויט, ביזן נאָפּל אויפֿגעקנעפּלט העמדל, אויפֿן קאָפּ אַ גרינעם בערעט, אַראָפּגערוקט איבערן שטערן ביז די ברײטע, סמאָלע־שוואַרצע ברעמען, איבער בײזע, גרינלעך־זיתימדיקע אײגעלעך איז האַסטיק אַרײַן מיט געפֿירטע צווײ טונקל־הויטיקע ייִנגלעך.

דער טומל וואַקסט. די ווײַבלעך ווײַזן די געקויפֿטע קלײדער, די לאַטשן, די גאָלדענע קײטלעך, די ברילײאַנטענע אוירינגעלעך, די פֿינגערלעך. דערצײלן פּלענער אויפֿצובויען נײַע קאָטעדזשן, קויפֿן נײַ מעבל, ווידעאָס, טוישן די טעלעוויזיעס, די אײַזקאַסטנס. דערצײלן אינטערעסאַנטע איבער־לעבונגען אין אײראָפּעיִשע שטעט. די מענער האָבן געשמועסט פֿון געקויפֿטע און באַלד פֿאַרקויפֿטע אַקציעס. זיך באַרימט, אַז די שנעלע פֿאַרדינסטן סטײַען אויף אַלץ.

אויפֿן טיש אין עסווינקל, זענען געלעגן פּעקלעך מתנות, פֿאַרוויקלטע

אין פאַרביק־געבלומטע פּאַפּירן, אַרומגעבונדענע מיט גלאַנציק זילבער און גאָלד־קאָליריקע שטריקלעך. דער קיכטיש איז אויך געווען באַלייגט מיט געבראַכטע בעקנס געדעמפּטע און געפּרעגלטע פליישן, פיש, סלאַיען מיט סאַלאַטן, געזויערטע קאַלעפיאָרן, פלעשער מיט אויסלענדישע ליקערן, וויסקעס, וויינען, קוישעלעך מיט רויטע, גלאַנציקע עפל, באַרנעס, פלוימען, ווייַנטרויבן, ניס, מאַנדלען, באַנבאַניערעס מיט געפילטע שאָקאָלאַדקעס, מאַרמעלאַדקעס, פּושקעס נעס־קאַפע און פיר בוקעטן בלומען אין גרויסע, פאַרצעלאַנענע וואַזאַנעס.

שושנה איז געווען די אַקטיוווסטע. זי האָט אויסגעפּאַקט די פּאַקעטן. אויף דער שוויגער געמאָסטן נייַע בלוזקעס, פאַרביקע סוועטערלעך, זאָקן. איר געגעבן שמעקן פלעשלעך מיט פּאַרפום, אָדעקאַלאָנען. איר געוויזן קאָסמעטישע זאַלבן, פאַרבן, אַ גאָלדן קייטל, אַ בריליאַנטענעם רונג, אַ מאָדערנע שווייצאַריש זייגערל — אַלץ געקויפט אין לוצערן, לאָנדאָן, פּאַריז, בריסל. דער שוויגער געגעבן צו שמעקן פרישע, רויטע רויזן. אין איר מויל אַרייַנגעשטופּט אַ שטיקל שאָקאָלאַד, געפילט מיט ניס.

רחל איז געוואָרן נתפּעל פון די געבראַכטע מתּנות. געהייסן אַלץ צוריק פאַרפּאַקן. „איך דאַרף שוין מער גאָרנישט. פאַר וועמען זיך פּוצן? פאַר די אַלטע דזשאַדעס אין אַלטנהיים? עטוואָס זיך באַרויטלט די ליפּן, האָט מען מיך שוין דאָרט גענומען אין די מיילער, אַז כ'וויל נאָך געפעלן".

„שוש, פאַרוואָס איז די אמא פאַרוויינט, טרויעריק?", האָט געפרעגט דבורה.

„אדרבא, פרווו זי פרעגן, ביסט דאָך אַ טאָכטער".

„קינדער, שושקעט אייַך נישט, כ'פאַרשטיי אייַך נישט. פאַר וועמען זענען די אַלע פּעק? כ'בין דאָך אַליין ווי אַ שטיין. וועך דאַרף די אַלע דעליקאַטעסן? די מאָדערנע בלוזקעלעך, סוועטערס? קאָסמעטישע פלעשלעך, זייפעלעך, שמירעכצן? כ'בין אַמאָל געווען אַן אייַנרייַסערין. געוואָלט אַ סך און אָפּגעקומען בלויז מיטן וועלן. די אויגן זענען גרויס ווי דער ים און ס'מייַלעכל איז קליינטשיק ווי אַ שפּילקע־קעפּל און מ'וויל אייַנשלינגען כאָטש די גאַנצע וועלט. מיינטס נישט, אַז כ'בין אַ פאַר־שלאָפענע, אַלטע יידענע. איך ווייס וואָס עס טוט זיך אין אונדזער לענדל און אויף דער וועלט. כ'לייען צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער. כ'הער ראַדיאָ; זע טעלעוויזיע. כ'האָב דען מער וואָס צו טאָן? הערטס אַן אַלטע! מיר זענען אַן אָרעמע מדינה, וואָס נעמט נדבות בייַ יידן כמעט אין אַלע לענדער. באַקומט אויך שטיצע פון אַמעריקע. האָבן דאָ יידן פון וואָס צו

מאַכן אַ לעבן. אויך נעבן אונדז, אויף פּאַוויע־גאַס, אין וואַרשע, האָט געוווינט אַזאַ מין קבצניש סוחרל. אומעטום געבאָרגט געלטער. געפירט אַ גביריש הויז. זיך געהאַלטן משה גרויס. צום סוף געמוזט באַנקראָטירן. קינדער, רײַסט נישט אײַן וועלטן, ס'איז נישט פּאַר אונדזערע כּוחות. אײַער טאַטע האָט אײַך געלערנט שפּאָרזאַמקייט. איר פּאַרקוקט זיך אויף אַנדערע?"

„אמא, וועסט דאָס אַלץ באַנוצן געזונטערהייט. פּאַרשטיי: מיר, יונגע מענטשן, ווילן נישט לעבן ווי איר אַמאָל אויסגערעכנט. אונדזער לעבן איז דאָ גאָרנישט געזיכערט. כּסדר מילואים. מלחמות, קעמפן מיט די טעראָריסטן. איז צוליב דעם די נייגונגען אַרײַנצוכאַפּן פאַרגעניגנדיקע טעג. מיר האָבן זיך פּאַר יומטוב שריפטלעך און טעלעפאָניש פאַרשטענדיקט און באַשלאָסן דיר צו מאַכן אַ פריילעכן יומטוב. מער דיך נישט לאָזן אין בית־זקנים. לויט דער ריי וועסטו זײַן יעדעס מאָל בײַ אַן אַנדער קינד", האָט איר פאַרזיכערט דבורה.

„דער עיקר בײַ דיר", האָט רחל איראָניזירט: „דײַן מאַנעלע וואָלט מיך נאָך עטלעכע וואָכן געהייסן נעמען די פּעקלעך און גיין אַ היים".

„אמאלע", האָט דבורה געזאָגט: „מיר מוזן צוגרייטן אָוונט־ברויט" און איז אַוועק.

ו

„היינט איז דאָך יומטוב. וואָס הייסט דאָס אָוונט־ברויט?", האָט רחל זיך דענערווירט.

שושנה און דבורה זענען אַרײַן אין קיך. פון דאָרט גערופן: „אורה! שולמית! קומטס! ס'איז דאָ אַ סך אַרבעט". האָבן טומלענדיק פון די פּאַקעטן אויסגעפּאַקט ס'עסנוואַרג, געטראַנקען. אַלץ עסטעטיש צעלייגט אויף טאַצן, אַרײַנגעטראָגן אין צעליכטיקטן סאַלאָן פון זעקס־לאָמפּיקן זשיראַנדאָל. די קוכנס, שנאַפּסן, קאַפּע צעשטעלט אויפן טיש. אַלע געהייסן נעמען, וואָס מ'וויל. די געטראַנקען מיט די פאַרשידנאַרטיקע פאַרבײַסנס זענען באַלאַגערט געוואָרן פון אַרום טיש־באַזעצטע און נעבן־שטייענדיקע מענער ווײַבער און קינדער. זיי האָבן געשמאַק געגעסן די גלוסטנדיקע געבעקסן, געזופּט די שנאַפּסן און קאַפּע. האָבן לעבהאַפט געשמועסט וועגן וואַליוטע, מגרשים, הײַזער. די ווײַבער מיט חשק־צעצונדענע אויגן, פלאַמענדיק־צערויטלטע באַקן, האָבן אַרויסגעוויזן קענטשאַפט אין די נײַעסטע מאָדעס, פּרײַזן אויף לעצטיאָריקע פיאַטס, סאָבאַראָס, קליידער, פילם־סטאַרס, ספּאָרט.

שמעיה, וואָס איז געזעסן אַ זײַטיקער, אַ שטילער, האָט דעם ווײַב

געבעטן, זי זאָל אַ ביסל ווייניקער טומלען. זיך אויך געוווּנדעט צו די פּילדערינס. ביַי זיי געבעטן: „ווען איר פֿאַראינטערעסירט זיך מער מיט אונדזער פֿינאַנסיעלער לאַגע, וואָלט איר נישט אַזוי פֿאַנטאַזירט הויכ־שטאַפּלעריש, געלעבט שפּאָרזאַמער. וועגן דעם שמועס איך יעדן טאָג מיט מײַן שושנהן. מיר ביידע פֿאַרדינען גוט. אָבער אַ בהמה עסט אויף אַלץ, וואָס מ׳גיט איר״. געגלעט דער מאַמעס האָר און געזאָגט: „אַמאָלע, איך פֿאַרשטיי אונדזער מצב פּונקט ווי דו״.

„איינמאָל לעבט מען״, האָט דער שוואָגער יורם באַמערקט. ר׳האָט אָפּגעביסן אַ שטיק טאָרט און מיט אַ סערוועטקעלע זיך געווישט די מיט שאָקאָ־באַשמירטע ליפּן.

„כ׳האָב שוין געזאָגט און דו האָסט נישט אויפגעפּאַסט? אַ בהמה לעבט מיטן טאָג אָן זאָרגן״. ווי פֿאַר מאַסן פּאַטעטיש רעפּערירט: לײַכטע פֿאַרדינסטן און די גרויסע פּענסיעס פֿאַרבלענדן, צעטומלען, רייצן צו הולטייען״ אויפגעקלערט: ער איז נישט אָנטציקט פֿון טוישן זײַן מאַשין. דאָס איז געקויפֿט פֿאַר שושנהס פֿאַרדינסטן. זי געהערט צו איר. ער קאָן זיך נישט מיטן ווײַב כּסדר אַמפּערן. זי האָט רעכט אויסצוגעבן איר געלט, קויפֿן, וואָס זי וויל. דאָס הייסט נישט, אַז אויך ער דענקט ווי זי און איז מיט איר אין אַלץ מסכּים. ער איז קעגן קינסטלעכן לוקסוסלעבן, וואָס קאָן רויִנירן די שוואַכע ווירטשאַפֿט אין לאַנד, ווו עס ווערט ווייניקער פּראָדוצירט, וויפֿל מ׳פֿאַרברויכט. אַזאַ לאַגע קאָן נישט לאַנג דויערן. אָבער נישט אַלע מאַכן אַ גוט לעבן. אין די אַנטוויקלונגס־שטעטלעך לעבן אַ סך משפּחות גאָר באַגרענעצט. ער אַלס לערער זעט דאָס גוט אין דער שולע. דער אונטערשייד פֿון גוט־סיטויִרטע און אָרעמע קינדער איז קאָלאָסאַל. מ׳זעט דאָס אין זייער אָנטועכץ און אין זייערע מיטגעבּרענגענע עסנס. אַממייסטנס אָרעמע קינדער זענען פֿון די ספֿרדישע היימען. האָט געגעבּן צײַט צו לייענען פּאַרש־אַרבעטן פֿון פֿינאַנץ־פּראָפֿעסאָרן, וואָס וואָרענען, אַז אונדזערע דאָלאַרן־רעזערוון זענען מינימאַלע. טעמפּעראַמענט־פֿול געענדיקט: „ישׂראל איז דאָך אונדזער איין און איינציקע לעצטע היים״.

„בראַוואָ!״, האָט חוסיין אויסגערופֿן: „דײַן יעדעס וואָרט איז לויטער אמת. די אַשכּנזים האָבן פֿאַרכאַפּט די מאַכט. פֿאַר זיך גענומען אַלע הויכע אַמטן אין דער רעגירונג, מוניציפּאַליטעטן, בענק, אוניווערסיטעטן, פּאַרטייען. זיי, זייערע משפּחות באַרײַכערן זיך און די ספֿרדים וואָרפֿט מען בלויז צו אַ ביינדל. מיר אַראַבער באַקומען דאָס אויך נישט״.

דבורה האָט גענומען אַ שטיק קוכן, געגעסן אַפּעטיטלעך. געווישט אירע באָרדאָ־באַשמינקטע ליפּן. צו שמעיהען געוואונקען. אים אַרומגענומען, געגלעט זײַנע גלאַנציקע, שוואַרצע האָר, געבעטן: „לאָז אָפּ. מאַטער מער נישט מיט דײַנע פּאָליטיק־רייד. ס'איז יומטוב. מ'איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ ביסל פאַרברענגען. פאַרגעס די אַ אַלע נאַרישקייטן. זע נאָר די קוכנס, די שנאַפּסן, די פּרוכטן. זײַ ווייניקער צדיק. די דיסקוסיע האָט זיך פאַרשאַרפט, געוואָרן טעמפּעראַמענטפולער. שושנה האָט זיך צום שוואָגער געוואָנדן: „ראַשיד, קאָך זיך נישט. בײַ אונדז איז היינט יומטוב. זאָרג ווייניקער וועגן די ספרדים. אײַן זאַך זאָג איך דיר: ווען נישט די מדינה, וואָלסטו געווען אַ נעבעכדיק פאַלאַכל. חברה גענוג פּאָליטיקירט".

די פרויען זענען אַרײַן אין קיך. געגרייט ס'מאָלצייט.

רחל איז געזעסן שטיל. אַלץ אויסגעהערט. אַז די רייד האָבן אַ ביסל זיך אײַנגעשטילט, איז זי צו צום זון. אים געגעבן אַ גלעט איבער די האָר, אַ קוש אין שטערן. „שמעיהלע, אַ געזונט אויף דײַן קאָפּ. כ'בין מסכים בלויז מיט דיר. האָסט דײַן טאַטנס און מײַן שכל".

אַלע פיר ווײַבער האָבן פון קיך געבראַכט גרויסע, שמאָלע פּאַלומיסקן מיט אויף גרינע סאַלאַט־בלעטער גאַנצע געבאַקענע קאַרפּיאַנען, אויף זיי באַשיט רויטן, שאַרפן פעפער, פּיצלעך פעטרישקע־גרינצלעך, אַרום די פישן בלומאַרטיק־געפּאַרעמטע אוגערקעס, פּענעצלעך פּאַמידאָרן. נאָך דעם אַרײַנגעבראַכט ברייטע שיסלען מיט פאַרע־געהויבענע פעטע רײַז, געמישט מיט שוואָמען, טעלערס מיט לאַנגע, געררויטלטע מאַקאַראָנען. יעדער האָט גענומען פולע טעלערס מיט פלייש, פיש, מעל־שפּײַזן. געגעסן נאָכגעטרונקען די ווײַנען, וויסקיס, ביר.

שושנה איז געוואָרן צעלוסטיקט: „קינדערלעך, לאָזט אײַך ווילגיין. אמא, ריכטיק? כ'געדענק דײַן ווערטל: ,פון זאָגן ווערט מען נישט טראָגן'. עסט און רעדסט ווייניקער. יעדער איז דאָ ג'עוואָרן אַ פּאָליטיקער, ווייסט, עצהט ווי אַזוי צו לעזן אַלע פינאַנסיעלע, פּאָליטישע פּראָבלעמען".

נאָך שושנהס און דבורהס רייד, האָט מען אינטענסיווער געגעסן, צוגעטרונקען שנאַפּסן, ביר, פּרוכט־זאַפטן.

פריילעכע, זאַטע, אַ ביסל מידע זענען זיי אַוועק פון טיש. זיך געזעצט אויף דער סאָפע, פאָטעלן, בענקלעך, אויפן דיוואַן.

דבורה איז געווען גאָר צעלוסטיקט. האָט אויסגעטאָן די לעטשלעך, געעפנט די בלוזקע, דעם ראָק. יעקל תם, איר מאַן האָט איר צוגעהאַלטן די הענט. „שעם זיך", געמוסרט. זי האָט אים אָפּגעשטופּט. זיך צוגעבויגן

צו שמעיהען. אים אַרומגענומען. „קום, ביסט דאָך אַזוי שיין". יעקלען האָט זיך פאַרמישט דער קאָפּ, אויסגעדרייט צו שולמית. אָנגעלענט אויף איר שויס. זי געגלעט. יורם האָט געזידלט ס׳וויַבל, איז צוגעאיילט צו שושנה. זי אָנגעכאַפּט ביַי דער האַנט. זי צוגעשלעפּט צום בעט. ווו ס׳איז געלעגן רחל. דאָס איבערטריַיבעריש עסן, טרינקען אַלקאָהאָל, האָט זיי דערשעפּט. און ביסלעכוויַיז האָבן אַלע איַינגעדרימלט.

רחל האָט אין חלום דערזען די שלאָפנדיקע אין אָנטועכץ און די פאַרמיסטיקטע צימערן פון עסאָפּפאַל, צעוואָרפענע האַלב אויסגעטרונקענע, אָוועקגעשליַידערטע פלעשער, געפעס. געזיפצט: „ווינד און וויי צו אונדז, צו וואָס מ׳האָט דערלעבט. דער גיַיער דור אין לאַנד לעבט הפקרדיק" איז צוגעגאַנגען צו זעליקס בילד. געמורמלט: „זעסט? האָבן זיך אָנגעפּרעסן, אָנגעזויפט, געפּרווט בליאַדעווען. אין אַלעם ביסטו שולדיק. האָסט אַרומ־געגרודערט, געסקאַנדאַלעוועט, זענען די קינדער אַנטלאָפן יונגערהייט און חתונה געהאַט מיט אַזעלכע סחורות, יעצט פאַרשטיי איך, וואָס האָסט צו מיר תמיד געזאָגט: „אַמעריטשקע גיט אונדז דאָלאַרן און פאַרסמט די יוגנט מיט זייערע סעקסישע פילמען, משוגענע פּאָפּ־„מוזיק׳ און נאַרישע לידלעך". האָט זיך צעכריפּעט.

ראַשיד האָט אורהן געפרעגט: ווען רעדסטו מיט דיַין אמא? יעצט, אַלע שלאָפן, זאָג איר".

אורה האָט דער אויפגעוועקטער מאַמע איַינגערוימט: „ראַשיד וויל קויפן אַ דירה. צו דיר לאָזסטו אונדז נישט אַריַין. אין צוויי צימערלעך איז דאָך אונדז ענג. וועסט מיר מוזן העלפן".

„אורהלע, האָב געהערט דיַין מאַנס שושקעניש. ווען דו האָסט מיך געוועקט, בין איך שוין געווען וואַכעדיק. בין מיד פון איַיער טרעוואָגע. נאָך יומטוב וועלן מיר שמועסן. געדענקסט? מיט צוויי חדשים צוריק דיר געגעבן די גאָלדענע קייט און צוויי רינגלעך מיט ברילליאַנטלעך".

אורה האָט די מאַמעס רייד איבערגעחזרט דעם מאַן. ער איז געוואָרן רויט, צאָרנדיק: „פאַרן קייטל האָב איך באַקומען אַ הונדערטער.ביידע רינגלעך מיט די פיצלדיקע שטיינדלעך זענען אפשר ווערט אַ פּופציק טויזנט שקלים. אורה, מיר דאַרפן דאָך עטלעכע מיליאָן שקלים! גלייב איר נישט. וויפל מאָל דיר געזאָגט, אַז יידן זענען ליגנערס. האָסט געהערט זייערע פאַרדינסטן, זייער פאַרברענגען? האָב זיך דערוווסט, אַז זי האָט פאַרשטעקט צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן, דיַיטשישע מאַרקן, ענגלישע

פונטן. זי האָט דאָך געלט, אַקציעס אין אַלע בענק. פֿאַדער פֿון איר שטאַנדהאַפֿטיקער״.

„פֿון וואַנען האָסטו זיך דאָס דערוווּסט?״

„מײַן קוזין, אַחמעד פֿון טול כרם אַרבעט אין באַנק הפּועלים״. איר אָנגעקוקט מיט פּעסיק־צעפּינקלטע אויגן: „געדענק, אויב זי וויל נישט באָרגן געלט, זאָל זי כאַטש אונדז אַרײַנלאָזן אין דער דירה. וועגן איבער־שרײַבן וועלן מיר נאָכדעם רעדן״.

אורה האָט אים אָנגעקוקט חידושדיק. זיך דענערווירט. געוואָרן אויפֿ־געקאָכט: „דײַנע פֿאַנטאַזיעס! מײַן מאַמע איז נישט קיין ליגנערין. ייִדן נאַרן נישט אָפּ! פֿון וואַנען האָט זי מיליאָנען? מאַרקן? פֿונטן? דער טאַטע איז דאָך ס׳גאַנצע לעבן געווען אַן אָרעמאַן. אין דײַנע שוואַרצע פֿאַנטאַזיעס זענען מיר אַלע שקרנים. איך גלייב מײַן מאַמען״.

„און איך גלייב בלויז אַחמעדן. ער האָט גענוי קאָנטראָלירט אירע חשבונות. פֿאַדער בײַ איר כאָטש אַ הלוואה״ אורהן אָנגענומען בײַ דער האַנט זי צוגעפֿירט צו רחלען.

אַ טרויעריקע איז אורה געזעסן אויפֿן בעט־ראַנד: „מאַמעלע, בײַם אבא האָסטו געהאַט אַ שלעכט לעבן. צוליב דעם זענען מיר זיך צעלאָפֿן. געזוכט נײַע היימען און איך בין אַמערגסטנס אַרײַנגעפֿאַלן. כ׳זע, אַלע דאָ זענען אָפּגענאַרט. ראַשיד, מײַן מאַן, שלאָגט מיך. כ„ציטער, ער זאָל דיר, חלילה, נישט טאָן קיין שלעכטס. ווייסט דען ווער ער איז? לעצטנס געהערט ער צו אַ כּנופֿיה. אַלע פֿרייטיק־צונאַכטס קומען זיי זיך צוזאַמען. טרינקען אַראַק, עסן שישליק, זינגען זייערע טרויעריקע לידער. ווען דו הערסט זײַנע גיפֿטיקע, העצערישע רייד קעגן ייִדן, זייערע טעראָר־פּלענער, וואָס כ׳געפֿין צווישן די ווינטערשיך. ווען ער ווייסט, אַז איך האָב דאָס געפֿונען און דיר דערציילט, שעכט ער מיך, ווי אַ שעפּס״. זי איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, זיך איבערצייגט, ער איז אַרויס אין דרויסן, האָט זי פֿאַר־געזעצט: „אמא, זיי זאָגן אויך, אַז אין קורצן וועט זײַן אַ גרויסע מלחמה. ירדן באַפֿרײַנדעט זיך צוריק מיט סיריע, מצרים. און אַלע דרײַ מלוכות האַלטן בײַם אונטערשרײַבן אַן אָפּמאַך מיט איראַק. דאָס אַלץ איז געפּלאַנט אָנצופֿאַלן אויף אונדז. זיי זענען זיכער, אַז זיי וועלן זיגן און אויסהרגענען אַלע ייִדן אין ישראל. לויט זייער פּלאַן וועלן זיי קודם אומברענגען די געקומענע נאָכן יאָר 1948, נאָכן גרינדן די ייִדישע מדינה. וועלן צונעמען אַלע אונדזערע הײַזער, די געשעפֿטן, די בענק, ס׳גאַנצע ייִדישע פֿאַרמעגן און עס צעטיילן די אַראַבישע פּליטים. נאָך דעם וועלן זיי אויך הרגענען

די וותיקים״. זי האָט זיך צעכליפּעט: „ראַשיד זידלט מיך. שרייַט צו מיר ,זונה!׳ בייַם עסן דאָ, האָט ער צו מיר געזאָגט: ,זעסט דעם פּרעס? דאָס קאָסט דאָך אַ פֿאַרמעגן. איר פֿאַרמאָגט דאָך אוצרות געלט. איר אַלע זענט פּראָסטיטואירט. זעסט דאָס אָרגעווען? אויך דו און דייַן מאַמעלע, אַלע, אַלע זענט איר נואפים, גנבים׳. דער מאַמען געבעטן: „ראַטעווע מיך און העלף אונדז. וויפֿל דו קאָנסט גיב אונדז. נאָך וואָס דאַרפסטו אין שטוב באַהאַלטן געלט? אין צייַטונגען לייענסטו נישט, וואָס עס טוט זיך? אויך דיך קאָן מען באַפאַלן. אַלץ צונעמען און דיך אויך צעשלאָגן. איז דען נישט בעסער, אַז מיר זאָלן דערוויַיל דערפון געניסן? אויב נישט, באַרג אונדז די דירה. ביסט דאָך סיי־ווי אין אַלטנהיים״״.

„כ׳וועל דיר אויסזאָגן אַ סוד. די דירה האָט דייַן טאַטע איבערגעשריבן אויף שמעיהס נאָמען. ער האָט מיך איבערצייגט: ,שמעיה איז אונדזער בן־יחיד, דער איינציקער קדיש, קומט אים די ירושה. יאָ. יונגערהייט איז דייַן טאַטע געווען אַ גאַנצער אַפּיקורס און אויף דער עלטער געוואָרן אַ ביסל פֿרום, פֿאַנאַטיש, געגלייבט אין גיהנום און אין גן־עדן. געלט האָב איך בלויז אויף אַ קרקע און אַ מצבה. האָב געהערט אייַער שמועס. ווי צו מייַנע אויערן אַזעלכעס צוהערן פון מייַנס אַן אייגענעם אײדעם. אורהלע, כ׳האָב רחמנות אויף דיר. זיי האָבן דאָך הייס בלוט. ער קאָן זיך אין דיר נוקם זייַן. די יונגע יאָרן זענען נאַרישע, האָסט זיך פֿאַרלאָבטשעט. מירן דיך געוואָרנט, האָסטו זיך אויסגעלאַכט״. זי האָט אַרומגענומען דער טאָכטער, געגלעט אירע בלאָנדע געלאָקטע האָר, געקושט אירע גלאַטיקע, אַ ביסל פֿאַרראָזטע באַקן. „דיך אויסגעהאָדעוועט אַ בילד־שיינע. אַפילו איצט זעסטו אויס ווי אַ שיינהייט־קעניגין. האָסט געקאָנט חתונה האָבן מיטן שענסטן, רייַכסטן ייִדישן בחור און זיך אַזוי באַנאַרישט. גלייב מיר, אַז כ׳בין גאָרנישט קעגן די אַראַבער. ווייסט דאָך, אַז דייַן טאַטע איז געווען לינק געשטימט. תּמיד נאָר גערעדט וועגן שלום־מאַכן מיט די אַראַבישע מלוכות און צוריק געבן אַלע פֿאַרנומענע שטחים. אָבער דייַן מאַנאָק רעדט דאָך ווי אַ פֿאַטאַכניק״.

אורה האָט זיך אַרומגעקוקט. אַרויסגעבליקט פון דער טיר. זי צוריק פֿאַרמאַכט. דער מוטער שטיליטשקע אייַנגערוימט: „האָסט פֿאַרשטאַנען, וואָס כ׳האָב דיר פֿריער דערציילט, ער איז דאָך אין אַ טעראָר־איינהייט. זייַן לעבן הענגט אויף אַ האָר. מאַמע, מאַך מיך נישט אומגליקלעך און כאַפּ זיך נישט אַרויס מיט קיין וואָרט״.

רחל איז געוואָרן אויפגעטרייסלט, בלוי און בלאַס. אַ קאַלטער שוייס

האָט זי באַדעקט. זי האָט דער טאָכטער צו זיך געדריקט, געזאָגט: „אורהלע, קינד מיינס" זי פעסטער צוגעדריקט, געגלעט איר פּנים, געגעבן אַ קוש אין שטערן. געמורמלט: „מיר זענען אין אַ גרויסער סכּנה. ווייסט דאָך, כ'קאָן האַלטן אַ סוד. אורהלע, רעד מיט אים. אַ פּרוּו ווייסט שוין, ווי אַזוי איבערצודברען אַ מאַנסביל. גיב אים ,ליבנדיק' צו פאַרשטיין, אַז אַנשטאָט מיליאָנען שקלים, אַקציעס, מאַרקן, פונטן, האָב איך קרענקונג און ווייטיקן, וואָס וואָלט געסטייעט פאַר אַ סך אַראַבישע שונאי ישראל. קלער אים אויף, אַז ער לעבט אין פאַנטאַזיעס. אויב עס האָט אים ווער אונטערגעהעצט, זאָג אים, אַז ס'איז אַ ליגן".

אורה האָט דער מוטערס פאַרענטפערונגען איבערגעגעבן דעם מאַן און צוגעגעבן, אַז זי גלייבט איר יעדעס וואָרט, ראַשידס פּנים איז געוואָרן צעפלאַמט. די אויגן זײַנע — צעצאָרנט. אויפן ווײַב געקוקט אַן אויפגערייצ־טער: „זי וויל נישט געבן, ווײַל כ'בין אַן אַראַבער! זי נאַרט דיך! זי דאַרף ס'געלט אויף אַ קבר? זי זעט דאָך אויס געזונט ווי אַן אײַזן! זי וועט נאָך לעבן אַ סך יאָרן. אַ ליגנערין וואָס דאָס איז!" פאַר כּעס האָט ער געביסן די ליפּן. איז אַרײַנגעלאָפן אין שלאָפצימער. געשריגן אויף דער אַלטער שוויגער: „גברת, אורה האָט דיר גישט אַלץ דערציילט. אונדזער כאַטקעלע האָבן מיר פאַרקויפט. אויך געקויפט אַ נײַע וווינונג. שוין געגעבן האַנטגעלט. כ'האָב צוגעזאָגט די נאָענטסטע וואָך ברענגען די רעשט, אין קעגנפאַל וועט דער אַדרויף ווערן פאַרפאַלן. מיר וועלן בלײַבן אָן אַ דירה און היזק האָבן ס'האַנטגעלט. בײַ אײַך ליגט געלט סתּם אין באַנק און מיר ווערן דערשטיקט. איך וועל אײַך צוריק געבן יעדן שקל. איר קאָנט דאָך אונדז. יעדעס וואָרט איז אַ ריכטיק וואָרט. די נײַע דירה דאַרפן מיר באַקומען אין אַ יאָר אַרום און אונדזער הײַזקע מוזן מיר אָפּגעבן צוויי חדשים נאָך סוכּות. בעטן מיר אײַך: אַזוי ווי איר זענט סײַווי אין בית־זקנים, זאָלט איר אונדז דערווײַל לאָזן זיך אַרײַנציען צו אײַך".

„ראַשיד, גלייב מיר, דײַנע קינדער, מײַנע אייניקלעך, זענען מיר ליב און טײַער. כ'וואָלט אײַך אָוועקגעגעבן מער, וויפל איר דאַרפט. כ'שווער בײַ אַלע הייליקייטן, אַז כ'האָב נישט קיין צענט חלק, ווי דאָס, וואָס שונאים האָבן דיר זיכער אײַנגערעדט. זי האָט אַרויסגענומען דעם בײַטל פון אונטערן מאַטראַץ. אים דערלאַנגט: „צייל און איבערצײַג זיך, אַז כ'זאָג דעם אמת".

ער האָט דעם בײַטל אָוועקגעשלײַדערט. געווילדעוועט: „אורה, נעם די קינדער! קום! ס'וועט איר קאָסטן טײַערער". צוויי פון שלאָף־אויפ־

געוועקטע קינדער האָט ער דערלאַנגט אורהן, צוויי האָט ער געפירט מיט זיינע הענט און אַרויס.

יורם און שושנה האָבן זיך צעלייגט אויפן בעט. רחלען צוגעשטופּט צום עק מאַטראַץ.

רחל איז געלעגן ווי אין וואַכזיין. געפילט ווייטאָגן אין האַרצגריבל, אין לינקן אָרעם. איז קוים־קוים אַראָפּ פון בעט. פאַרדראָסיק געקוקט אויף דער אומאָרדענונג אין קיך, אין סאַלאָן. געזען די אָנגעוואָרפענע ניסשאָלן, אַ ביסל־אָנגעביסענע עפּל, באַרנעס, שטיקער קוכנס, עוף־ביינער, אָנגעגריזשעטע גענדזענע פולקעס, אויסגעגאָסענעם וויין. זיך אָנגעלענט אויפן שטיקל איבערגעלאָזטן מאַטראַץ. די אויגן, דער מידער קערפּער אירער האָבן געוואָלט שלאָפן און פּלוצעם דערהערט זיך דערנענטערנדיקע טריט. דאָס מאָל האָט זי זיך ווייניקער דערשראָקן. די שלאָפנדיקע איידעמס און דער זון זענען געווען איר פאַרזיכערונג, אַז מ'וועט זי נישט באַפאַלן. די גנבים וועלן זען אַזויפיל מענטשן, וועלן זיי אַנטלויפן. זי האָט געהערט שליסן די טיר. „ווער איז דאָס ?, האָט זי הייזעריק געכאָרכלט. געפּרוווט אויפוועקן עמעצן פון די איידעמס, דעם זון און פאַרלוירן ס'לשון. זי האָט פאַר זיך דערזען צוויי נידעריקע, דאַרע לייט מיט מאַסקירטע פּנימער. זיי האָבן זי תיכף געבונדן, פאַרשטאָפּט איר ס'מויל מיט אַן עק פון ליילעך און געזאָגט : „סבתאלע, דיינע קינדער זענען שיכּור. זיי פּאָפן ווי פּגרים. מיט גוטן גיב אונדז אָוועק די דאָלאַרן, די מאַרקן, די פונטן, ס'גאַנצע גאָלד און די שקלים. אַלץ, אַלץ. אויב נישט דערשטיקן מיר דיך און די אַלע דאָ פאַרסמען מיר און פאַרברענען ס'הויז מיט די פּגרים. זאָג שנעל, ווו דו האָסט אַלץ פאַרשטעקט, וועט דיר און קיינעם גאָרנישט געשען".

רחלס קערפּער האָט זיך קאָנוווּלסיוו געטרייסלט. פון אונטערן מאַטראַץ, ווו ס'איז געלעגן שושנה, האָט זי אַפּער גענומען דעם ביישל און אַ ניילאָן־זעקל און זיי דערלאַנגט. „מער פאַרמאָג איך נישט".

„דאָס איז אַלץ ? !", האָט דער גאָר נידעריקער געקוויטשעט און איר דערלאַנגט אַ זעץ איבערן קאָפּ. אַ פאַרבלוטיקטע זי אַראָפּגעשלעפּט פון בעט. זי געטרעטן מיטן רעכטן פוס. דער צווייטער, וואָס זיין פּנים איז געווען פאַרצויגן מיט אַ ניילאָן־זאָק, האָט געלאַכט. רחל האָט דערקענט ראַשידס קול. אים געבעטן : „ראַשיד, נעם צו אַלץ פון שטוב. געלט האָב איך נישט מער. אדרבא, זוך. אָבער הייס אים מיך נישט שלאָגן. זאָל ער אַראָפּנעמען דעם פוס פון מיין בויך".

„סבתאלע, האָב נישט קיין מורא, האָט דער פאַרמאַסקירטער ראַשיד

געחוזקט און צו דעם, וואָס האָט געטרעטן מיט אַ פוס אויף איר בויך, געמורמלט: „דו פאַרנעם זיך מיט דער נבלה. איך קאָן דאָ יעדעס ווינקל. איך וועל זוכן". ער האָט אומעטום גענישטערט. פון שענק, קרעדענסן, שופלעדער אַרויסגעוואָרפן וועש, קליידער, זעליקס אָנצוגער, קישנס, קאָלדרעס, געפעס. אַלץ צעפליקט, צעבראָזגעט, געשלײַדערט אין סאַלאָן אַרײַן. די טעלעוויזיע צעבראָכן. צעפליקט דעם ראש־השנה־מחזור. „וואָס מאַכן מיט איר?" האָט דער וואָס האָט אויף איר געטרעטן געפרעגט. „זי האָט דאָך אונדז דערקענט. מ'וועט אונדז אײַנזעצן. מ'דאַרף זי פאַרטיק מאַכן" און צו רחלען געשריגן: „אויב דו ווילסט לעבן, זאָג שנעל, ווו האָסטו באַהאַלטן דײַן פאַרמעגן".

רחל האָט קוים־קוים געכליפּעט. געבעטן: „שלאָגטס מיך נישט. כ'פאַרמאָג נישט מער".

דער וואָס האָט אויף איר געהאַלטן דעם פוס, האָט פון איר אַראָפּגעריסן ס'רויטע פּיזשאַמע־בלוזקעלע. עס צעפליקט. מיט אַ שטיק פון דעם אַרומגעוויקלט איר האַלדז. ביידע האָבן אינטענסיוו גענישטערט, געזוכט. „ראַשיד האָסט עפּעס געפונען?". „גאָרנישט!" האָט ער דענערווירט געענטפערט. צום חבר געגעבן אַ ווונק: „יאַללאַ!". דער אַראַבער האָט די באַוועגלאָזע רחל געשאָקלט מיט ביידע הענט און זיך צעכאָכאָטשעט: „ווייניקער אַ ייִדישע נבלה. לאָמיר פאַרן. ס'איז שוין באַלד טאָג". פון זײַנע צאָרנדיק ציטערנדיקע ליפּן איז דער גאַווער געררונען אויף רחלס צעקאַליעטשעט פּנים. ער האָט געריטשעט: „ראַשיד, צינד זיי אונטער! ברענג שנעל אַרײַן דעם בענזין. לאָמיר פאַרברענען ס'הײַזל. זיי גאַרן דיך, סײַ־ווי וועלן זיי דיר אַפילו נישט געבן דײַן חלק. פאַרברען זיי אַלע מיטן הײַזל".

ראַשיד האָט געבראַכט אַ גרינעם דזשעריקאַן, באַגאָסן ס'מעבל, די ווענט, די דיוואַנען. גענומען שטיקער פון אַ צעפליקט לײַלעך. זיי אײַנ־געטונקען מיטן „ברען"־שטאָף פון דזשעריקאַן און געפּרוווט אונטערצינדן די אײַנגעפּעצטע לײַוונטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט ברענען.

„אין דעם אַ דזשעריקאַן איז דאָך געווען וואַסער! אָנשטאָט בענזין האָסטו, אידיאָט, געבראַכט גאָר וואַסער!!! משוגענער! האָסט געטוישט די דזשעריקאַנען?!, האָט ראַשידס חבר געקולותט. ראַשיד האָט אויך געשריגן, דעם חבר געזידלט, אים באַשולדיקט אין טוישן די דזשעריקאַנען. „אין דעם בלויען איז דאָך שטענדיק דאָ בענזין!" פון זייערע קולות האָט

זיך שמעיה אויפגעוועקט. איז אַראָפּ פון בעט. געגומען שיסן אין דער לופט. די אַראַבער זענען אַנטלאָפן און שמעיה האָט אַלע אויפגעוועקט.

שושנה האָט דער שוויגערס האַלדז פריי געמאַכט. פון איר מויל אַרויסגענומען די רויטע שמאַטע. שמעיה איז געווען גליקלעך, אַז די מאַמע איז געבליבן לעבן. זי באַרויקט: „די ווונדן וועלן זיך פאַרהיילן". ער האָט אויסגעדריקט ספקות. צי זיי האָבן איר בלויז געשראָקן, בלויז פאַרבונדן דעם האַלדז און אַ ביסל פאַרשטאָפּט ס'מויל, אָדער גאָר שלימזלדיק זי דערשטיקט, פונקט ווי זיי האָבן געוואָלט אונטערצינדן אַלעמען מיט וואַסער.

„שמעיהלע, ווען כ'מאַך זיך נישט טויט, דערשטיקן זיי מיך. כ'האָב געוווּסט, אַז ראַשיד איז אַ רוצח", האָט רחל העשענדיק זיך צעוויינט.

מיט געבויגענע קעפּ זענען אַלע אויפגעוועקטע, אויסגעניכטערטע געזעסן אַרום סאַלאָן־טיש. באַקוקט די אומאָרדענונג, דאָס אוועקגעוואָרפענע עסנאָפּפאַל. יורם שור האָט שמעיהן געפרעגט: „וואָס דאַרפן מיר טאָן?"

„זיין תמיד וואַך. ראַשידן אָפּגעבן זיין חלק. אפשר וועט ער זיך דערמיט באַפרידיקן. אויב נישט, מוזט איר האָבן געוווער. ער מיט זיין חברה קאָנען אונדז פּלוצים אָנפאַלן".

יעקל תם האָט באַלד מסכים געווען צו באַקומען אַ קלענערן חלק ירושה. אַבי ס'זאָל זיין שלום. צו אַלעמען פּאַטעטיש אויסגערופן: „שמעיה איז קלוג, געלערנט". ער הייסט שמעיה חזון און אַזעלכער איז ער. זעט פאַר כסדרדיקע געשלעגן. טיילט זיך!"

„באַיווע, דאָ האַנדלט זיך נישט אין טיילן חלקים. ער איז אַ טעראָר־מענטש! וויל פאַקטיש די גאַנצע דירה. די אמא און אורה האָבן מיר געגנוי דערציילט זייערע פאַנטאַסטישע פאָדערונגען. איר טעותט", האָט שושנה מיטן ווייזפינגער אַלעמען געוואָרנט. יורם שור האָט זיך צעהיצט: „ס'איז אונדזערס! ראַשידן קומט גאָרנישט! אורה האָט מיט אים חתונה געהאַט? דערמיט איז זי אַוועק פון אונדז. איר האָט מורא פאַר אים? שטויות! ער מאַכט זיך בלויז שטאַרק. ער האָט אַ גרויסע משפּחה, זאָל ער ביי זיי מאָנען" און האָבן רחלען אויפגעוועקט.

ז

רחל האָט געפּילט אַ קאָפּמישעניש. זי איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט. אָנגעצונדן ס'נאַכט־לעמפּל. דורך פינצטערע פענצטער אַרויסגעקוקט צום שטילן, נאַכטישן דרויסן. זי האָט געפילט אַ קילן שוידער. איז צוריק אַריין אין בעט. פאַרמאַכט די אויגן. דער חלום האָט נאָך געשוועבט פאַר

אירע אויגן. געווען פריידיק, וואָס דער חלום האָט איר פאַרשאַפט גרויליקייטן און אויך אַ ביסל פרייד, וואָס די אייניקלעך זענען געקומען. חרטה געהאַט פאַר זיי מוסרן אַז די קליידער זענען צופיל דעקאָלטירט, פאַרשײַט, צופיל זויפן פרעסן, און הפקרדיק זיך אויפפירן, זייער טוישן זיך מיט די ווײַבער. זיך דערמאָנט זייער דיסקוסיע, ראַשידס בייזוויליקע רייד, דאָס דערוויסן זיך פון אורהן, אַז איר מאַן געהערט צו אַ טעראָר־אָרגאַניזאַציע. אממייסטנס האָט איר ווי געטאָן די איבערגעלעבטע שרעק, ווען איר איידעם מיטן אַראַבישן חבר האָבן זי געוואָלט דערמאָרדן. דערמאָנט שמעיהס קלוגע רייד, אַז מ׳דאַרף אים צוריקגעבן זײַן חלק. איז אַראָפּ פון בעט.

דער באַגינען האָט אָנגעהויבן באַהעלן די נאַכטיק־באַשוואַרצטע פענצטערס. זיך אַרומגעדרייט אין די קוים־באַלויכטענע צימערן. בײַם שטייגשפּיגל זיך אָפּגעשטעלט, טרויעריק געקוקט אויף זיך, באַדויערנדיק באַטראַכט זעליקס בילד און אורהס פאָטאָ־בילד. צו דעם גערעדט: „ליב קינד, ביסט אַרײַנגעפאַלן. אויסגעוואַקסן די שענסטע, גראַטנסטע, קלוגסטע און אַזוי זיך באַנאַרישט, פאַרליבט אין דעם קליינעם אַראַבערל״ בײַם דערמאָנען ראַשידן דערמאָנט זײַנע רוצחישע בליקן בעתן אָנפאַל. איז צוגעגאַנגען צום בעט. מיט ציטערדיקע הענט געהויבן דעם מאַטראַץ, באַטאַפּט ס׳ביילאַן־זעקעלע מיט אירע אָפּשפּאָרונגען, ס׳ביסל צירונג און צו זיך געמורמלט: „אין יעדן חלום איז פאַראַן אַ טראָפּן אמת. נעבן זעליקס בילד האָט זי זיך צעוויינט: „אַלע זענען מיך חושד. זעליק, דו ביסט געווען דער ערשטער באַשולדיקער. רבקה טענהט אַז מ׳וועט מיך משפּטן, אײַנזעצן. אפשר איז זי גערעכט. געטאָן אַ נאַרישקייט. דיר געגעסן ס׳האַרץ. נישט געגעבן דיר קיין איין טאָג מנוחה. פון נאָגנדיקע גריזשעניש איז דיר קאַליע געוואָרן ס׳בלוט. נאָר אין דעם בין איך שולדיק. אָבער איך האָב דיר אין שפּיטאָל גאָרנישט געטאָן קיין שום שלעכטס. רבקה טראַכט אויס אַ בילבול אויף מיר. זעליק כ׳האָב חרטה. געמיינט אָן דיר וועט מיר זײַן בעסער, פרײַער. יעצט זע איך אײַן אַז ס׳איז מיר ערגער. אין די ליידיקע צימערן, אַפילו אין אַלטנהיים בין איך איינזאַם, ווי אין אַ תּפיסה. ראַשיד מיינט כ׳פאַרמאָג מיליאָנען. דאָס איז נישט בלויז אין חלום, אַזוי מיינט ער און זאָגט עס מיר אָפּט. דער רשע פילט זיך תּמיד באַעוולט. כ׳טראָג צו אורהן גאַנצע פּעק מיט עסנוואַרג. וויל אַ ביסל לעשן דעם צאָרן פון איר מאַן״. זעליקן אָנגעקוקט פאַרדראָסיק און געזאָגט: „האָסט גוט אויסגעפירט. געמאַכט אַוואַנטורעס. די קינדער פאַרטריבן פון

שטוב. האָט זיך אורה, די „חכמטע" אין אונדז נוקם געווען און חתונה געהאַט מיט אַזאַ סקאַנדאַליסטישן ייִדן־שונא. האָט מיר אָפּט געזאָגט, זי לײַדט נישט דײַנע קריגערײַען מיט מיר. געדראָט זי וועט אַנטלויפֿן און אויסגעפּירט". זיך דערמאָנט: איין מאָל שבת נאָכן עסן, בעת אַ קריגערײַ, איז אורה אַוועק. מער נישט אַהיים געקומען. אין אַ צײַט אַרום האָט די פּאָליצײַ זײַ מיטגעטײלט, אַז אורה אַרבעט אין אַ רעסטאָראַן אין יפֿו. האָט דאָרט געדונגען אַ צימערל, בשותּפֿות מיט אַ בחורטע, וואָס זינגט און טאַנצט אין אַ קאַבאַרעטל. זעליק האָט זי קוים אויסגעזוכט. זיך דערוווּסט, אַז זי פֿאַרברענגט מיט אַן אַראַביש בחורל, מיט וועלכן זי וויל חתונה האָבן. רחל האָט גאָרנישט געקענט פֿאַרגעסן די אין חלום־געהערטע ראַשידס שאַנטאַזשירטע פֿאָדערונגען. בולט פֿאַר זיך געזען זײַן כּעסיק, רוצחיש פּנים. עפּעס אויף אַראַביש געשריגן צום ווײַב, צו די קינדער און איז אַנטלאָפֿן. בײַנאַכט צוריקגעקומען מיט אַ חבֿר. זי געשלאָגן, געזוכט גאָלד, געלט, געוואָלט אונטערצינדן די דירה. ווידער געפֿילט אַ קלעמונג אין האַרצגריבל. אַ שווייס האָט זי באַגאָסן און צום מאַנס בילד גערעדט: „נאָר דו, חכם מײַנער, ביסט אין אַלעם שולדיק. ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ גיהנום דאָס קינד לײַדט בײַ דעם אָ טעראָריסט". ווידער באַקומען אַ שווינדלעניש. זיך צוגעשלעפּט צום בעט. זיך אויסגעצויגן אויף דער ווײַסער, רויט־באַבלומטער דעק. „עס איז, סוף כּל סוף געקומען מײַן צײַט. מײַן שוואַרץ קוויטל איז שוין אונטערגעחתמעט". דער אָ געדאַנק האָט דווקא זי אַ ביסל באַרויִקט. דער פּחד, די ספּאַזמע אין שוואַכער געוואָרן און אויף ס'נײַ האָט איר ברוסטקאַסטן זיך געהויבן, ווי אַ בלאָזאַק. זי האָט שווער געאָטעמט. געפֿילט אַ שטעכעניש אין דער לינקער זײַט ברוסט און אין לינקן אָרעם. זי האָט זיך אויסגעצויגן. גלײַך געמאַכט די הענט. געלעגן אומבאַוועגלעך. „זעליק, כ'האָב דיך גענאַרט, פֿאַרראַטן, געטויִשט די פּילן און אפֿשר האָט דאָס טאַקע דיר געשאַדט. בין אין אַלעם שולדיק. דו האָסט זיך געלעבט אָרנטלעך, ערלעך און ווי אַ צדיק געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט און אַלץ צוליב מיר", האָט זי איצט שטיל געבעטן, גאָט זאָל איר שענקען כאָטש נאָך אַ פּאָר חדשים. חרטה געהאַט, וואָס פֿאַר יום־טובֿ איז איר אײַנגעפֿאַלן אַהיים צו גיין, מאַכן די שטובן ריין און אָנקאָכן אַזויפֿיל עסנס פֿאַר זיך, קינדער און אייניקלעך. בחינם זיך געטרייסט, אַז זיי וועלן דאָך קומען באַזוכן זייער אַלטע, איינזאַמע, קראַנקע מאַמע. אין בית־זקנים וואָלט זי נישט געלעגן אין אַזאַ מצבֿ אָן שום הילף. מ'וואָלט זי זיכער גענומען אין שפּיטאָל אַרײַן, ווו מ'וואָלט

זי געראַטעוועט. דאָ וועט זי אויסגיין ווי אַן אויסגעברענט ליכטל. איר הארץ האָט זיך פּאַמעלעך, לאַנגזאַם באַרויִקט. ווידער געפּרוּווט אַראָפּגיין, זיך צושלעפּן צום שכן. אים אויפוועקן, בעטן ער זאָל קלינגען אין מגן־דוד־אָדום. אָבער אירע פיס זענען געווען קאַלט, שווער ווי קלעצער. זי האָט געמיינט אַז זי איז פּאַראַליזירט געוואָרן און באַשלאָסן: „וואָס עס וועט זײַן, זאָל זײַן". אַזוי איז זי געלעגן ביז דער פרימאָרגן האָט צעליכטיקט די שטוב־ווינקלען. זי האָט דערפילט, אַז איר צונויפגעפּרעסטער ברוסטקאַסטן ווערט אַ ביסל אויפגעלעזט, די קלעמונגען זענען לײַכטערע, אָפּטערע. מיטן עק העמד געווישט דעם קאַלטן שווייס אויפן שטערן, אויפן האַלדז. אָנגעהויבן צוביסלעך באַוועגן מיט די פיס. מיט די לעצטע שוואַכע כּוחות איז זי אַראָפּ פון בעט. פאַר אירע אויגן האָט זיך אַלץ געהוידעט, געשווינדלט. האָט זיך אָנגעהאַלטן אין דער וואַנט, אין די בענקלעך. איז קוים געקראָכן. זיך צוגעשלעפּט צו דער טיר, זען צי זי איז פאַרשלאָסן. אַ ביסל זיך באַרויִקט. געכליפּעט: „וויי, וויי, ס׳איז שוין נישט פאַר מײַנע אַלטע כּוחות, שוואַכע נערוון, קראַנק האַרץ. פּאַמעלעך צוגעפּויזעט צום בעט. באַטאַפּט ס׳בײַלאַן־טאָרבעלע מיט געלט, ביסל ווערטזאַכן. האָט אויסגעטאָן די פאַרשוויצטע פּיזשאַמע און אָנגעטאָן אַ לאַנג, ווײַס העמד. זיך אָנגעלענט. רעיונות, פאַנטאַזיעס, האַלוצינאַציעס האָבן זי געמאַטערט. איר געשטערט אײַנצודרימלען. געטראַכט: „דער אָנהייב חלום איז געווען אַזוי אָנגענעם, אַזוי פריילעך און דערנאָך אַזוי טראַגיש. ווען זעליק לעבט, וואָלט דאָך ראַשיד נישט געוואָגט אורה׳ן אַזוי שלעכט צו באַהאַנדלען, ווי אַ שפחה. ער וואָלט פאַרט פאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט. זי האָט זיך באַמיט אַ ביסל אײַנצודרימלען און נישט געקענט. געדאַנקען, זכרונות האָבן זיך געטוישט. אײַן פאַנטאַזיע האָט פאַריאָגט אַן אַנדערע. די זיך־טוישנדיקע טראַכטענישן האָבן זי געפּײַניקט, געמאַטערט. האָט זי זיך ווידער אויפגעזעצט און אַז זי האָט זיך דערפילט אַ ביסעלע בעסער, האָט זי זיך פאַמעלעך, פאָרזיכטיק אויפגעשטעלט. געקוקט אין אַלע זײַטן און ווידער דערמאָנט דעם חלום מיטן פרעסערײַ. דערמאָנט די פײַערלעכע יום־טוב־סעודות בײַ אירע עלטערן. איר מאַמע פלעגט שײַנען פון נחת. אירע בעקלעך האָבן רויטלדיק געפלעמלט, די אויגן נחתדיק געפינקלט. פאַרגעניגנדיק געקוקט אויף דער צוגערוימטער, ליכטיקער שטוב, אויפן ווײַס־באַדעקטן טיש מיט די מאַכלים, ווײַן, פרוכטן צו מאַכן אַ שהחיינו. פריידיק פלעגט די מאַמע קוקן אויף די לוסטיקע קינדער: זי און אַלע שוועסטער זענען געווען אָנגעטאָן אין ציכטיקע

ווײַסע קליידלעך. די פּנימלעך באַקריינט מיט פּאַרפּלאָנטענע, גלאַנציקע צעפּלעך. אַלע זענען געווען פול מיט פרייד און יום־טוב. זיי האָבן דער מאַמען צוגעהאָלפן: פאַרדעקט די געפּלאָנטענע צוקער־חלות, די רויטע עפּל אײַנגעסדרט. פאַרזיכטיק אויסגעלייגט די ווײַנטרויבן, נעבן זיי אַ געבלומט גלעזל מיט טונקל־ברוינעם האָניק. פּינקטלעך צעשטעלט די טעלערס, צעלייגט די לעפל, די גאָפּל, די מעסערס. דער סערווירטער טיש איז באַלויכטן געווען מיטן ברענענדיקן אַכט־לאָמפּיקן זשיראַנדאָל און פון פיר גרויסע, געפּלאָנטענע ליכט. אַז דער טאַטע מיטן ברודער, יצחקל, זענען געקומען פון פּיאַסעטשנער שטיבל, האָט מען זיי אויפגענומען מיט שוויַיגענדיקן דרך־ארץ. שמייכלענדיק דעם טאַטן געענטפערט „גוט יום־טוב". זיך געקושט, געווונטשן: „לשנה טובה תכתבו ותחתמו". דער טאַטע, אָנגעטאָן אין אַ זײַדענער, גלאַנציקער קאַפּאָטע, אין אַ ווײַס העמד, אין אַ שפּיציק שטריימל, האָט אויסגעזען ווי אַ מלך, וואָס געוועלטיקט לײַטזעליק, ליבלעך און זאָרגט פאַר אַלע שטוב־זאַכן. דער עיקר: פאַרן ווײַב און קינדער. ער האָט פאַר יעדן אָנגעגאָסן אַ גלזעל ווײַן. פון זילבער־נעם טעצל געהויבן דעם פולן זילבערנעם בעכער און געזאָגט: „סברי מרנן ורבנן". געמאַכט אַ שהחיינו. אַ ביסל געזופּט. די רעשט דערלאַנגט דער מאַמען, וואָס האָט אין געלאָקטן, שוואַרצן שייטל און שמחהדיק פּנים אויסגעזען, ווי אַ גליקלעכע גרעפין. גוטמוטיק האָט דער טאַטע יעדן דערלאַנגט אַ שטיקל עפּל, געטונקען אין האָניק. הויך אַ ברכה געמאַכט: „שתחדש אלינו שנה טובה ומתוקה". מיט פאַרגעניגן און דרך־ארץ האָט מען געגעסן דער מאַמעס באַטעמטע מאַכלים. דער טאַטע האָט געזונגען האַרציקע ניגונים. דערציילט טשיקאַווע, מוסר־געמשלטע מעשׂהלעך פון רביים־צדיקים. מ'האָט געפילט דערהויבנקייט, ימים נוראימדיקע הייליקייט.

געטראַכט: אַזוי איז געווען אין גלות־פּוילן. און הײַנט? מ'שטיינס געזאָגט צו וואָס מ'האָט דערלעבט אין הייליקן לאַנד. זיי האָבן זיך אָנגעפּרעסן, אָנגעכלויעט, ווי גוים. שיכור געוואָרן און די טעכטער האָבן זיך געטשעפּעט צו שוואָגערס. געוואָרן אַ פּאַסקודנע, הפקרדיקע וועלט. צוליבן פרעסן, הוליען אײַנגעשלאָפן און ראַשיד מיטן פּאַטאַך־חבר האָבן מיך געוואָלט הרגענען און געפּרוווט אונטערצינדן ס'הויז, חרוב מאַכן מײַן לעצט שטיקל היים. געדמיונט, צו זיך גערעדט, גלײַך זי וואָלט דאָס אַלץ נאָך אַמאָל איבערגעחלומט. ווידער זיך געשטעלט פאַרן מאַנס בילד. געוויינט און ווידער איבערגעחזרט:

„זעליק, כ'פיל באַשײַנפּערלעך ס'חיות גייט מיר אויס. ס'קומט מײַן

צײַט. איך מוז פֿאַר דיר ס'לעצטע מאָל מײַן געשוואָלן האַרץ אויסרעדן: האָסט מיך געטראָפֿן מיט אַלין זיך קושן? אמת. ער איז געווען מײַן בעסטער יוגנט־חבר. אײנער פֿון מײַנע לעבנגעבליבענע וואַרשעווער חברים. מירן זיך אײניקע מאָל באַגעגנט. זיך דערציילט אָנגענעמע איבער־לעבונגען, יוגנט־זכרונות. ער איז, ווי אַמאָל, פֿעיִק צו דערציילן אינטערע־סאַנט, שײן, מיט הומאָר. כ'געדענק נישט וויפֿל מאָל מיר האָבן ביחידות גוט פֿאַרברענגט. אַ דרײַ אָדער פֿיר מאָל זיך פֿאַרגעסן. געלאָזט זיך אַרומנעמען, קושן און... האָסט מיך דערפֿאַר יאָרן געיאָדעט, אַז בעתן באַהעפֿטן זיך מיט דיר, האָב איך אין עקסטאַז אויסגעקרעכצט זײַן נאָמען און נאָך פֿון אײנעם, אַ בעניעק. אמת כ'האָב תּמיד ליב געהאַט הויכע, שײנע, שטאַרקע מענער. מײַן געשמאַק איז אַזוי ווי בײַ מערהייט פֿרויען. רוב דײַנע טענות קעגן מיר זענען ריכטיקע. אָבער גלייב נישט, אַז דו ביסט געווען אַ צדיק אין פֿעלץ. וואָסי? האָסט קײנמאָל נישט געטאָן קיין עבירהלע? אָבער איך האָב דיר שטענדיק מוחל געווען. זײַ מיר אויך מוחל מײַנע פֿרויישע פֿאַנטאַזיעס און תּאוות. מיר האָבן זיך בײדע באַנאַרישט. מיר זענען נישט געווען קיין פּאַסיקער זיווג. איז זײַ מיר מוחל. לאָז מיך כאָטש רויִק ענדיקן מײַן לעבן".

זי האָט זיך געפֿילט לײַכטער, רויִקער, גלײַך זי וואָלט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן אַ שווערע משא. זי האָט זיך געזעצט אין סאַלאָנדל. קאָמבינירט פֿלענער, געקוקט אויפֿן האַנט־זייגערל. „ס'איז שוין זיבן". דער קאַפֿע האָט איר געוויטיקט, געזעצט ווי מיט האַמערס. איז אַרײַן אין קיך. מיט אַ פֿאַרנעצט האַנטעך פֿאַרבונדן דעם הייסן שטערן. באַטאַפּט דעם האַלדז, דעם בויך און געספּקט: „זענען די קינדערס קומען געווען בלויז אַ חלום? ס'זאָל אויסגיין צו מײַנע שונאימס קעפּ. אויסגעשפּיגן: „ראַשיד האָט מיך טאַקע געוואָלט הרגענען? זעליק וואָלט שוין ריכטיק פּותר־חלום געווען. ר'האָט געהאַט אַ נערוועזן אָבער אַ גוטן, אײַזערנעם קאָפּ און תּמיד פֿינקטלעך צוגעטראָפֿן". האָט באַשלאָסן: אין אַ שעה אַרום וועט זי צוריק גיין אין אַלטנהיים. איי מ'באַרעדט זי? זי האָט אָבער נישט קיין אַנדערע ברירה. דאָרט איז זי געזיכערט מיטן לעבן. וועט זיך מוזן צוגעוווינען צו די נישט־געשמאַקע עסנס, צו די רכילותן. האָט פֿאַרמאַכט די אויגן. געגאַרט נאָך אַמאָל כאָטש זען די קינדער. זײ קושן, האַלדזן, הערן ברכות. אָבער דער חלום איז מער נישט דערשינען.

אַז דער פֿרימאָרגן איז שוין געווען גוט גאַלדיק־זוניק צעליכטיקט איז רחל שוין געווען פֿולשטענדיק וואַכיק. זי איז אַרײַן אין קיכל. געעפֿנט

ס׳אײַזקעסטל, באַקוקט די פֿאַרדעקטע טעפּלעך, די גלעזערנע שיסלען, די סלאָיען מיט עסנס. געטראַכט: „די אויגן זענען גרויס. פֿאַר וועמען? ס׳גאַנצע לעבן אַוועקגעגעבן די קינדער און זענען געוואָרן מיט מיר ברוגז, מיך איבערגעלאָזט אויף הפקר. בלויז אין חלום מיך באַזוכט און דאָס בלויז איינמאָל״. באַמערקט ס׳איז שוין אַכט. זיך אָנגעטאָן. פֿאַרפּאַקט די וועש, די קליידלעך אין ניילאָנען, אַרײַנגעלייגט די געבעקסן, די פּרוכטן, דאָס גרינוואַרג. אין אַ געפּלאָכטן, שוואַרץ קויבערל אַרײַנגעשטעלט די כּלים מיט די געקאָכטע מאכלים. און מיט די שווערע פּעקלעך זיך געשלעפּט אין בית־זקנים, וואָס הינטער דער שטאָט.

„רחלע, סקאָצל קומט״, האָט זי באַגעגנט גיטל. „כ׳זע זי בענקען נאָך אונדז? זייער גוט. מיר אײַנגעשפּאָרט אַ וועג צו גיין צו אינען״.

„יאָ פֿאַרבענקט, נישט פֿאַרבענקט. מ׳דאַרף זײַן צווישן מענטשן. אַליין זאָל זײַן אַ שטיין. מער גיי איך נישט אין ערגעץ. דאָ וועט שוין זײַן מײַן לעצטע היים״. און איר דערציילט דעם נעכטיקן חלום.

ח

רחל האָט אָנגעטאָן ס׳ווײַסע קלייד און ווײַסע לאַטשן. די האָר באַשפּריצט מיט ספּרעי. זיך פֿאַרדעקט מיט אַ ווײַס־רויט־געבלומט טיכל. אַ קאָפּעלע צוגערויטלט די בליילעכע, פֿאַרטרוקנטע ליפּן. מאַסאַזשירט ס׳געלע, צעפֿאַלדעוועטע פּנים. גענומען ס׳מחזור און געגאַנגען אין דער שטאָטישער שול אַרײַן. נישט געוואָלט דאַווענען אין דעם אַלטנהיים שולעכל, ווו זי וועט דאַרפֿן באַגעגענען רבקהן און עס איז געווען איר איינציקער ווונטש נישט צו שטיין בײַ דער טיר טאָמער וועט אויך רבקהן איינפֿאַלן דאָרט צו קומען דאַווענען. באַדויערט פֿאַרוואָס זי האָט פֿאַרגעסן צו באַצאָלן פֿאַר איר סטאַביל אָרט אין דער ווײַבער־שול. זיך געדרייט דאָרט צווישן די בענק, געזוכט אַ ליידיקן, נישט פֿאַרקויפֿטן פּלאַץ. אַ יונג ווײַבל האָט איר גערופֿן, געהייסן זיך זעצן אויף אַ ליידיק אָרט פֿון איר קראַנק־געוואָרענער שכנטע. געזעסן איז זי צופֿרידן, וואָס זי איז פֿאַרשטעלט פֿון די בײַ־דער־טיר־שטייענדיקע ווײַבער. יעדעסמאָל געקוקט הינטער זיך. געזוכט רבקהן. פֿאַר דער שחרית־שמונה־עשרה האָט זי זיך אַ ביסל פֿריער אויפֿגעשטעלט און אַז זי האָט דערזען רבקהן מיט גיטלען שטיין נעבן דער אײַנגאַנג־טיר, לאַכן, שמועסן, ווײַזן מיט פֿינגער אויף איר, האָט זי דערפֿילט אַ קלעמונג אין ברוסט־גריבל. ס׳איז איר געוואָרן הייס. ס׳האָט איר פֿאַרפֿעלט אָטעם. געפֿילט קאָפּ־מישעניש. געמיינט, אַז

אַט־אַט וועט זי פֿאַלן. מיט די לעצטע כּוחות זיך אָנגעשטרענגט און איז אַרויס דורך דער שורה שטייענדיקע, זיך שאָקלענדיקע ווײַבער. אַ וואַקלדיקע זיך קוים צוגעשטופּט צו דער טיר און כאָטש זי האָט נישט געוואָלט קוקן אויף אירע באַרעדערינס, האָט זי דערהערט גיטלס קול: „ווו גייען זי? זי וואַרטן נישט אויף קדושה?"

„כ'האָב פֿאַרגעסן אַ וויכטיקע זאַך. כ'קום באַלד צוריק און איז פֿאַרשוווּנדן. אויפֿן גאַס איז איר געוואָרן לײַכטער. אין אַ גערטנדל זיך אַ ביסל אָפּגערוט און געאײַלט אין בית־זקנים־בית־המדרשל. נישט געוואָלט פֿאַרשפּעטיקן ס'דאַרטיקע שופֿר־בלאָזן. בײַם אַריבערגיין אַ זײַטיק געסל האָט אַ שנעל־פֿאַרנדיקער טענדער זי איבערגעפֿאָרן. רחל האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּאָזמאַטישן געשריי. קיינער איז אָבער נישט געווען דערבײַ. צוויי טונקל־הויטיקע, נידעריקע לײַט זענען אַראָפּ פֿון דער מאַשין. בײַ איר צוגענומען דעם בײַטל. פֿון בוזעם אַרויסגענומען ס'נײַלאָן־טאָרבעלע מיטן צירונג. האָבן אויסגעדרייט דעם טענדער. צוריקגעפֿאָרן נאָך אַמאָל איבערן צעבלוטיקטן, גוססדיקן קערפּער. אַ דורכפֿאָרנדיקע טעקסי מיט חיילים האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן דער טויטער. זיי האָבן געמאָלדן דער פּאָליציי, וואָס האָט דעם צעריסענעם קערפּער אָפּגעפֿירט אין עפֿולהער שפּיטאָל. האָבן געפּרוווט זיך דערוויסן איר נאָמען. ווו זי וווינט. בײַ איר נישט געפֿונען קיין שום דאָקומענט און דאָס פּנים אירס איז נישט געווען צו דערקענען.

גיטל און רבקה האָבן באַמערקט אַז רחל קומט נישט צוריק אין שול. זיי האָבן זי אויך נישט געזען שפּעטער אין עסצימער, אין בית־זקנים. איז גיטל געגאַנגען זי באַזוכן. אַז זי האָט געזען די שטוב איז פֿאַרשלאָסן, איז דאָס פֿאַר איר געווען פֿאַרדעכטיקט. זי איז אַרײַן צום מנהל פֿון אַלטנהיים. אים דערציילט דעם געשפּרעך מיט רחלען, וואָס האָט ערב ראש־השנה גערעדט מיט איר וועגן זעלבטמאָרד. ער האָט תּיכף טעלעפֿאָנירט צו דער משטרה. זיך דערוווּסט אַז ס'איז פֿאַראַן אין עפֿולהער שפּיטאָל אַ טויטער קערפּער פֿון אַ וועג־קאַטאַסטראָפֿע. דער מנהל מיט גיטלען זענען צוגעפֿאָרן צום שפּיטאָל. דער מנהל האָט דערשטוינט געזען די פֿאַרבלוטיקטע איבערגעפֿאָרענע און פֿעסטגעשטעלט: „דאָס איז רחל: יאָ, רחל, ברוך דיין אמת". גיטל האָט זיך געקנײַפּט די פֿלעמלדיקע באַקן. צעכליפּעט ווי אַ קליין קינד: „אוי, ווינד איז צו מיר. ס'איז דאָך, נעבעך, פֿון איר נישט געבליבן קיין גאַנץ אבר". אָנגעקוקט דעם מנהל. צו אים געשעפּטשעט: „אויך לעצטנס שוין געווען אַ צעבראָכענע כּלי. כּסדר זיך

דענערווירט, ווײַל זי האָט איר מאַן צום קבר דערפירט. איז אַרומגעגאַנגען צעחושט, צעשטרײַט. מורא געהאַט פאַר אַן אַרעסט, משפט. זי האָט דאָך"...

„גברת גיטל", האָט דער מנהל איר מער נישט געלאָזט רעדן. כ'ווייס אַלץ אַן אייער און רבקהס סודות. „דער מענטש טראַכט און גאָט מאַכט. ווער ס'מיינט אַז דאָס לעבן איז הפקר, אַז ס'איז „לית דין ולית דיין" לעבט אין אַ טעות. דער אין הימל איז אַ דין־אמת און דער שופט־צדק".

גיטל האָט געווישט טרערן פון פּנים: „רחלס מאַן, זעליק איז געווען אַ טײַערע נשמה. האָט זיך פאַרדרייט אַ קאָפּ, חתונה געהאַט מיט נישט זײַנס גלײַכן.ביידע האָבן זיך געפּייניקט, באַצאָלט אַ טײַערן פּרײַז".

ט

מאַנטיק פרי. צום גדליה. זענען די טעכטער, זון, שנורן, איידעמס, אייניקלעך געקומען. האָבן געקלאָגט. ס'איז פאַר זיי געווען אַ רעטעניש ווער ס'האָט דער מאַמען איבערגעפאָרן. געספקט צי דער פּאָליציי וועט געלינגען אויספאָרשן ווער ס'איז געווען דער אַנטלאָפענער שאָפער.

ראַשיד חוסיין איז געזעסן גלײַכגילטיק. אורה'ן אײַנגערוימט: „זיי זיצן דאָ שבעה?"

„וואָס איז דאָס דיר וויכטיק?", האָט די פאַרוויינטע אורה אים געפרעגט.

„בהמה, אויב יאָ, וועלן מיר נעמען די דירה נאָך זייער אָוועקפאָרן, אין אַ וואָך אַרום. אין פאַל זיי צעפאָרן זיך נאָך דער לוויה, גייען מיר אַהיים, פּאַקן אײַן ס'ביסל זאַכן און ציען זיך דאָ אַרײַן. די דירה וועט שוין בלײַבן בײַ אונדז. דאָס הײַזל שטייט אויפן מגרש פון מײַן אַנטלאָפענעם פעטער, אין יאָר 1948 און עס געהערט צו מיר".

„חוסיין, לאָז מיך יעצט אָפּ. די אמא איז טראַגיש אומגעקומען און דו האָסט אין זינען ירושות".

ראַשיד האָט זיך צעכעסט: „פאַרגעס פון דאַנען אַ היים נעמען די קינדער. זאָג דיר נאָכאַמאָל: נאָך זייער אָוועקפאָרן, נעם איך צוריק די דירה".

שמעיה האָט באַמערקט ראַשעדס נערוועז זיך שושקען מיט אורהן. מילימעטערווייז זיך צוגערוקט צו זיי. געהערט אייניצלנע ווערטער שטיל זיי געזאָגט: „מאַכטס נישט קיין בושות. וואָס דיר קומט געזעצלעך, וועלן מיר דאָס אויפקלערן און צוריקגעבן".

שולמית איז צו צו ראַשידן און געוואָרנט: „אויב דו מיינסט דו ביסט אַ גיבור, האָסטו אַ טעות". ראַשיד איז געוואָרן כּעסיק, צו שולמיתן געשריגן: „זונה! אויך דו רעדסט?"

שולמיתס מאַן, יורם שור, האָט ראַשידן געגעבן עטלעכע באַקסן אין פּנים, ברוסט־קאַסטן, בויך, אויגן אויסגערופן: „אַלץ איז אונדזערס! וועסט גאַרנישט באַקומען" ראַשידן אומגעוואָרפן. נאָך אַ ווײַלע ליגן מטושטש איז ער אַרויס.

נאָך אַ שעה איז ראַשיד צוריקגעקומען מיטן ברודער דזשאַמיל און חברים. ס'איז געוואָרן אַ געשלעג. דזשאַמיל האָט פון הויזן־קעשענע אַרויס־גענומען אַ מעסער, געוואָלט שמעיהען שטעכן. יורם שור האָט דזשאַמילן פעסט געהאַלטן בײַ די אַקסלען. בײַ אים אַרויסגעריסן ס'מעסער. מיט זײַן רעוואָלווער געדראָט ראַשידן. די אָנפאַלערס זענען אַנטלאָפן. דער שכן, ירחמיאל ווײַנבערגער, וואָס האָט געהערט דעם סקאַנדאַל, האָט טעלע־פאָנירט צו דער פּאָליציי, וואָס איז באַלד געקומען און אַרעסטירט די אַנטלאָפענע אַראַבישע ברידער מיט זייערע חברים. נאָך דער לווייה זענען געקומען די זעלבע פּאָליציסטן. די שבעה־זיצערס אויסגעדריקט מיטגעפיל, באַדויערנדיק מיטגעטיילט, זיי מוזן מיט זיך נעמען אורהן, וואָס וועט באַלד צוריק קומען.

אורה איז צוריקגעקומען אַ פּאַרקלאָגטע. זיך געריסן די האָר, געקולותט, ספּאַזמירט; זי „וויל און קען מער נישט לעבן". שושנה האָט זי אַרײַנ־געפירט אין רחלס שלאָפצימער. זי באַרויִקט. זיך דערוווּסט מ'האָט בײַ אורהן אין שטוב געמאַכט אַן אונטערזוכונג. דאָרט געפונען דער מאַמעס צוויי גאָלדענע רינגעלעך מיט אַ צעריסענער, פּאַרבלוטיקטער צוואָה. נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג, האָט ראַשיד זיך מודה געווען: שבת פרי איז ער מיט דזשאַמיל געפאָרן אין דער שוויגערס שטוב זוכן געלט, גאָלד. רחלען באַגעגנט אויפן וועג צום אַלטנהיים. זיי האָבן זי איבערגעפאָרן. בײַ איר געפונען ס'געלט מיטן גאָלד. ראַשיד און דזשאַמיל זענען אין טורמע. אורה האָט געהעשעט: „יעצט בין איך אומגליקלעך. געבליבן אַ פאַרשעמטע" מיט קליינע קינדער, אָן אַ מאַן און אָן מיטלען צו באַשפּײַזן די קינדער.

שמעיה האָט געגעבן צו פאַרשטיין: ראַשיד מיט זײַן חברה וועלן נישט שווײַגן. וועלן זיך נוקם זײַן. זיי וועלן קיינמאָל נישט מוותר זײַן. כ'וואָרן אײַך: אויב איר ווילט אַפילו צײַטווײַליק לעבן אַ ביסל במנוחה, אויסמײַדן נאָך קאָנפליקטן, בלוטיקע אָנפאַלן, מוזט איר מסכּים זײַן צו פשרות. יורם שור, ווו איז דײַן חכמה? כּסדר זיך שלאָגן?

שושנה האָט געבראַכט טיי, סענדעוויטשן. אַרויסגעזאָגט איר מיינונג: „איך פאַרשטיי אַנדערש. ראַשיד און זײַנע חברים זענען שונאי־ישראל. בײַ זיי איז נישט וויכטיק ס'חלקל פון דער דירה. ראַשיד האָט דאָך צו אורהן געטענהט, ער וויל די גאַנצע וווינונג מיטן מגרש. אַפילו איר וועט שוין מסכים זײַן צוריקגעבן אַלע זײַנע יעצטיקע פאָדערונגען וועט ער פאָדערן נאָך און נאָך. ער וויל אַלץ, אַלץ, וואָס מיר האָבן שווער און ביטער אויסגעאַרבעט. כ'מוז אײַך פאַרטרויען אַ סוד: די אמא ז״ל האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט זיך דערוווּסט — נישט געוואָלט זאָגן אַז פון אורהן — ראַשיד געהערט צו אַ טעראָריסטן־באַנדע אין יפו. זייער פּראָגראַם איז דאָך אַלע יידן אין ישראל פאַרניכטן. זיי פאָדערן אַ מלוכה און מיינען אַן אומקום.

שמעיה האָט קאַטעגאָריש געזאָגט: „חברה קויפּטס געוועֶר. מירן זיך פאַרטיידיקן קעגן די „העלדן״. זיי זענען גאָר נישט אַזוי שטאַרק, ווי זיי מיינען. זענען אויך שלימזלען. דאָס איז דאָך אונדזערע נסים אין אַלע אַראַבישע מלחמות קעגן אונדז״...

„דאָס טענה איך דאָך שטענדיק״, האָט יורם שור געזאָגט, גייענדיק איבער דער שטוב מיט צעשפּרייטע הענט: „שמעי׳ה, אַבי האָסט געכאַפּט שכל. פאַרשטייטס: דערווײַל פאָדערט ער אַ חלק דערנאָך וועט ער פאָדערן און קעמפן צו באַקומען נאָך און נאָך. זײַן פּאַטאַך־פּאַרטיי האָט אים אָנגעשטעקט מיט שנאה קעגן יידן. יאָ, שושנה, האָסט רעכט. זיי ווילן אונדז דאָ פאַרניכטן, דערגענצן היטלערס מלאָכה אין אייראָפּע. ברודער, אָן קאַמף קעגן די באַנדעס, וועלן זיי נישט אָפּזיצן״.

„און איך ענדער נישט מײַן מיינונג״, האָט רויִק גערעדט שמעיה חזון: „מיר דאַרפן אײַנגיין אויף פשרות. שלום איז דער בעסטער אויסוועג. איך גלייב אין פאַרהאַנדלען מיט ראַשיד חאַסאַן״. אַז מ'וועט אים אָפּגעבן, וואָס אים קומט, וועט ער זיך באַרויִקן. שור האָט נישט מסכים געווען.ביידע האָבן כסדר פלייסיק דיסקוטירט.

י

דב זאַקון האָט געענדיקט די מעשה:

„גיטל האָט געפּועלט בײַ רבקהן זי זאָל בעטן מחילה אויף רחלס קבר. ביידע „חברטעס״, וואָס האָבן רחלען צעשטרייט, צעטומלט, ספּעציעל גיטל, וואָס האָט ערב ראש־השנה רחלען דערציילט „סודות״, האָבן מיר דערציילט:

„ערב יומטוב איז רחל געווען גאָר צעדולדט. זיכער פאַרויסגעפילט איר פינצטערן גזר־דין. זי האָט גיטלען געזאָגט אַז זי גייט צוריק אין אַלטנהיים, און דאָרט וועט שוין זײַן איר לעצטע היים. גיטל האָט נישט אויסגעזאָגט, אַז אירע „סודות" האָבן פּאַקטיש רחלען אויפגעקאָכט, צעטרייסלט. אין אַלטנהיים האָב איך פון די זקנטעס געהערט, אַז גיטל האָט פאַר זיי באַדויערט, אַז זי איז אַ ביסל שולדיק אין רחלס טויט. זי איז טאַקע געווען אַ גאָר קראַנקע יידענע, געליטן פון עטלעכע קראַנקהייטן, אָבער נאָך געקאָנט לעבן. אויך אײַנגערוימט „סודות", אַז רחל איז שולדיק אין איר מאַנס טויט. פּאַקטיש זענען זיי ביידע נישט געווען קיין פּאַסיקער זיווג. זעליק איז געווען אַ ייד אַ חכם, באַלעזן, אַקטיווער פּועלי־ציון־חבר. האָט געהאַט אַ טײַערע נשמה. איז אָבער געווען פיזיש נישט אַזוי געראָטן. רחל האָט אים קיינמאָל נישט געוואָלט. זיי האָבן חתונה געהאַט, געלעבט צוזאַמען נאָר צוליב זייערע נאַרישע שכלס און אפשר עגאָיסטישע אויס־רעכענונגען. אויך דערציילט: זי איז איינמאָל אַרײַנגעקומען צו די טראַכטמאַנס און דערשטוינט געזען ווי זעליק ליגט אַ בלאַסער אויף דער סאָפע, אַטעמט קוים. האָט זי זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס רחל רופט נישט קיין דאָקטאָר. צוליב חרפה האָט רחל געקלונגען אין מגן־דוד־אַדום. מ׳האָט אים געפירט אין שפּיטאָל. צומאָרגנס איז רבקה צוגעפאָרן זעליקן מבקר־חולה זײַן און באַמערקט ווי רחל גיט אים צו טרינקען אַ גלאָז מילך. נאָכן אויסטרינקען האָט זי געהערט זעליקן קרעכצן. ער האָט קוים, קוים געשעפּטשעט: ,ס׳ברענט מיך. רבקהלע, ראַטעווע מיך, לעש מיר ס׳פײַער אין מאָגן׳. זי האָט געזען ווי זײַנע ליפּן און גאָמבע זענען ווײַסלעך פאַרפלעקט, ווי באַשמירט מיט קאַלך. זעליקס קערפּער האָט אָנגעהויבן קאָנוווּלסיוו זיך צו שלײַדערן. ער איז געוואָרן גרין און געל. נאָר זי, רבקה האָט זיך נישט געוואָלט אַרײַנמישן, פאָדערן אַ באַלדיקע מעדיצינישע אונטערזוכונג. דאָס וועט זי ס׳גאַנצע לעבן באַדויערן. און אין דער זעלבער נאַכט האָט זעליק אויסגעהויכט זײַן ריינע נשמה. רבקה איז איבערצײַגט אַז רחל האָט זעליקן פאַרסמט. יאָרן דורכנאַנד האָט זי דאָס קיינעם נישט אַנטפּלעקט, בלויז לעצטנס, אַז זי האָט זיך גוט באַפרײַנדעט מיט גיטלען, וואָס פלעגט רבקהן דערציילן רחלס פײַנטשאַפט צו רבקהן, האָט זי דאָס פאַרטרויט גיטלען, וואָס האָט רחלען איבערגעגעבן, אַז רבקה טענהט, מ׳וועט רחלען אַרעסטירן, אויספאָרשן, משפּטן און אײַנזעצן. דאָס האָט זי צעמישט, אויך געווען אַ גורם צו איר טויט".

דב זאַקון האָט אויך דערציילט: „גיטל האָט אַמאָל פאַרצויגן די

ליפּלעך, אָפּגעזיפּצט און געמורמלט: ,רחל זאָל זײַן אָפּגעשיידט, פלעגט זיך פֿאַרקלאָגן, אַז דער אַראַבישער איידעם באַהאַנדלט ס׳ווײַב ווי אַ שקלאַפֿין. שטענדיק איבערגעחזרט ראַשידס אָפּטע וואָרענונגען און פֿאָדערונגען זי זאָל אים געבן ס׳באַהאַלטענע געלט, גאָלד, די דירה. זי האָט פֿאַר אים מורא געהאַט, ווי פֿאַרן מלאך המוות און ער האָט זי טאַקע אומגעבראַכט.

זאָל צום דריטן מאָל ווערן אונטערגעשטראָכן:

פֿון ברודער דבס פֿאַרגעלייענטע בלעטלעך, פֿון רחלס פֿאַרצייכנטע זכרונות, גיטלס סודותדיקע פֿאַרטרוילעכע שמועסן מיט רחלען — אַפֿילו דער חלום ראש־השנה ביינאַכט — און רבקהס ידיעות, האָט ישראל זאַקון צוזאַמענגעשטעלט די פּאַסירונגען אין דער מעשׂה: „די לעצטע היים”.

נאָכן ענדיקן פֿאַרשרײַבן, האָט ער זיך צוגעברומט:

„ס׳ברענט, ברידערלעך ס׳ברענט! / אוי, אונדזער אָרעם שטעטל נעבעך ברענט! / בייזע ווינטן מיט ירגזון / רײַסן, ברעכן און צעבלאָזן / שטאַרקער נאָך די ווילדע פֿלאַמען. / אַלץ אַרום שוין ברענט. / און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך / מיט פֿאַרלייגטע הענט / און איר שטייט און קוקט אַזוי זיך / אונדזער שטעטל ברענט...”

ישראל זאַקון האָט זיך אומגעקוקט. זיך געשטעלט פֿאַרן שפּיגל. געזוכט דעם ברודער דב. בלויז אויפֿן דיל באַמערקט איבערגעלאָזטע זאַמדיקע טריט.

ביכער פון י. ב. אַלטערמאַן:

היימלאָזע ייִדן אין דײַטשלאַנד

אַרויסגעגעבן: „אורלי", תל־אביב, 1959 (צווייטע אויפלאַגע 1980)

ליקוי חמה, עברית: יוסף אחאי

י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תל־אביב 1976

בלאָנדזשערס

פאַרלאַג „ניַי־לעבן", תל־אביב 1982

די לעצטע היים

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב 1986

דער מחבר האָט באַאַרבעט און רעדאַקטירט די גבית־עדות, זכרונות און ידיעות אין די ביכער:

מגילת גריצע

אַרויסגעגעבן: ארגון יוצאי גרוייץ בישראל, תל־אביב 1955

קיינמאָל נישט פאַרגעסן

אַרויסגעגעבן: ארגון יוצאי גרוייץ בישראל, תל־אביב 1972